ייצכאָק-לייבוש
פּערעץ

יצחק-לייבוש פרץ

אין קעלער-שטוב

דערציילונגען

מעלוכע-פארלאג
פון קינסטלערישער ליטעראטור
מאָסקווע 1959

צונויפגעשטעלט

ריווקע רובין

קינסטלער

מ. גארשמאן

„צבאָק־לייבוש פּערעצ איז געקומענ אינ דער ייִדישער ליטעראַטור צומ סאָפ פונ די 80־ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט (ביז דאנ האָט ער זיכ עפּיזאָדיש געדרוקט אַפ העברעיִש). זײַנ דערשײַנענ איז געווענ איבעראַשנד. א פּראָווינציעלער אַדוואָקאַט פונ קאָרעוו פערציק יאָר, וועמעס נאָמענ ס'איז געווענ אומבאַקאַנט אינ דער דעמלטיקער ייִדישער קולטור אונ ליטעראַטור־סוויווע, ווערט בליצ־שנעל דער באַהערשער פונ געדאַנקענ, דער ליבלינג פונ פאָלק. א מוטיקער קעמפער קעגנ דער מאַכט פונ פינצטערניש, איז ער אויכ אַלס קינסטלער דרייסט אונ נײַ. ער טרעט אַרויס אינ די פאַרשיידנסטע זשאַנרענ, ער ברענגט מיט זיכ נײַע טעמעס, נײַע געדאַנקענ אונ זוכט אונ געפינט דאָס פּאַסיקע וואָרט־לעוווש פאַר די דאָזיקע נײַע געדאַנקענ.

געבוירנ איז פּערעצ דעמ 18 מײַ 1851 יאָר אינ דער פּוילישער שטאָט זאַמאָשטש, אינ אַלטע פעסטונג, וווּ יעדנ פרימאָרגנ פלעגט זיכ אופהייבנ אונ פאַרנאַכט אַראָפּלאָזנ א בריק, ווי א מעכיצע צווישנ דער שטאָט אונ דער וועלט. די אַלטערטימלעכע געשיכטעס אונ לעגענדעס, וואָס האָבנ זיכ געוועבט אַרומ דער דאָזיקער פעסטונג, האָבנ געמאַכט א גרויסנ רושעמ אַפנ יונגנ פּערעצ. די גרויע מאַרעשכווירעדיקע ווענט פונ די פילצאָליקע שולנ אונ באָטעמעדראָשימ, וווּ ער האָט פאַרבראַכט די בעסטע יאָרנ פונ זײַנ קינדהײַט, האָבנ אַפ שטענדיק אָנגעפילט זײַנ נעשאָמע מיט שוידער.

צו דרײַצנ יאָר איז שױנ פּערעצ געװענ שטאַרק באַהאַװנט אינ דער העברײיִשער פילאָסאָפישער אונ רעליגיעז-מיסטישער ליטעראַטור. מיט גרױס לײַדנשאַפט האָט דער צוקינפטיקער שרײַבער געזוכט אינ די סכאָלאַסטישע ביכער אַנ ענטפער אַפ די פראַגנ פונ לעבנ אונ טױט, פונ זינד אונ הימלשער שטראָף. צו פערצנ יאָר באַקומט פּערעצ צופעליק דעמ צוטריט צו א פּריװאַטער גאַנצ היפשער ביבליאָטעק. דערלערנענדיק אַפ אַנ אױטאָדידאַקטישנ אופנ שפּראַכנ, שעפּט ער דורשטיק פונעמ אױצער פונ דער רוסישער אונ מײַרעװ-אײראָפּײיִשער ליטעראַטור, װאָס האָט זיכ פאַר אימ אַזױ אומדערװאַרט אַנטפּלעקט.

פּערעצ באַשטימט פאַרלאָזנ זײַנ געבורטסשטאָט אונ פאָרנ זיכ לערנענ. דאָס גיט זיכ אימ אָבער ניט אײַנ, װײַל צו אַכצנ יאָר מאַכט מענ אימ, קעגנ זײַנ װילנ, כאַסענע, אונ ער מוז זוכנ מיטלענ צומ לעבנ. אזױיארומ בלײַבט פּערעצ זיצנ אינ זאַמאָשטש אונ פאַרנעמט זיכ מיט אַדװאָקאַטור, ביז ער פאַרלירט ניט איבער א מעסירע די רעכט אַפ דעמ.

אינ טיפער אײנזאַמקײַט, אינ דער שטילקײַט פונ פּראָװינצ האָט פּערעצ לאַנגזאַמ אונ פּײַנלעכ געזאַמלט קױכעס פאַר זײַנ שפּעטערדיקנ בליצאַרטיקנ אַרױסטריט אינ דער ליטעראַטור. אונ דאַפקע ער איז געװענ דער ערשטער, װאָס האָט אַרײַנגעבראַכט אינ דער ייִדישער ליטעראַטור עכט שטאָטישע מאָטיװנ. פּערעצעס איכטערעס צומ גורל פונ שטעטל איז אױסגעשעפּט געװאָרנ באַלד אינ אָנהײב פונ די 90-ער יאָרנ. אימ רעגט מער די קאַפּיטאַליסטישע שטאָט. װי געשפּענסטער פאַרפאָלגנ אימ די לעבעדיקע אונ טױטע געלט-װאַקסענע פּענעמער אינ די שױפענצטער פונ די גרױסע שטאָטישע מאַגאַזינענ, דאָס בילד פונ פאַרדאָרבענער יוגנט, פונ פאַרװעלקטער שײנהײַט אינ די שטאָטישע פאַבריקנ. אימ רעגט די אַלצ פאַרניכטנדיקע, דעמאָראַליזירנדיקע מאַכט פונ געלט, פאַר װעלכעס עס װערט געקױפט אַפילע „דער שמױכל אַפנ פרײַנטס פּאָנעמ, דער קוש פונ רױטע ליפּנ“. באַאײַנפלוסט פונ סאָציאַליסטישע אידײענ, פול מיט סימפּאַטיעס צו דער רעװאָליוציע, ברענגט ער מיט זיכ די אַרבעטער-טעמע. זײַנ פּאָפּולאַריטעט בא די אַרבעטער-מאַסנ איז געװענ אַזױ גרױס, אַז די פּאָליציי פלעגט בײמ די אונטערזוכונגענ בא ייִדישע אַרבעטער-סאָציאַליסטנ דאָס ראָװ געפינענ בא זײ פּערעצעס „יאָמטעװ-בלעטלעכ“ אונ אינ 1899 יאָר איז דער שרײַבער אָפּגעזעסנ עטלעכע כאָדאָשימ אינעמ צענטנ פּאַװיליאָנ פונ דער װאַרשעװער ציטאַדעל.

פערעצ דער רעאַליסט שנײַדט אויף מיט דער ניכטערער אומבעראַכמאָנעס־דיקײַט פונ א כירורג די בלאָטערס אינעמ געזעלשאַפטלעכנ אָרגאַניזמ פונ זײַנ צײַט; פערעצ דער ראָמאַנטיקער באַוועגט זיכ אינ אַנ אויסגעטרוימטער וועלט פונ אוידלקײַט, פונ רוכניעס, פונ מענטשלעכער גאַנצקײַט. ער שאַפט די פאָלקסטימלעכע געשיכטע, די קישעפ־מעסע, וווּ שטענדיק זיגט די טוגנד; פערעצ דער סאַטיריקער גרײַפט אָנ בייז אונ גאַליק די אומפאַרשעמטע געלט־זעק, די פרומע קעצ, וועלכע דערשטיקנ מיט א פרומענ זיפצ דאָס צאַרטע זונג־פויגעלע מיט זײַנ פרײַהײַט־ליד, די באַגרענעצטע שמאָלקעפּיקע באַשעפע־נישנ פונעמ קליינבירגערלעכנ „געמויזעכצ“, וואָס מיינענ, אַז העכער דעמ שלווים איבער זייער בלאָטע איז שוינ גאָר קיינ הימל ניטאָ; פערעצ דער לי־ריקער שאַפט די וווּנדערלעכע נאָוועלנ פונ די קעלער־שטיבער, וווּ אינ אָרעמ־קײַט אונ ענגשאַפט, הינטער א ביליקנ שפּאַניש וועכטל בליט אויף אונ ווערט אַפּט צעטראָטנ דאָס צאַרטסטע ליבע־געפיל, די שענסטע מעסירעסנעפעשדיקײַט. שפּעטער, ווענ דער שרײַבער פאַרטראַכט זײַנ סעריע אייננאַקטערס, וווּ ס'ווערנ געשילדערט די סאַמע פאַרשטויסענע פונ דער געזעלשאַפט, די, וועמעס הײמ ס'איז שוינ אפילע ניט קיינ קעלער, נאָר דער אונטערנ־הימל, רופט ער זיכ אָפּ אינ אַנ אויספירלעכנ אַרטיקל מיט אַנציקונג ווענג גאָרקיס „אַפּנ דעק“. גאָרקיס שאַפנ איז דאַנ געווענ באַזונדערס נאָענט פערעצעס גײַסט.

די צענטראַלע געשטאַלט אינ פערעצעס „קעלער־שטיבער“ איז די פיל־פאַכ געפּײַניקטע פרוי — די מוטער, די שפּײַזערנ אונ די נעשאָמע פונ דער מישפּאָכע, די פרוי, וואָס איז אַבזאָריעסדיק באַרויבט אַפּ דער־וועלט אונ וואָס אפילע אַפּ יענער־וועלט ווערט איר צוגעזאָגט בלויז דאָס אָרט פונ א פוס־בענקל פאַר איר מאַנ אינ גאַניידנ. אונ דערפאַר טאַקע איז אַזוי שטורמיש אונ פאַרביטערט דאָס וויי־געשריי אונ דער אויסברוכ פונ פּראָטעסט בא די דאָזיקע שטילע טויבנ, ווענ דאָס וואַסער קומט זיי צומ האַלדז.

פערעצ איז דער מײַסטער פונ קאָנטראַסט, פונ שאַרפנ קאָנפליקט, פונ ליכט אונ שאָטנ. זײַנע ווערק עטעמענ מיט דער טראַגיק פונ אומקומ אונ מיטנ ליכטיקנ פאַרגעפיל פונ אַנ אופשטײַגנדיקער נײַער וועלט. איבערהויפּט איז עס שײַנ צו פערעצעס נאָוועלע, דער ביז גאָר אויסדריקלעכער אונ לאַקאָני־שער. אַפּ עטלעכע נעצײלטע זײַטלעכ ווערט דאָרטאָ פאַנאַנדערגעוויקלט א

גרויסע מענטשלעכע דראַמע. פּערעץ איז זייער שפּאָרזאַם אינעם עצעם דער־ציילן, אינעם שילדערן, אינעם דיאַלאָג. זײַנע העלדן ריידן אָפט מיט אָפּגעהאַקטע פראַזן, ווײַל עס פאַרפעלט זיי אָטעם, עס שטיקט זיי צאַר און צאָרן. און אָפטמאָל זײַנען זיי קאַרג אין רייד איבער זייער דערשלאָגנקייט, איבער דער ניט געוווינהייט פרײַ אויסצודריקן די אייגענע געפילן. פּערעץ איז דער גרונטלייגער פון דער ייִדישער פּסיכאָלאָגישער נאָוועלע. ער איז אויך איינער פון די גרעסטע נאָוועליסטן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דער גרונט־פּאַטאָס פון פּערעצעס שאַפן איז געווענדט קעגן די רעשטן פון מיטלאַלטער אין דער ייִדישער סוויווע און דעריקער קעגן דעם שטרענגן, האַרבן, אומענטשלעכן מיטלאַלטערלעכן אַסקעטיזם, וואָס האָט געשטיקט דאָס געזונטע אינעם פאָלק, געלאָשן יעדן פונק פון פרײַען געדאַנק. דער שרײַבער שילדערט די ווילדע האַסאָגעס, וואָס די רעליגיע האָט אַרײַנגעטראָגן אינעם פאַמיליע־לעבן, און אויך וויאַזוי איר שוואַרצער פליגל דריקט אַפן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. די געשטאַלטן פון קלויזניקעס, אָרעמבאַכערים און סטאַם לערנער־באַטלאָנים, פון מענטשן, וואָס האָבן ניט געוווּסט פון קיין קינדהייט און קיין יוגנט, וואָס די ווילדע פּילפּוליסטיק דראָט צו דערשטיקן אין יעדערן פון זיי דעם מאַן און מענטש, דערשיטערן מיט זייער טראַגיק. אין אַ סאַך דערציילונגען פּערעצעס הערט זיך דער קרעכץ פונעם פאַרפּײַניקטן הינטערן בעסמעדרעש־אויוון, זײַן בענקשאַפט נאָך ערדישע פרייד.

שפּאָרזאַמקייט אין וואָרט איז געלעגן אין פּערעצעס נאַטור, דעריבער זײַנען אַזוי קאַרג די ידיעות וועגן זײַן ביאָגראַפיע. ווייניק שרײַבט פּערעץ וועגן זיך אַפילו אינעם בוך „מײַנע זיכרוינעס“, קנאַפּ אין צאָל זײַנען זײַנע בריוו. וועגן פּערעצן נאָך זײַן איבערוואַנדערן שוין אַלס באַוווּסטער שרײַבער קיין וואַרשע דערציילן מעמואַריסטן, אָבער וואָס ער האָט איבערגעלעבט ביז דאַן, איז ווייניק באַקאַנט. אַלנפאַלס איז פּערעצעס לעבנס־וועג ניט געווען באַ־זייט מיט בלומען. דער גרויסער שרײַבער איז געווען געצווונגען קימאַט אין משך פון 25 יאָר ביזן סאָף פון זײַן לעבן צו אַרבעטן אַלס „רעכנמײַסטער“ אין דער וואַרשעווער ייִדישער קעהילע, צווישן ווילד־פרעמדע פאַר זײַן גײַסט, צווישן אַזעלכע, וועלכע האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס איז אַזוינס פּערעץ אויסער זײַן „אמת“.

געשטאָרבנ איז פּערעצ בײַ זײַנ שרײַבטיש דעמ 3 אַפּרעל 1915 יאָר. צענדליקער טויזנטער פאַרערער האָבנ באַגלייט דעמ שרײַבער אינ זײַנ לעצטנ וועג. פּערעצעס לעווײַע איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אַ פּאָליטישער דעמאָנ=סטראַציע קעגנ סאָציאַלער אונ נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג מיצד דער צאַ=רישער מאַכט.

פּערעצ איז דער אומרויִקער גײַסט פונ דער ייִדישער ליטעראַטור. אַלע זײַנע יאָרנ האָט ער געשטרעבט צו געפינענ דעמ העכסטנ עטישנ פּרינציפּ אינעמ מענטשלעכנ לעבנ אונ אפּנ וועג פונ זײַנע זוכענישנ אונ בלאָנדזשענישנ אומדערמידלעכ געוועקט דעמ פּראָגרעסיוונ געדאַנק. אַפּילע דאַנ, ווענ דער שרײַבער איז באַהערשט געוואָרנ פונ ייִעש, האָט אימ דאָכ ניט אָפּגעלאָזט די בענקעניש „צומ פרײַהײט=לאַנד מיט דער שטראַלנ=שפּראַכ, דער אײנציק מענטש=לעכער".

ריווקע רובינ

אין קעלער-שטוב

דערציילונגען

אין קעלער־שטוב

(א בילד)

א גרויסע קעלער-שטוב, פול מיט בעטן!

. . . .

פריידע די האלאדריגיכע שלאפט שוין לאנג אפ איר קאסטן, אין איר ווינקעלע צווישן אויוון און וואנט. זי האט זיך היינט פרי געלייגט, ווייל עס איז מארגן יאריד אין א נאענט שטעטל, דארף מען אופשטיין פרי און ארויספארן מיט דער מאזש. זי שלאפט דאך אומרויק — זי וועט האבן צארעס-צרורעס מיטן געלעגנהייט: זי האט באדונגען דעם באלעגאלע, ער זאל זי אופנעמען מיט א קליין פעסל, און נאך פארן איינשלאפן האט זי א יישעוו געהאט, אז עס איז גלייכער מיטצונעמען דאס גרויסע פאס. זי האט זיך לאנג אומרויק געווארפן אפן געלעגער: „א בייז מויל א יידענע האט —

האָט זי אָפּ זיך אַליין זיך געבייזערט — אַרויסגעכאַפּט זיך: „ס'קליינע פּעקל!" נאָך וואָס? נאָך ווען? דעם באַלעגאָלעס דייגע? ער וועט דאַרפן מעפּייעס זײַן די פערד מיט נאָך אַ ביסל האָבער?" אַזוי וואַר-טשענדיק אָפּ דער מיִעסער צונג, וואָס אַן אישע האָט, איז זי קוים אײַנ-געשלאָפן. פון אונטערן איבערבעט שטאַרט אַרויס אַ רויט קאָפּנטיכל, וואָס פאַלט איר אַראָפּ אָפּן פּאָנעם, ווי אַ רעמל אַרום דער שפּיציקער, בלוילעכער נאָז. זי אָטעמט שווער. זי מוז האַלטן די בייניקע הענט אָפּן אַלטן האַרץ; גאָט ווייסט, וואָס עס כאָלעמט איר! עפּשער וואַרפט זי דער באַלעגאָלע אַוועק, און זי בלײַבט אַ האַלב יאָר אָן פּאַרנאָסע!

דער ווינקל קעגניבער געהערט צו יאָסל וואַסערטרעגער. דאָס ווײַב מיט צוויי קינדער שלאָפן אין איין בעט און ער מיטן עלטערן ביידער-יינגל — אין צווייטן. פון די בעטן רײַסט זיך אויך אַלעמאָל אַרויס אַ זיפץ, דאָ איז מען אויך אײַנגעשלאָפן מיט אַגמעסנעפּעש. דאָס ביי-דער-יינגל האָט געוויינט „רעבע-געלט"! און די עלטערע טאָכטער איז געבליבן אָן אַן אָרט. זי האָט געהאַט אַ ווילע שטעל, בא אַ פּאָר-פּאָלק אָן קינדער, דאַרף פּלוצלינג די באַלעבאָסטע שטאַרבן! זי איז אַהיים געקומען; זי וועט דאָך נישט בלײַבן אַליין מיטן אַלמען! עס קומט איר אַ פּאָר רובל סכירעס; מע וואָלט געקאָנט דערפון באַטש רעבע-געלט באַצאָלן; טײַנעט אָבער דער אַלמען „לוי פּאָקאַדני"— דאָס ווײַב האָט אים נישט אָנגעזאָגט, און ער אַליין ווייסט נישט; ער האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין ווײַבערשע זאַכן. איידער מען איז אײַנגעשלאָפן האָט מען זיך אַפילע אַ ביסל געקריגט: די מוטער האָט געראַטן, מע זאָל דעם אַלמען רופן צו אַ דינטוירע, די טאָכטער וויל בעסער שרײַבן אַ פּראָשעניע אָדער צום „מיראָוואָי", אָדער צום „נאַטשאַלניק", יווינע וויל ביידע אייצעס נישט הערן: דער אַלמען וועט זיך נויקעם זײַן און אָפּריידן אים אַלע באַלעבאַטים. „ער דאַרף נאָר — זאָגט יווינע — נעבן אַ פּיפּס, בין איך אויס קאַפּעליוש-מאַ-

בער... עס האָט דען אַ שיר, וויפל וואַסערטרעגער עס גייען הײַנט אַרום שלינג-און-שלאַנג, זײַט מע האָט די וואַסערלייטונג געמאַכט?״

אַרופּצוציִער שנאָרכט בערל טרעגער איינער אַליין ווי אַ „כראַ-ביע״ אין בעט. ביידע קינדער שלאָפן אין צווייטן; דאָס ווײַב איז אַ קעבן און האָט הײַנט אַ כאַסענע. דאָך — שלאָפט מען אויך נישט רויק. בערלען בלאָנדזעט אַרום שוין אַ צײַט עפּעס אַ ווייטעק צווישן די ביינער. אויך דער עלטערער זון זיפצט אַלעמאָל פון שלאָף: ער אַרבעט בײַ קאַלך-לעשן און האָט זיך אַ פּיסל אָפּגעבריט.

נאָך ווײַטער שלאָפט, ווי אַ „כראַבינע״, איינע אַליין אין אַ בעט, צירל די זיצערן; אין צווייטן שלאָפן אַלע דרײַ קינדער, איר מאַן איז אַ נאַכט-וועכטער. קאַאַלוים, אַז ער וועט קומען, וועט זי אַרויסגיין מיט ברויט און פרישע בייגל.

מיר האַלטן שוין באַם דריטן ווינקל, עס שטייט נאָך אַ בעט — אַ שמאָל אײַזערן בעטל, אַן אומגעזונט-געראָיטלטער פּרויען-קאָפּ שלאָגט זיך אָפּ פון אַ קנויל אַלטוואַרג, וואָס דינט אים אַלס קישן. די יונג-פאַרברענטע ליפּן עפענען זיך אָפּט, אַרויסצולאָזן אַ שווערן זיפץ. „אַ שווערע פּאַרנאָסע״ האָט איר מאַן, „ער האָט קיין מאַזל נישט״. מיט כיירופּ-נעפּעש האָט ער יענע וואָך אַרויסגעשלעפּט אַ קו-פּערנעם קעסל און באַגראָבן אין זאַמד הינטער דער שטאָט — האָט מען אים געפונען! ווער ווייסט, מיט וואָס ער וועט הײַנט אַהיים קו-מען? עפּשער זיצט ער שוין גאָר... און דאָ האָט מען דרײַ וואָכן קיין טעפּל וואַרעם וואַסער נישט צוגעשטעלט... פון דער דירע טרײַבט מען...

„אַ שווערע פּאַרנאָסע... אָן מאַזל!״ זיפצן די פאַרברענטע ליפּן. און מע מוז זיך נאָך פּאַר שביינים היטן. מע פרעגט אַלץ: וואָס טוט דײַן מאַן? וואָס קומט ער אַזוי שפּעט אַהיים?..

. . . .

איבער אלע בעטנ ציטערט א טונקעלע שײַנ פונ מיטנ שטוב: פונ איבער די שפּאנישע ווענטלעכ, וואָס זײַנענ די גרענעצנ פונ א יונג פּאָרפאָלקס מעמשאָלע, טרײַנעס „דאלעדאמעס". די יונגע באלעבאָסטע שלאָפט נאָכ נישט; ערשט צוויי כאדאָשימ נאָכ דער כאסענע—וואַרט זי אפנ מאנ, וואָס דארפ קומענ פונ בעסמעדרעש. בא איר ברענט עס דער קאגאניעצ, וואָס ווארפט העל-ווײַסע פלעקנ אפנ שווארצנ סופיט, אונ שיקט ארויס, דורכ די לעכער פונ שפּאנישנ ווענטל, די עטלעכע אָרעמע שטראלנ, וואָס טאנצנ איבער די אָרעמע בעטנ מיט די אָפּגע-ארבעטע, מידע פּענעמער.

אינ טרײַנעס מעמשאָלע איז ליכטיקער אונ ריינער; צווישנ ביידע בעטנ אפ א ווײַס טישל ליגט א קאָרבנמינכע-סידער צווישנ צוויי קליינע מעשענע לײַכטערלעכ — איר דראָשע-געשאנק! אפ דער וואנט הענגענ כאסענע-מאלבושימ, א טאלעס-זאק מיט אנ אויסגענייטנ מאָגנדאָוויד. פאר דאָס איז קיינ בענקל אינ דער מעמשאָלע נישטאָ. זי זיצט אפ א בעט, פאריכט א נעצ פאר די ציבעלעס, וואָס ליגנ לעבנ איר צעוואָרפנ אפנ לײַלעכ. דאָס גאנצע בעטגעוואנט ליגט אפנ צווייטנ בעט — אונטערנ בעטגעוואנט איז באהאלטנ דאָס יײַכל אפ וועטשערע.

עס עפנט זיכ שטיל די טיר. טרײַנע ווערט רויטלעכער, זי פאַרלירט די נעצ פונ דער האנט אונ שפּרינגט אופ פונ בעט. זי בלײַבט דאָכ שטיינ — עס פּאסט נישט פאר שכיינימ; טאָמער כאפּט זיכ ווער אופ, וועט מענ כוכע-טלולע פונ איר מאכנ! צאָרעס האָט זי פונ די שכיינימ! פונ פריידלענ, דעריקער... זי קאָנ נישט פארשטיינ, וויאזוי מע שילט נישט א מאנ באלד צומאָרגנס נאָכ דער כופּע! „וואַרט,— זאָגט זי, די „אלטע מאכשייפע",—דו וועסט שוינ זענ, וואָס פאר א מאזל דו וועסט בא אימ האָבנ... ווײַז אימ נאָר א פינגער!"

פריידל לאָזט איר קיינ פרײַע מינוט נישט. א מאנ,—זאָגט זי, — אז מע פירט אימ נישט ארומ בא דער נאָז, איז ער ערגער ווי א וואָלפ;

ציט ער די קליי פון די ביינער ארויס. דאָס בלוט זויגט ער אויס פון די אָדערן! שוין צען יאָר — זאָגט פריידל — זיצט זי אָן א מאַן, און קאָן נאָך אלץ צו די קויכעס נישט קומען! און פריידל איז א קלוגע ייִדענע. א מעלומעדעס! „וואָס עס קומט אים — זאָגט זי — אלפי דין, ווארפ אים ווי א הונט א ביין, און ווײַטער — ווארע! נ אָ ר פונדער-ווײַטנס און — נ אָ ר געפלוכט!"

טרײַנע האָט צײַט דאָס אלץ זיך צו דערמאָנען, ווײַל עס דויערט איידער יאָסעלע גאַנוועט זיך דורך אף די נעגל צווישן די שביינים; יעדער טריט זײַנער שלאָגט איר אָפּ אין הארץ, נאָר אנטקעגן גיין — פאר קיין שום געלט נישט. אָט פאלט ער שיר! אָט איז ער שוין בא די ווענטלעך. — זי אָטעמט אָפּ.

— גוטן-אָוונט! — מאכט ער שטיל מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן.

— גוט-יאָר! — ענטפערט זי נאָך שטילער.

— ווילסט עסן? — פרעגט זי.

— און דו?

— מא...

ער איז ארויס הינטער די ווענטלעך און איז צוריקגעקומען מיט אָפּגעגאָסענע הענט; זי דערלאנגט אים א האנטעך. אפן עק פון טיש שטייט שוין גרייט א „מויצע" מיט זאלץ און דאָס אפירגענומענע ייִיכל.

ער זיצט אף זײַן בעט, אפן גאנצן בעטגעוואנט; זי אף איירן מיט די ציבעלעס. זיי עסן גאנץ לאנגזאם און ריידן דערבײַ מיט די אויגן — ווי ערשט נאָך א כאסענע. און מיט די מײַלער — פון פארנאָסע.

— נו, ווי האלטסטו?

— אָט, — זיפצט ער אָפּ, — דרײַ טאלמידים האָב איך שוין!

— בלײַבט מאקע מעלאמדעס? — פרעגט זי טרויעריק.

— מאַ! — ענטפערט ער.

— געליבט איז גאָט דערפאַר, — טרייסט זי זיך און אים צו־זאַמען.

— געליבט איז גאָט, — זאָגט ער איר נאָך, — נאָר דאָס איז ערשט הונדערט און צוואַנציק רובל!

ער זיפצט.

— נו, וואָס זיפצסטו?

— רעכן: — ענטפערט ער, — אַ רובל אַ וואָך דירעגעלט, איז זעקס און צוואַנציק רובל אַ זמאַן; שולדיק בין איך נאָך... כאַסענע־הוי־צאָעס...

— ווי הייסט? — פרעגט זי פאַרוואונדערט.

ער שמייכלט:

— דו מיינסט טאַקע, נאַרעלע, אַז דער טאַטע האָט געקאָנט מער ווי צוזאָגן?

— נו, אַקלאַל? — האַקט זי אים איבער.

— דאָס הייסט — פירט ער ווייטער דעם בעזשבן — אַ רובל 12. איז שוין 38, וואָס בלייבט אָפּ עסן?

זי רעכנט:

— צוויי און אַכציק, דאַכט זיך?

— אָפּ זעקס און צוואַנציק וואָכן!

— נו, וואָס איז, — מאַכט זי, — א י ב ע ר דריי רובל אַ וואָך!

— און וווּ איז — פרעגט ער טרויעריק — האָלץ... ליכט... שאַבעס וועיאָמטעוו?

— עט, גאָט פאַרלאָזט נישט, — טרייסט זי. — א י ך קען אויך עפּעס טאָן: אָט האָב איך איינגעקויפט ציבעלעס! אייער זיינען וואָלוול, וועל איך אויך איינקויפן, בעמעשעכ אַ פּאָר וואָכן וועט עפּעס כאַפּן אָפּן שאָק!

— און רעדן נאָר איבער, — פירט זי ווײַטער, — וואָס קאָסט האָלץ און ליכט? א גאָרנישט! עפּשער א רובל א וואָך... בלײַבט אלץ...

— און שאבעס? און יאָמטעוו? וואָס רעדסטו, קינד?

און דאָס וואָרט „קינד" איז ארויס אזוי ווייך, אזוי גוט־הארציק, אז זי צעשמייכלט זיך.

— נו, בענטש נאָר, בענטש, — מאכט זי, — לייג אָפּ די כעזשבוי־נעס אף מאָרגן... שוין צײַט צו שלאָפן.

זי פארשעמט זיך דאָך, לאָזט אראָפּ די ברעמען און גלײַך זי פאר־ענטפערט זיך:

— דו קומסט אזוי שפּעט... — זאָגט זי מיט א האלב געמאכטן גענעץ.

ער בייגט זיך צו איר צו איבערן טישל:

— נאַריש קינד, — פּליסטערן זײַנע ליפּן, — איך קום דאָך אוי־מישנע שפּעט, מיר זאָלן קאָנען צוזאמען עסן... פארשטייסט! אזוי פּאסט דאָך נישט... ווייסט דאָך, א מעלאמעד!

— נו, בענטש נאָר, בענטש! — ראָט זי דאָס איריקע מיט פּעס־טער געשלאָסענע אויגן.

ער מאכט די זײַניקע אויך צו, ער וויל ערנסט בענטשן. די אויגן רײַסן זיך אים דאָך אלע ווײַלע אוף... ער דריקט פעסטער אראָפּ די ברעמען, עס בלײַבט דאָך א שפּאלט, דורך וועלכן ער זעט זי, עפּעס וואונדער־פאַרביק באלויכט, אז ער קאָן פון איר דעם בליק נישט אָפּרײַסן.

„זי איז מיד", — קריגט ער ראכמאָנעס.

ער זעט, ווי זי רוקט זיך העכער ארוף אפן בעט, שפּארט אָן דעם קאָפּ אָן דער וואנט. „זי ווערט אזוי אײַנשלאָפן", קלערט ער.

„פארוואָס נעמט זי נישט קיין קישן?" ערגערט אים. אויסריידן קאָן ער נישט, מאכט ער: ם... ם...!

זי הערט דאָס נישט, ער יאָגט צו דאָס בעגטשנ, ענדיקט, שטעלט זיכ אופ אונ בלײַבט שטײנ, נישט װיסנדיק װאָס צו טאָנ!

ער רופט: — טרײַנע! — נאָר אזוי שטיל, אז עס קענ זי נישט װעקנ. ער רוקט זיכ צו צו איר בעט אונ בײגט זיכ איבער איר. איר פּאָנעמ שמײכלט אזוי זיס... עס מוז זיכ איר עפּעס גוטס כאָלעמענ... אונ װי שײנ זי שמײכלט... אנ אװײִרע זי װעקנ! דאָכ װעט איר דאָס קעפּל װײ טאָנ... אײַ, האָט זי האָר געהאט — ער האָט זײ אפּ די מנאָימ געזענ — שװארצע, לאנגע... הײַנט גאָל... דער ציפּיק איז א גע-שטיקטער, א דינער מיט לעכלעכ... אפילע א בײנעװדיקער... ער שמײכלט אויכ מיט!

מע מוז זי דאָכ װעקנ! ער בײגט זיכ צו נאָכ נעענטער, דערפילט איר אָטעמ. ציט אימ גיריק אינ זיכ ארײַנ... זי ציט אימ צו װי א מאגנעט... אונ, נישט װילנדיק, רירט ער אָנ אירע ליפּנ מיט די זײַניקע.

— איכ שלאָפּ גאָר נישט, — מאכט זי ראפּטומ אונ עפּנט א פּאָר שעלמיש-לאכנדיקע אויגנ. זי װארפט אימ אירע הענט ארומ אקסל אונ ציט אימ צו צו זיכ.

— נישקאָשע, — רוימט זי אימ אינ אויער ארײַנ אזוי זיס, אזוי גוט, — נישקאָשע... גאָט דער גוטער װעט העלפנ... דאָס האָט ער דאָכ אונדז צוזאמענגעבראכט... ער װעט נישט פארלאָזנ! עס װעט זײַנ — אי האָלצ... אי ליכט... עס װעט זײַנ פּארנאָסע... עס װעט גוט זײַנ... גאָר גוט זײַנ... ס'װאָר, יאָסעלע? ס'װאָר!

ער ענטפערט נישט, ער ציטערט אינגאנצנ.

זי שטופּט אימ א ביסל אָפּ פונ זיכ.

— קוק אפּ מיר, יאָסל, — פאלט איר אײַנ צו פארלאנגענ.

יאָסל װיל פאָלגנ, אונ קאָנ נישט.

— באטלענ,—מאכט זי צו אימ ווייכ,—נאָכ נישט צוגעוווינט, הא?
ער וויל באהאלטנ זײַנ קאָפּ אפ איר ברוסט, זי לאָזט נישט.
— וואָס שעמסטו דיכ, באטלענ! קושנ מעגסטו, אונ קוקנ נישט?
ער וויל בעסער קושנ; זי לאָזט נישט.
— קוק אפ מיר, איכ בעט דיכ!
יאָסל עפנט די אויגנ מיט קויעב; זיי פאלנ דאָכ באלד צוריק צו.
— איכ בעט דיכ,— מאכט זי נאָכ ווייכער, נאָכ זיידענער.
ער קוקט. אצינד לאָזט זי אראָפּ די ברעמענ.
— זאָג נאָר,— מאכט זי,— זאָג מיר דעמ עמעס, איכ בעט דיכ...
איכ בינ עפּעס א שיינ ווייבל?

— יאָ! — רוימט ער איר איַין, און זי דערפילט נאָך הייסער זיַין אָטעם.

— ווער האָט דיר געזאָגט?!

— איך זע דאָך! א מאלקע ביסטו, א מאלקע!

— און זאָג נאָר, יאָסל, — פרעגט זי וויַיטער, — דו וועסט שוין שטענדיק אזוי... שטענדיק אזוי זיַין?

— וויאזוי מיינסטו, טריַינע?

— איך מיין — ציטערט איר שטימע — קעגן מיר אזוי גוט...

— ווי דען?

— אזוי הארציק?

— ווי דען?

— שטענדיק?

— שטענדיק! — איז ער מאפטיעב.

— וועסט מיט מיר עסן שטענדיק צוזאמען?

— זיכער... בעלי-נעדער, — ענטפערט ער!

— און... וועסט אפ מיר קיינמאָל נישט שריַיען?..

— ק יי נ מ אָ ל... בעלי מאסקאָנע!

— קיינמאָל נישט אָנטאָן קיין צאָרעס?..

— צאָרעס? איך? דיר?.. ווי הייסט? פאר וואָס?

— איך וויים? פריידע זאָגט —

— ווא — די מאכשייפע!

ער רוקט זיך וויַיטער צו. זי שטויסט אים אָפּ צוריק.

— יאָסעלע?

— וואָס?

— זאָג, ווי הייס איך?

— טריַינע...

— פע — פארציט זי די קליינע ליפּעלעך —

— טרײַנעשי — פֿאַרבעסערט זיך יאָסל.

עס געפֿעלט איר אַלץ נישט.

— טרײַניניו...

— ניין!

— נו — טרײַנע-לעבן, טרײַנע-קרוין, טרײַנע-האַרץ... שוין גוט אַזוי?

— יאָ! — ענטפֿערט זי גליקלעך,— נאָר...

— וואָס נאָר, לעבן מײַנס, נאָכעם מײַנס?

— נאָר, הער, יאָסל... און...— שטאַמלט זי.

— און וואָס?

— און אַז עס וועט, כאַסוועשאָלעם, פֿעלן אַמאָל פּאַרנאָסע... אַז איך וועל ווייניק פֿאַרדינען... וועסטו עפּשער... עפּשער שרײַען...

טרערן קומען איר אין די אויגן אַרײַן.

— כאַסוועשאָלעם! כאַסוועשאָלעם!

ער רײַסט אויס דעם קאָפּ פֿון אירע הענט, און פֿאַלט צו צו די נאָך אָפֿענע ליפּן.

— א רעכטע שיינע, ריינע קאַפּאָרע, צו זייער קאָפּ, צו זייערע הענט און פֿיס,— הערט זיך א קאָל פֿון הינטער די ווענטלעך,— קוש-וואָך גאָר באַ זיי! קיין אויג לאָזט מען נישט צומאַכן...

דאָס איז פֿריידלס הייזעריק-שפּיציק-גיפֿטיק קאָל.

1893

דער כעלמער מעלאמעד

„אמאָל איז די וועלט אזוי פארפלייצט געוואָרנ מיט טײַ-וועס", — דערציילט שאכנע פאר א גאנצ רעדל אינ בעס-מעדרעש, — אז מע האָט מוירע געקריגנ, דער ריבוינע-שעלוילעמ זאָל נישט, קאָוואיאָכל, פארגעסנ פאר גרויס טרימצאָרנ די שוועוע אונ ניט עפענענ די טויערנ פונ הימל אונ ברענגענ א מאבל, נאָר אָנ נויעכנ אונ אָנ דער טײַווע. עס איז, ראכמאָנעליצלאָנ, געווענ באָו מימ עד נפש—ווי זאָגט ער, ביז אהער! עס איז אזוי ווײַט געקומענ, ביז די לאמעדוואָוו צאדיקימ האָבנ מוירע געקריגנ פאר זיכ אליינ אונ זײַנענ זיכ צוזאמענגעקומענ אפ אנ אסיפע קיינ בראטקעוו. זיי זײַנענ געזעסנ אונ האָבנ געקלערט זיבנ טעג אונ זיבנ נעכט; עס איז שוינ בא זיי געווענ א סוואָרע, מע זאָל מאכנ כלו חייב, זאָל מאָשיעכ קומענ, וועט נעמענ אנ עק. ס'איז אָבער איינמיטנ געווענ א פראָס-

טער ייִד, א וואַסערטרעגער, ער האָט זיכ איינגעשפּאַרט: נייִנ און נייִנ. ס'איז אַראָפּגעקומענ א באַסקאָל, דער מאַלעכ גאַוורִיעל האָט זיכ באַ-וויזנ. מע האָט געזאָגט, אַז מע וויל אַזוי אָפּנ הימל, אינ די אויבעמעם-האָעליוינים; אונדזער וואַסערטרעגער קוקט ניט אָפּ די אַלע זאַכנ, ער וויל נישט קיינ אַוויירע טאָנ! מע האָט זיכ אַזוי לאַנג געטאַמפּערט, ביז עס איז געבליבנ, מע זאָל צורעכט מאַכנ דעם יעיצערהאָרע.

אַלע לאַמעדוואָווניקעס צאַדיקימ זײַנענ געווענ פּראָסטע אָרעמע ייִדנ. אַבוץ וואַסערטרעגער, זײַנענ נאָכ געווענ שוסטער, האָלצהעקער, שטיי-נערקלאַפּער אוקעדוימע. נאָר איינער פונ זיי האָט פּונקט פאַר א קור-צער צײַט אָפּגענומענ א גרויסע יערושע פונ א מומע, וואָס איז גע-שטאָרבנ אינ אַלעקסאַנדריאַ של מיצרים, און ער האָט נאָכ קיינ צײַט נישט געהאַט ניכשל צו ווערנ אינעם גאָלדענעם אייגל. אָט פאַר זײַנ געלט האָט מענ אַראָפּגעבראַכט, און טאַקע פונ מיצ-ראַיִמ, א סאָרים.

מע האָט אַראָפּגעבראַכט א סאָרים, מע האָט אימ פאַרשטעלט פאַר א גוטנ-ייִדנ, מיט באָרד און פּייעס, מיט א קאַפּטנ מיט סטראָ-קעס, שיכ און זאָקנ, מיט אַנ אָפּגענעמ האַרצ און מע האָט זיכ אָנ-געהויבנ רייצנ מיטנ יעיצערהאָרע: אָט דאָ, באַ דעמ צאַדיק, וויַז דײַנ גווורע!

דער יעיצערהאָרע איז געקומענ; וואָס זאָל ער וויסנ? ער זעט א ייִד מיט באָרד און פּייעס און צעלאַכט זיכ אָפּ א קאָל: כאַ, כאַ, כאַ! א גרויסע זאַכ אַרויסצוברענגענ צו אַנ אַווייִרע.

אימ איז גאָרנישט אײַנגעפאַלנ, אַז דאָס איז א סאָרים... ער זעצט זיכ לעבנ אימ אַנידער. הייבט זיכ אָנ מיט אימ צו ווערטלענ, ריידנ א ביסל כאַנופּע, כאָכמעלעכ, אַזעסקײַט, ניוולפּע; דער סאָרים אָבער פאַר-שטייט נישט קיינ וואָרט און גיט אַפילע נישט קיינ שמייכל. דער יעי-צערהאָרע איז אַזש הייזעריק געוואָרנ; דאָס ערשטע מאָל טרעפט זיכ

אים אזויפיל ארבעט בא א גוטנ-יידנ! ער גיט א פײַפ: ראכמאַנעליצ-לאנ! עס באווײַזנ זיך אלערליי נאַשים: גאבעטעס, פּראַסטע ווײַבער, יונגע ווײַבלעך אונ אזוי נעקייוועס. זיי קומענ אַנ פּאַרלעכווײַז, ווי די אויפעס-טמייִמ אינ נויעכס טייווע ארײַנ, אַנגעטאָנ אפ פארשיידענע אויפאַנימ: מיט קרינאָלינעס, אַנ קרינאָלינעס, פּארהאַנגענע, פּארשטעל-טע, האלב-נאקעטע, אונ מיט פארשיידענע מידעס: לאכנדיקע, וויינענ-דיקע, שעלטנדיקע, שרײַענדיקע — אַבער עס העלפט ווי אנ ארבעס אַנ דער וואנט! א טײַכ מיט שוויים האָט שוינ דעמ יעיצערהאָרע באַ-גאָסנ, ער איז אזוי מיד געוואָרנ, גלײַכ ער וואָלט א גאנצע וואָכ תאָלצ געהאקט, אונ דער סאָרים רירט זיך אלצ ניט! דער יעיצערהאָרע גיט נאָכ א פײַפ אונ ברענגט ארופ ר אָ כ אָ וו-ה א ז ו י נ ע — עס גייט ניט, כאָטש צערײַס זיך! „איך וועל נאָכ מאכנ די לעצטע פּראָבע — זאָגט דער יעיצערהאָרע — מאסאזש! איך וועל נאָכ פּרוּווּנ אימ א ביסל אײַנרײַבנ!“ ער כאפּט דעמ סאָרים אונ קנייטשט אימ, בייגט אימ, רײַבט אימ אונ גליט אימ. ווער, וואָס? דער יעיצערהאָרע האָט אזוי לאנג אומזיסט געארבעט איבערנ סאָרים, ביז ער האָט אָנגעהויבנ סאָ-פּענ ווי א גאנדז; עס האָבנ אימ געבראָכנ הענט אונ פיס אונ האָט פלוצעמ אָנגעהויבנ צו כאלעשנ.

די לאמעדוואָוו צאדיקימ האָבנ נאָר דערופ ארויסגעקוקט. זיי האָבנ גענומענ דעמ יעיצערהאָרע, געבונדנ מיט דרײַסיק בינטלעך קאָפּלשמוי-נע-ציצעס, געקוילעט מיט א מויעל-מעסער, ארײַנגערוקט אינ א הייסנ באק-אויוונ אונ פּאַרברענט אפ קויל. נאָכדעמ האָבנ זיי גענומענ דאָס אש, אונ אז עס איז געוואָרנ א שטארקער שטורעמווינט, האָבנ זיי עס פארשפּרייט אונ צעזייט אפ די פיר ווינקלענ פונ דער וועלט.

אינ הימל איז געוואָרנ א גרויסע סימכע, אפ דער ערד א גוט יאָר; א לעבנ ווי אונטער דער זונ: די אומעס-האָוילעמ האָבנ אופגעהערט צו

האלטן מילכאָמע, מאַן און ווײַב האָבן זיך ניט געקריגט און די קאָ־טשערעס מיט די לאָפּעטעס האָט מען נאָר באַנוצט צו כאַלע באַקן, אַלע מעלאָכים האָבן אַהיים געלאָזט דאָס כאַזל, די ביקס: האָט מען אַוועק־געשענקט קליינע קינדער אַף לאַגבוימער, און די האַרמאַטן האָט מען גענומען אין די דערפער אַרײַן און געשטעלט פאַר סטראַשאַקעס אַף די פעלדער. דעמלט האָט מען געמעגט טײַטן מיט די פינגער אַף יעדער האַרמאַט, לאַכן און כויזעק מאַכן, וויפל עס וועט אַרײַן. עס איז געווען אַף דער וועלט שאָלעם־וועשאַלווע, לעבעדיק, פריילעך.

עס וואָלט אַלץ גוט געווען, נאָר די כופּע־שטאַנגען, אַזוי ווי זיי זײַנען געשטאַנען אין שול אין א ווינקעלע, אַזוי האָט זיי קיינער נישט גערירט. אַלע מאַנצבילן זײַנען געוואָרן פּרושים, אַלע ווײַבער גאַבעטעס און צנועס — א גאַנצ יאָר יעמיי האַגבאָלע! ראַבאָ־נים, שאַמאָסים, כאַזאָנים, שאַדכאָנים און קלעזמער זײַנען אַרום־געגאַנגען פּוסט־און־פּאַס: אוים כאַסענע־הוצאָעס, אוים כאַסענע־קליידער, אוים נאַדן, אוים כופּעס — אַקלאַל, נאָר מע זיצט און מע לערנט!

די וועלט האָט זיך פאַרזאָרגט: סטײַטש? שטאַרבן שטאַרבט מען און קיינער ווערט נישט געבוירן! עס איז אַזוינס נאָך נישט געהערט געוואָרן! — און גאָט ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען נישט דער כ ע ל מ ע ר מ ע ל א מ ע ד!

אָט הערט אוים א מײַסע:

נאָך פאַר די לאַמעדוואָוו צאַדיקימס אַסיפע האָט א כ ע ל מ ע ר מ ע ל א מ ע ד דערפילט, אַז דער יעיצערהאָרע דלובעט אים שטאַרק דעם מויעך... ער האָט אים געשלעפּט אין בעסמעדרעש אַרײַן — אָך איז מיר! — ער גייט מיט; ער איז מיט אים געפּאָרן צו א גוטן־יודן —

מאכטייסע, ער פאָרט גאנצ גערנ; ער גייט מיט אימ אינ מיקווע אריינ — דער יימאכשמוינגיק האלט צו די כאָז, נאָר גיינ גייט ער. דער מעלאמעד האָט געזענ, אז עס איז שלעכט, ער קענ פארלירנ דאָס מעלאמדעס, האָט ער זיכ מעיאשעוו געווענ אונ איז אנטלאָפנ העט, העט אינ וואלד אריינ...

זיבנ יאָר איז ער געווענ אינ וואלד, געשלאָפנ אפ דער גאָלער ערד, געגעסנ פוילע וואָרצל אונ געזאָגט טילימ מיט זויהאר. ער איז אזוי אויסגעדארט געוואָרנ, אז מע האָט אימ געקענט דורכציִענ דורכ אנ אויערל פונ א נאָדל, אונ אזוי דורכזיכטיק, אז מע האָט אימ גאָרניט געזענ. ער איז פּראָסט געוואָרנ א רויע וועייכוי נירע, איר פארשטייט?

אז ער איז געקומענ צו דער מאדרייגע, האָט ער זיכ אופגעהויבנ צוריק צו גיינ אינ יישעוו אריינ; אימ האָט זיכ געדאכט, אז אצינד איז ער שוינ אפ אייביק באפרייט פונעמ יעיצערהאָרע, אז ער מעג שוינ פאָרנ אהיימ.

נאָר קוימ איז ער ארויס פונעמ וואלד — כאפּט זיכ אופ פּלוצעמ א שטורעמווינט אונ קערט איבער וועלטנ! דאָס איז געווענ פּונקט דעמלט, ווענ די לאמעדוואָוו צאדיקימ האָבנ צעשפּרייט דעמ יעיצערהאָרעס אש אפ אלע פיר עקנ פונ דער וועלט. אונ עס האָט אימ, נישט פאר אייכ געדאכט, ארייגגעפּרושעט א שטויב אש אינעמ לינקנ אויג. א שיינע מייסע! דאָס לינקע אויג האָט אָנגעהויבנ צו זענ אזוינע זאכנ, וואָס, ראכמאָנעליצלאנ, מע זעט עס נישט אפ דער גאנצער וועלט. פונעמ לינקנ אויג האָט זיכ באלד אָנגעשטעקט דאָס רעכטע אויג, באלד איז עס אימ געקראָכנ אינ מויעכ, נאָבדעמ אינ הארצנ אריינ; איכ וועל אייכ נישט לאנג ברייענ — דער כעלמער מעלאמעד איז געוואָרנ פול מיט יעיצערהאָרע, אונ אז ער איז געקומענ צוריק אינ

יִשעוו אַרבינ, האָט ער, וואָס טויג אײַכ מײַסעס, צוריק אָנגעשטעקט די גאנצע וועלט.

מײַנ זיידע, אָלעוואשאָלעמ, וואָס האָט מיר דערציילט די מײַסע, פלעגט אלצ זאָגנ, אז ווענ ניט דער כעלמער מעלאמעד, וואָלטנ מיר שוינ לאנג נישט געווענ אפ דער וועלט! אונ ווענ ער, דער זיידע, אָלעוואשאָלעמ, האָט געזענ א כאסענע, א ברים, אָדער א פּידיענ-האבענ, פלעגט ער אלצ זאָגנ: „דאָס איז דעמ כעלמער מעלא-מעדס מעלאָכע; אינ יעדנ פונ אונדז שטעקט א שטיק כעלמער מע-לאמעד!..“

1889

דער מעשולעכ

ער גייט, און דער ווינט צעיאָגט די פאָלעס און די ווײַסע באָרד.

אלעמאָל כאפט ער זיכ אָנ מיט דער רעכטער האנט אינ דער לינקער זײַט! עס גיט אימ אלעמאָל דאָרט א שטאָכ. ער וויל זיכ דאָכ נישט מוידע זײַנ; ער וויל זיכ דאפקע אײַנרײדנ, אז ער טאפט נאָר בא דער בוזעם-טאש.

— איכ זאָל נאָר דעמ קאָנטראקט מיט דעמ געלט נישט פארלירנ! — אָט פאר דעמ מיקלוימערשט ציטערט ער.

— אונ אפילע עס שטעכט, איז אויכ א נארישקײַט! איכ האָב נאָכ, געלויבט איז גאָט, גענוג קויעכ אפ אזא שליכעס. אנדערע אינ מײַנע יאָרנ וועלנ שוינ קיינ וויאָרסט נישט אָפגיינ, נאָר איכ, געלויבט איז זײַנ ליבער נאָמענ, דארפ נאָכ נישט צו קיינ מענטשנ אונ פאר-

דינ מיר אליינ מײַנ ברויט... געלויבט איז גאָט, מ׳ע געטרויט מיר געלט!

— ווענ איכ האָב מײַנ אייגנס, — טראכט ער ווײַטער, — וואָס מ׳ע געטרויט מיר, וואָלט איכ אינ שליכעס צו זיבעציק יאָר נישט געגאנגענ; וויל אָבער דער ריבוינעשעלוילעם אזוי, איז אזוי גוט!

עס הייבנ אָנ צו פאלנ גראָבע פלאכעס שניי; ער ווישט זיכ אלע מאָל דאָס פּאָנעם.

— איכ האָב נאָכ — טראכט ער — אינגאנצנ א האלבע מײַל, אָווא! אויכ מיר א גאנג! א סאכ נעענטער, ווי ווײַטער! — ער דרייט זיכ איבער — מ׳ע זעט שוינ אפילע נישט דעמ שטאָטישנ זייגער, נישט דעמ קלויסטער, נישט די קאזארמע. „נו, שמאריע, פאָר!“

אונ שמאריע פאָרט אינ דעמ נאסנ שניי; די אלטע פיס קאָפּענ זיכ ארײַנ אונ ארויס. — „געלויבט איז גאָט, עס איז קיינ גרויסער ווינט נישט!“

גרויס האָט, אפּאָנעמ, בא אימ געהייסנ א שטורעמווינט; דער ווינט איז געווענ גענוג שטארק אונ געיאָגט גלײַכ אינ פּאָנעמ ארײַנ, אז עס האָט אימ אלע מאָל אָטעמ פארפעלט; ער האָט אימ ארויסגע-נארט אלע טרערנ פונ די אלטע אויגנ, וואָס האָבנ אימ געשטאָכנ, ווי שפּילקעס, נאָר אפּ די אויגנ לײַדט ער טאָמער.

פארנ ערשטנ געלט, פאלט אימ אײַנ, קויפט ער זיכ ווענס-ברילנ, — אזוינע גרויסע, קײַלעכדיקע; זיי זאָלנ די גאנצע אויגנ פאר-שטעלנ.

— גאָט זאָל וועלנ, — טראכט ער, — וואָלט איכ צו דעמ אויכ געקומענ! עס זאָל נאָר זײַנ אלע טאָג א שליכעס. אונ ווײַט, גאָר ווײַט! גייג, באָרעכאשעמ, קענ איכ, וואָלט איכ מיר שוינ אפּגעשפּאָרט אפּ א פּאָר ברילנ...

ער דאַרף אפילו א שטיקל פעלצל אויך. עס וואָלט אים ליבטער געוועזן אפ דער ברוסט... ער רעכנט איבער, אז דעריוויל האָט ער נאָך א ווארעמע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רײַסן, וואָלט זי גאָר וויל געוועזן. — ער שמייכלט מיט פארגעניגן. — דאָס — טראכט ער — איז נישט קיין היינטיקע קאַפּאָטע, קיין קני און שפּײַ, קיין שפּינוועבס! נאָר פארצײַ-טישער לאַסטיק; דאָס וועט מיך איבערלעבן! און אָן א שפּאַלט, דאָס איז אויך א מײַלע; זי צעפליט זיך נישט אַזוי ווי א הײַנטיקע סכוירע, און פון פאָרנט פארלייגט זי זיך אפ אַן אייל!..

— א פּעלצל — טראכט ער ווײַטער — איז אייגנטלעך בעסער. א פּעלצל איז ווארעם, גוט ווארעם. נאָר אלץ פרוער ברילן. א פּעלצל איז נאָר גוט ווינטער און ברילן דארף מען טאָמער. ווארעם זומער, אז עס מאכט זיך א ווינט און יאָגט דעם שטויב גלײַך אין די אויגן ארײַן, איז ערגער ווי ווינטער!

און עס בלײַבט, אז פרוער זײַנען ברילן, דערנאָך ערשט א פּעלצל! דער אייבערשטער זאָל נאָר העלפן, ער זאָל אָפּנעמען דעם ווייץ... א פיר גילדן וועט ער אוודאי כאַפּן...

און ער שלאָפּט ווײַטער, און דער נאסער שניי פאטשט אים אין פּאָנעם ארײַן, דער ווינט ווערט אלעמאָל שטארקער און די זײַט שטעכט אלעמאָל מער.

— דער ווינט זאָל זיך נאָר ווענדן איבערדרייען! נאָר מינאסטאם — טראכט ער — איז אַזוי גלײַכער, צוריקוועגס וועל איך מער מיר זײַן, וועל איך אים דעמלט האָבן פון הינטן! אָ, דעמלט וועט עס גאָר אַנ-דערש גיין! אלץ פארזאָרגט! גרינג אפן הארץ!

ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן א רגע און דעם אָטעם כאַפּן. דאָס שרעקט אים א ביסל איבער:

— וואָס איז אַזוינס מיט מיר געשענ? ווייניק פרעסט אונ ווינטנ האָב איכ אויסגעהאַלטנ אַלס קאַנטאָניסט? — פרעגט ער זיכ מדויעריק אונ האַלב דערשראָקנ.

אונ ער דערמאָנט זיכ זײַנ סלוזשבע אַלס ניקאָלײַעווסקער סאָלדאַט. פינפ אונ צוואַנציק יאָר ריינע סלוזשבע אונטער דער ביקס, כוץ די קינדערשע יאָרנ אַלס קאַנטאָניסט. ער איז זיכ גענוג אָנגעגאַנגענ אינ זײַנ לעבנ, געמאַרשירט איבער בערג אונ טאָל, אינ שניי אונ פרעסט אונ אַלערליי זאַווערוכעס. אונ וועלכע שנייענ, וועלכע פרעסט! די ביימער פלעגנ פּלאַצנ, פייגעלעכ פלעגנ טויט אַראָפּפאַלנ אַפ דער ערד — אונ דער רוסישער סאָלדאַט איז געגאַנגענ פריש, לעבעדיק, אונ נאָכ דערצו אַ לידעלע געזונגענ, אַ טרעפּאַק, אַ קאָמאַרינסקי אונ מיט די פיס צוגעקלאַפּט!

דער געדאַנק, אַז ער האָט גאַנצע פינפ אונ דרײַסיק יאָר אויסגעהאַלטנ די פאַרצײַטיקע סלוזשבע, אויסגעשטאַנענ אַלע צאָרעס, אַלע שנייענ, אַלע ווינטנ, אַלע שלעק, הונגער, דאָרשט אונ נויט, אונ אַ געזונטער אַהיימ געקומענ! — דער געדאַנק מאַכט אימ גרויס! ער הייבט אופ דעמ קאָפּ מיט גאַדלעס אונ גייט מיט נײַעמ קויעכ.

— האַ, האַ, וואָס איז גאָר באַ מיר אַזאַ פרעספּל? אינ רוסלאַנד, דאַכט זיכ, איז געווענ עפּעס אַנדערש!

ער גייט, דער ווינט ווערט אַ ביסל שטילער, עס ווערט אַלעמאָל טונקעלער, עס פאַלט צו די נאַכט.

— אויב מיר אַ טאָג, — טראַכט ער, — אַ טאַל-אומאָטערל!.. —

אונ ער הייבט זיכ אָנ מער צו יאָגנ, עס זאָל אימ נישט די נאַכט באַפאַלנ. נישט אומזיסט גייט ער שאַבעס אינ שולכל לערנענ טוירע, ער ווייסט: מע דאַרפ אַרויסגיינ אונ צוריקומענ בעכי טויוו!

ער פילט אַ ביסל הונגער, אונ אַ טעווע האָט ער, אַז ווענ ער ווערט הונגעריק, ווערט ער לוסטיק! ער ווייסט, אַז אַפּעטיט איז אַ גוטע

זאכ: זײַנע סאָכרימ, וואָס שיקנ אימ אינ שליכעס, וויינענ טאָמעד נאָר אפ דעמ, וואָס זיי זײַנענ קיינמאָל נישט הונגעריק! ער האָט, בּאַרעכאַשעמ, אפּעטיט! אויסער, אז ער איז נישט בעקאוו-האברע, ווי, לעמאָשל, נעכטנ; ער איז קראַנק געווענ, האָט זיכ אימ גערעכט, אז דאָס ברויט איז זויער.

— גיי, ווו איז עס זויער געווענ; זעלנעריש ברויט! אַמאָל עפּשער יאָ. אָבער הײַנט באַקט פאָניע אזא ברויט, אז די יידישע בעקערס מעגנ זיכ באַהאַלטנ. אונ געקויפט האָט ער א פריש ברויט! עס איז געווענ א מעכײַע צו שנײַדנ. ער איז אָבער נישט געווענ בעקאוו-האברע, עפּעס האָט אימ א קעלט געיאָגט דורכ די ביינער.

— נאָר געלויבט איז דער, וואָס ער איז נישט ווערט זײַנ נאָמענ צו גערענקענ, עס טרעפט זיכ אימ זעלטנ!

אצינד האָט ער אויכ אפּעטיט, ער האָט אפילע אינ קעשענע ברויט מיט א שטיקל קעז... דאָס שטיקל קעז האָט אימ דעמ סויכערס ווײַב געגעבנ, לעבנ זאָל זי אונ געזונט זײַנ! זי איז טאַקע א באַלצדאָקע, זי האָט א יידיש האַרצ.

— זי זאָל נאָר נישט אזוי קלאָלענ, — טראַכט ער, — וואָלט זי געווענ גאָר א ווילע יידענע!.. — ער דערמאָנט זיכ אינ זײַנ געשטאָרבנ ווײַב.

— נאָר מײַנ שפּרינצע ניעפּריטשקע! זי האָט אויכ געהאַט א גוט האַרצ, אונ אזא טעווע צו קלאָלענ. וואָס פאַר א קינד איכ האָב אוועקגעשיקט אינ דער וועלט אַרײַנ, האָט זי געוויינט ווי א ביבער, כאָטש אינ דער היימ. האָט זי זיי געשאָלטנ מיט טויטע קלאָלעס! ווער שמועסט, — דערמאָנט ער זיכ, — אז איינס איז געשטאָרבנ! זי האָט זיכ געוואָרפנ גאַנצע טעג, ווי א שלאַנג אפ דער ערד, געהאַקט זיכ מיט די פויסטנ אינ קאָפּ אַרײַנ.

איינמאָל האָט זי גאָר געוואָלט וואַרפֿן אַ שטיין אין הימל אַרײַן!

— אָט, זעסטו, — טראַכט ער, — גאָט מאַכט זיך אַ סאַך פֿון אַ נאַרישער ייִדענע!.. זי לאָזט אָבער נישט אַרויסנעמען די מיטע מיטן מעס. זי פּאַטשט אויף די ווײַבער, דער בעוורע־נויסים רײַסט זי אויף די בערד!

— אַ שיינע גוורע האָט געשטעקט אין דער שפּרינצענען! עס האָט זיך געדראַכט אַ פֿליג, און אַזאַ קויעך, אַזאַ קויעך!..

— פֿאָרט, זי זאָל עס מיר מויכל זײַן, אַ גוטע געווען! זי האָט אַפֿילע מיך אויך נישט פֿײַנט געהאַט. כאָטש זי האָט מיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געגעבן!

געשריגן האָט זי: אַ געט, אַ געט! אַז נישט, וועט זי אַזוי אַנט־לויפֿן! נאָר ווו האָט זי געוואָלט אַ געט!

ער דערמאָנט זיך עפּעס און שמייכלט...

די מײַסע איז שוין לאַנג, לאַנג... דענסטמאָל איז נאָך געווען די קאָנסומציע, און ער איז געווען אַ נאַכט־וועכטער, און אַרומגעגאַנגען גאַנצע נעכט מיטן אײַזערנעם שטעקעלע, מע זאָל נישט אַרײַנגאַנווענען בראָנפֿן!

סלוזשבע האָט ער געקאָנט, באַ פּאָניען איז אַ גוט ביידער, ער האָט גוטע מעלאַמדים געהאַט!.. פֿאַרטאָג, ווינטער איז עס געווען, עס קומט אים אָפּבײַטן דער טאָג־וועכטער, כאַים־יוינע — איז שוין אָפּן אוילעם־עמעס, — און ער גייט אַהיים זיך עפּרוירן, פֿאַרשטאַרט! ער קלאַפּט אין דער טיר, און זי שרײַט אים אַרויס פֿון בעט:

„גיי אין דער ערד אַרײַן! איך האָב געמיינט דײַן נאָמען וועט אַהיים קומען".

אַהאָ! זי איז בייז נאָך פֿון נעכטן באַטאָג! ער קען זיך אַפֿילע נישט דערמאָנען, וואָס נעכטן איז אַזוינס געווען, נאָר זײַן האָט דאָך עפּעס געמוזט.

„פארמאכ דאָס מויל און עפנ!“ — שרײַט ער.

„דעמ קאָפּ וועל איכ דיר עפענענ!“ — הערט זיכ א קלאָרע טשוווע.

„לאָז מיכ אַרײַנ!“ — שרײַט ער.

„אינ דר'ערד אַרײַנ גיי!“ — ענטפּערט זי.

און ער האָט זיכ מעיאשעוו געווענ און איז געגאנגענ אינ בעס-מעדרעש אַרײַנ. ער האָט זיכ געלייגט שלאָפנ הינטערנ אויוונ. צומ שלימאזל איז געווענ א סוואָנד, ער איז פאַרגאָרעט געוואָרנ, און מע האָט אימ אהיימ געטראָגנ א טויטנ...

א קלייניקײַט האָט דעמלט שפּרינצע איבערגעארבעט! ער האָט שפּעטער גאנצ גוט געהערט, וואָס זי האָט איבערגעארבעט.

מע זאָגט איר: עס איז גאָרנישט, א סוואָנד.

ניינ! זי וויל נאָר א דאָקטער; זי האָט בעדייע צו כאלעשנ, צו וואַרפנ זיכ אינ וואַסער אַרײַנ, און שרײַט נאָר: מײַנ מאַנ! מײַנ מאַנ, מײַנ טאכשיט!

ער נעמט צוזאמענ אלע קויכעס, זעצט זיכ אויפ און פרעגט זי געלאסנ:

„שפּרינצע, ווילסט א געט?“

„נעמ אײַנ...“ — זי האָט דאָכ נישט געענדיקט די קלאָלע און ארויסגעלאָזט א געוויינ...

„שמאריע, ווי מיינסטו, גאָט וועט מיכ נישט שטראָפנ פאַר מײַנע קלאָלעס. פאַר מײַנ רישעס?..“

קוימ איז ער אָבער געזונט געוואָרנ — צוריק די אייגענע שפּרינצע: א מויל אפ רעדער, א צונג אפ שרויפנ, און אײַזנ-שטארק, זי קראַצט ווי א קאצ, הא, הא! א שאָד שפּרינצע! זי האָט אפילע קיינ נאכעס פונ די קינדער נישט דערלעבט.

עס מוז זיי גוט גיינ אפ דער וועלט; אלע באַלמעלאָכעס. די מע-לאָכע לאָזט נישט שטאַרבנ פאַר הונגער! קויעכ האָבנ זיי, אינ מיר גע-

ראָטנ; אײַ וואָס, זיי שרײַבנ נישט, וואָס איז? אלײנ קאָנענ זיי נישט, אונ גיי בעט ערשט אנ אנדערנ, יענער זאָל שרײַבנ! אונ וואָס פאר א טאם האָט אזא בריוו? ווי איבערגעשווענקטע יויכ! אונ גלאט מיט דער צײַט... יונגע קינדער פארגעסנ... עס מוז זיי דאָכ גאָר גוט זײַנ...

נאָר שפּרינצע נעבעכ ליגט אינ דער ערד! א שאָד שפּרינצע!

— אזוי ווי קאָנסומציע האָט אופגעהערט, איז זי געוואָרנ אויס מענטש! טאקע, איידער איכ האָב מיכ געוווינט צום שליכעס, צו זאָגנ דעם פּאָרעצ: יאשניע פּאניע, נישט וואשע וויסאָקאָבלאגאָראָדיע, איי-דער מע האָט מיר געטרויט קאָנטראקטנ מיט געלט — האָט געפּעלט דאָס שטיקל ברויט...

מיילע איכ, זעסטו, א מאנספארשוינ, א געוועזענער קאנטאָניסט, עסט מענ נישט א טאָג! איר אָבער איז עס געגאנגענ, מישטיינסגעזאָגט, אינעם גאנצנ לעבנ! א נארישע יידענע, זי פארלירט באלד די קויכעס. זי האָט שוינ אפילע נישט געקאָנט שעלטנ, דער גאנצער שייגעצ איז איר פונ קאָפּ ארויס, אונ נאָר געוויינט...

עס איז מיר נימעס-אומאָעס געוואָרנ פארנ לעבנ... עפּעס האָט זי גאָר מוירע געקריגנ פאר מיר! זי האָט גאָר מוירע געהאַט צו עסנ, מיר זאָל נישט פּעלנ. אז איכ זע, אז זי האָט מוירע, בינ א י כ באַ קוראזש, א י כ שרײַ, איכ שעלט! לעמאָשל: פארוואָס גייסטו נישט פרעסנ?! איכ פאל אמאָל אינ א רעציכע ארײַנ אונ וויל זי פּאָשעט שלאָגנ, נאָר גיי שלאָג א וויינענדיקע יידענע, אז זי זיצט פארלייגט די הענט אונ רירט זיכ נישט! איכ לויפ צו מיט א קולאק, שפּײַ איר אינ אימ נאָכ אָנ, אונ זי ענטפערט מיר: „עס פרוער דו אָפּ, איכ וועל נאָכדעמ עסנ!“ אונ איכ האָב געמוזט פרוער אָפּבײַסנ פונעמ ברויט, אונ איר איבערלאָזנ די רעשט...

אמאָל נארט זי מיכ ארויס אינ גאס ארײַנ: איכ וועל שוינ עסנ, גיי נאָר אינ גאס ארײַנ; גיי, עפשער וועסטו עפּעס פאדינענ, אונ מיקלוימערשט שמייכלט זי דערבײַ, אונ גלעט מיכ אמאָל!

אונ אז איכ גיי אונ קומ צוריק, טרעפ איכ קימאַט דאָס אייגענע ברויט! זי רעדט מיר אײַנ, אז זי קאָנ נישט עסנ קיינ טרוקנס, זי דארפ גאָר א גריצ!

ער בייגט אראָפּ דעמ קאָפּ, גלײַכ עס וואָלט אימ געדריקט א שווערע לאסט, אונ די טרויעריקע געדאנקענ יאָגנ:

— אונ וואָס פאר א יעלאָלעס זי האָט געמאכט, אז איכ האָב געוואָלט מײַנ שאבעסדיקע קאפּאָטע, אָט די, וואָס איכ טראָג, — פארזעצנ! מײַסימ האָט זי געארבעט אונ געלאָפנ אונ פארזעצט אירע מעשענע בענטשלײַכטער, אונ ביז אינ טויט ארײַנ שוינ געבענטשט אינ

קאַרטאָפל!.. פאַרן טויט האָט זי מיר מוידע געווען, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט קיין געט, אַז זי האָט נאָר אַ בייז מויל געהאַט.

„די צונג, די צונג, — האָט זי געשריִען. — ריבוינעשעלוילעם, זײַ מיר מויכל די צונג!“ — און איז טאַקע געשטאָרבן אין איין פּאַכעד, מע זאָל זי אַפּ יענער-וועלט נישט הענגען אַפּ דער צונג!

„גאָט, — מאַכט זי צו מיר, — וועט קיין ראַכמאָנעס אַפּ מיר נישט האָבן; איך האָב צופיל געזינדיקט! נאָר אַז דו וועסט קומען, נישט באַלד, כאַסוועשאָלעם! איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז דו וועסט קומען, געדענק, כאַפּ מיך אַראָפּ פון טליִע! זאָג דעם בעסדן-שעל-מײַלע, אַז דו האָסט מיר מויכל געווען!“

זי האָט באַלד פאַרלוירן די געדאַנקען, אַלץ גערופן די קינדער! עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי זײַנען דאָ אין שטוב, אַז זי רעדט מיט זיי, און האָט זיי אויך געבעטן מעכילע.

אַ נאַרישע יידענע, ווער וואָלט איר נישט מויכל געווען.

ווי אַלט איז זי געווען אינגאַנצן? עפּשער אַ יאָר פופציק! אַזוי פרי געשטאָרבן! אַ קלייניקײַט, אַז אַ מענטש נעמט זיך אַליין צו דאָס לעבן, אַז וואָס מע טראָגט אַרויס פון שטוב צו פאַרזעצן, טראָגט מען אַרויס האַלב געזונט, שטיקער פלייש!..

טאָג אַפּ טאָג איז זי גרינער און געלער, קלענער און דאַרער געוואָרן.

זי האָט געזאָגט, אַז זי פילט, ווי דער מאַרך טריקנט איר אין די ביינער... זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט שטאַרבן...

ווי האָט זי ליב געהאַט די שטוב מיט אַלע זאַכן! וואָס מע האָט אַרויסגעגעבן, אַ בענקל, אַ בלעכענע העסע, איך וויים וואָס, האָט זי עס באַגאָסן מיט ביטערע טרערן! זי האָט זיך מיט יעדער זאַך גע-

זעגנט, ווי א מאמע מיט א קינד!.. מישטיינסגעזאָגט, ארומגעכאפּט און קימאס געקושט... „אָהאָ! — מאכט זי, — ווען איך וועל שטארבן, וועסטו שוין נישט זײַן אין שטוב!".

א מײַסע, א נעקייווע איז פאַרט א נאר! א רעגע איז זי א קאָזאק אין ספּאָדניצע, און א ליאדע וואָס — ערגער ווי א קינד! זעסטו שוין, באם שטארבן איז אווארע א כילעק, צי מיט א בענקל, צי אָן א בענקל...

— פע! — האקט ער זיך אליינ איבער די געדאנקען. — וואָס מיר קומט אלץ אין קאָפּ ארײַן, דורך די פּוסטע זאכן גיי איך וואָלגע.

— נו, זעלנערישע פּיס, טראָגט ווײַטער! — קאָמאנדירט ער מיט זיך.

ער קוקט זיך אום — ארום און ארום שניי; אויבן — א גרויער הימל מיט שווארצע שמאטעס געלאטעט.

— גאָר מײַנע אונטערשטע קאפּאָטע! — טראכט ער.— שײַנעט מיט לאסטיקענע לאטעס! ריבוינעשעלוילעם, דיר פעלט אויך קרעדיט אין געוועלב?

דערווײַל נעמט א פראָסט. די באָרד און די וואָנצעס זײַנען אײַז, אין גוף איז אפילע נישקאָשע, דער קאָפּ איז גאָר ווארעם, אפן שטערן פילט ער טראָפּן שוויים; נאָר די פיס ווערן וואָס אמאָל קעלטער און שוואכער.

שוין נישט ווײַט, ער האָט דאָך ביישעק זיך אָפּצורוען און ער שעמט זיך פאר זיך אליינ. דאָס ערשטע מאָל דארף ער זיך אָפּרוען בא א שליכעס פון צוויי מײַל וועג. ער וויל זיך נישט מוידע זײַן, אז ער איז אן אלציקער און עס איז שוין צײַט דערופ.

נייען, ער מוז גיין... נאָר גיין... קאָלזמאן מע גייט, גייט מען. עס טראָגט זיך; קוים גייט מען נאָך דעם יעיצערהאָרע און מע רוט זיך אָפּ, ווערט מען שוין א לײַט!

מע קאָן זיך גלאַט פאַרקילן, שרעקט ער זיך אליינ איבער, — און וויל זיך אלץ אויסריידן דעם שטארקן כיישעק צום אָפּרוענ.

— נישט וויַיט שוינ צום דאָרף, דאָרט וועל איך אויך צוַיט האָבן!

— דאָס — טראכט ער — וועל איך יאָ טאָנ: איך וועל נישט גיינ גלײַך צום פֿאָרעצ... באמ פֿאָרעצ מוז מענ וואַרטנ א שאָ אינ דרויסנ... נאָר גלײַך צום ייִד.

— כאָטש גוט, — טראכט ער, — וואָס איך האָב נישט קיינ מוירע פֿאר דעם פֿאָרעצס הונט; פונדעסטוועגנ, באנאכט, אז מע לאָזט אָפּ דעם בורנ, איז פֿאָרט א סאקאָנע; איך האָב מיט אפילע מײַנ וועטשערע, און בורי האָט ליב קעז, פֿאָרט בעסער פריִער אויסרוענ די ביינער! איך וועל מיר פריִער אריַנגיינ צום ייִד, אָנוואַרעמענ זיך, וואַשנ זיך, עפּעס עסנ...

און עס קומט אים וואסער אינ מויל אריַנ; ער האָט פון אינ-דערפרי אָנ נישט געגעסנ; נאָר דאָס איז א קלייניקיַיט, אים ארט נישט, וואָס ער איז הונגעריק; ער האָט האנאָע דערפונ: אז מענ איז הונגעריק, איז א סימענ, אז מע לעבט! נאָר די פיס!..

ער האָט נאָך אינגאנצנ א צוויי וויאָרסט, ער זעט שוינ ארוים דעם פֿאָרעצס גרויסע שאָפּע... נאָר די פיס זעענ נישט, זיי ווילנ זיך ראפקע אָפּרוענ!

— און ווידער פארקערט, — טראכט ער זיך. — וואָס איז, אז איך וועל מיך א ביסל אָפּרוענ? א מינוט, א האלבע מינוט! עפשער יאָ? לאָז מיך נאָר פרוּונ? אזוי לאנג פאָלגנ מיך די פיס, וועל איך זיי אויך אמאָל פאָלגנ!

און שמאריע זעצט זיך אינ דער זיַיט אפּ א בערגל שניי. אצינד הערט ער ערשט, ווי דאָס הארצ קלאפּט אינ אים ווי א האמער און עס שטעכט, און דער קאָפּ שוויצט...

ער דערשרעקט זיך... צי ווערט ער נישט קראנק? ער האָט באַ זיך פּרעמד געלט! ער קאָן בלײַבן, כאַסוועשאַלעם, כאַלאַשעס... און ער טרייסט זיך: געלויבט איז גאָט, וואָס קיינער גייט נישט! און אפּי־לע עמעצ זאָל גיין, וועט אים אויך נישט אײַנפאַלן, אַז איך האָב געלט באַ מיר... מישטיינסגעזאָגט, וועמענ מע געטרויט געלט!... נאָר א קאַפּ זיצן, דערנאָך װאַלײַ!

נאָר די ברעמענ פאַלן אים צו ווי בלײַ.

— ניין, הייב דיך אופ, שמאַריע, ווסטאַוויַ! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

קאָמאַנדירן קאָן ער נאָך, אָבער אויספירן נישט, ער קען זיך נישט רירן. אים דאַכט זיך דאָך, אז ער גייט, אז ער גייט אַלעמאָל שטאַר־קער! אָט זעט ער שוין אַלע הײַזלעך... דאָ וווינט אנטעק, דאָרט באַ־זיליַ; ער קען זיי אַלע, ער דינגט באַ זיי פורן... צום ייִד איז נאָך ווײַט, נאָר גלײַכער צום ייִד... מ'טרעפט דאָרט אמאָל א מעזומען... און אים דאַכט זיך, אז ער גייט צום ייִדנס הײַזל; נאָר עס רוקט זיך אָפּ אַלעמאָל ווײַטער, ווײַטער... מיגאַסטאַם דאַרף אזוי זײַן... עס ברענט דאָך א פריילעך פײַערל אפנ קוימען, דאָס גאַנצע פענצטערל איז לום־טיק און רויט, די גראָבע מירל שוימט אזוי א גרויסן טאָפּ קאַר־טאָפל, און זי איז אים שטענדיק מעכאַבעד מיט א קאַרטאָפל; א פאַר־געניגנ א הייסע קאַרטאָפל! און ער רוקט זיך ווײַטער. אזוי דאַכט זיך אים, כאָטש ער זיצט אפּ־איינ־אָרט.

דער פראָסט האָט א ביסל געלאָזט, עס הייבנ אָנ פאַלנ ברייטע, דיקע פלאַכעס שניי.

אים איז, אַפּאָנעם, אויך ווארעמער געוואָרנ אינ דער שניי־קאַ־פּאָטע, און עס דאַכט זיך אים, אז ער איז־שוינ באַם ייִד אינ־שטוב. מירל זײַערט די קאַרטאָפל, ער הערט, ווי דאָס וואַסער גיסט זיך: זיור, זיור, און אזוי גיסט זיך פונ זײַנ לאַסטיקענער קאַפּאָטע אויך.

יוינע גייט ארום און זינגט אונטער דער נאָז; זײַן שטייגער איז צו זינגען נאָך מײַרעוו, ווײַל דעמלט איז ער הונגעריק, און מאַכט אַלע־מאָל: „נו, מירל!"

נאָר מירל יאָגט זיך נישט: „וואָלנער טום זיך בעסער!"

— צי שלאָף איך און עס כאָלעמט זיך מיר? — ווערט ער דאַפּטומע פריילעך־דערשראָקן. עס דאַכט זיך אים, אַז עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן זײַן עלטערער זון... כאָנע! כאָנע! אָ! ער דערקענט אים! וואָס טוט ער דאָ? נאָר כאָנע־דערקענט אים נישט, און ער מאַכט זיך נישט ווייסנדיק... כא, כא, כא! ער דערציילט יוינען, אַז ער פֿאָרט צום טאַטן, ער האָט־רעם טאַטן נישט פֿאַרגעסן! און יוינע מאַמזער זאָגט אים נישט, אַז דער טאַטע זיצט אַפֿן־באַנק־בעטל!.. מירל האָט צו טאָן: זי איז פֿאַרנומען בײַ די קאַרטאָפֿל, זי וועט נישט מאַפּסיק זײַן; זי שמייכלט נאָר, זי רײַבט די קאַרטאָפֿל מיטן גרויסן הילצערנעם לעפל און שמייכלט!

— אָ! כאָנע מוז זײַן רײַך, גאָר רײַך! אַלץ איז אַף אים גאַנץ, און אַ קייט... עפּשער טאָמביק? ניין, אַוואַדע גאָלד! כאָנע וועט נישט טראָגן קיין טאָמביקענע קייט, כאַסוועשאָלעם... כא! כא! כא! — ער גיט אַ קוק אַפֿן פּיעקאַליק... כא! כא! כא! — ער פּלאַצט שיר פֿאַר געלעכטער. יעקל, בערל, זכאַריע... אַלע דרײַ... כא! כא! כא! זיי האָבן זיך באַהאַלטן אַפֿן פּיעקאַליק, דאָס איז גאַנאָווים! כא! כא! כא! אַ שאָד שפּרינצע, אַ שאָד! זי זאָל כאָטש אויך האָבן דעם נאַכעס! דערווײַל באַשטעלט כאָנע צוויי געגנדז. „כאָנע! כאָנע! דערקענסט מיך נישט? איך בין עס!.." און אים דאַכט זיך, אַז ער צעקושט זיך מיט כאָנען...

„הערסטו, כאָנע, אַ שאָד די מאַמע, זי זאָל דיך זען!.. יעקל, בערל, זכאַריע, אַראָפּ פֿון פּיעקאַליק! איך האָב אײַך באַלד דערקענט! קומט אַראָפּ, איך האָב געוווּסט, אַז איר וועט קומען! אַ ווּעהאָרײַע, איך האָב אײַך מיטגעבערענגט קעז, עמעסן שאָפֿענעם קעז! זעט נאָר, קומט,

קינדער, איר האָט דאָכ עפּעס ליב זעלנעריש ברויט! וואָס? עפשער נישט? עמעס, א שאָד די מאמע!

און עס דאכט זיכ אימ, אז אלע פיר קינדער האָבנ אימ ארומ־גערינגלט און האלטנ אימ און קושנ און דריקנ זיכ צו אימ צו.

„נאָר וואָלנע, קינדערלעכ! וואָלנע, דריקט מיכ נישט צו שטארק! איכ בינ שוינ נישט קיינ יונגערמאַנ, איכ בינ אַנ אכציקער!.. וואָלנע, איר דושעט מיכ, וואָלנע, קינדערלעכ... אלטע ביינער! וואָלנע, איכ האָב געלט אינ קעשענע! מיר, באָרעכאשעמ, געטרויט מענ געלט!.. גענוג, קינדערלעכ, גענוג!..

און עס איז געווענ גענוג... ער איז געבליבנ פארשטארט מיט דער האַנט אפ דער בוזעמ-קעשענע.

1890

דער מעשוגענער באטלענ

1

ער איז געלאָפנ אופ און אָפּ באטאָג איינער אליינ אינ בעס-מעדרעש און פּלוצלינג זיכ אָפּגעשטעלט.

— ריבוינעשעלוילעמ, ווער בינ איכ?

— ווער בינ איכ?.. מע רופט מיכ: בערל כאנטשעס... נו, בינ איכ דענ בערל כאנטשעס? בינ איכ דער נאָמענ? — די שילד איז נאָכ ניט די קלייט! דאָס הויז, ווו דער ראָוו וווינט, הייסט: „פּאָד-קארפּיעמ“ און איכ — בערל כאנטשעס!

אינ טשאכנאָווקע קענ מענ מיכ! מע ווייסט, ווער בערל כאנטשעס איז; אָבער אינ אמעריקע? ווענ איינער, לעמאָשל, גיט אזוי ראפּטומ א זאָג ארוימ אינ אמעריקע, אינ בעסמעדרעש: „בערל כאנטשעס“... נו, וואָלט עמעצ געוווּסט, אז מע מיינט מיכ?

שאַני הכא! דאָ איז עפּעס אַנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמייכל, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, מאַכט אַזוי אַ טנוע... „אַ באַקאַנטע זאַך, בערל כאַנ־טשעס!" איינער טראַכט: דער באַטלען, דער צווייטער — דער מעשו־גענער, דער דריטער — כ'ווייס וואָס; דער פערטער וועט זיך דערמאָ־נען, אַז איך הייס נאָכן פעטער בערל. — טויבעלע, עמעס, גיט אַ קרעכץ דערביי, ווײַל זי ווייסט, אַז איך בין נעבעך אַ יאָסעם. אָבער אין אַמעריקע, וווּ מע קען ניט כאַנע די זיצערקע, און וווּ מע ווייסט ניט, אַז עס איז געוועזן אַף דער וועלט אַ בערל כאַקרען, דער מאַמעס אַ ברודער, וווּ מע ווייסט ניט, אַז איך בין, וואָס מע רופט מיך: אַ מע־שוגענער, אַ באַטלען, אַ יאָסעם און עפּשער גאָר אַ כאַקרען אויך (איך בין, דאַכט זיך, געראָטן אין פעטער אַרײַן), וואָס פאַר אַ רוישעם וואָלט דאָרט געמאַכט: בערל כאַנטשעס?!

עפּעס ווייס איך דאָ יאָ, ווער איך בין? איך אַליין זאָג דאָך: אַ מעשוגענער, אַ באַטלען... נו, דאָס בין איך!

— בין איך דען ניט מעשוגע? וועלכער מענטש שטעלט זיך אַני־דער קלערן, ווער ער איז! אַ מענטש איז אַ מענטש! איך בין אַ מענטש און היים: בערל כאַנטשעס... וואָלט איך געוועזן אַ הויז, וואָלט איך עפּשער געהייסן: פּאָד־קאַרפּיעם, — אַן אַרעסטאַנט, וואָלט איך געהאַט אַ לאַטע אַף די אַקסל און אַ נומער... וואָלט מײַן טאַטע, נישט די מאַ־מע, געוועזן דער פּאַרזאָרגער, דער „פּאַרנאָסע־געבער", ניט דער באַט־לען, וואָלט איך געהייסן „בערל שמערלס". עס וואָלט אַפילע שווער געוועזן אַרויסצוזאָגן: „בערל שמערלס", נאָר מע וואָלט שוין געמוזט! און עפּשער וואָלט איך דעריבער ווייניקער געוועזן בא מענטשן אין די מײַלער — ווען מײַן נאָמען זאָל זיך נישט אַזוי גלאַטיק אַראָפּ־קאָלערן פון דער צונג.

— אָבער ווי איך וואָלט געהייסן — אַ מענטש בין איך...

א מענטש! נאָר א באַטלענ דערצו... מאלע א מענטש בלייבט א יאָסעם, נו, ווינט ער אינ בעסמעדרעש? קראנק בינ איכ עפּעס צו טאָנ? אינ שליכעס גיינ, האַלצ האקנ, א מעשאָרעס ווערנ אונ גיינ אָנ־געטאָנ א בעגעד, נישט קרוע־בלוע, עסנ ברויט, נישט זיינ ביז דרייסיק יאָר א יעשיוועבאָכער, עס זאָל מיר פעלנ צוויי טעג אינ דער וואָכ אונ ארומדרייענ זיכ אלצ אונ קלערנ: ווער איכ בינ?!

איכ וואָלט כאָטש געוווסט, ווער מיינ קאפּאָטע איז; אצינד, אָסער אויב איכ וויים! — א שטיק בענדיט, א שטיק כאזם, א שטיק יווינע, דריי פערטל פונ מיסט! א מאראָכע, טויבעלע קאָנ נייענ, אניט וואָלט איכ געוועזנ אָדעם־נאַקעט.

— איז דענ דאָס אליינ ניט קיינ שיגאָענ! אזא מינ באטלאָנעס, אזא מינ באטלאָנעס! גאָרנישט... שמערל, כאזם, יווינע... עס האָט א שיר, וויפל בעסמעדרעשניקעס איכ האָב איבערגעלעבט!.. איינער איז שוינ א סויכער, איינער — א טרעגער, איינער — א שענקער; א דייגע, איינער איז שוינ אנ אלמענ אפילע, שמערל האָט שוינ דאָס דריטע ווייב; נאָר אלע האָבנ קינדער, געשעפטנ. אייסאָקים; גוט, שלעכט, נאָר פארנומענע מענטשנ, עסנ ניט קיינ טעג, זיינענ נישט קיינ באט־לאָנים... מענטשנ! איכ וויל אויכ זיינ א מענטש!

— וואָס הייסט א מענטש?

— ווי איכ בינ א ייִד, איכ בינ קיינ מענטש נישט.

— ווי איכ בינ א ייִד! איכ בינ א ייִד! עמעס, איכ בינ א ייִד, נאָר גאנצ טשאכנאָווקע זיינענ אויכ ייִדנ אונ זיינענ נישט איכ! האלעמיי, איכ בינ א מאנספּארשוינ (כאָטש א קלאָג צו מיינ מאנספּארשוינ, א ווייטעק צו אימ!), נו... אלע מענטשנ, וואָס זיינענ ניט קיינ נעקייוועס, זיינענ מאנספּארשוינענ, אקלאל, זיינענ אלע בערל באַטשעס?

— ניינ, ברודער בערל! נאָר דיכ נישט! דו ביסט א מאנספּאר־שוינ. דו ביסט א ייִד, עמעס; נאָר נישט דו ביסט דער מאנספּאר־

שוין, נישט ד ו ביסט דער ייִד!.. ד ו ביסט עפּעס אנדערש; דאָס אלץ איז נאָר א צולאָג, צוגעגעבענע זאכן; אָבער נישט דו אליין...

— איך רייד מיר איין, אז איך בין א באטלען, א מעשוגענער, א יאָסעם, אן אומגליקלעכער מאנספּארשוין... נאָר באטלאָנים, מעשו־גאָים, יעסוימים זיינען דאָ א סאך, עפּשער אזוינע מאנספּארשוינען, ווי איך בין,— וויניקער; נאָר דאָ איז, א דייגע, עפּשער אין אן אנדער שטאָט, עפּשער אין אמעריקע, נו, זיינען אלע איינס? כאָס:ועשאָלעם, יעדערער פאר זיך!..

— נו, ווער זשע בין איך, צו אלדי שווארצע יאָר!

— עס האָט געמוזט אין מיר ארייַן א דיבעק. עס מוז עמעצ זיצן אין מיר און קלערן איבער מיר. און מיר דאכט זיך: איך אליין קלער! ווערהאָרייע, ווען איך האָב קויעך (א גאנצע וואָך, אויסער מאָנטיק און דינסטיק), האָט יענער אף מיר קיין שליטע ניט; קלער איך וויני־קער! און בעעמעס, די בקידע איז, אז קיין שום מענטש אין דער וועלט קאָן ניט איבערקלערן זיך אליין! — ווי הייסט, איך וויל מיך מאסיג זיין? איך וויל מיך ארויסרייַסן פון מיר ארויס, אוועקשטעלן זיך אָדער אים אָן א זייַט, „ער" זאָל קוקן אף מיר! איך — ער זאָל קוקן אף ער — איך!..

כא, כא, כא! ווי הייסט! זאָל איך מיר נאָר בארעכענען!.. עפּעס ווערט מיר ווארעם אין קאָפּ!..

(ער לויפט צו צום קוער, גיסט זיך אָפּ מיט קאלט וואסער; שלעפּט ארויס פון הינטערן אויוון א שמאטע און בינדט זיך שטייַף ארום דעם שטערן).

— צינד וועט עס גיין. נאָכאמאָל!.. איך וויל וויסן, ווער איך אליין בין...

— ווו זאָל איך קוקן, אראָפּ צי ארופ? רעכטס — צי לינקס?.. א י ך בין דאָך אין מ י ר. ווען איך, לעמאָשל, קריך ארופ אפן אָרן־

קוידעש, בין איך אינגאנצן אויבן; איך וועל אונטן. גאָרנישט איבער-לאָזן. לאָמיך לויפן אין קעלער אריין, וועל איך זיין אינגאנצן אונטן...
נו, אזוי ווי קאָן איך קוקן אפ מיר?!
היכי דמי?!
— וואָס דען זיצט אין מיר און קלערט פאר מיר?
— און עפּעס זיצט דאָך פּאָרט... הא?..
— איך ווייס דאָך, אז ווען עס זיינען געלעגן בא דער שאמעסטע אומגעצייילטע קיכלעך און איך האָב שוין דריי טעג קיין מיכל ניט געהאט אין מויל, האָב איך גאנץ שטארק כיישעק געהאט אָראָפּצו-שניידן א קיכל... נאָר איך האָב געזאָגט: ניין! מע טאָר נישט! נישט מיינן... דערנאָך האָב איך געפונען טויזנט טערוצים... „די שאמעסטע האָט געענוג פארדינט אָן מיר, זי מעג מיר געבן א צולאָג", „איך זאָל זי בעטן, וואָלט זי מיר אליין געגעבן", — „איך וועל איר מיט גאָטס הילף אמאָל באצאָלן"... נאָר איך האָב אלץ געזאָגט: „ניין, מע טאָר נישט"... און עס איז געבליבן — נישט!.. פריער איז עס געגאנגען איינס נאָכן אנדערן: מיר האָט זיך געדאכט, אז איך אליין פרעג און איך אליין ענטפער, נאָר דערנאָך, שפּעטער א ביסל, כאָטש טאָב-קעדיי-דיבער, נאָר דערנאָך, איז עפּעס אנדערש געוואָרן, עס איז גע-וואָרן צוזאמען: יאָ און ניין, ניין און יאָ און ווייטער ניין! עס איז געוואָרן א מאכלויקעס, און נישט איז געוואָרן נישט ווייל איך האָב נישט געוואָלט אָדער דעם כיישעק פארלאָרן; ניין, נאָר די האנט האָט זיך נישט געקאָנט רירן; זי האָט נישט געוווּסט, וועמען צו פאָלגן... א וועהאָרייע, איך בין דערנאָך שטארק מיד געוועזן, טאקע ווי נאָך א גרויסער מאכלויקע, ווי נאָך א הייסן וויקועך מיט יוינע לאָקש, וואָס וויל מיר אלץ איינריידן, אז דער גאָען, זיכרוינוי-ליוווראָכע, זיצט אין גאניידן מיט א פאראָצטער באָרד, ווייל ער האָט נישט גע-האלטן פון כסידעס!

— אזא פערד!.. נאָר מיר בין איך געווען; איך דערמאָן מיך גאנץ זיכער, זיכער! דאָס אייגענע איז געווען פּורים, ווען איך האָב געטראָגן פון פערעצ פינהאַלצ, פון גוויר, דעם ראָוו שאַלאכמאָנעס. איך האָב געהאט א פול מויל מיט וואסער, די צונג איז מיר ארומגע-לאָפן אין מויל ווי מעשוגע, ווי איך לויף אצינד ארום אין בעסמעד-רעש. די הענט האָבן מיר געציטערט; א שטיק טאָרט, מאקאראָנען, עפּעס נאָך עטלעכע מינים... איך, נאשער, האָב געוואָלט, איך, ער-לעבער מאן, האָב נישט געוואָלט!..

— מע זאָגט: „יעיצערטאָוו", זאָל זיין אזוי! אָבער סטייוויסע בין איך דאָך נאָר א דירע, וווּ עס וווינען צוויי שכיינים, איינער הייסט: „יעיצערטאָוו", דער צווייטער — „יעיצערהאָרע", נישט אזוי? ווייטער די מייסע מיט די נעמען... אָבער ווער זיינען זיי? ווער בין איך?!

— איך בין א דירע. איך בין אי דער גוטער שאָכן, אי דער שלעכטער שאָכן. אלץ איך, און דערצו וויל איך וויסן, ווער איך בין?! כא, כא, כא! — שאַ! נעכטן ערשט, דער אוילעם האָט געלאכט, וואָס איך בין געבליבן שטיין אפ איין אָרט עפּעשער א שאָ! איך ווייס, וואָס איך בין געשטאנען! איך האָב נישט געקאָנט גיין: מע האָט גע-האקט האָלצ אפן שול-הויף, האָב איך געוואָלט גיין פרווון, צי איך קאָן א שייט האָלצ צעהאקן, צי קען איך ארבעטן... איך האָב שוין אָנגעהויבן גיין; שטייען צוויי בענק: אין דער זייט א באנק, אין יענער זייט א באנק. דאָ דערציילט מען, אז מע הייצט אין באָד, הייבט מיך אָן בייסן דאָס גאנצע לייב, און איך וויל צוגיין צום קעסטל, ארויסשלעפּן דאָס בעזעמל און גיין אין באָד ארייַן... קענגני-בער האָט זאָרעך מעלאמעד דערציילט יענקל קעצלען, אז אין „באל-אקיידע" איז דאָ אפ דער הינטיקער סעדרע א פּילעפּלאָ:מדיקער דרוש! וויל איך וויסן, וואָס זאָרעך מעלאמעד איז געפעלן, צולויפן צו דער

מיזרעכ-וואנט און אראָפּבאפּן דאָס סייפער... נו, בין איך טאקע גע-שטאנען! די פיס האָבן ניט געוווּסט, וועמען צו פאָלגן: צי דעם בערל באנטשעס, וואָס וויל גיין האָלץ האקן, צי דעם בערל באנ-טשעס, וואָס וויל גיין אין באָד ארײַן, ווײַל עס בײַסט אים, צי דעם בערל באנטשעס, וואָס וויל וויסן, וואָס זאָרעכ מעלאַמעד איז געפעלן!..
איך בין טאקע אזוי לאנג געשטאנען, ביז איך האָב מיך דערמאָנט, אז איך האָב קיין מינכע נישט געדאווענט!
— נו, אלקיין? ווײַנען אין מיר שוין פיר פּארשוין! א האָלצ-העקער, א באלאקיידעניק, א בעדער, און דער לעצטער — א מינכע-דאווענער, וועלכער האָט אלע ארונטערגעיאָגט הינטערן אויוון, זיי זאָלן קיין פּיפּס נישט געבן, נאָר ע ר האָט צו שאפן, און די פיס מוזן אים פאָלגן. א וועהאָרײַע, בין איך טאקע צוגעגאנגען צו דער וואנט און האָב געדאווענט!
א שטיקל עמעס שטעקט דערינען... וואָרעם זיי זײַנען נישט פאר-לוירן געוואָרן; זיי האָבן זיך נאָר באהאלטן הינטערן אויוון, זיי האָבן פון דאָרטן ארויסגעקוקט... זיי האָבן געוווּנקען צו מיר און האָבן מיך מעוואטל געוועזן! אינמיטן שמוינעעסרע האָב איך אלץ אין זינען גע-האט: האָלץ האקן, שמײַסן זיך אף דער העכסטער באנק אין באָד, און דעם באל-אקיידעס דראָשעס אויך!..
— נו, אקלאל, וואָס העלפט דער יעיצערטאָוו מיטן יעיצערהאָרע, אז איך בין א מאָל דרײַ, און א מאָל פיר!
— אָט אצינד פיל איך, אז „איך“ אליין בין עפּעס א גאָרנישט! איך אליין וואָלט גאָרנישט געלעבט. איך אליין, ווען איך לעב אפילע, וואָלט איך מיך אינדערפרי אפילע פון דער באנק נישט אופגעהויבן. איך וואָלט געלעגן ווי א גוילעם אד סאָף קאָל האדוירעס... איך בין טאקע א גוילעם, איך האָב גאָר קיין נעשאָמע נישט; וואָס דען? אלץ ארום לעבט, אלץ ארום האָט נעשאָמעס, די נעשאָמעס זייערע לאָזן

אַרויס פון זיך אַזוינע לאַנגע, דינע, שפּיציקע פּעדעמלעך, אַזוינע שטראַלן, און זיי כאַפּן זיך און טשעפּען זיך אין מיר, קריכן אין מיר אַרײַן, רירן מיך, שטעלן מיך אויף די פיס, הייסן מיר גיין, טאָן, לויפן... אָבער איך אַליין בין גאָרנישט.

ווער דען פאַרט קלערט? האַ? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווײַטער אַ פרעמדער? נישט איך?

— נו, זאָל זײַן אַ פרעמדער! ווער איז ער? ווי קומט ער צו מיר? צי בין איך אַ שטיין, און ער — אַ פייגעלע?.. דאָווּיד האַמעלעך, אַלעוואַשאָלעם, זאָגט: יווינאָסי, הייסט עס מײַן טײַבעלע! — ווײַל דאָס טײַבעלע האָלץ האַקן, אין באָד אַרײַנגיין, אָראָפּגאַנגוונען פון שאַ-לאַכמאָנעס, אָוועקשניפּן אַ קיכל בײַ דער שאַמעסטע, און טאַכ-קעדיי-דיבער זען דעם באַל-אַקיידעס דראָשע?.. פוי, טײַבעלע, נישט שיין! ביסטו עס, מעגסטו זיך שעמען!

— כאַ! כאַ! בערל כאַנטשעס איז אַ טײַבעלע, אַ פייגעלע; בערל כאַנטשעס האָט אַ קליין פּיסקעלע מיט פליגעלעך; בערל כאַנ-טשעס וועט אַמאָל אַרויספליִען פון דער שטײַג...

— נו, בערל כאַנטשעס, דערמלט וועסטו אויך קלערן, ווער דו ביסט? אויך זײַן אַ יאָסעם, אויך זײַן אַ באַטלען, אויך זײַן מעשוגע?

— אַוואַדע! ווער דען? די שטײַג איז מעשוגע? די שטײַג איז אַ יאָסעם?

— ריבוינעשעלוילעם! ווער בין איך פאַרט?

2

עס קומט אין בעסמעדרעש אַרײַן וואָלף סויכער.

בערל כאַנטשעס דערזעט אים און אַנטלויפט אין אַ זײַט. וואָלף סויכער וואַשט די הענט, ווישט אָפּ אָן דער פּאָלע, נעמט אַרויס פון

דער שאנק א סייפער און זעצט זיך אריינקוקן. בערל באנטשעס לאזט פון אים קיין אויג ניט אראפ...

— ווער איז ער? — פרעגט ער זיך און ענטפערט זיך באלד:

— וואלף סויכער! — ער גיט זיך דערביי א שטארקן קניפ אין באק אריין...

— בעהיימע! באמויר! וואלף סויכער איז אזוי ווי בערל באנטשעס! אזוי הייסט ער; נאר ווער איז ער?.. צי איז ער איינער, צוויי, צי דריי? וויפל פייגעלעך פישטשען אין זיין שטייג, פארשטייסטו, וואיטעק!?

ער האט זיך נאך שטייפער צוגעצויגן דעם קאפ.

— לאמיך קלערן...

— אצינד איז ער איינער, איין וואלף סויכער... ער זיצט און לערנט! פארטיפט. ער זעט מיך נישט. ער לערנט אוואדע נעדארים, זיין פיירעק, מער קאן ער נישט... אצינד איז ער א קונח, קונם, קונס... אצינד איז ער א לשון שבדו חכמים, אצינד וויים איך, וואס ער איז, א פיירעק נעדארים... דערנאך? דערנאך וועט וואלף סויכער אראפ-גיין אין גאס אריין, וועגן טווע אפ א פאלשער וואג, אפנארן גאנץ קרוינפוילן און אהיים גיין געבן דעם ווייב, דער ארעמער, דערשלא-גענער טויבע, צוועלף פעטש מיט פיר דזשאכן! זעסט דאס לעמעלע, בערל באנטשעס! זעסט דאס שעפעלע, זעסט, ווי עס קנייטשט אין דעם שטערן, זעסט די פרומע אייגעלעך, זעסט, זעסט! און דו שויטע, דו בערל באנטשעס, דו באמויר, ווילסט מיר איינרעדן, אז דאס איז דער אייגענער גאנעוו פון גאס, דער אייגענער רעצייעך פון דער היים? ניין, בערל באנטשעס! מיר וועסטו דאס נישט איינרעדן! ניין, ניין! — נישט אזוי קוקט א גאנעוו, נישט אזוי זעט אויס א רעצייעך!.. שויטע!..

— איך זאג דיר, בערל באנטשעס, אז עס זיינען דא דריי וואלף סויכערס... איינער איז א לעמעלע, א פרום לעמעלע, וואס זיצט און

לערנט נעדאָרים און וועט אַף יענער־וועלט אויך לערנען נעדאָרים, און טאַקע מיטן ריבוינעשעלוילעמס פּיירעש... דער צווייטער — איז אַ גאַנעוו און וועט דאַרטן אויך כאַפּן פון די טעלער; דער דריטער איז אַ רעצייעך, וואָס האַרגעט דאָס ווײַב מאַקעס־רעצעך...

— אַ ראַכמאָנעס אַף איר!.. עס שנײַדט מיך באַם האַרץ, אָפּט כאָלעמט זי זיך מיר... זי בעט מיך אַמאָל, באַנאַכט אין שלאָף, איך זאָל איר העלפן... דאָס הייסט: זי בעט נישט מיטן מויל, זי רעדט ניט, כאַסוועשאָלעם, אַ ייִדישע טאָכטער רעדט ניט מיט אַ מאַנס־פּאַרשוין... נאָר זי קוקט אַף מיר מיט אַזאַ... מיט עפּעס אַזאַ... מין קוק...

— ריבוינעשעלוילעם! קוקן מעג זי דאָך! זי מעג קוקן אַף אַ מאַנספּאַרשוין.

— כאַ, כאַ, כאַ! איך אַ מאַנספּאַרשוין... וואָלף סויכער איז אַ מאַנספּאַרשוין, פוילן זאָל ער, וואָלף סויכער! איך בין אים אַ סוינע אַפן לעבן. איך האָב באַ אים אַ טאָג; נאָר אַ סוינע בין איך אים: סינאַס־כינאָם טאַקע, נאָר אַ סוינע... איך וואָלט אים געשטאָכן! יאָ!.. נאָר נישט דעם וואָלף סויכער, וואָס זיצט און לערנט, אַפילע דעם גאַנעוו נישט, נאָר דעם רעצייעך! אים וואָלט איך געשטאָכן... איך אַליין קען נישט, איך אַליין האָב נישט צו שאַפן, איך בין נאָר אַ שטײַגל... איך האָב אַפילע אַ קניפּיק, אַ שאַרפן קניפּיק, גאָר אַ שאַרפן, מע קען מיט אים נעגל שנײַדן, אַ קאָפּ גאָלן...

— איך מאַך מיר אַפילע קיין לאַמטערן ניט, ווײַל עס איז מיר אַ שאָד דער קניפּיק, ער זאָל ניט שטומפּיק ווערן...

דאָך איך אַליין קאָן נישט... מע דאַרף, עס זאָל מיר עמעץ הייסן; עפּעס אַ באַסקאָל, עפּעס איינער, אַפילע זאָרעך מעלאַמעד! זאָל ער אַליין מיר הייסן! ווער שמועסט, ווען זי זאָגט מיר, אַזוי שטיל, באַנאַכט אין כאָלעם; נאָר זי וועט נישט זאָגן, אַ ייִדישע טאָכטער וועט

נישט זאָגן. באַסוועשאַלעם! איך וואָלט זי פּײַנט געהאַט, זי זאָל מיט מיר ריידן.

— אַזוי איז בעסער, קוקן זאָל זי, און שטענדיק, און אַ גאַנצע נאַכט; באַטאָג קען נאָך עמעץ דערזען, באַסוועשאַלעם! עס איז גענוג יעדע נאַכט...

— אָ! ווי שיין וואָלט עס געווען! איך וואָלט אַרויסגענומען דעם קניפּיק, איבערגעגאַנגען די כאַליעווע, איין מאָל, צוויי מאָל, דרײַ מאָל. און בוך!..

— כאַ, כאַ, כאַ! עס וואָלטן אַרויסגעלאָפן געדערים און געדערים-לעך, כאַ, כאַ, כאַ! און בלוט, רויט בלוט... כאַ, כאַ, כאַ!

— ניין, וואָלף סויכער, נעדאָרים-לערנער, ניט דיך מיין איך! יענעם, יענעם, דעם רעצייעך... נאָר ניט דיך!

— הערסט, בערל כאַנטשעס, ווען דו ביסט אַ מענטש, ווען דו ביסט ניט קיין יאָסעם, קיין באַטלען, קיין מעשוגענער, קיין כאַקרען, וואָלט שוין אַלץ גוט געווען... טײַבעלע וואָלט אַפּילע געוויינט, זי וואָלט דאָך געוואָרן אַן אַלמאָנע. נאָר איך וואָלט איר אין כאָלעם גע-זאָגט: טײַבעלע, גענוג, דו האָסט צוויי מאַנען, איינער גאַנוועט, דער צווייטער זיצט און לערנט, וואָס טויג דער דריטער? ווילסט דאַפּקע דרײַ? דאַפּקע מע זאָל דיך, טײַבעלע, שלאָגן. דאַפּקע דו זאָלסט ווײַ-נען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט?..

— און עפּשער איז ער פּאָרט נאָר איינער?..

— בערל כאַנטשעס! דרײַ זײַנען זיי, לאָמיר זיך וועטן. קום אַו-מישנע, ווײַל ער זיצט דאָ און לערנט, קום אין גאַס אַרײַן, וועסטו זען, ווי יענער גאַנוועט דערווײַל אין גאַס... דערנאָך ווי ער שלאָגט, קום! וועסט זען!..

ער הייבט זיך אויף, לויפט אָפּ די נעגל צו דער טיר, שלעפּט אַרויס דעם שליסל און פאַרמאַכט פון יענער זײַט...

ער קומט צוריק בלאַס און אין קאַס.

— זיי האָבן זיך באַהאַלטן, די גאַנאַווים! וואָס האָבן זיי צו טאָן? עס איז הײַנט נישט קיין טאָרג! עפּעס א יאָמטעוו, עס הענגען פענער, מע קאָן נישט גאַנווענען... טײַבעלע איז נישט אין דער היים... זי האָט געמוזט גיין צו א שכיינע. די טיר איז צו... זיי האָבן זיך עפּ־שער בײַדע באַהאַלטן! איך האָב אַרײַנגעקוקט דורכן פענצטער. אונ־טערן בעט, האָט זיך מיר געדאַכט, רירט זיך עפּעס, אף דער פּאָדלאָגע האָט זיך דער שאָטן געהוידעט, געוואָרפן, געצאַפּלט, א קאַשע אף א מײַסע. ער זיצט דאָ און לערנט, און זיי ליגן אונטער די בעטן... ווו דען זאָלן זיי ליגן!

— און וואָלף סויכער, דער טאַם, דער נעדאַרים-לערנער האָט אפילע ניט געהערט, אז איך האָב אופ- און צוגעשלאָסן די טיר! ער איז אזוי פארטיפט אין לערנען!

— און עפּשער לערנט ער גאָרניט? עפּשער זיצט דאָ דער גאַנעוו און וויל אָפּנאַרן מיך מיטן ריבוינעשעלוילעמ?

— וואָלף! — רופט ער אים פּלוצלינג.

— וואָס איז?

— גאָרנישט!

— באַטלען!

אין א מינוט שפּעטער:

— וואָלף!

— וואָס איז?

— איך האָב א קניפּיקל!

— וויל דיר!

— ווילסט זען?

— ניין!

— דארף מען נישט!

אין א פּאָר מינוט ארום:

— וואָלף!

— וואָס?

— דו לערנסט, צי דו מאכסט נאָר אזוי?

— וואָס גייט עס דיך אָן?

— איך דארף נייטיק צו וויסן, כלעבן, נייטיק!..

— שטיל, מעשוגע!

אין נאָך א פּאָר מינוט:

— וואָלף!

— וואָס איז?

— וויפל ביסטו?

וואָלף סוּכּער ווערט בייז, מאכט צו די געמאָרע און גייט ארויס פון בעסמעדרעש; בערל כאנטשעס בלײַבט אליין.

— צי האָב איך גערעדט מיט וואָלפן? און וואָס האָב איך מיט אים אזוינס גערעדט? וואָס איז ער אנטלאָפן? ווי בין איך ארויסגעגאנגען? הא? וואָס טוט בא מיר אין האנט דאָס קניפּיקל?

ער וווּנדערט זיך שטארק, און נאָך מער ביפראַט, אז ער דערזעט, אז ער האָט זיך דורכגעשניטן די כאָליעווע. ער ווערט בייז.

— בערל באטלען! דו אליין האָסט צעשניטן דײַן כאָליעווע! דו האָסט אנדערע כאָליעוועס? טײַבעלע וועט דיר וויטער שענקען א פּאָר שטיוול? זי האָט וויניק געלייזט פאר יענע שטיוול! זעסטו, באטלען, זעסטו, מעשוגע, זעסט, עס איז עמעצ אין דיר און ניט דו! זעסט?

— לאָמיך נאָך אליין זען, ווי דו זעסט אויס, כאמויר, וואָס לאָזט זיך די שטיוול צעשנײַדן! לאָמיך דיך אָנקוקן, באטלען!

ער לויפט צומ קיער, כאפט די שמאטע אראָפּ פונ קאָפּ אונ הייבט אָנ רײַבנ אונ פּוצנ דאָס מעש.

— איכ זע דיכ שוינ א ביסל, באטלענ, — ווארט, ווארט, איכ וועל דיכ נאָכ בעסער זענ. איכ וועל דײַנ גאנצ טרייפע פּארצעפּ זענ, דײַנ כאמויר-קאָפּ!..

ער לאָזט זיכ אראָפּ אפ די קני אונ רײַבט מיטנ גאנצנ קויעכ. ער בלײַבט דאָכ פּלוצלינג שטיינ.

— ווער פּוצט דעמ קיער? ווער? איכ? איכ האָב קויעכ? איכ האָב דענ הײַנט געגעסנ, נעכטנ געגעסנ? וואָס איז הײַנט? דינסטיק! מאָנטיק אונ דינסטיק האָב איכ דאָכ ניט קיינ טעג. ווער רײַבט?!

ער האָט זיך צוריק צוגעכאַפּט צו דער ארבעט.

— זאָל רײַבן, ווער עס וויל, איך, צי דער פויגל, צי די טויב, דער יעיצערהאָרע, צי דער יעיצערטאָוו, נאָר דײַן באטלאָניש טרייפע פּארצעפ מוז איך זען! באלד, באלד! און אפּאמאָל!

ער פארמאכט די אויגן און רײַבט ווײַטער א ווײַלע מיט קויעך. דערנאָך עפנט ער די אויגן און דערזעט זיך.

— כא, כא, כא! אזוי זע איך אויס, א מעס, א ריינער מעס! צו נעמען אפּ דער טארע-ברעט, צו לייגן שערבלעך אפּ די אויגן!

— זעסט, טײַבעלע, ווי איך זע אויס! זעסט! און אזוי זע איך אויס, ווען דו דערלאנגסט מיר אלעמאָל א שטיקל ברויט... א נישט, ווי וואָלט איך נאָך אויסגעזען?

ער פארטראכט זיך, און דערמאָנט זיך ווײַטער.

— א מעס! דאָס בין איך, יאָ, יאָ! דאָס איז בערל באטלען, בערל יאָסעמ, בערל מעשוגע! אָט דאָס! דאָס! און ווער בין איך פאָרט? ער קוקט אפּן קיִער און קוקט אפּ זיך.

דאָרטן זעט מען נישט די צעריסענע כאָליעוועס! וווּנדערט ער זיך און ווערט בייז.

— א מאקע דיר! — שרײַט ער פלוצלינג אויס — א מאקע דיר, דו קיִער-מענטש! דו דארפסט אויך האָבן צעריסענע כאָליעוועס! אז איך האָב, דארפסטו אויך האָבן!

ער האָט זיך ארויפגעלאָזן מער אפּ דער פּאָדלאָגע, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אפּ דער ערד און ארײַנגעשטופּט די פיס אין קיִער.

— איך זע נישט, נאָר דו האָסט, דו האָסט צעריסענע כאָליעוועס! זעסטו!..

אופצוהייבן זיך איז אים שוין שווער. עס האָט זיך אים געדאכט, אז דער מענטש אינעם קיִער האלט אים צו בא די פיס; ער האָט זיי

דאָס אָפּגעריסן, אופגעהויבן זיך א ביסל פארוואונדערט, א ביסל דערשראָקן.

— קיִער-מענטש! באַטלען! — האָט ער זיך געריייצט און פּאָרט מוירע געהאַט צו קוקן אין קיִער אַרײַן. ער איז צוגעלאָפן צום אויוון, אָנגענומען אָפּ די הענט קאַלך און פאַרשמירט דעם קיִער.

— ליג דאָרט אין דער קרענק, קוק נישט אַרויס!

דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק ווײי טאָן, און די פיס האָבן אים געבראָכן, ער האָט זיך וויַיטער פאַרטראַכט.

— לאָמיך נאָר עפּעס דערמאָנען.

— אַצינד טוט מיר ווײ דער קאָפּ... אַז דער רעציייעכ שלאָגט טײַבלען, טוט מיר ווײ דאָס האַרץ... עס ברעכן מיר די פיס. אַז איך גיב מיר א קניפּ אין באַק, פלאַמט מיר די באַק, ווײַל איך האָב א באַק, איך האָב הענט און פיס, איך האָב א קאָפּ מיט א האַרץ און האָב עפּ-שער א נעשאָמע אויך — אַלץ האָב איך, נאָר וואָס בין איך אַליין? נישט די באַק, די פיס, נישט דאָס האַרץ, נישט דער קאָפּ, נישט די נעשאָמע, וואָס דען? גאָרנישט...

— איך זאָל מיך קענען מאַבד עצמו לדעת זײַן, און אַליין זען, וואָס עס וועט זײַן, וואָס עס וועט בלײַבן, אַז עס וועט אוועקפאַלן דער קאָפּ, די הענט, די פיס, די באַקן, די צעריסענע כאָליעוועס... דעמאָלט וואָלט איך עפּשער עפּעס געוווסט? צי וואָלט ניט א יוישער געווען צו פּרוּוון...

— ווען זי זאָל נאָר הייסן! עפּשער וואָלט איך עס באַ אים גע-פּרוּווט?

1890

שאָלעמ־באַיס

כאַימ איז א טרעגער.

אז ער גייט דורכ די גאס, אײַנגעהויקערט אונטערנ קאסטנ סכוירע, זעט מענ אימ נישט ארויס; עס דאכט זיכ, אז דער קאסטנ גייט אליינ אפ צוויי פיס... דאָס שווערע אָטעמענ הערט זיכ דאָכ פונווײַטנס!

דאָכ — אָט לייגט ער אָפּ די לאסט, באקומט זײַנע עטלעכע גראָשנ; ער גלײַכט זיכ אויס, אָטעמט שטארק אָפּ, בינדט אָפּ די פּאָלעס, ווישט זיכ אָפּ דעמ שווייס פונ פּאָנעמ, גייט גלײַכ צומ ברונעמ, טוט א פּאָר שלינג וואסער אונ לויפט אינ א הויפ ארײַנ.

ער שטעלט זיכ לעבנ א וואנט. הייבט אופ דעמ ריזנ-קאָפּ אזוי, אז דער שפּיצ באָרד מיט דער נאָז, מיטנ דאשעק פונעמ היטל קו-מענ אויס אפנ איינ שטעטב.

ער רופט:

— כאַנע!

פון אונטערן דאַך עפנט זיך אַ קליין פענצטערל און אַ קליין ווײַ־בעריש קעפּל איז אַ ווײַסן ציפּיק ענטפערט:

— כאַיִם?!

דאָס פאָרפאַלק קוקט זיך גאַנץ צופרידן אָן; די שכײנים זאָגן: זיי קעטשקען זיך. כאַיִם וואַרפט אַרויף זײַן פאַרדינסט, אײַנגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. כאַנע כאַפּט עס אין דער לופט; עס איז איר נישט דאָס ערשטע מאָל.

— אַ בעריע ניפלאָע — מאַכט כאַיִם, און האָט גאָר קיין ביישעק נישט אָוועקצוגיין.

— גיי, גיי, כאַיִם! — שמייכלט זי. — איך קאָן מיך נישט רירן פון קראַנקן קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגל צום קוימען... מיט דער האַנט שוים איך און מיטן פוס וויג איך...

— וואָס מאַכט עס, נעבעך?

— בעסער!

— געלויבט איז גאָט! און הענע?

— בא דער נייטערן!

— יאָסל?

— אין ביידער.

כאַיִם לאָזט צוריק אַראָפּ די באָרד, גייט אַוועק, און כאַנע קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט איר פאַרשוווּנדן.

דאַנערשטיק און פרײַטיק דויערט עס לענגער.

— וויפל האָסטו דאָ אינעם פּאַפּירל? — פרעגט כאַנע.

— צוויי און צוואַנציק גראָשן.

— איך האָב מוירע, עס איז ווייניק!

— וואָס דאַרפסטו דען, כאַנע?

— פאר א זעקסער שמירעכצ פארנ קינד, פאר עטלעכע גראָשנ ליכט, כאַלע האָב איכ שוינ... פלייש אויכ, אַנדערטהאַלבנ פונט... נו — בראָנפנ אפ קידעש... הײַנט דארפ מענ נאָכ עטלעכע דרענגלעכ!

— דרענגלעכ װעל איכ דיר שוינ שאפנ, עס מוז זײַנ אפנ מארק.

— דארפ איכ נאָכ...

און זי רעכנט אויס, װאָס זי דארפ נאָכ אלצ אפ שאבעס. סאָפקאָל-סאָפ בלײַבט: אז מע קאָנ קידעש מאכנ איבער כאַלע, און אז אָנ א סאַכ זאכנ איז זיכ גאנצ לײַכט צו באגיינ.

דער איקער איז — בענטש-ליכט, אויכ די זאלב פארנ קינד!

און פונדעסטװעגנ, אז גאָט העלפט, די קינדער זײַנען געזונט, די מעשענע לײַכטער — נישט פארזעצט, ביפראַט אויב עס איז דאָ נאָכ א קוגל — האָט דאָס פאָרפאָלק גאָר א פריילעכנ שאבעס!

װאָרעמ כאַנע איז א בעריע-ניפלאָע צום קוגל!

שטענדיק פעלט איר עפּעס: דאָ מעל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און צום סאָפ קומט ארויס א פעטער, א זיסער, א מעכײַעדיקער קוגל; ער צעגייט פאָשעט אינ אלע אייוורימ!

— דאָס קאָכט דער מאלעכ, — זאָגט כאַנע און שמייכלט פאַר נאַכעס.

— יאָ, א מאַלעכ, אװאדע א מאלעכ! — לאַכט כאַימ. — דו מיינסט, אז דו ביסט א קליינער מאלעכ, אז דו האלטסט אויס פונ מיר און פונ די קינדער... װיפל מאָל טוענ זיי דיר אָנ צאָרעס, איכ װער אמאָל בייז... נו, איכ הער עפּעס א קלאָלע פונ דיר, װי אנדערע בא די װײַבער? און באשער, דו האָסט א סאַכ נאַכעס פונ מיר? דו און די קינדער גייענ נאקעט און באָרװעס... צו װאָס טויג איכ? נישט צו קידעש, נישט צו האװדאָלע, איכ קאָנ אפילע נישט רעכט קיינ זמירעס זינגענ...

— ביסט פאָרט א גוטער טאַטע, און א גוטער מאנ! — האלט זיכ כאַנע באַמ איריקנ. — אזא יאָר אפ מיר און אפ קאָל-יִסראָעל... איכ זאָל מיכ נאָר עלטערנ מיט דיר, ריבוינעשעלוילעמ!

און דאָס פּאַרפּאָלק קוקט זיך אין די אויגן אַרײַן אַזוי גוט, אַזוי וואַרעם, און אַזוי מיטן גאַנצן האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, זיי זײַנען ערשט פון אונטער דער חופּה אַפּיר...

עס ווערט נאָך פריילעכער באַם טיש...

נאָר נאָכן שלאָף גייט כאַזים אין קליינעם שולכל אַרײַן הערן טוירע.

דאָרט לערנט אַ מעלאַמעד מיטן פּראָסטן אוילעם „אַלשיך". עס איז היימיש, די פּענעמער זײַנען נאָך פאַרשלאָפן; איינער כאַפּט נאָך אַ דרימל, דער צווייטער לאָזט אַרויס אַ הויכן געניעץ; נאָר ראַפּטום, ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מע שמועסט פון יענער וועלט, פון גע-נעם, ווו מע שמײַסט די רעשאָים מיט אײַזערנע ריטער; פון ליכטיקן גאַניידן, ווו די צאַדיקים זיצן אין גאָלדענע קרוינען און לערנען טוירע,— דעמלט ווערן אַלע אופגעלעבט; די מײַלער — אָפן, די פּע-נעמער — רויט... מע הערט זיך אײַן אָן אָן אָטעם, וואָס עס וועט זײַן אַף יענער-וועלט!

כאַזים שטייט געווײַנלעך באַם אויוון. ער האָט טרערן אין די אויגן, עס ציטערן אים הענט און פיס; ער איז אינגאַנצן אַף יענער-וועלט!

ער לײַדט צוזאַמען מיט די רעשאָים; באָדט זיך אין הייסער סמאָ-לע; ער ווערט געוואָרפן קאַפּעקאַל, קלײַבט שפּענער אין ווייסטע וועל-דער... אַלץ לעבט ער דורך, און עס באַדעקט אים דער קאַלטער שווייס... פאַר דאָס האָט ער שפּעטער נאָכעם גלײַך מיט אַלע צאַדי-קים: דער ליכטיקער גאַניידן, די מאַלאָכים, דער ליוויאָסן, דער שאָר-האַבאָר און אַלע גוטע זאַכן שטעלן זיך אים פאָר אַזוי לעבעדיק און אַזוי בוילעט, אַז ווען דער מעלאַמעד ענדיקט, גיט אַ קוש און פאַר-מאַכט דאָס סייפער, כאַפּט ער זיך אוף, ווי פון אַ כאָלעם, טאַקע ווי פון יענער-וועלט.

— אַך,— כאַפּט ער שוווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט אײַנגע-האַלטן די גאַנצע צײַט,— ריבוינעשעלוילעם! כאָטש אַ שטיקל, כאָטש

א פּיצל, כאָטש א בראָקעניו אוילעמהאבע... פאר מיר, פאר מײַן ווײַב און פאר אלע מײַנע קינדערלעך!

און דעמלט ווערט ער טרויעריק; ער פרעגט זיך: „מישטיינסגעזאָגט, פון וואָס, פאר וואָס?..״

איינמאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאנגען צום מעלאמעד:

— רעבע,— זאָגט ער, און זײַן קאָל ציטערט,— גיט מיר אן אייצע, איך זאָל זוכע זײַן צו האָבן אוילעמהאבע!

— לערן, מײַן קינד, טוירע! — הערט ער א טשוווע.

— איך קען נישט!

— לערן מישנײַעס... איין-יאנקעוו, כאָטש פּיירעק...

— איך קען נישט!

— זאָג טילים!

— איך האָב קיין צײַט נישט!

— דאווג ערנסט!

— איך פארשטיי נישט, וואָס איך דאווג!

דער מעלאמעד קוקט אים אָן מיט ראכמאָנעס:

— וואָס ביסטו? — פרעגט ער.

— א טרעגער.

— נו, זײַ מעשאמעש טאלמידיי כאכאָמים.

— וואָס הייסט?

— טראָג, לעמאָשל, אלע פארנאכט אין בעסמעדרעש ארײַן א פּאָר קאנען וואסער, די לאָמדים זאָלן האָבן צו טרינקען...

כאים ווערט דערפרייט.

— רעבע, — האָט ער ווײַטער געפרעגט, — און מײַן ווײַב?

— אז דער מאן זיצט אף א שטול אין גאַן־עדן, איז דאָס ווײַב זײַן פוסבענקעלע. . . . .

אז כאים איז אהיים געקומען האוודאָלע מאכן, איז כאנע געזעסן און געזאָגט: „גאָט פון אווראָם“. אז ער האָט זי דערזען, האָט אים עפּעס אָנגעכאפּט באם הארץ.

— ניין, כאנע, — פאלט ער צו איר צו, — איך וויל נישט, דו זאָלסט זײַן מײַן פוסבענקעלע... איך וועל מיך אראָפּבייגן צו דיר, איך וועל דיך אופהייבן און זעצן דיך נעבן מיר. מיר וועלן צוזאמען זיצן אף איין שטול, ווי אצינד... עס איז אונדז אזוי גוט צוזאמען; הערסט, כאנע, דו מוזט זיצן מיט מיר אף איין שטול... דער ריבוינעשעלוילעמ וועט מוזן באשטיין!

1891

א קלעזמער־טויט

א סקעלעט ליגט אינ בעט. א סקעלעט איבערגעצויגנ מיט א געלער, דארער, טרוקענער הויט; מיכל קלעזמער שטארבט אוועק. נעבנ אימ אפ א קאסטנ זיצט מירל זײַנ ווײַב מיט געשוואָלענע אויגנ פאר געוויינ. אינ ענגנ שטיבל זײַנענ צעשפּרייט זייערע אכט זינ, אלע — קלעזמער. שטיל, קיינער רעדט נישט צומ צווייטנ; עס איז נישטאָ פונ וואָס צו ריידנ. דער דאָקטער האָט שוינ לאנג אוועקגעמאכט מיט דער האנט, דער רופע אויכ. אפי־לע רוונ פונ העקדעש, דער עמעסער מומכע, האָט אויכ געהייסנ שרײַבנ דרײַ פייענ... קיינ יערושע וועט נישט זײַנ, די כעוורע-קאדישע וועט געבנ טאכריכימ אונ א קייווער, די כעוורע-נויסימ — וועט נאָכ צוגעבנ א טרונק-בראָנפנ... אלצ איז אָפּנ אונ דײַטלעכ, נישטאָ פונ וואָס צו ריידנ. איינ מירל וויל נישט זיכ אונטערגעבנ!.. זי האָט נאָכ אלעמ-

ערשט אפסניי גאר גוואלדיק איינגעריסנ די שול. ציינד קומט זי ערשט פונ קוואָרים-מעסטנ. זי האלט זיכ אירם — „ער שטארבט דורכ די קינדערס זינד. זיי זיינענ נישט פרום, הולטייענ, דעריבער נעמט זיי גאָט, באָרוכ-הו, דעמ טאטנ צו‟... „די קאפעלע פארליִרט די קרוינ: עס וועט שוינ קיינ שומ כאסענע קיינ פּאָנעמ נישט האָבנ, עס וועט בא קיינ ייִד שוינ קיינ עמעסע סימכע נישט זיינ״.

גאָטס ראכמאָנעס איז דאָכ גרויס. מע דארפ שרייענ, בעטנ, וועקנ! אונ זיי, די קינדער, די קלעזמער-יונגענ, „האָבנ גאָר קיינ ראכמאָנעס נישט, גייענ אָנ לייבצודעקלעכ‟... ווענ נישט די גרויסע זינד, האָט זי א פעטער א שויכעט אינ הימל; ער מוז דאָרטנ זיינ גאָר דאָס אייבערשטע פונ שטייסל, ער וואָלט איר נישט אָפּגעזאָגט! באמ לעבנ, זיכרוינוי-ליווראכע, פלעגט ער זי שטענדיק גלעטנ... ער איז איר אוואדע היינט אויכ נישט שלעכט. ער וואָלט זיכ געמיט, ער וואָלט אלצ געטאָנ... נאָר די זינד — שרייט זי — די זינד! „מע פאָרט אפ גוייִשע בעלער, מע עסט דאָרט ברויט מיט פּוטער, גאָט ווייסט וואָס נאָכ!.. אָנ ארבעקאנפעס... ער וועט דאָכ נישט דורכברעכנ קיינ מויער... ער טוט אוואדע זיינס... אוי די זינד, די זינד!‟

די זיינ ענטפערנ נישט, זיי קוקנ אראָפּ אפ דער ערד; יעדער אינ זיינ ווינקעלע.

— עס איז נאָכ צייט! — כליפעט זי.— קינדער! קינדער! גוואלד, קינדער! טשוווע טוט!

— מירל, מירל,— רופט זיכ אָנ דער קראנקער,— לאָז געמאכ, מירל, עס איז שוינ פארפאלנ, איכ האָב שוינ מיינס אָפּגעשפּילט, מירל. הער אופ, מירל, איכ וויל שטארבנ!

מירל ווערט אונטערגעצונדנ:

— „א רעכטע שיינע ריינע!.. שטארבנ וויל ער! שטארבנ! אונ יעכ, אונ מעכ... ניינ, איכ וועל דיכ נישט לאָזנ שטארבנ, דו מוזט

לעבן... דו מוזט. איך וועל אזוי שרײַען, אז עס וועט נישט קאָנען קו-
מען צו יעצ׳יעס-נעשאָמע!״ עס זעט אויס, אז אין מירלס הארץ האָט
זיך געעפנט אן אלטע, נישט פארהיילטע וווּנד.

— לאָז געמאך, מירל,— בעט זיך דער קראנקער,— מיר האָבן זיך
ביידע שוין גענוג אָנגעשאָלטן באַם לעבן... גענוג... פארן טויט פּאסט
נישט אזוינס... אוי, מירל, מירל, איך האָב געזינדיקט, דו האָסט
געזינדיקט... נאָר אן עק!.. שווײַג בעסער! איך פיל קעסיידער, ווי דער
קאלטער טויט קריכט מיר ארויף פון די שפּיץ פינגער פון די פיס ביז
צום הארץ, עס שטארבט א צאָל נאָך א צאָל... שרײַ נישט, מירל... עס
איז גלײַכער אזוי!

— ווײַל דו ווילסט מײַנער פּטור ווערן,— פאלט ארײַן מירל אין
די רייד,— אוי, דו האָסט שטענדיק געוואָלט מײַנער פּטור ווערן,—
וויינט זי ביטער,— שטענדיק! די שווארצע פּעשע איז דיר נאָר געלעגן
אין הארצן... דו האָסט שטענדיק געזאָגט, אז דו ווילסט שטארבן... ווי
צו מײַנע יאָר... ער טוט אפילע צינד קיין טשוווע נישט... אפילע
צינד...

— נישט נאָר די שווארצע פּעשע,— שמייכלט ביטערלעך דער
קראנקער,— עס זײַנען א סאך שווארצע פּעשעס געוועזן, און ווײַסע
אויך, און געלע אויך... נאָר דיך, מירל, האָב איך קיינמאָל נישט גע-
וואָלט פּטור ווערן... א מויד איז א מויד, דאָס איז שוין א קלעזמער-
שע זאך... עס ציט ווי א בלאָטער, עס איז עפּעס א מין ציעקאַ-
וואָשטש... א ווײַב איז דאָך א ווײַב! דאָס זײַנען צוויי גאָר אנדערע
זאכן... געדענקסט, אז די שווארצע פּעשע האָט דיר געערדט א
שלעכט וואָרט, האָב איך זי אינמיטן גאס אויסגעטשאסקעט אָפּ
אלע זײַטן...

שווײַג שטיל, מירל! א ווײַב איז א ווײַב! אויסער — אז מע גײט
זיך... אויך — טוט ווי דאָס הארץ... גלייב מיר, מירל, איך וועל בענ-

קען נאָך דיר... נאָך אײַך אויך, קינדער! איר האָט מיר אויך געגוג צאָרעס אָנגעטאָן, נאָר גאָרנישט... דאָס ליגט שוין אינעם פּידעלע— אינעם קלעזמער-לאָשן... איך ווייס, איר האָט מיך נישט ערלעך גע-האַלטן, דאָך ליב געהאַט. אַז איך האָב אַמאָל געטאָן אַן איבעריקן טרונק בראָנפן, האָט איר געוואָרטשעט „שיקער''... מע טאָר נישט אַזוי, אַ טאַטן טאָר מען נישט... מיילע... איך האָב אויך געהאַט אַ טאַטן און האָב אים אויך נישט בעסער באַהאַנדלט... נאָר אַן עק פון דער זאַך!.. איך בין אײַך מוחל...

ער איז מיד געוואָרן רײדנדיק.

— איך בין אײַך מוחל,— האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן נאָך אַ פּאָר סעקונדן. ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן אַפן בעט און בא-טראַכט דעם אוילעם...

— זע נאָר,— זאָגט ער פּלוצלינג,— די ביקעס! אַרײַנגעשלאָגן די אויגן אין דר'ערד אַרײַן, גלײַך עס קאָן קיין צוויי נישט ציילן!

האַ? פּאָרט אַ שאָד אַ טאַטע! כאָטש אַ שיקער, האַ?

דער יינגסטער זון האָט אויפגעהויבן די אויגן. אין דער אייגענער רעגע האָבן אים די ברעמען אָנגעהויבן ציטערן, און ער האָט אַרויס-געלאָזט אַ געוויין. די רעשט ברידער זײַנען אים נאָך. אין אַ מינוט אַרום איז דאָס גאַנצע פיר-איילנדיקע שטיבל פול געוועזן מיט יעלאָלע...

דער קראַנקער האָט געקוקט און געשעפּט נאַכעס...

— נו, — מאַכט ער ראַפּטום מיט אַ פרישן קויעך,— גענוג! איך האָב מוירע, עס וועט מיר צופיל אַ שאָד זײַן! גענוג, קינדער! פּאָלגט אַ טאַטן!

— רעצייעך! — שרײַט מירל,— רעצייעך, לאָזן זיי וויינען, זייערע טרערן העלפן, ריבוינעשעלוילעם...

— שוויַג, מירל,— האקט איר דער קראַנקער איבער,— איכ האָב דיר שוינ געזאָגט, איכ האָב מיַנם שוינ אָפגעשפּילט... גענוג... ע! כאַים, בערל... יוינע... אלע! הערט! געשווינד, נעמט די קיילים!

אלע גלאָצנ אוים די אויגנ.

— איכ היים,— מאכט דער קראַנקער,— איכ בעט איַיכ! טוט מיר צוליב, נעמט די קיילים אונ קומט צו צום בעט!

די קינדער האָבנ געפאָלגט אונ ארומגעשטעלט זיכ באַם בעט; דריַ פידל, איינ קלארנעט, א באַס, א טראָמפּייט...

— לאָז מיכ הערנ ווי די קאַפּעלע וועט שפּילנ אָנ מיר...— מאַכט דער קראַנקער.

— מירלשי, איך בעט דיך, רופ דערווײַל אַרײַנ אונדזער שאַכנ.

דער שאַכנ איז געוועזנ דער שאַמעס פונ דער כעוורע-נויסים. מירל האָט נישט געוואָלט לעכאַטכילע גײן, נאָר ער האָט אָפ איר גע-קוקט מיט אַזאַ מינ געבעט, אַז זי האָט אים געמוזט פאָלגנ. (שפּעטער האָט זי דערציילט, אַז דער „מירלשי" אונ דער קוק פאַרנ טויט זײַנענ געווענ גאָר, לעהאַוודל, די אייגענע, ווי באַלד נאָך דער כופּע... „איר געדענקט, קינדער, מאַכט זי, זײַנ זימ קאָל אונ זײַנע אויגנ!")

דער שאַמעס פונ דער כעוורע-נויסים איז אַרײַנגעקומענ, ער האָט געוואָרפנ אַנ אויג אָפנ כוילע אונ געזאָגט:

— זײַט מויכל, מירל, רופט אַרײַנ אַ מיניענ.

— מע דאַרפ נישט, — רופט זיך אָנ דער קראַנקער, — וואָס טויג מיר אַ מיניענ? איך האָב מײַנ מיניענ, מײַנ קאַפּעלע! גיי נישט, מירל, איך דאַרפ נישט קיינ מיניענ...

אונ, אויסדרייענדיק זיך צו די קינדער, מאַכט ער:

— הערט, קינדער... שפּילט אָנ מיר, ווי מיט מיר, שפּילט גוט... זײַט נישט קיינ שקאָצימ אָפ אָרעמע באַסענעס... האַלט ערלעך די מוטער, אונ צינד — שפּילט מיר אָפּ די ווידע... אונדזער שאַכנ וועט פאַרזאָגנ...

אונ די פיר-איילנדיקע שטוב איז געוואָרנ פול מיט מוזיק.

1891

א פארשטערטער שאבעס

(א בילד)

האלב שאבעס! א בערגל מיסט בא דער טיר — צום ארויסוואַרפן; די לאָקשן ליגן אָפּגעשווענקט אין שיסל, מע דארף זיי נאָר באגיסן מיט א לעפל יויך, זיי זאָלן זיך נישט צוזאַמענקלעפּן. אפן טיש איז גרייט בראָנפן אפ קידעש; א קוילעטש מיט א כאלע — צום באדעקן מיט א זײַדן כאלעטישטעכל!

זאָרעך, דאָס יונגע באלעבעסל, איז שוין אָפּגעוואַשן. מיט צוויי פינגער פון יעדער האנט דריקט ער אויס דאָס וואסער פון די פייעס. מיריאָם, די יונגע באלעבאָסטע, שטייט בא אים און פוצט אים צו די קאפּאָטע.

— א, דו... שלימויז! — שמייכלט זי צו אים. — אָנדערטהאלבן יאָר נאָך א כאסענע מאכט מען אזוי צורעכט מאלבושים! זע! דאָ אפן

לאז! זעסט? א פלעק פון כיילעוו! — זי קראַצט מיט די נעגל, גייט איבער מיט דער באַרשט.

— גענוג שוין,— בעט זיך זאַרעב,— די הענט וועלן דיר ווי טאָן! דו קאָנסט דאָך שוין קוים דעם אָטעם כאַפּן, לאָז שוין אָפּ!

— אַ-וואַ! גלייבער, זיי זאָלן אַ ביסל ווי טאָן, איידער מע זאָל זאָגן אין בעסמעדרעש, אַז דו האָסט אַ ווייב — אַ שמאָדער, וואָס פּוצט דיר אפילו די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע נישט אָפּ!

זי געפינט נאָך אַ פלעק, בייגט זיך נאָכאַמאָל איין און פּוצט. דאָס בלאַסע פּאָנעם רויטלט זיך, די אויגן בליצן און שווער ווערט איר דער אָטעם,— אירס האָט זי דאָך אויסגעפירט... זאַרעב קושט זי אפּן קאָפּ.

— וואָס געפעלט עס דיר אַזוי? — רייסט זיך מיריאָם אויס מיט אַ געלעכטער.— די האָר-באַנד?

— שעם דיך כאָטש פאַר דער מאַמען,— האָט זי צוגעגעבן שטיל.

די האָר-באַנד, וואָס זי טראָגט אפּן קאָפּ, און די מוטער, וואָס שטייט איצנד איבערגעדרייט צום ספאָרים-שענקל און זוכט מיקלוי-מערעשט דעם טייטש-כומעש — זיינען איר צוויי שטיינער אפּן האַרצ.

פאַר דער כאַסענע האָט מיריאָם געהאַט אַ פּאָר דיקע לאַנגע צעפּ פון בלאָנד-זיידענע האָר. אַלע מיידלעך האָבן איר די צעפּ מעקאַנע גע-ווען. אַז זי פלעגט דורכגיין דעם מאַרק, פלעגן מענטשן טראַכטן: אָט, דער יעיצערהאָרע גייט. זאַרעב — דעמלט שוין איר כאָסן — פלעגט ציטערן פאַר פרייד, אַז ער האָט אַמאָל באַקומען אירס אַ צאָפּ אין דער האַנט אַריין; נאָר מישטיינסגעזאָגט, ווען איז עס אים געראָטן? אַ קנאַפּ יאָר זיינען זיי געווען כאָסן-קאַלע... גע ען האָבן זיי זיך אָבער קוים עטלעכע מאָל... איינמאָל — שוועס באַנאַכט (הוישאַנע-ראַבע האָט מיריאָם מוירע געהאַט פאַרן יאָם-האַדין); איינמאָל האָבן זיי זיך ארויסגענאַרט סימכאַסטוירע פון האַקאָפעס; נאָכאַמאָל האָבן זיי זיך געטראָפן באַלעמוייעד-פּייסעך אפּן שפּאַציר הינטער דער

שטאָט... און דעמלט טאקע האָט מען זיי „געבאַפּט"! עס איז געוואָרן א געדרודער, א געשרייעריי. דער ראָוו האָט געשיקט רופן די עלטערן; געזאָגט זיי, אז ער גלייבט בעעמונע שליימע, אז עס זיינען ערלעכע קינדער, פונדעסטוועגן איז זיין אייצע, מע זאָל באלד שטעלן א כופּע...

מיריאַמס מוטער — די „לאנגע פערל" — האָט אפילע קיין צייט נישט געהאט צו מאכן אלע איינשאַפן. זאָרעכס פאָטער, דער שטריקן-מאכער, האָט גאָר נישט געהאט דעם גאנצן נאדן; א כופּע האָט מען דאָך געשטעלט! און פאר דער כופּע האָט מען אָפּגעשוירן די בלאָנד-זיידענע האָר!

מיריאַם האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן.

זיצנדיק צווישן די באָבערים, האָט זאָרעך — אזוי דערציילט ער — דערפילט, ווען מע האָט זיך גענומען צו די צעפּ. עס האָט אים א שניט געטאָן אין הארץ! בא דער גילדענער יויך האָבן זיי ביידע אויסגעזען ווי „עס וואָלט זיי אונטערגעגאנגען א שיף מיט זויער-מילך".

אך, די האָר-באַנד, די האָר-באַנד!

די האָר וואָלטן צוריק געוואקסן, מע זאָל זיי נישט דארפן אלעמאָל אונטערשערן! זאָרעך זאָגט אפילע, אז עס זיינען פאראן אזוינע שטעט, ווו יידישע טעכטער טראָגן שייטלען, טייל אפילע — אייגענע האָר; ווייסט מען דאָך, אז ער איז א שטיק אפּיקוירעס, דער זאָרעך. „ווען גאָט זאָל אים העלפן, זאָגט ער, ער זאָל געווינען אפּ דער לאָטע-רייע (פון פּויכערעריי ניסאשער צו ווערן איז שעלוי-קעדערעך-האטע-ווע), וואָלט ער איבערגעלאָזט דער שוויגער א פּאָר טויזנטער און ער מיט מיריאַם-לעב וואָלטן אוועק אין איינע פון די גרויסע שטעט!"...

מיריאַם אָבער וויל נישט הערן און גֶעדענקען! זי בעט זיך ראַכ-מים בא זאָרעכן, ער זאָל נישט ריידן דערפון, זי קושט אים און האלדזט אים, ער זאָל בעסער שווייגן.

ערשטנס, ווי לאָזט מען עס איבער אליין א מאמען; טאקע מיט געלט, נאָר טאָמער ווערט זי, כאסוועשאָלעם, קראנק... א מענטש איז די יאָרן... ווער וועט איר דערלאנגען א לעפל וואַרעמס וואַסער? צווייטנס, האָט מיריאַם-לעב אליין מוירע פאַר דער אוווירע! עס זיינען טאקע דאָ אזוינע שטעט; אז זאָרעב זאָגט, איז אוואַדע עמעס, זי גלייבט, — נאָר א קאשע אַפּ א מייסע! סדוים וועאַמוירע פון טייטשכומעש זיינען אויך שטעט געווען, מיט נאָך ערגערע מינהאָגים, איינזערנע בעטלעך פאַר אָרכים... יעסוימים האָט מען אויסגעשמירט מיט האָניק... נו, קעהאיוים! און ווער ווייסט, אויב מאָרגן וועט נישט דער איבערשטער אראָפּשיקן זיינע מאַלאָכים זיך אָנצוהאַלטן און אין איין רעגע איבערקערן די היינטיקע סדוים וועאַמוירעס?

זי ווייסט, אז גאָט, באָרוך-הו, איז אַן ערעך-אַפּאַיִם; ער וואַרט אוואַדע... עפּשער וועלן זיי טשוווע טאָן!..

— נו, אקלאל, — זאָגט מיריאַם, — דאַרפן מיר זיך אריינלייגן אין קראנקן-בעט?

— ניין, זאָרעב, — זאָגט זי, — איך וויל נישט... אז מע זאָגט מע טאָר נישט, טאָר מען נישט...

פון דער מוטער האָט זי נאָך מער צאָרעס.

די לאנגע סערל האָט ליב די טאָכטער מער ווי צען מוטערס צוזאַמען; קיין שלעכט וואָרט וועט זי איר נישט זאָגן. — נאָר זינט מע האָט „געכאַפּט די כאָסן-קאלע", האָט זי אַפּ זיי שטענדיק אַן אויג... היט זי זיי אָפּ!

— דו ביסט, — זאָגט זי צו מיריאַמען, — א פרומע נעשאָמע, נאָר א ווייך האַרץ האָסטו; און קעגן דעם יעיצערהאָרע מוז מען האָבן אַן אייזערנע גוווּרע. א מענטש מוז זיך שטעלן ווי א לייב, ווייל דער יעיצערהאָרע איז ערגער ווי א שלאַנג!

און זי האָט זיך געכומען צו דער גוטער, נאָר שוואַכער טאָכטער, צו דער פרומער, נאָר שוואַכער נעשאָמע, זי אונטערצוגאַרטלען קעגן יעיצערהאָרע! און נאָך יעדן „אונטערגאַרטלען" בלײַבט מיריאַם אויס מענטש! עס טוט איר ווײ דאָס האַרץ; באַנאַכט שרעקן זי אַלערלײ כאַלוימעס...

קוים גײט זאָרעך אַרויס פון שטוב, הײבט זיך אָן דאָס מוסער־זאָגן.

סערל איז אַ מושלעמעס, לײענט אײוורע־טײַטש ווי אַ וואַסער; קען דאָס טײַטשכומעש מיטן קאַוו־האַיאָשאָר מיטן ריישים־כאָכמאָ און נאָך עטלעכע אַזוינע ספאָרים קימאַט אויסנווייניק; אין גענעם איז זי קלאָר; זי איז אין יעדן ווינקעלע, ווי אין דער היים! זי ווייסט, וווּ מע קאָכט אין הײסער סמאָלע, וווּ מע ברענט מיט שוואַרצן פײַער, און שײדים בראָטן די נעשאָמעס, ווי הינדלעך אויפֿן שפּיז! זי איז קלאָר אין גאַנצן שולכן־אָרעך פון יענער־וועלט: פאַרוואָס מע הענגט אויף דער צונג... מע וואַרפט צווישן הימל און ערד, און אָדלער און קראָען רײַסן אויס שטיקער פלײש; פאַרוואָס מע לויפט אַרום אין וועלדער, און ווילדע כײַעס בײַסן די פיענטעס; פאַרוואָס מע שינדט אָפּ די הויט, מע וויקלט אײַן אין שטעכעדיקע דערנער... און מע הײסט נאָך שעפּן וואַסער מיט אַ קאַן אָן אַ דנאָ... אײן גליק איז נאָר, וואָס גאָט איז פול באַרעמהערציקײט! ער וויל נישט מער, נאָר מע זאָל טשוווע טאָן... און מיריאַם הערט דאָס אַלץ אויס מיט האַרץ קלאַפּן, מיט ציטערדיקע ליפּן און אַ פּאָנעם ווי קרײַד.

זי שרעקט זיך... זי ווייסט, אַז אַ מענטש איז זינדיק... ערגער איז אין די טעג, ווען אַן אישע איז פול מיט שײדים, ווען אַרום איר טאַנצן רוכעס־ראָעס... ווען אַן אישע טאָר נישט קוקן אין שפּיגל אַרײַן, פון אירע בליקן זאָל קײן פלעקן נישט ווערן! איר הויך איז דאָך דערמלט מיט טומע, די קלײדער — באַשיט מיט דיבוקים, מיט פּיפּער־נאָטערס! ווי געציטערט האָט זי דערמלט פאַר זאָרעכן...

און נאָכ איידער עס האָט זיכ עפּעס אָנגעהויבנ, האָט שוינ די מא-
מע מוירע געהאט, וואָס אמאָל געפרעגט: טאָכטערשי, עפשער שוינ?
עפשער האלטסטו עס בעסאָד, עפשער ווילסטו דיר פארזינדיקנ די יונ-
גע יאָר?.. זע, קוק נאָכאמאָל, טאָמער פּאָרט! עפשער האָסטו נישט גוט
אכטונג געגעבנ.

— מאמעשי, — פרעגט אמאָל מיריאָם, — פארוואָס האלט עס זאַ-
רעכ אזוי פאר גרינג? ער לאכט אפילע, אז איכ ווארפ אימ די שלי-
סעלעכ?

— אנ אוולע, א גרויסע זינד! — זאָגט די מאמע. — נאָר א מאנס-
פארשוינ איז שוינ בעטעווע אזוי... מישטיינס געזאָגט, זיי וויסנ דענ...
און וואָס האָט אזוינער מוירע? ער כאפּט אמאָל ארײַנ א פיירעק
מישנײַעס, ווערנ אימ זעקס בלאט כאטאָימ אויסגעמעקט פונ בוכ! און
ווענ איז זייער יאָמ-האדינ? איינ מאָל אינ יאָר — יאָמים-נויראָימ...
אָבער אנ אישע, נעבעכ, א שעאָסאני קירצוינוי, דאָס איז ווי אינדי-
טשקעס! א ליאדע וואָס, איז אפ זיי, ראכמאָנעליצלאנ, א פּעגירע!
הײַנט זע, בעשאסנ טראָגנ, בעשאסנ האָבנ — דעמלט הענגט דאָכ יאָ
די נעשאָמע אפ א האָר! סאמע יאָמימ-נויראָימ! און וואָס, מישטיינס-
געזאָגט, זאָל אונדז מאצל זײַנ? דאָס טײַטשכומעש!.. א קאטאָוועס, א
מענטש אָנ ציצעס... אינגאנצנ דרײַ מיצוועס: כאלע, נידע, האדלאָקאס-
האנייר... מיט כאלע איז נאָכ נישט אזוי געפערלעכ! מע קאָנ נאָכ
יויצע זײַנ! האדלאָקאס-האנייר אויכ... פרײַטיק צוועלפנ, מאכט מענ
שאבעס... אָבער יענצ... עס איז זיכ דענ גאָר צו דערהיטנ?

— אז דײַנ אויג, — זאָגט זי, — קוקט אפ דעמ אייגענעם אָרט, ווי
זײַנ אויג, אז דײַנ הויכ טרעפט זיכ צוזאמענ מיט זײַנ אָטעמ, — שוינ!
לילים כאפּט דאָס שוינ אופּ, זי קריגט שוינ שליטע, זי פליט ארופּ
גלײַכ צומ קיסיי-האקאָוועד, מיטנ הויכ, מיטנ בליק, מאכט דערפונ אנ
אייסעק! באלד הייבנ אָנ שטארבנ יוילדוימ... קליינע קינדער...

און מיריאַם האָט זיך וגעפילט זינדיק פאַר גאָט פאַר א סאַך אַזוי-נע „בליקן" מיט „הויכן"... נאָך אַזאַ הויך אָדער אַזאַ בליק האָט זי נעכט נישט געשלאָפן פאַר פאַכעד, איר נעשאָמע זאָל נישט אַרופליען און אַליין אָנשרייבן אין בוך!..

איינמאָל איז געקומען אין שטעטל אַריין דער אָקרו:שנאָי סוד. מע איז געלאָפן אָפּ זיין וווּנדער. מיריאַם איז איינמאָל אויך געגאַנגען זען: עס איז געוועזן באַלד נאָך דער כאַסענע — גלוסטן זיך אַזוינע זאַכן. האָט זי געזען דריי סודיאַס, א פּראָקוראָר, א פּעקרעטאַר און איינעם, וואָס מע האָט געמישפּעט... אין וואָס עס גייט, האָט זי נישט פאַרשטאַנען, נאָר דערנאָך, אַז מע האָט אויסגערופן: קאַטאָרגע, האָט זיך דער פאַרמישפּעטער א וואָרף געטאָן אָפּ דער ערד, וגלייך א דונער האָט אים דערשלאָגן... פון דעמלט אָן האָט זי נאָך מער פּאַכעד פאַרן בעסדן-שעל-מײַלע! דאָ האָט זיך דער פּראָקוראָר א ביסל געקוקט; דאָרט וועט ריידן דער סאָטן! מיט שוואַרץ פײַער וועט ער שיטן, קאָ-כנדיקער פּעך וועט זיך אים גיסן פון מויל... און וואָס, קאַטאָרגע? דאָרט רופט מען אויס: קאַף האַקעלאַ, בראָטן הייסט מען און ברענען!

„ווי וועט עס דעמלט כאַלעשן די נעשאָמע!" טראַכט מיריאַם, און עס ווערט איר קאַלט אין אַלע אייוורים, אין האַרץ הייבט אָן שטעכן ווי מיט נאָדלען!

פון דעם אַלעם ווייסט נישט זאָרעך. אַז ער איז דאָ אין שטוב, שווײַגט די מוטער. דעמלט איז מיריאַם לוסטיק און פרייליך. גאָר אַן אַנדער מענטש...

ווען אָבער איז ער אין שטוב? פרײַטיק פאַרנאַכט, שאַבעס... א גאַנצע וואָך האָט ער דאָך זײַן מיסכער! מוז ער דאָך זײַן אין גאַס...

באַנאַכט האָט מען אויך נישט קיין רו... די לאַנגע סערל שלאָפט נישט האַלבע נעכט. קריכט אַרום, גייט אויף און אָפּ, לייענט הויך די לאַנגע קרישמע מיטן גאַנצן אַלכעט... זאָרעך קריצט טיילמאָל מיט די

ציין, דאָב מוז ער שווײַגן. ער האָט אמאָל דער שווייגער א שלעבט וואָרט געזאָגט, האָט זיך מיריאַם די אויגן אויסגעוויינט! מער וועט ער די נארישקײַט ניט טאָן... די ציין קריצן, נאָר שווײַגן מוז מען.

פון דער שוויגערס מוסער-זאָגן האָט ער גאָרנישט געוווּסט; ער זעט, אז מיריאָם ווערט וואָס אמאָל שוואכער, בלאסער, אז זי כאַפּט זיך וואָס אמאָל אָפּטער אָן בא דער ברוסט, אָטעם פארפעלט איר... און ער שמייכלט! ער האָפּט אפ נאכעס! טיילמאָל פאלט אים אײַן, אז מע וואָלט געדארפט עפשער רופן א דאָקטער. ער טוט עס דאָך נישט, און ברענגט עס נישט איבער די ליפּן פאר מוירע, ער זאָל זי נישט איבער-שרעקן... זײַט א קורצע צײַט שרעקט זי זיך אלץ איניינעם. נאכט אפ נאכט שרעקט זי זיך. א קאץ לאָזט זיך הערן פון דאך, א הונט גיט א ביל אין גאס,— עמעצ קלאפט ערגעצ אין א טיר, א ליאדע שאָרב שרעקט זי, זי לאָזט ארויס א געשריי און בלײַבט ליגן פארציטערט, האלב פארכאלעשט... ברענג איר א דאָקטער, פאלט זי בעעמעס, כאס-וועשאָלעם, ארײַן אין א קרענק.

אָפּט מאכט זיך דערפון א שמועס.

— וואָס איז דיר, מיריאָם-לעב, וואָס פעלט דיר?

— מיר,— ענטפערט מיריאָם מיט א בלאסן שמייכל אפ די ליפּן,— מיר? אז דו ביסט נאָר דאָ אין שטוב, איז מיר וויל ווי די וועלט! מע זאָל אונדז נאָר קיין אײַנאָרע נישט געבן!

זי ציטערט פאר אן אײַנאָרע; מע האָט זי דען נישט מיט וואָס מעקאנע צו זײַן! אז זאָרעכ דרימלט אײַן שאבעס נאָכן עסן, גייט זי גאנץ אָפּט שטילערהייט צו און בלאָזט אפ אים; עס איז זומער, דאָס פענצטער איז אָפן, א קאשע אפ א מײַסע? עמעצ גייט דורך און ווארפט ארײַן אן אײַנאָרע, עס דאכט זיך איר, אז מע מוז זי מעקאנע זײַן, אז עס איז קיין שענערער, קיין באשמעקטערער מענטש אפ דער וועלט נישטאָ! קרוינפּוילן אויסצופאָרן!

ווער שמועסט, טראַכט זי, ער זאָל נאָך זײַן אָפּגעהיט אין יע־נע זאַכן! אַ ביסל מער אָפּגעהיט!.. נאָר, ווײַטער דאָס אייגענע, ער איז דאָך, ווי די מוטער זאָגט, אַ מאַנסאַפּאַרשוין, ער האָט גאַנצע טאַריאַג מיצוועס... איז דאָס בײַ אים גאָר קיין יוכעס נישט...

זאַרעב מיינט, אַז עס מוז איר פּאַרט עפּעס זײַן, נאָר זי ליגט שטיין און ביין: „וואָלט ער נאָר אין דער היים געווען... שטענדיק אין דער היים"...

ער הערט און שמייכלט; די עמעסע קאַוואָנע פֿון די רייד פאַר־שטייט ער אָבער ניט; און זי וועט קיינמאָל נישט פאַרמאַסערן די מאַ־מען. ער וועט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס זי לײַדט, ווען ער איז נישטאָ...

אצינד אָבער פאַלט צו שאַבעס... אצינד מעג זאַרעב גיין... זאָל ער גיין דאַוונען... שאַבעס האָט זי פאַר דער מוטער קיין מוירע נישט; שאַבעס זאָגט זי קיין מוסער נישט... שאַבעס „איז די מאַמע אַ ווילע מאַמע"!

— מיריאַם־לעב, — מאַכט זי צו איר, אַז זאַרעב איז אַרויסגעגאַנ־גען,— הײַנט איז שאַבעס, פּוץ דיך אָפּ, טו דיר אָן אַ קלײדל... אַז דײַן מאַן וועט נאָכן דאַוונען קומען מיט די מאַלאָכים אין שטוב אַרײַן, זאָלסטו אים אַקעגן לויפן מיט אַלעם גוטן, פאַר דעם וועסטו זוּכע זײַן...

— ...אַ גראָבן קוש פֿון זאַרעבן — ענדיקט מיריאַם מיט אַ גע־לעכטער.

דער מוטער געפעלט אפילע נישט דער אויספיר, עס איז דאָך אָבער שאַבעס, שאַבעס־לעב, און זי וועט קיין בייז וואָרט נישט ריידן. זי נעמט זיך צום טײַטשכומעש, טוט אָן אַ פּאָר גרויסע ברילן און לייענט.

מיריאַם הערט זיך אײַן. אָפּט הערט זי מיטן גאַנצן האַרץ. טייל טײַטשעס געפעלן איר זייער. זי צעלאַכט זיך, אַז עס קלינגט ווי אַ זיל־

בערנ גלעקל, ווענ דאָס יִנגל אווּראָהאָמ, וואָס האָט צעהאקט דעמ אלטנ טערעכס שטיינערנע געטער, זאָגט דעמ אלטנ: אז דאָס האָט דער גרעסטער פונ זיי געכאפּט דעמ האמער אונ צעהאקט אלע קליינע: דאָס הארצ ציטערט איר פאר שרעק, יִצכאָק זאָל נישט דערקענענ, אז דאָס „מאָלציַיט" דערלאנגט אימ יאנקעוו, נישט אייסעוו; טרערנ קו-מענ איר אינ די אויגנ אריַינ, ווענ יאנקעוו טרעפט זיכ מיט ראָכלענ בא דעמ ברונעמ; לאָווענענ איז זי א סוינע אפנ לעבנ, פארוואָס ער האָט יאנקעוונ גענארט. ווענ עמעצ, לעמאָשל, נארט אזוי אָפּ זאָרעכנ... ברר! עס ווערט איר קאלט אינ אלע אייווורימ. פאר דאָס, שפּעטער, אז יאנקעוו קריגט ביידע: אי לייענ אי ראָכלענ, ווערט זי רויִקער; זי ווייסט דאָכ, אז עס איז געווענ פארנ ביידעמ דעראביינע גיירשוימ...

היַינט גייט די סעדרע טרומע; מע ברענגט דאָס אונ יענצ צומ מישקנ... דאָס אינטערעסירט זי ווייניקער... זי איז מיד אונ שלעפעריק.

דאָס קעפּל צעוויגט זיכ, די ברעמענ פאלנ צו, זי דרימלט איַינ... א גוטער, כיינעוודיקער שמייכל באוויַיזט זיכ איר אפנ בלאסנ פּאָ-נעמ... עס הייבט זיכ אָנ צו רויטלענ... נאָר עס וועקט זי דער מוטערס שטימע:

— מיריאָמ!

— וואָס, מאמעשי, איכ הער...

— נישט דאָס מיינ איכ...

— וואָס דענ, מאמעשי?

— לויט מיַינ רעכענונג איז היַינט... פארשטייסט, טאָכטערשי, איז היַינט די ציַיט...

— נאָכ נישט, מאמעשי!

— גיב נאָר גוט אכטונג, טאָכטער!

מיריאָמ דרימלט וויַיטער איַינ; די זעלבע זילבערנע שיסל מיט די זילבערנע לעפל, אונ די מוטער וועקט זי וויַיטער.

— זיבער — נאָכ נישט?

ליידער איז שוינ געוועג „שוינ״...

— א שאָד! — מאַכט סערל. — א פאַרשטערטער שאבעס.

זי זיפצט אָפּ אונ פאַרטיפט זיכ צוריק אינ טײַטשכומעש... ווײַטער נעסיִימ, שיסל, לעפל... מיריאָמ דרימלט ווײַטער אײַנ, נאָר דאָס פּאָ-נעמ רויטלט זיכ נישט, קיינ שמייכל צירט נישט די פײַנע ליפּנ...

אינ דער צײַט האָט זאָרעכ אָפּגעדאַווענט, אונ כאַפּט זיכ שטילערהייט אַרויס פונ בעסמעדרעש, עס זאָל אימ קיינער נישט פאַרהאַלטנ. ער לויפט איבער דער גאַס...

אז ער קומט צו דער טיר, שטעלט ער זיכ אָפּ. ער הערט זיכ אײַנ, וואָס אינ שטוב טוט זיכ... די שוויגער לייענט... מיריאָמ זיצט אוואַדע אונ הערט, שטאַרק פאַרנומענ ווי געוויינלעכ. ער וויל זי איבעראַשנ.

שטיל עפנט ער די טיר... די שוויגער הערט נישט, מיריאָמ שלאָפט.

מיט איינ שפּרונג איז ער בא איר אונ ער קושט זי באַמ „גוט-שאבעס!״...

— פּוישע בעעלויהיי יִסראָעל! — גיט סערל א געשריי.

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער מע האָט די פאַרציטערטע מיריאָמ דערמינטערט.

עס איז געווענ א פאַרשטערטער שאבעס.

1892

א קאָס פונ א ייִדענע

דאָס קלײנע שטיבל איז פאַרכױשעכט, װי אינ אים דער דאַ-
לעס, אַפ װעלכנ עס װײנענ אַלע פיר װענט... אינעם אָפּגע-
ריסענעם סופיט שטעקט א האַקנ — א יאָסעם נאָכ א גע-
װעזענעם הענגלײַכטער. דער גרױסער, אָפּגעשײלטער אױװנ
איז „אַרומגעגאַרטלט באַ די לענדנ" מיט א גראָבנ זאַק, שטײט איבער-
געבױגנ אינ א זײַט, אונ קוקט אַריבער צו זײַנ פינצטערנ שאָכנ — צום
לײדיקנ שװאַרצנ קױמענ, אַפ װעלכנ עס ליגט אנ איבערגעדרײטער
טאָפּ מיט אנ אָנגעבראָכנ ראַנד, אונ אינ א זײַט, אנ „אַלעװאַשאָלעמ",
א צעבראָכענער לעפל. דער בלעכענער גיבער האָט געהאַט אנ ערלעכנ
טױט: ער איז געפאַלנ אינ דער מילכאָמע מיט אױסגעדאַרטער, אײַנ-
געשפּאַרטער, נעכטיקער קאַשע!

דאָס שטיבל איז איבערגעפילט מיט קײלים; עס שטײט א הימל-
בעט, פאַרהאַנגענ מיט צעריסענע פאָרהענגלעכ... דורכ די לעכער קוקט

ארום דאָס בעטגעוואַנט, אַן ציבעלעכ, מיט רויטע פאַרפערערטע אויגן. עס שטייט א וויגל, פון וועלכנ עס שײַנט ארוים א גרוים געלבלעכ קעפּל פון א שלאָפנדיק קינד... עס שטייט א קאַסטן, באַשלאָגנ מיט בלעכ, מיט אַן אָפענעם הענגשלאָס,— עס מוז שוין דאָרט קיינ גרויס אשירעס נישט זײַנ,— עס שטייט נאָכ א טיש מיט דרײַ בענקלעכ; דאָס הילצערנע מעבל איז אמאָל רויט געפארבט געוועזנ, הײַנט איז עס טונקל ברודיק... רעכנט נאָכ צו: א שאַפ, א פּאָמיעס-שאַפ, א פּאַס וואַסער, א קאָטשובע מיט א לאָפּעטע, וועט איר פאַרשטיינ, אז מע קענ שוינ אינ שטיבל פונ דאַלעד אַל דאַלעד קיינ שפּילקע נישט ארײַנוואַרפנ...

און דאָכ זײַנענ דאָ: אַנ ע ר און א ז י.

זי — א ייִדענע אינ די מיטעלע יאָרנ — זיצט אפנ קאַסטנ, וואָס פילט אוים דעם אָרט צווישנ הימל-בעט און דער וויג.

זי האָט רעכטס דאָס איינציקע, קליינע, פאַרגרינטע פענצטער; לינקס — דעמ טיש. זי אַרבעט א זאַק, שאָקלט צו דאָס וויגל מיטנ פוס און הערט זיכ אײַנ, ווי ע ר לערנט באַמ טיש. און ער לערנט מיט א זינגענדיק-וואָלאַכיש-וויינענדיק קאָל. ער לערנט און באַוועגט זיכ אוםרויק, אָפּגעריסנ און נערוועז. טייל ווערטער שלינגט ער, טייל ציט ער, טייל כאַפּט ער, טייל היפּערט ער איבער; טייל אקצענטירט ער און דריקט אוים מיט ליבשאפט, טייל שיט ער גלײַכגילטיק ארוים, ווי אַר-בעס פונ א זאק; דערבײַ רוט ער נישט א רעגע: דאָ כאַפּט ער ארוים פונ קעשענע אַנ אמאָל רויט און גאַנצ געוועזענע פאַטשיילע, ווישט זיכ די נאָז, דעם שוויים פונ פּאָנעם און שטערנ, באַלד לאָזט ער זי אראָפּ אפנ שוים און כאַפּט זיכ קרײַזלענ די פּייעס, צופּנ דאָס שפּי-ציקע, ערטערוווײַז קוים גרוילעכע, בערדל... אָט באַהאַלט ער אַנ אוים-געצופּטע האָר אינ סייפער ארײַנ און הייבט זיכ אָנ פּאַטשנ אפ דער קני, די הענט דערפילנ דערווײַל די פאַטשיילע, כאַפּנ זי און וואַרפנ א

שפּיץ אינ מויל ארײַנ; ער בײַסט, װאַרפֿט איבער אײנ פֿוס אפֿנ צװײטנ און טוישט אַלע מינוט די פֿיס.

בײַ דער גאַנצער צײַט קנײטשט זיכ אים זײַנ בלאַסער שטערנ אינ דער לענג און אינ דער ברײט, עס קנײטשט זיכ אײס א קאָמעץ איבער דער נאָז. די לאַנגע ברעמענ װערנ, אונטער דער איבערגעלײגטער הויט פֿונ שטערנ, קימאַט פֿאַרלוירנ. דערװײַל גיט אים, דאַכט זיכ, עפּעס א שטאָכ אינ דער ברוסט; כאַפּט ער און דערלאַנגט זיכ מיט דער רעכטער האַנט אפֿ דער לינקער זײַט אַנ „אַלכעט”... ראַפּטום פֿאַרלײגט ער דעמ קאָפּ לינקס, דריקט צו מיט א פֿינגער די לינקע זײַט נאָז, מאַכט מיט דער רעכטער זײַט א קינסטלעכע פֿאָנטאַנע, װאַרפֿט איבער דעמ קאָפּ רעכטס, די פֿאָנטאַנע שפּריצט פֿונ דער לינקער זײַט נאָז!.. אינמיטנ כאַפּט ער א שמעק-טאַבאַק, צעהוידערט זיכ בעסער, דאָס קאָל קלינגט, דאָס בענקל קנאַקט, עס רודערט דער טיש!

דאָס קינד װעקט זיכ נישט; עס איז געװוינט צו דער מוזיק.

און זי, דאָס יונגערהײט אײַנגעשרומפּענע װײַב, זיצט און שעפּט נאָכעם פֿונ מאַנ. זי לאָזט פֿונ אים קײנ אויג נישט אַראָפּ; איר אויער פֿאַרלירט קײנ אײנציקנ טאָנ פֿונ זײַנ מויל... אַמאָל זיפֿצט זי: ער זאָל אַזוי, טראַכט זי, טויגנ צו דער װעלט װי צו י ע נ ע ר, װאָלט איר דאָ אויכ װויל און ליכטיק געװעזנ... דאָ אויכ...

— „מאַ! — טרײסט זי זיכ — װער שמועסט פֿונ א קאָװעד! נישט יעדער איז זויכע צו בײדע טישנ”.

זי הערט זיכ אײַנ... איר אײַנגעשרומפּנ פּנימ ענדערט זיכ, דאָס אויכ װאָס אַמאָל; זי איז אויכ נערװעז:

ערשט איז דערופּ אויסגעגאָסנ געװעזנ א װילדע האַנאָע; אַזױפֿיל נאָכעמ האָט זי פֿונ זײַנ טוירע געשעפּט... דערמאָנט זי זיכ, אַז הײַנט איז דאָכ שוינ דאָנערשטיק, אַז עס איז דאָכ קײנ דרײַער אפֿ שאַבעס נישטאָ, און דאָס גאַנײדנ-ליכט אפֿנ פּנימ װערט װאָס אַמאָל טונ-

קעלער און טונקעלער, ביז דער שמייכל פאַרשווינדט פון גאַנצן פּנים... דערנאָך וואַרפט זי א בליק דורכן פאַרגרינטן פענצטער, קוקט אַף דער זון: עס מוז שוין זײַן שפּעט און עס איז נאָך אין שטוב קיין לעפל וואַרעם וואַסער נישטאָ, — און די שפּיזלעך בלײַבן איר שטיין אין דער האַנט, א טונקעלער שאָטן האָט שוין דאָס פּנים באַדעקט. זי וואַרפט אן אויג אַפן קינד: עס שלאָפט שוין אומרויִק, עס וועט זיך באַלד אופכאַפּן, עס איז פאַרן קראַנקן קינד קיין טראָפּן מילך נישטאָ — און פון שאָטן איז שוין א וואָלקן געוואָרן, די שפּיזלעך הייבן אָן אין דער האַנט צו ציטערן, צו וואַרפן זיך...

און אַז זי דערמאָנט זיך נאָך, אַז, אויסער דעם, גייט צו פּייסעך... אַז די אוירינגלעך מיט די בענטשלײַכטער זײַנען פאַרזעצט, דער קאַסטן — לער, דער הענגלײַכטער — פאַרקויפט, הייבן אָן די שפּיזלעך גאָר מערדעריש טאַנצן, דער וואָלקן אַפן פּנים ווערט טונקל-בלוי, אָנגעלאָדן... אין די קליינע, גרויע אויגן, וואָס מע זעט קוים אַרויס פון אונטערן טיכל אַפן קאָפּ, באַווײַזן זיך — בליצן!

ער זיצט נאָך אַלץ און לערנט: ער באַמערקט נישט, אַז עס מאַכט זיך א געוויטער, אַז עס ווערט אַלעמאָל געפערלעכער... אַז זי לאָזט אַרויס דעם זאָק מיט די שפּיזלעך פון דער האַנט און הייבט אָן קנאַקן די אויסגעדאַרטע פינגער, אַז זי קנייטשט אײַן דעם שטערן פאַר ווייטעק, איין אויג ווערט צוגעמאַכט און דאָס צווייטע קוקט אַף אים מעסער-שפּיציק, אַפן מאַן, דעם לאַמדן, אַז עס וואָלט אים, ווען ער זאָל עס זען, קיל געוואָרן אין אַלע אייווּרים; דאָך ער זעט נישט, ווי אירע בלויע ליפּן ציטערן, ווי די גאָמבע ציטערט, ווי עס קלאַפּט איר א צאָן אָן א צאָן... ווי זי האַלט זיך אײַן מיט אַלע קויכעס, נישט אויסצוברעכן... ווי דער דונער רײַסט זיך און רײַסט, און עס דאַרף נאָר א קלייניקייט, ער זאָל אַרויס פון מויל.

דאָס קלייניקייט האָט זיך געטראָפן:

ער לערנט און זאָגט „שמע מיניה — — — תלת...“ און טשעטשעט זיך אויס בענימעס: „איז דאָך פונדאַנען געדרונגען...“ ער וויל זאָגן: הרי — נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען“ איז שוין געגוג געווען... אָן דעם וואָרט האָט זיך אָנגעכאַפּט דאָס פאַרביטערטע האַרץ, דאָס איז געווען דער פּונקט צום פּולווער!

איר שטאַרקער ווילן פּלאַצט. דאָס אומגליקלעכע וואָרט האָט גע-עפנט אַלע פאַרהאַמערטע טויערן, אויפגעהאַקט אַלע ריגלען... אויסער זיך איז זי צוגעשפּרונגען צום מאַן מיט פּיאַנע אין מויל, מיט נעגל אין פּאַנעם אַרײַן.

— געדרונגען, זאָגסטו, געדרונגען? אוי! אַ דרינגעניש זאָל אַף דיר קומען, ריבוינעשעלוילעם! — האָט זי אויסגעשריִען מיט אַ הייזעריק קאָל פאַר קאַס. — אַ דרינגעניש, ריבוינעשעלוילעם! יאָ! יאָ! — האָט זי ווײַטער מיט אַ שלאַנגען-קאָל געסיטשעט: פאַר פּייסעך... דאָנערשטיק... ס׳קינד קראַנק... קיין טראָפּן מילך! האַ!

עס פאַרפעלט איר אָטעם, די אײַנגעפאַלענע ברוסט שלאָגט פּאַ-ליעס, פון די אויגן יאָגן בליצן.

ער בלײַבט ווי פאַרשטיינערט. בלייך איז ער אויפגעשפּרונגען פון בענקל, אָן אָטעם פאַר שרעק, און האָט זיך הינטערווײַלעכס גערוקט צו דער טיר.

זיי שטייען איינס קעגן אַנדערן און קוקן זיך אָן: ער מיט גלע-זערנע אויגן פאַר שרעק, זי — מיט ברענענדיקע — פאַר קאַס... ער באַמערקט דאָך באַלד, אַז זי האָט פאַר קאַס קיין שליטע נישט, נישט איבער דער צונג, נישט איבער די הענט, די אויגן ווערן אים אַלעמאָל קלענער; ער כאַפּט אָן עק פאַטשיילע אין מויל אַרײַן, רוקט זיך נאָך אַ ביסל אָפּ, אָטעמט טיפער אָפּ און מורמלט:

— הער, דו, אישע... ווייסטו, וואָס איז ביטל-טוירע, נישט לאָזן דײַן מאַן לערנען, האַ? אַלץ פּאַרנאָסע, האַ? און ווער גיט דעם פּיי-

געלע! אלץ נישט גלייבן אין גאָט! אלץ יעיצערהאָרע, אלץ נאָר די וועלט... נארישע אישע... מארשאס! נישט לאָזן לערנען א מאן... דער-פאר קומט גענעם...

אז זי ענטפערט נישט, ווערט ער שטארקער בא זיך! איר פּאָנעם ווערט בלייכער און בלייכער, זי ציטערט אלעמאָל מער, און וואָס מער זי ציטערט און ווערט בלייכער — פעסטער און ראשער ווערט זיין קאָל:

— גענעם! פייער! הענגען אָפּ דער צונג! ארבע מיסעס בעסדן!

זי שווייגט, דאָס פּאָנעם אירס איז שוין ווי א קרייד.

ער פילט, אז ער טוט נישט גלייך, אז ער דארף זי נישט אזוי קרענ-קען, אז ער רעדט נישט ערלעך; נאָר איינהאלטן קען ער זיך שוין נישט. אלעס שלעכטע, וואָס ער האָט ביז אהער אין זיך געהאט, שיט זיך אים ארויס, ער קען עס נישט איינהאלטן.

— ווייסט וואָס טייטש? — גייט זיין קאָל איבער ווי אין א בייזן דונער: סקילע — דאָס הייסט: ווארפן אין גרוב אריין און פארשיטן מיט שטיינער! סרייפע, — פירט ער ווייטער און וואונדערט זיך אליין אָפּ זיין האָזע, — סרייפע, דאָס הייסט: ארייננגיסן אין די געדערים א לעפל הייס-קאָכנדיק-זידנדיק בליי! הערעג איז בסיף... דאָס הייסט: מע האקט אָפּ דעם קאָפּ מיט א שווערד... אָט אזוי! — און ער מאכט א באוועגונג מיט דער האנט ארום האלדז. הייַנט — חנק... ווערגן... הערסט — ווערגן! פארשטייסט — ביטל-טוירע! אלץ פאר ביטל-טוירע!

דאָס הארץ טוט אים שוין ווי פאר ראכמאָנעס אָפּ זיין קאָרבן. נאָר עס איז אים דאָס ערשטע מאָל, ער זאָל אזוי גוייווער זיין... עס פארשיקערט אים! אזא נארישע יידענע! ער האָט ביז אהער גאָר נישט געוווּסט, אז מע קען זי אזוי איבערשרעקן.

— אַט דאָס איז ביטל־טווירע! — שרייַט ער ענדלעך אויס. ער האָט דאָך אַפּ, זי קען דאָך צו־זיך קומען און כאַפּן אַ בעזעם! ער שפּרינגט צוריק צו צום טיש, פאַרמאַכט די געמאָרע און לויפט אַרויס...

— אין בעסמעדרעש אַרייַן גיי איך! — שרייַט ער איר צו, שוין מיט אַ ווייכערער שטימע, און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

דאָס געשריי מיטן קלאַפּ פון דער טיר האָט אופגעוועקט דאָס קרענקלעכע קינד. עס הייבט לאַנגזאַם אויף די שווערע ברעמען, דאָס וועקסן־געל פּאָנעם פאַרקרימט זיך, און עס הייבט אָן צו פּייַפן אונטערן געשוואָלענעם גאָל. נאָר זי שטייט אַלץ אויף איר אָרט, אויסער זיך, ווי פאַרשטיינערט, און הערט נישט דעם קינדס קאָל.

— האַ! — רייַסט זיך איר ענדלעך אַ הייזעריק קאָל פון דער פאַר־ענגטער ברוסט אַרויס, — אַזוי — נישט די וועלט, נישט יענע וועלט... הענגען — זאָגט ער, ווערגן — זאָגט ער, הייסע סמאָלע, בלייַ — זאָגט ער! ביטל־טווירע!

— גאָרנישט... מיר גאָרנישט... — העשעט איר אין צעריסענעם האַרץ: דאָ הונגער... אָן אַ קלייד... אָן בענטשלייַכטער... אַלץ נישט... דאָס קינד הונגעריק... קיין טראָפּן מילך... און דאָרט — הענגען... הענגען אויף דער צונג... ביטל־טווירע — זאָגט ער.

— הענגען... כאַ! כאַ! — רייַסט זיך ראַפּטום אויס איר פאַר־צווייפלט קאָל... — הענגען, יאָ, נאָר דאָ! דאָ — באַלד! אַלציינס! נאָך וואָס וואַרטן?

דאָס קינד הייבט אָן העכער צו וויינען, נאָר זי הערט אַלץ נישט.

— אַ שטריק! אַ שטריק! — שרייַט זי אויסער זיך, און זוכט מיט פאַרבלאָנדזשעטע אויגן אַ שטריק אין אַלע ווינקעלעך.

— אַ שטריק ווו נעמט מען? זאָל ער שוין מייַן געביין דאָ נישט טרעפן! לאָמיך כאָטש דאָס געניטם פּאָטער ווערן! זאָל ער וויסן! זאָל

ער זײַנ א מאמע! זאָל ער! א קאַפּאָרע בינ איכ! א מאלכאמאָוועס! אנ עק! אנ עק זאָל זײַנ! א שטריק!

און דאָס לעצטע וואָרט רײַסט זיכ איר פונ האלדז ארויס, ווי א רופ אפ הילפ בא א סרייפע.

זי דערמאָנט זיכ, אז עס ליגט ערגעצ א שטריק... יאָ, אונטערנ אויוונ... מע האָט געזאָלט אפנ ווינטער דעמ אויוונ איבערבינדנ, זי מוז נאָכ דאָרט ליגנ...

זי לויפט צו און געפינט די שטריק: א פרייד — זי האָט געפונענ דעמ אויצער! זי וואַרפט אנ אויג אפנ סופיט — דער האָקנ זיצט... זי דאַרפ נאָר אפנ טיש ארופ.

זי שפּרינגט אַרויף —

נאָר פון דער הייך דערזעט זי, אַז דאָס דערשראָקענע, פּאַרבאַ־לעשטע קינד איז אויפגעזעצט, עס בייגט זיך איבערן ווינקל; עס וויל אַרויס! אַט, אַט, פאַלט עס אַרויס...

— מאַמע! — האָט דאָס קינד קוים אויסגערעדט פון שוואַכן העלדזל.

עס כאַפּט זי אָן אַ נייער קאַך.

זי וואַרפט אַוועק די שטריק, שפּרינגט אַראָפּ פון טיש, לויפט צו צום קינד, און וואַרפט אים דאָס קעפּל אָפּ קישן צוריק, שרייענדיק:

— מאַמזער! אפילו הענגען לאָזט עס מיך נישט! אפילו נישט הענגען בעשאָלעם! עס וויל שוין ציצען... ציצען וויל עס... אָ! סאַם וועסטו ציצען פון דער ברוסט! סאַם!

— נאַ, פרעסער, נאַ! — שרייט זי אויס אין איין אָטעם, און שטופּט דעם קינד די אויסגעדאַרטע ברוסט אין מויל אַריין:

— נאַ, צי, בייס!..

1893

דאָס שטרײַמל

זײַן בין איך א קירזשנער, נאָר דעריקער — א שטרײַמל־מאכער. עמעס איז, אז דאָסראָוו פּאַרנאָסע האָב איך פֿון פּויערשע סיערמיענגעס און טרעגער־פּעלצלעך.

עס פֿאַלט אויך אמאָל אַרײַן לייב מילנער מיט שאָפֿן־פּעלץ...

עמעס איז, אז א שטרײַמל טרעפֿט זיך זעלטן, זייער זעלטן: דען — ווער טראָגט הײַנט א שטרײַמל? א ראָוו! און א שטרײַמל לעבט אים שטענדיק איבער...

אויך איז עמעס, אז ווען עס טרעפֿט זיך שוין א שטרײַמל, מאך איך עס ערשט אומזיסט, אָדער האַלב אומזיסט. לעכאָלאָפּאָכעם — לייג איך מײַן ארבעט צו. דאָס אַלעס בין איך מוידע, און דאָך בין איך דעריקער א שטרײַמל־מאכער, ווײַל א שטרײַמל האָב איך ליב צו מאכן!

אז עס קומט מיר אין די הענט אריין, איז „אבדיי בלויסי״ —
פיל איך ערשט, וואָס איך בין און וואָס איך קאָן!

פון וואָס דען — זאָגט אליין — זאָל איך האנאָע האָבן?

איך פלעג אמאָל נאכעם האָבן פון פויערשע סיערמיענגעס...

ערשטנס, פארוואָס נישט?

צווייטנס, האָב איך מיר געטראכט: „דאָס פויערל גיט אונדז ברויט, ער ארבעט זומער אזוי שווער און ביטער, און איך קאָן אים נישט שיצן פאר דער זון, וועל איך כאָטש ווינטער, ווען ער רוט, אים אָפּ-היטן פון קעלט!״

און, דריטנס, האָב איך געהאט א פיין לידעלע דערצו!

א יונגערמאן בין איך געווען, א קאָל האָב איך געהאט ווי א גלאָק, און איך פלעג נייען און זינגען:

שטעך, נאָדל, שטעך,
א לעדער, ווי א בלעך,
א פוטער, ווי א בארשט!
ס׳מאכט זיך א סיערמיענגע פיין,
ס׳וועט דעם פויערל ווארעם זיין...
מיריאָם-לעב, מיך דארשט!

און אזוי ווייטער! נאָך עטלעכע סטראָפן... און דאָס גאנצע לידל, פארשטייט זיך, איז נאָר געמאכט געוואָרן פארן „מיימער-האמוס-גערם״ וועגן, עס זאָל אויסקומען דער — „מיריאָם-לעב, מיך דארשט!״

ווייל איר מוזט וויסן, אז די הייניטיקע אישע-צנוע מאָראס מיריאָם-דוואָשע איז דעמלט נאָך קיין גאבעטע נישט געווען; זי האָט מיך נישט גערופן, ווי היינט, „בערל קאָלבאס״, נאָר „בערעלע״, און איך פלעג זי רופן „מיריאָם-לעב!״ עס איז, באאוויינויסיינו-האָראבים, גע-

ווען א גרויס ליבשאפט צווישן אונדז, און קוים האט זי דערהערט דעם „מיימער-האמוסגער״ — אז מיך דארשט, האט זי מיר באלד דערלאנגט א ביסל ווינשל-שנאפס! שנאפס האט א גרויסע פולע אפן קויעב-האדאם, און איך פלעג זי טאקע טאב-קעדיי-דיבער אנכאפן באם קלייד, דערלאנגענ א ברענענדיקן קוש אין די רויטע קירשן ארײַן... און דאפלט דערפרישט, נעמען זיך צוריק צו דער סיערמיענגע!

הײַנט — אויס קירשן!

א י ך הייס „בערל קאלבאס״, ז י „מיריאם-דוואשע״...

אויב ביז איך געוואר געווארן, אז ערד איז דא ווייניק, פויערים — א סאך... מע זאגט: צופיל... אז די „איבעריקע״ פויערים לײַדן הונגער; אז אפילע פון זעקס מארג ערד קאן מען אויך נישט לעבן, אז ווינטער, דעריבער, רוט דאס פויערל נישט.

עס גייט ערשט א „זוואזקע!״

א שיינע רו האט ער עס ווינטער! גאנצע טעג און נעכט פירט ער ווייץ אין לייבלס מיל ארײַן!

וואס קלערט איר? איך קאן א סאך נאכעס האבן, אז מײַן סיער-מיענגע, מײַן פראצע, ווערט א גאנצן ווינטער אויסגעווייקט, נאכ-קריכנדיק א פאר פעגירעשע פערד, וואס שלעפן לייבל מילנערס טווע פאר 13 גראשן פער זאק, פאר פינף מײַל וועגס!

פיש! און וואס האב איך פאר א נאכעס פון א טרעגער-פעלצל?

א גאנצן ווינטער טראגט עס זעק מיט מעל אין לייבל מילנערס מיל ארײַן און א גאנצן זומער ליגט עס פארזעצט אין שענק פאר כײַ גראשן.

עלעל-צײַט, אז מע ברענגט עס מיר אופצוריכטן, ווער איך נאך שיקער פון רייעב פון שלעכטן בראנפן!

און אז לייבל מילנערס שאפן-פעלץ, ביכווידוי אווועאצמוי, פאלט מיר אין די הענט ארײַן, ווי מיינט איר, האב איך נאכעס דערפון?

עס איז טאקע א שאָפּנ-פּעלצ, עס איז טאקע א קאָוועד, מע האָט טאקע דערפאר דערעכערעצ אינ שטעטל; נאָר מיר קומט דערפונ קיינ גוטס נישט ארויס.

איכ האָב א מיִעסע טעווע געקריגנ: איבער וואָס איכ זע, האָב איכ ליב צו קלערנ: פונוואנענ עס קומט? פארוואָס עס איז אזוי? צי קאָנ נישט אנדערש זיינ? אונ אזוי ווי איכ קריג לייבל מילנערס פּעלצ אינ דער האנט ארײַנ, הייב איכ אָנ צו קלערנ:

ריבוינעשעלוילעמ! נאָכ וואָס האָסטו באשאפנ אזויפיל מינימ פּעלצנ? פארוואָס האָט איינער א שאָפּנ-פּעלצ, דער צווייטער א טרעגער-פּעלצל אונ דער דריטער א סיערמיענגע אונ א פערטער גאָרנישט?

אונ קוימ הייב איכ אָנ קלערנ, פארטראכט איכ מיכ, די נאָדל בלײַבט שטיינ, אונ האָדשע-צנוע מאָראס מיריאָמ טיכיע ווארפט מיר, וואָס עס קומט איר אונטער דער האנט, אינ קאָפּ ארײַנ...

זי וויל גלײַכ מיט אלע, אז „בערל קאָלבאס" זאָל ווייניקער קלערנ אונ מער ארבעטנ...

נאָר וואָס זאָל איכ טאָנ, אז איכ מוז קלערנ! אז איכ ווייס פאָרט, אז לייבל מילנער לאָזט זיכ נישט פריִער איבערשטרײַכנ דעמ שאָפּנ-פּעלצ, ביז ער רײַסט נישט אָפּ א גראָשנ פונ זאק דער סיער-מיענגע, אונ דעמ אייגענעמ גראָשנ פער פוד דעמ פּעלצל...

נו, זאָל איכ פונ דעמ נאכעס האָבנ?

אכ, איכ האָב שיר נישט פארגעסנ!

א וואָכ פאר סליכעס האָט זיכ מיר שיר נישט געמאכט א נײַע מאָדנע ארבעט... וואָס ווײַבער קאָנענ! עס קומט ארײַנ פריידל די גא-בעטע מיט שרעקלעכ גרויסע האנטשו אפ די הענט — איכ קוק מיכ צו, עס איז א פּאָר פּויערשע שטיוול — איכ האָב געמיינט, אז איכ פּלאצ פאר געלעכטער.

— גוט-מאָרגן! — מאַכט זי צו מיר מיט איר זיס-אָפּגעריסן קעלכל. — גוט-מאָרגן, בערעלע!

זי איז מײַן װײַבס באַװערטע, און איז זיך נויהעג, פּונקט װי די גאַנצע שטאָט, און רופט מיך שטענדיק „בערל קאַלבאַס"; הײַנט: בערעלע! און אַזוי זיס, אײַנגעמאַכטס דערפון צו פּרעגלען! פאַרשטיי איך שוין, אַז זי דאַרף עפּעס צו מיר...

איך קלער, אַז זי האָט די פּויערשע שטיװל פון אַ װאָגן אַראָפּגעצויגן (עס איז דאָך נישט ערגער פאַר קלײנגעלט פון צדקה-פּושקע) און װיל באַ מיר די סחורה באַהאַלטן! — פרעג איך זי שטרענג:

— װאָס װילט איר?

— באַלד מיטן „יִרגאָזן", — ענטפערט זי נאָך זיסער, האָניק רינט איר פון אַלטן מויל אַרויס, — באַלד „װאָס װילט איר?" און װוּ איז דער „גוט-יאָר"!

— זאָל זײַן „גוט-יאָר", נאָר אַן עק.

— װאָס אײַלסטו דיך, בערעלע, — שמייכלט זי נאָך זיסער, — אָט בין איך געקומען דיך פרעגן, אויב דו האָסט נישט עטלעכע שטיקלעך פוטער.

— און װאָס איז, אַז כ'האָב?

— װאָלט איך דיר אָנגעשלאָגן אַן אײסעק, — מאַכט זי.

— נו? אַרויס דערמיט! רעדט!

— דו זאָלסט זײַן אַ גוטער, „בערעלע", װאָלסטו מיר אויסגעבעטן אָט די שטיװל מיט שטיקלעך פוטער! איך װאָלט געהאַט אין װאָס צו גײן צו סליחעס, און דו װאָלסט דיר גאָר װאָלװל אַ מיצװה געקויפט! איר פאַרשטייט אַ מיסחר? אַ „װאָלװעלע מיצווה!"

— איר װייסט דאָך, — זאָג איך איר, — אַז בערל קאַלבאַס איז נישט קיין באַל-עסקן אָפּ מיצװעס?

— נאָר װאָס? פון אַן אָרעמער ייִדענע װעסטו געלט נעמען?

— נו, נישט קיין געלט! איך וועל אײַך עס טאָג פֿאַר טאָג אַ קליי־ניקײַט! א י ך וועל אײַך אויסבעטן די שטיוול, און א י ר וועט נאָר מיר דערציילן אײַערע כאַטאָס־נעורים...

וויל זי נישט, האָב איך זי אָפּגעשיקט צו אַן אײַנבינדער!

בעט איך נישט קיין שטיוול אויס! עס איז מיר אַזוי אויך נימעס־אומאָעס פֿאַרן לעבן! איר לאַכט? און דאָך, אַז איך האָב נישט קיין שטרײַמל, איז מיר אַלעס נימעס־אומאָעס! וואָרעם וואָס? אַף וואָס אַר־בעט איך? אַלץ דעם שטיק כוימער אָנצולייגן! און מיט וואָס? מיט ברויט און מיט קאַרטאָפֿל, ברויט אָן קאַרטאָפֿל און גאַנץ אָפֿט נאָך מיט קאַרטאָפֿל אָן ברויט! קעדײַ?

גלייבט מיר, אַז אַ מענטש אַרבעט פּופֿציק יאָר און עסט פּופֿציק יאָר טאָג־טעגלעך קאַרטאָפֿל, מוז אים נימעס־אומאָעס ווערן דאָס לעבן! מוז אים דאָך אַמאָל אײַנפֿאַלן — זיך, אָדער לייבל מילנער, אַ מײַסע צו טאָן! און אויב איך עס ווײַטער רויק מײַנע קאַרטאָפֿל און אַרבעט ווײַטער, האָב איך עס נאָר דעם שטרײַמל צו פֿאַרדאַנקען!

אַז איך קריג אַ שטרײַמל אין דער האַנט אַרײַן, ווערט מיר אויפֿ־געפֿרישט דאָס בלוט אין די אָדערן, ווייס איך, נאָך וואָס איך לעב!

. . . .

מאַכנדיק דאָס שטרײַמל, פֿיל איך, אַז איך האַלט אַ פֿויגל אין דער האַנט, און אָט וועל איך זי עפֿענען, וועט דער פֿויגל אַרופֿלױען הויך, הויך, קוים מיטן אויג צו דערזען!

און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן: דאָס איז מײַן פֿויגל, א י ך האָב'ן געמאַכט, איך האָב'ן אַרופֿגעשלאָגן אין דער הייך!

אין שטאָט, באָרעכאַשעם, האָב איך קיין דייע נישט, צו קיין אַסי־פֿע רופֿט מען מיך נישט, אַליין גיין, בין איך קיין שנײַדער נישט, איך קום נישט קימאַט אַרויס אין גאַס אַרײַן! איך האָב קיין שטאָט נישט נישט אין שול, נישט אין בעסמעדרעש, נישט בײַ אַ מיניען!

איך האָב אַפּ גאָרנישט, אינ ערגעצ ניט צו שאַפנ... אינ דער היים איז מאָראַס מיריאָמ די רעביטעדקע! איידער איך פרוו עפענענ דאָס מויל צו ריידנ א וואָרט, באַהאָגלט זי מיך שוינ מיט קלאָלעס! זי ווייסט שוינ, וואָס איך וויל זאָגנ, וואָס „בערל קאַלבאַס" מיינט, אונ עס קאָכט!

נו, וואָס בינ איך? א גאָרנישט, אונ דאָך, לאָז איך אַמאָל ארויס א שטריימל אפ קאָהאָל — בייגט זיך קאָהאָל אינ דרייענ!

איך זיצ אינ דער היים אונ שווייג, אונ מיינ שטריימל שאָקלט זיך אויבנאָנ אפ א כאַסענע, אפ א ברים, אפ א סודאַס-מיצווע... עס הוידעט זיך איבערנ גאַנצנ אוילעמ בא דער קאַלפע בא א דינטוירע!

אונ אז איך דערמאָנ מיך אינ דער גדולע, וואַקסט מיר טאַקע דאָס האַרצ...

* * *

קעגניבער מיר וווינט א שמוקלער... איך בינ אימ אָסער נישט מעקאַנע!

זאָל זיינער אנ עפּאָלעט, אָדער א שליפע, זאָגנ אפ אייננ אָקס „טרייפ!" אונ אפנ צווייטנ „קאָשער!" אדעראַבע, לאָמיר זענ! אונ אז מיינ שטריימל זאָגט אפ פיר אָקסנ דורכאַנאַנד: „טרייפע!" ווערט דער קאַצעוו אויסגעריסנ, די העקער-יונגענ באַהאַלטנ די ציינ אינ בייטל, דאָס גאַנצע שטעטל האָט נייע „ניינ טעג", א גאַנצע סאָטניע קאָזאַקנ קריגט פאַר זעקס גראָשנ א פונט פלייש, אונ פאַרפאַלנ! עס רעדט קיינער נישט א וואָרט!

אָט דאָס הייסט א גוווּרע!

איך געדענק דענ נישט?! פאַראיאָרנ איז געווענ א פּעגירע אפ שאָפ.

עפעס, זאָגט מענ, מאַכנ די שעפעלעך אזוינע מאָדנע האַקאָפּעס, ביז זיי פאַרדרייענ די קעפּלעך אונ פאַלנ אנידער טויט! איך בינ נישט געווענ דערביי; „האַקאָפעס" איז „האַקאָפּעס", נאָר מינאַסטאַמ האָט שוינ יענקל קאַצעוו געהאַט וואָלוול שאָפנ-פלייש!

דער וועטערינאַר איז געקומען און געזאָגט: טרייף! מע הערט אים ווי די קאַץ!

ער האָט אַראָפּגעבראַכט פּידעלייַ עפּאָלעטן, אַ פּאָר שליפעס! מע האָט זיי אַלע אָוועקגעגאַנווועט דאָס פלייש פון אונטער די הענט, און נאָך אפן דריטן טאָג האָט דאָס גאַנצע שטעטל געהאַט וואָלוול קאָשער פלייש אפּ וועטשערע!

בא מיין שטריימל גאַנווועט מען נישט! עס דאַרף קיין שליפעס, קיין עפּאָלעטן נישט, ער אַליין רירט זיך אויך נישט פון אָרט! און קאָלזמאַן מיין שטריימל זאָגט נישט: עס! עפנט זיך אין שטעטל קיין מויל נישט אויף!

איר מיינט עפּשער, אַז די גוואַרע שטעקט אין דעם, וואָס איז אונטערן שטריימל? אָסער כאַזער!

איר ווייסט עפּשער נישט, וואָס דערונטער איז?

איך, באָרעכאַשעם, וויים!

די ברייע איז, באָרעכאַשעם, פרייער אין נאָך אַ קלענער שטעטל אַ מעלאַמעד געוועזן, און מיין טאַטע, אָלעוואַשאָלעם, איידער ער האָט געזעגנט, אַז עס וועט שוין פון מיר קיין לייט נישט זיין, האָט ער מיך אַהין געשיקט צו דער ברייע לערנען! עס איז געוועזן, ראַכמאָנעליצ־לאַן, אַ שלימאַזל, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט! אַ זעלטענער מעלאַמעד!

די באַלעבאַטים האָבן געזען, אַז ער קען זיך נישט אַפּ קיין „צו־ראַס-מאַטבייע", האָבן זיי אים באַלד אָפּגעריסן אַ העלפט סבירעס, און די צווייטע העלפט געצאָלט מיט אָפּגעריבענע צווייערס פאַר דרייערס, אָדער מיט בלעכענע פערציקערס; די רעבעצן האָט געזען, אַז זי וועט מיט אים מיט גוטן נישט אַרויס, פלעגט זי אים טאָגטעגלעך דאָס בערדל אויסצופּן!

און איר האָט איר נישט וואָס פאריבל צו האָבן!
ערשטנס, האָט געפעלט פּאַרנאָסע; צווייטנס, האָט א ייִדענע ליב צו צופּן; דריטנס, האָט ער שוין אזא בערדל געהאַט, וואָס האָט זיך געבעטן, קימאַט געבאַלעשט, מע זאָל עס צופּן! עס האָט אזוי באַשײמפּערלעך געבעטן, אז מיר, תּלמידים, האָבן זיך אויך נישט געקאָנט איינהאלטן, און אלעמאָל האָט זיך אן אנדערער געמוזט אראָפּלאָזן אונטערן טיש, צוכאַפּן זיך צום רעבנס בערדל און אויסרייסן א האָר!
נו, זאָגט אליין! קאָן אין אזא ברזע שטעקן א געווירע?
עפשער מיינט איר, ער איז מיט דער צייט אנדערש געוואָרן?
אָסער כאזער! עס איז איין אים קיין שום ענדערונג נישט געשען! די אייגענע קליינע, פארלאָשענע, מיט אייטער פארגאָסענע, באטלאָנישע, שטענדיק דערשראָקענע אויגן!..
עמעס, פאר דאבקעס איז אים דאָס ערשטע ווייב געשטאָרבן, נו, וואָס איז? מײַ נאפקעמינע? צופּט אים דאָס צווייטע דאָס בערדל! וויבאלד עס בעט זיך, עס באלעשט. מע זאָל עס צופּן, אז מע קאָן עס נישט אָפּזאָגן! און איך אליין, ווען איך זע עס, קומט מיר אויך דאָס וואסער אין מויל ארײַן, א צופּ צו טאָן!
נאָר, וואָס דען איז געשען? נישט מער נאָר, וואָס איך האָב אים א שטרײַמל געמאכט!..
איך בין מוידע-אומיסוואדע, אז נישט מײַן אייצע איז עס געוועזן! מיר וואָלט עס גאָרנישט אײַנגעפאלן!
קאָהאָל האָט באשטעלט און איך האָב געמאכט; נאָר קוים איז דאָס אייגענע קאָהאָל געוואָר געוואָרן, אז דאָס שטרײַמל, וואָס זיי האָבן בא מיר באשטעלט, וואָס איך פּרעמער „בערל קאָלבאס" האָב געמאכט, קומט צו פאָרן און איז שוין א וויאָרסט הינטער דער שטאָט, איז עס ארויסגעלאָפן מיט א סימכע, מיט א גדולע! קינד-און-קייט איז ארויס-

געלאָפנ, קראנקע זייַנענ פונ די בעטנ ארויס! מע האָט אויסגעשפּאנט די פערד, אונ גאנצ קאָהאָל האָט זיכ אפ איינמאָל געוואָלט אייַנשפּאנענ אונ שלעפּנ מייַנ שטרייַמל; גאָט ווייסט, וואָס פאר א מאכלויקעס עס וואָלט דערפונ ארויס! וואָס פאר א פּעטש, וואָס פאר א מעסירעס... ווענ נישט וואָס א כאָכעמ האָט אנ אייצע געגעבנ: מע זאָל מאכנ א ליציטאציע!

אונ לייבל מילנער האָט געגעבנ כיי מאָל כיי זעהוווימ, אונ ער איז געוועזנ דאָס ערשטע פערד!

נו, שמעקט נישט א גוורע אינ מייַנ שטרייַמל?

* * *

מייַנ אישע-צנוע רופט מיכ (אכוצ בערל קאָלבאס) נאָכ באלטעוועניק, אזעסמעכוצעפּניק, ניוולפּעניק, קאָלבויניק אונ וואָס דאָס וואסער ברענגט איר אינ מויל ארייַנ...

עס איז צמעס, א מענטש איז קיינ כאזער נישט! איכ האָב האנאָע פונ א גלייַכוווערטל; איכ האָב אמאָל ליב לייבל מילנער, אינ די אויגנ אונ הינטער די אויגנ, ארייַנצוזעצנ א שפּילקע.

אויכ, — וואָס וועל איכ דאָ לייקענענ? — די דינסטמיידלעכ, וואָס נעמענ וואסער קעגניבער אינ הויפ באמ פּלומפּ, זייַנענ, באסוועשאָלעמ, קיינ קויהאנימ אונ דוכענענ נישט, — האָב איכ ליב א קוק צו טאָנ...

נאָר, גלייבט מיר, אז נישט דאָס דערהאלט מיכ באמ לעבנ!

מיכ דערהאלט באמ לעבנ איינ זאכ: איכ ווייס, אז איכ לאָז איינ מאָל אינ א יויוול ארויס אנ אוווידעזאָרעלע אפ קאָהאָל, אונ דער גאנצער אוילעמ בוקט זיכ צו איר, צו מייַנ „מאאסיי יאָדייַ“!

איכ ווייס, אז ווענ מייַנ אישע-צנוע ווארפט מיר די שליסלעכ איבערנ טיש, אז דאָס האָט איר מייַנ שטרייַמל אזוי געהייסנ! מיכ הערט זי ווי די קאצ, אָבער מייַנ שטרייַמל מוז זי פאָלגנ!

ווען זי קומט אהיים ערעוו שאבעס וועיאַמטעוו פון יאטקע אָן פלייש און שילט דעם קאצעוו — ווייס איך, אז דער קאצעוו איז א מאקע שולדיק, אז מיין שטרימל לאָזט זי הײַנט קיין קוגל נישט מאכן!

איך ווייס, אז ווען זי נעמט נאָך גאָר א גוטן טאָפּ און וואַרפט אים ארוים אין גאס אריין, אז דאָס האָט נישט זי, נאָר מיין שטרימל דעם טאָפּ ארויסגעוואָרפן! אז ווען זי נעמט און קנײַפּט אוים פון ראָשטשינע א שטיק טייג און וואַרפט עס אין פײַער אריין, און הייבט אוף די הענט און פארגלאָצט די אויגן צום באלקן, ווייס איך גאנץ גוט, אז דער באלקן הייבט דערפון גאָר נישט אָן צו וויסן, — אז דאָס האָט גאָר מיין שטרימל דאָס שטיקל טייג פארברענט!

* * *

און דערבײַ ווייס איך, אז מיין אישע-צנועה איז נישט קיין באַס-יעכידע בא קאָהאָל, און קאָהאָל איז נישט קיין בעניאָכיד בא גאָט; אז קאָהאָל האָט א סאך אזוינע נאָשים-צידקאָניעס, און גאָט, באָרוך-הו, האָט א סאך, א סאך אזוינע קאָהאָלס, און אז מיין שטרימל האָט אי-בער אלע מיליאָנען מיליאסן נאָשים-צידקאָניעס צו שאפן!

מיליאָנען שליסל ווערן געוואָרפן, מיליאָנען ווײַבער מאכן נישט קיין קוגל, מיליאָנען טעפּ פּלאצן אף די שטייענער אין גאס, און פון דעם כאלע-נעמען וואָלט איך מיך אונטערגענומען מעפאַרנעס צו זײַן א פּאָלק עווייוינים!

און ווער טוט דאָס אלעס? אלץ מאאסיי יאָדײַ! אלץ מיין שטרימל!

* * *

ווײַטער דער שמוקלער! אָט זיצט ער קעגניבער דעם פענצטער; זײַן פּאָנעם גלאנצט, גלײַך מע וואָלט עס מיט שמאלץ באשמירט.

וואָס גלאנצט עס? וואָס פּינקלען אים די לויפנדיקע אייגעלעך?

ער האָט אָנגעדרייט א פּאָר גאָלדענע שליפעס!

ערשטנס, ווייסן מיר, וואָס גאָלד און וואָס מישורא איז! און צווייטנס, ווייס איך, אז א פּאָר שליפעס מוזן צען מאָל מער זעלנער האָבן הינטער זיך אלם ליבלס שאָפּן-פּעלץ — סיערמיענגעס און טרעגער-פּעלצלעך! און היינט זאָל פּרוּוון די גרעסטע גאָלדענע שליפע ארויסגעבן א פּריקאז: „צען אָקסן זאָלסטו קוילען און א האלבן קאָבן!“; „קרענק זאָלסטו קיינען, פּירערליי געפּעס האָבן און די מילץ עסן אפ דער לינקער זייט טעלער!“; „פון יעדן ביסן זאָלסטו וואַרפן א שטיק אין פּייער צי אין וואסער אריין!“ אָדער: „יעדער כאָסן מוז מיר פרוער ווייזן זיין קאלע, און יעדע קאלע איר כאָסן!“; „מיט מיר — אלעס, אפילע צעזעצטערהייט, אָן מיר — נישט א לעק“.

די גרעסטע גענעראלסקע שליפע וועט גאָר די פאנטאזיע, די האָזע דערצו נישט האָבן! און ווען יאָ, וואָלט זי געמוזט פארזייען מיט נייע זעלנער די גאנצע מעדינע: בא יעדן בעט אנידערשטעלן כאָטש א פּאָר קאָזאקן, איינער זאָל היטן דעם צווייטן, און ביידע — דאָס בעט!

און וויפל וואָלט דערביי נאָך גנייוועס געשען, וויפל קאָנטראבאנ-דע! וויפל וואָלט מען אָפּגענארט! ריבוינעשעלוילעם, ווי פארמאָגט מען דאָס!

און מיין שטריימל טוט דאָס אלעס, און שטיל און פיין, אָן נא-הייקעס, אָן קאָזאקן!

איך זיצ מיר גאנצ שטיל אינ שטוב און ווייס, אז אָן מיין שטריימלס דערלויבעניש וועט זיך קיינ מוישעלע צו קיינ כאנעלע נישט צורירן, קיינ אויג נישט ווארפן!

כאסוועשאָלעמ!

און פארקערט, אז מיינ שטריימל הענגט אָנ אזא מוישעלען אָדער א כאנעלען א לוטנ-און-לעבער אפ דער נאָז, איז — צום טויט! קענסטו

פון איר נישט אנדערש פֿאַטער ווערן סיידן מיטן לעבן צוזאַמען!
און ווילסטו אזוי לאַנג נישט וואַרטן, מוזטו קומען בעטן, כאַלעשן פאַרן אייגענעם שטריימל: שטריימעלע, ראַטעווע! שטריימעלע, עפֿן מיר אויף די קייטן! לאָז מיך אַרויס פון טפיסע!

* * *

אין עק גאַס איז דאָ א שענק.

זייט מיין אישע-צנועה איז א גאבעטע געוואָרן און גיסט מיר אפ ווײַנשל קיין שנאַפּס נישט אויף, כאַפּ איך מיך דאָרט אַמאָל אַרײַן, דאָס הארץ צו דערכאַפּן! ביפראַט אין א טאָנעס... אַלקאָלפֿאָנעם בין איך דאָך נישט מעכוּיעוו צו פֿאַסטן; עס איז דאָך פֿאָרט מײַן אייגן שטריימל.

דעם שענקער קען איך שוין פון לאַנג... ער לעבט אויך נישט פון מיצוועס און מײַסים-טויווים... נאָר נישט אין דעם בין איך אַצינד אויסן...

צוויי טעכטער האָט ער געהאַט! צוויי שוועסטער פון איין טאַטע-מאַמע! וואָס זאָג איך, א צווילינג! ווי איך בין א ייד.

עס איז דען מעגלעך געווען איינע פון דער צווייטער צו אונטער-שיידן? און א כיינעוודיקער צווילינג, א בראָכע צו מאַכן!

פּענעמלעך — ווי סימכעסטוירע-עפּעלעך פון א פּאָן אַראָפּ! באַ-שמעקט — ווי פּסאָמים-שקעטעלעך; אויפגעוואַקסן ווי לולאָווים, און צוויי פּאָר אויגן, זאָל גאָט שוימער-אומאצל זײַן! אז איינע וואַרפֿט א בליק, דאַכט זיך — א בריליאַנט האָט געבליצט; און אָרנטלעכע קינדער! אין שענק, און דאָך ווײַט פון שענק!

אין אָרנקוידעש אליין וואָלט מען זיי נישט בעסער און ערלעכער דערצויגן!

* * *

אין שענק געבוירן און דאָס זײַנען מאלקעס געווען! עס האָט קיין איינציקער שיקער פאר זיי קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט... קיין סטראזשניק, קיין אקציזניק! עס זאָל געווען דער גרעסטער מאן ארײַנקומען, וואָלט ער אויך, דאכט זיך, די האָ'ע נישט געהאט איי-נער א קניפּ צו געבן אין בעקל—נישט מיט די הענט, נישט מיטן אויג, נישט אפילע אין געדאנק! איך האָב שיר, שיר נישט געזאָגט: אז אין זיי שטעקט מער גוורע, ווי אין מײַן שטרײַמל! און איך וואָלט א גראָבן טאָעס געהאט!

דאָס שטרײַמל, האָט זיך אויסגעוויזן, איז שטארקער, טויזנט מאָל שטארקער פאר זיי!

* * *

א צווילינג! איינע אָן דער אנדערער האָט זיך נישט געוויזן. אז איינער האָט עפּעס ווי געטאָן, האָט די צווייטע דעם אייגענעם שמערץ געפילט... און דאָך — ווי געשווינד האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט...

דאָס אייגענע געטאָן, קוים עטוואָס אנדערש, און דאָך!..

ביידע האָבן זיך פלוצלינג פארענדערט: טיילמאָל זײַנען זיי פריי-לעכער, טיילמאָל טרויעריקער און פארטראכטער געווען ווי פריער! — איך קען אײַך נישט אויסמאָלן, וואָס מיט זיי איז געשען, די רעכטע ווערטער ליגן מיר אף דער צונג, נאָר איך קען זיי נישט ארויסשארן... א מענטש האָט נישט געלערנט... נאָר אין זיי איז עפּעס טיפער, פעס-טער און צוגלײַך טרויעריקער און זיסער געוואָרן...

און מע האָט געוווסט, ווער עס איז שולדיק דערינען: מע האָט גע-טײַט מיט די פינגער אף צוויי מוישעלעך, וואָס האָבן ביידע באנעלעך נאָך שענער, נאָך בעסער, נאָך ביינעוודיקער, נאָך עפּעס העכער גע-מאכט!..

עט, עפּעס האָב איך אַן אַנדער לאָשן באַקומען, עס פּאַסט גאָרניש: פֿאַר אַ קירזשנער! אַ טרער האָט זיך מיר אין די אויגן פֿאַרדרייט: נישט פֿאַר מײַנע יאָרן.

מײַן אישע־צנועה וועט ווײַטער זאָגן: באַלטײַוועניק.

איך וועל אײַך שוין לאַנג נישט ברײַען:

ביידע שוועסטער האָבן דאָס אייגענע געטאָן, קעהאַוואיע דאָס אייגענע, נישט אומזיסט זײַנען זיי דאָך אַ צווילינג געוועזן!

ביידע האָבן מוישעלעך באַקומען, און ביידע האָבן געמוזט אין אַ קורצער צײַט אַרום אַרײַנזעצן קלײנעם אין די קליידעלעך!

שעמט אײַך נישט, דער סיידער־אוילעם איז אַזוי: גאָטס ווילן איז עס, וואָס איז די בושע?

און דאָך ווי אַנדערש איז בײַ יעדערער געשען!

איין שוועסטער האָט געטראָגן פֿראַנק און פֿרײַ: פֿאַר גאָט און שול, פֿאַר לײַט אין גאַס, פֿאַרן סטראַזשניק, אַקציזניק און אַלע געסט אין שענק!

די אייגענע שוועסטער האָט זיך דערנאָך אין דער ווײַט פֿון די שיקורים, אין אַ שטילע שטוב, אין אַ וואַרעמע שטוב, אין אַ ווײַס בעט אַרײַנגעלייגט.

מע האָט די פֿענצטער פֿאַרהאַנגען, די גאַס מיט שטרוי אויסגעלייגט, עס איז אַ באָבע געקומען; מע האָט נאָך אַ דאָקטער געשיקט... דערנאָך איז אַ סימכע געוועזן... און ווי הייסט אַ סימכע!

און עס האָט אָנגעהויבן וואַקסן אַ נײַ קליין מוישעלע — לעטוירע, לעבופֿע אולעמײַסים טויווים, און אַז זי האָט געזען, ווי גוט עס איז, שיט זי שוין יאָר בײַ יאָר קליינע מוישעלעך און איז אַ באַלעבאָסטע אַד האַיוים האַזע...

אָבער די צווייטע האָט געטראָגן בעסאָד סוידעס, ווייען געקריגן אין אַ קעלער, דאָס קינד האָט אָפּגענומען אַ שוואַרצע קאַץ...

איר קליינ מוישעלע ליגט שוינ לאנג ערגעצ אונטער א צוים, מער וועלנ שוינ קיינ מוישעלעכ בא איר נישט זײַנ! אונ איינ גאָט ווייסט, ווו זי אליינ איז אהינגעקומענ — זי איז אוועק!

מע זאָגט, אז זי דינט ערגעצ אפ דער ווײַטער וועלט, אז זי לעקט אָפּ פונ פרעמדע טעלער... אנדערע זאָגנ, אז זי לעבט שוינ נישט מער...

א שלעכטנ סאָפ געהאט!

אונ דער גאנצער כילעק איז געווענ, וואָס דאָס ערשטע איז געשענ אפנ שול-הויפ, אפנ אלטנ בעדגל מיסט, אונטער א ברודיק שטיק וואָלנ צײַג מיט באזילבערטע אויסיעס... נאָר מ י ט נ שטרײַמל, אונ דאָס צווייטע איז געשענ ערגעצ אינ א זינגענדיקנ וואלד אפ פרישנ גראָז מיט פרישע בלומענ, אונטער גאָטס בלויענ הימל, אויסגעזייט מיט זײַנע שטערנ, נאָר אָ נ ע מ שטרײַמל.

עס העלפנ נישט קיינ שמעקנדיקע בלומענ, קיינ זינגענדיקער וואלד, נישט גאָטס הימל, נישט זײַנע שטערנ, נישט גאָט אליינ!

נישט אינ זיי אלע שטעקט די גוורע; אינ שטרײַמל שטעקט זי! נישט אינ פּאנאָנעס, נישט אינ שליפעס, נישט אינ טויזנט מאָל שענערע באנעלעכ, נאָר אלצ אינ שטרײַמל, אינ דעמ שטרײַמל, וואָס איכ, „בערל קאָלבאס“, מאכ.

אונ דאָס נאָר דערהאלט מיכ באמ נארישנ לעבנ פונ קארטאָפל.

1893

מעקובאָלים

אינ די שלעכטע צײַטנ פאלט אפילע טוירע — די בעסטע סכוירע — אויכ.

פונ דער לאשטשיווער יעשיווע איז מער נישט געבליבנ נאָר דער ראָשיעשיווע — רעב יעקל, מיט אייניינציקנ טאלמיד.

דער ראָשיעשיווע איז אנ אלטער דארער ייִד, מיט א לאנגער צעשויבערטער באָרד, מיט אלטע, אויסגעלאָשענע אויגנ; לעמעכ, זײַנ געליבטער טאלמיד, איז א יונגערמאנ, אויכ א דארער, א הויכער, א בלאסער, מיט שווארצע געקרײַזלטע פייעס, ברענענדיקע, שווארצע, אונטערגעשלאָגענע אויגנ, פארבּרענטע ליפּנ און א ציטעריקנ שפּיציקנ גאָרגל; ביידע — מיט „אופּגעבראשעטע" הערצער, אָנ העמדער, ביידע אינ לאכעס: דער ראָשיעשיווע שלעפּט קוים נאָכ א פּאָר פויערישע

שטיוול, דעם טאַלמיד אָן זאָקן פאַלן די שוסטער-שיך אַראָפּ פון די פיס.

דאָס איז געבליבן פון דער באַרימטער יעשיווע!

דאָס פאַראָרעמטע שטעטל האָט אַלע מאָל ווייניקער געשיקט עסן, געגעבן טעג; זײַנען זיך די אָרעמע באָכערים צעקראָכן! רעב יעקל אָבער וויל שוין דאָ שטאַרבן, און זײַן טאַלמיד — לייגן אים די שערב-לעך אַף די אויגן.

און זיי ביידע לײַדן אויך אַמאָל הונגער. פון ווייניק עסן קומט ווייניק שלאָפן, פון גאַנצע נעכט ניט שלאָפן און ניט עסן — אַ ביי-שעק צו קאַבאַלע!

מימאָנעפּשעך, דאַרף מען אויף זײַן גאַנצע נעכט און הונגערן גאַנצע טעג — לאָז מען כאָטש דערפון אַ נוצן האָבן, זאָל כאָטש זײַן: טאַנייסים מיט סיגופים, זאָלן זיך כאָטש עפענען אַלע טויערן פון דער וועלט מיט סוידעס, רוכעס און מאַלאָכים!

און זיי לערנען שוין קאַבאָלע אַ צײַט!

צינד זיצן זיי באַם לאַנגן טיש, איינע אַליין. בײַ יעדן איז צינד נאָך מיטיק — בײַ זיי איז נאָך פאַר פרישטיק. זיי זײַנען דאָך געוווינט דערצו — דער ראָשיעשיווע פאַרגלײַסט די אויגן און רעדט; דער טאַלמיד זיצט אונטערגעשפּאַרט אַף ביידע הענט מיטן קאָפּ און הערט.

— אין דעם זײַנען דאָ — זאָגט דער ראָשיעשיווע — אַ סאַך בכי-נעס: איינער קאָן אַ שטיקל, איינער אַ האַלבן, איינער אַ גאַנצן ניגן. דער רעבע, זיכרוינוי-ליוורואָכע, האָט געקענט אַ גאַנצן ניגן, אַפּילע מיט אַ צושפּיל! — איך (האָט ער צוגעגעבן טרויעריק) האָב קוים די זכיע צו אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס...

ער האָט אָפּגעמאָסטן אַ פּיצל פון דאַרן פינגער און האָט ווײַטער געצויגן:

— עס איז פאראַנען א ניגון, וואָס מוז האָבן ווערטער: דאָס איז גאָר א נידעריקע בכינע... עס איז פאראַנען א העכערע בכינע: א ניגון, וואָס זינגט זיך אליין, גאָר אָן ווערטער — א ריינער ניגון! נאָר דער ניגון דאַרף נאָך האָבן א קאָל... און ליפּן, דורך וועלכע דאָס גייט אַרויס! און ליפּן — פאַרשטייסטו — זיינען דאָך גאַשמיעס! און דאָס קאָל אפילע, עס איז אָן איידעלער גאַשמיעס, גאַשמיעס איז עס!

לאָז זיין, אז דאָס קאָל שטייט אף דער גרענעץ צווישן רוכניעס און גאַשמיעס!

נאָר סיי־ווי־סיי, דער ניגון, וואָס הערט זיך מיט א קאָל, וואָס הענגט אָפּ פון די ליפּן, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אינגאַנצן ריין... נאָך נישט קיין עמעסער רוכניעס!..

דער עמעסער ניגון אָבער זינגט זיך גאָר אָן א קאָל... עס זינגט זיך אינווייניק, אין האַרץ, אין די געדערים!

אָט דאָס איז דער סאָד פון דאָוויד האַמעלעכס ווערטער: „כל עצ־מותי תאמרנה...“ אינעם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער ניגון — דער העכסטער שוואַך פאַר גאָט, באָרוך־הו! דאָס איז נישט דער ניגון פון א באָסערוועדאָם, דאָס איז קיין אויס־געטראַכטער ניגון! דאָס איז שוין א כיילעק פון ניגון, מיט וועלכן גאָט האָט די וועלט באַשאַפן; פון דער נעשאָמע, וואָס ער האָט אַריינגעגאָסן אין איר...

און אַזוי זינגט די פּאַמאַליע־שיעל־מעלע! אַזוי האָט געזונגען דער „ייד“, זיכרוינוי־ליוורָאכע!

דעם לימעד האָט איבערגעהאַקט א צעשויבערטער יונג מיט א שטריק אַרום די לענדן — א טרעגער. ער איז אַריינגעקומען אין בעס־מעדרעש, אַנידערגעשטעלט א שיסל גריץ מיט א שטיקל ברויט אפן טיש נעבן ר׳אָשיעשיווע און מיט א גראָב קאָל געזאָגט: „רעב טעוול

שיקט דעם ראַשיעשיווע עסנ!" און האָט זיך איבערגעדרייט, און, ארויסגייענדיק, צוגעגעבנ: „שפּעטער וועל איך קומענ נאָך דער שיסל!"

ארוים, דורך דעם גראָבנ טרעגער-קאָל, פונ דער געטלעכער האַר-מאָניע, האָט זיך דער ראַשיעשיווע שווער אופגעהויבנ און איז, נאָך-שלעפּנדיק די גרויסע שטיוול, צוגעגאַנגענ צום קוער זיך וואשנ.

גייענדיק, האָט ער וויַיטער געדעדט, נאָר מיט ווייניקער היסלא-וועס, און דער טאַלמיד האָט אים פונ זיַינ אָרט נאָכגעיאָגט מיט די אופגעשפּיצטע אויערנ און ברענענדיקע פארכאָלעמטע אויגנ.

— נאָר — זאָגט וויַיטער ר' יעקל מיט א טרויעריקער שטימע — איך האָב אפילע די זכיִע נישט מאסיג צו זיַינ, אינ וואָס פאר א בכינע דאָס איז! אינ וועלכנ שאאר דאָס קומט! זעסטו, — גיט ער שוינ צו מיט א שמייכל, — די סיגופים מיט די צייערופים, וואָס מע דארפ דער-צו, די וויים איך, און איך וועל זיי דיר נאָך עפּשער היַינט איבער-געבנ!

דעם טאַלמיד קריכנ שיר די אויגנ אוים; ער האלט אָפּנ דאָס מויל צו כאפּנ יעדעס וואָרט; נאָר דער רעבע האקט אָפּ, ער וואשט זיך, ווישט זיך די הענט, זאָגט „שאו ידיכם", גייט צוריק צום טיש און מאכט מיט ציטעריקע ליפּנ די „האמויצע"...

מיט ציטעריקע דארע הענט הייבט ער אונטער די שיסל. די פּארע פארדעקט אים מיט א ווארעמענ דונסט דאָס בייניקע פּאָנעם; דער-נאָך שטעלט ער זי צוריק, נעמט דעם לעפל אינ דער רעכטער האנט און ווארעמט די לינקע האנט אינ ראנד פונ שיסל. דערביַי צעקוועטשט ער מיט דער צונג אָנ די גאָלע דזשיאָנסלעס די רעשט „מויצע" מיט זאלצ.

אָנגעווארעמט דאָס פּאָנעם מיט די הענט, קנייטשט ער שטארק איַינ דעם שטערנ, ציט צוזאמענ די בלאָנע-בלויע דארע ליפּנ און הייבט אָנ בלאָזנ!

בא דער גאַנצער צײַט האָט פֿון אים דער טאַלמיד קײן אױג נישט אַראָפּגעלאָזט. און בעשאַס דעם רעבנס ציטערדיק מױל איז אַקעגנגעלאָפֿן דעם ערשטנס לעפֿל גריץ, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט באַם האַרץ; ער האָט זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּאָנעם מיט בײדע הענט און האָט זיך אָנגעהױבן אײַנגעצױגן.

אין א פּאָר מינוט אַרום איז אַרײַנגעקומען נאָך א יונג מיט נאָך א שיסל גריץ מיט ברױט:

„רעב יאָסעף שיקט דעם טאַלמיד אָנבײַסן!"

נאָר דער טאַלמיד האָט נישט אַװעקגענומען די הענט פֿון פּאָנעם.

דער ראָשיעשיװע האָט אַװעקגעלײגט דעם לעפֿל און איז צוגעגאַנגען צום טאַלמיד. א װײַלע האָט ער מיט שטאָלצער ליבע אױף אים געקוקט, דערנאָך האָט ער אײַנגעהילט די האַנט אין דער פּאָלע און אָנגערירט אים דעם אַקסל.

— מע האָט דיר געבערענגט עסן, — װעקט ער אים מיט א פֿרײַנטלעכן קאָל. טרױעריק און לאַנגזאַם האָט דער טאַלמיד אַװעקגענומען די הענט פֿון פּאָנעם. און דאָס פּאָנעם איז נאָך בלאַסער געװען, און די אונטערגעשלאָגענע אױגן האָבן נאָך װילדער געברענט.

— איך װײס, רעבע! — ענטפֿערט ער. — נאָר איך װעל נישט עסן הײַנט!

— דער פֿערטער טאָנעס? — האָט דער ראָשיעשיװע געפֿרעגט פֿאַרװוּנדערט. — און אָן מיר? — גײט ער צו מיט א פֿאַרעטענזיע.

— עס איז אַן אַנדער טאָנעס, — ענטפֿערט דער טאַלמיד, — עס איז א טאָנעס־טשוװע.

— װאָס רעדסטו? דו — און א טאָנעס־טשוװע?

— יאָ, רעבע! א טאָנעס־טשוװע... א רעגע פֿריער, װען איר האָט אָנגעהױבן עסן, האָב איך געהאַט א הירהור... אױװער צו זײַן אױף לױ כאַכמױד!

אינ דער זעלבער נאכט, גאנצ שפעט, האָט דער טאלמיד געוועקט דעם רעבנ. זיי זײַנענ ביידע געשלאָפנ, זיכ קעגניבער, אפ בענק אינ קלויז.

— רעבע! רעבע! — האָט ער גערופנ מיט א שוואכ קאָל.

— וואָס איז? — האָט זיכ דער ראָשיעשיווע אופגעכאפט דערשראָקנ.

— איכ בינ ציכד געווענ אינ דער הויכער מאדריגע...

— וויאזוי? — פרעגט דער ראָשיעשיווע נאָכ א ביסל פארשלאָפנ.

— עס האָט אינ מיר געזונגענ!

דער ראָשיעשיווע האָט זיכ אופגעזעצט:

— וויאזוי, וויאזוי?

— איך ווייס אליין נישט, רעבע, — האָט דער טאַלמיד מיט נאָך א שוואכערן קאָל געענטפערט, — איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן, האָב איך מיך פארטיפט אין אײַער שמועס... איך האָב געוואָלט דאַפקע קע-נען דעם ניגן... און איך האָב פאר גרויס צאר, וואָס איך קען נישט דעם ניגן, אָנגעהויבן וויינען... עס האָט אין מיר אלץ געוויינט; אלע אייוורים האָבן געוויינט פארן ריבוינעשעלוילעם!

דערבײַ האָב איך געמאכט די ציירופים, וואָס איר האָט מיר אי-בערגעגעבן... א וואונדערלעכע זאך: נישט מיטן מויל, נאָר עפּעס אינ-וויייניק... פון זיך אליין! ראַפּטום איז מיר ליכטיק געוואָרן... איך האָב געהאלטן צו די אויגן, און עס איז מיר געוועזן ליכטיק, זייער ליכטיק, זייער שטארק ליכטיק!..

— אָט! — בייגט זיך צו דער ראָשיעשיווע.

— דערנאָך איז מיר געוואָרן פון דעם ליכט אזוי גוט, אזוי לײַכט... עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך וועג גאָרנישט, אז מײַן גוף האָט די וואָג פארלאָרן, אז איך קען פליִען...

— אָט! אָט!

— דערנאָך בין איך געוואָרן לוסטיק, לעבעדיק, לאכנדיק... דאָס פּאָנעם האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּן אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאכט... און אזוי גוט, אזוי הארציק, אזוי נאכעסדיק געלאכט!

— אָט! אָט! אָט! — מיטויך סימכאָ!

— דערנאָך האָט עפּעס אין מיר געברומט, ווי אַן אָנהייב פון א ניגן געברומט.

דער ראָשיעשיווע איז אראָפּגעשפּרונגען פון זײַן באַנק און איז מיטאמאָל געוועזן בײַם טאַלמיד:

— נו, נו.

— דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבן זינגען!

— וואָס האָסטו געפּילט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איכ האָב געפּילט, אַז אַלע קושיִמ זײַנענ מיר פאַרשטאָפּט אונ פאַרמאַכט אונ עפּעס אינווייניק זינגט... אונ אַזוי ווי מע דאַרפ — גאָר אָנ ווערטער, אָט אַזוי...

— ווי:אַזוי? ווי:אַזוי?!

— ניינ, איכ קאָנ ניִשט... פרי:ער האָב איכ געוווּסט... דערנאָכ איז פונעמ זינגענ געוואָרנ... געוואָרנ...

— וואָס איז געוואָרנ — וואָס?..

— א מינ שפּילנ... גלײַב, לעהאַוודל, איכ וואָלט אינווייניק אינ מיר א פידל געהאַט, אָדער גלײַב יווינע קלעזמער זאָל אינ מיר זיצנ אונ שפּילנ זמירעס, ווי באַמ רעבנ צו טיש! נאָר עס האָט געשפּילט נאָכ בעסער, נאָכ איידעלער, מיט נאָכ מער רוכני:עס! אונ אַלצ אָנ א קאָל, אָנ א שומ קאָל — ס א מ ע רוכני:עס!..

— וויל איז דיר! וויל איז דיר! וויל איז דיר!

— ציִנד איז אַלצ אַוועק! — מאַכט טרויעריק דער טאַלמיד. — עס האָבנ זיכ מיר צוריק געעפּנט די קושיִמ, אונ איכ בינ אַזוי מיד, אַזוי מיד, א-זוי מי-ד!.. אַז איכ...

— רעבע! — האָט ער ראַפּטומ א געשריי געטאָנ, זיכ אָנטאַפּנדיק באַמ האַרצנ, — רעבע! זאָגט מיט מיר ווידע! מע איז געקומענ נאָכ מיר! — עס האָט דאָרט אינ פּאַמאַליע-שעל-מײַלע א זינגערל פאַרפעלט! א מאַלעכ מיט ווײַסע פליגל!.. רעבע! רעבע! שמאַ יִסראָעל! שמאַאַא... יִס...

דאָס גאַנצע שטעטל, ווי איינ מענטש, האָט זיכ געווונטשנ אַזאַ טויט, נאָר פאַרנ ראָשיִעשיוועס איז נאָכ ווייניק.

— נאָכ א פּאָר טאַנייסימ, — קרעכצט ער, — וואָלט ער שוינ געשטאָרבנ „בינשיקאָ“!

1894

באָנציע שוויַיג

דאָ, אפ דער וועלט, האָט באָנציע שוויַיגם טויט גאָר קיינ איַינדרוק נישט געמאכט! פרעגט עמעצנ בעכיירעם: ווער באָנציע איז געוועזנ, וויאזוי ער האָט געלעבט, אפ וואָס ער איז געשטאָרבנ! צי האָט אינ׳מ דאָס הארצ געפּלאצט, צי די קויכעס זיַינענ אים אויסגעגאנגענ, צי דער מארכ-בייננ האָט זיכ איבערגעבראָכנ אונטער א שווערער לאסט... ווער ווייסט? עפשער איז ער גאָר פאר הונגער געשטאָרבנ!

א פערד אינ טראמוויַי זאָל פאלנ, וואָלט מענ זיכ מער אינטערעסירט. עס וואָלטנ צייַטונגענ געשריבנ, הונדערטער מענטשנ וואָלטנ פונ אלע גאסנ געלאָפנ אונ די נעווייַלע באקוקט; באטראכט אפילע דאָס אָרט, ווו די מאפּאָלע איז געוועזנ...

נאָר דאָס פערד אינ טראמוויַי וואָלט אויב די זכיַע נישט געהאט, עס זאָל זיַינ אזויפיל פערד ווי מענטשנ — טויזנט מיליאָנ!



באָנציע האָט שטיל געלעבט אונ איז שטיל געשטאָרבנ; ווי א שאָטנ איז ער דורכ — דורכ א ו נ ד ז ע ר וועלט!

אפ באָנציעס ברים האָט מענ קיינ ווײַנ נישט געטרונקענ, עס האָבנ קיינ קויסעס געקלונגענ! צו באַרמיצווע האָט ער קיינ קלינגענ-דיקע דראָשע נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי א גרוי קליינ קערנדל זאמד באַם ברעג פונ יאַם, צווישנ מיליאָנענ זײַנס גלײַכנ; אונ אַז דער ווינט האָט'נ אופגעהויבנ אונ אפ דער אנדערער זײַט יאַם אריבער-געיאָגט, האָט עס קיינער נישט באמערקט!

באם לעבנ האָט די נאסע בלאָטע קיינ צייכנ פונ זײַנ פוס נישט באהאלטנ; נאָכנ טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פונ

זײַנע קײוועד אומגעוואָרפֿן; דעם קאַברענס ווײַב האָט עס געפֿונען ווײַט פֿון קייוועד און דערבײַ אַ טעפּל קאַרטאָפֿל אָפּגעקאָכט... עס איז דרײַ טעג נאָך באַנציעס טויט, פֿרעגט דעם קאַברענס בעבײַרעם, ווו ער האָט׳ן געלייגט!

וואָלט באַנציע אַ מאַציי אויס געהאַט, וואָלט עפּשער איבער הונדערט יאָר אין אַלטערטום-פֿאָרשער זי געפֿונען, און דער נאָמען „באַנציע שווײַג״ וואָלט נאָך אַמאָל איבערגעקלונגען אין אונדזער לופֿט.

אַ שאָטן! זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע איז נישט געבליבן בײַ קיינעם אין מויעב, בײַ קיינעם אין האַרץ; עס איז פֿון אים קיין זייכער נישט געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד“; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט עפּשער עמעצער אַמאָל דערהערט, ווי באַנציעס מאַרך-ביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער צײַט געהאַט, וואָלט עמעצער עפּשער אַמאָל באַמערקט, אַז באַנציע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעכע אײַנגעפֿאַלענע באַקן; אַז אַפֿילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלײַך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זײַן קייוועד געזוכט! וואָלטן אַזוי ווייניק מענטשן, ווי פֿערד אין טראַמווײַ, געוועזן, וואָלט עפּשער אַמאָל עמעצער געפֿרעגט: ווו איז באַנציע אַהינגעקומען?!

ווען מע האָט באַנציען אין שפּיטאָל אַרײַנגעפֿירט, איז זײַן ווינקל אין סוטערינע נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זײַנס גלײַכן געוואַרט, און צווישן זיך דעם ווינקל „אין-פּלוס“ ליציטירט; ווען מע האָט׳ן פֿון שפּיטאָל-בעט אין טויטן-שטיבל אַרײַנגעטראָגן, האָבן אויפֿן בעט צוואַנציק אָרעמע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פֿון טויטן-שטיבל — האָט מען צוואַנציק הרוגים פֿון אונטער

אַנ אײַנגעפאַלנ הויז געברענגט — ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט רויק
וווינענ אינ קייווער? ווער ווייסט, וויפל עס וואַרטנ שוינ אפ דעמ
שטיקל פּלאַצ...

שטיל געבוירנ, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבנ אונ נאָכ שטי-
לער באַגראָבנ.

. . . .

נאָר נישט אַזוי איז געווענ אפ *יענער* וועלט! *דאָרטנ* האָט
באָנציעס טויט אַ גרויסנ אײַנדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שויפער פונ מאָשיעכס צײַטנ האָט געקלונגענ אינ
אַלע זיבנ הימלענ: באָנציע שווײַג איז *ניפטער* געוואָרנ! די
גרעסטע מאַלאָכימ מיט די ברייטסטע פליגל זײַנענ געפלויגנ אונ איי-
נער האָט דעמ אַנדערנ איבערגעגעבנ: באָנציע איז „ניסבאַקעש גע-
וואָרנ בעיעשיווע שעל מײַלע!" אינ גאַניידנ איז אַ ראַש, אַ סימכע, אַ
גערודער: „באָנציע שווײַג! אַ שפּאַס, באָנציע שווײַג!!!"

יונגע מאַלאָכימלעכ מיט בריליאַנטענע אייגעלעכ, גאָלדענע דראָט-
אַרבעטענע פליגעלעכ אונ זילבערנע פּאַנטאָפּעלעכ זײַנענ באָנציענ
אַנטקעגנ געפלויגנ מיט סימכע! דאָס גערויש פונ די פליגל, דאָס
קלאַפּנ פונ די פּאַנטאָפּעלעכ אונ דאָס פריילעכע לאַכנ פונ די יונגע,
פרישע, רויזיקע מײַלעכלעכ האָט פאַרפולט אַלע הימלענ אונ איז צו-
געקומענ ביז צומ קיסיי האַקאָוועד, אונ גאָט אַליינ האָט אויכ שוינ
געוווּסט, אַז באָנציע שווײַג קומט!

אַווראָמ אָווינו האָט זיכ אינ טויער פונ הימל געשטעלט, די
רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט-צומ ברייטנ „שאָלעמ-אַליייכעמ", אונ אַ
זיסער שמייכל שײַנט אַזוי העל אפ זײַנ אַלטנ פּאָנעמ!

וואָס רעדלט אַזוי אינ הימל?

דאָס האָבנ צוויי מאַלאָכימ אינ גאַניידנ אַרײַנ פאַר באָנציעס וועגנ
אַ גינגאָלדענע פּאָטערשטול אפ רעדלעכ געפירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טייערסטע שטיינער געזעצט! אַלץ פאַר באָנציען!

— נאָך פאַרן פּסק פון בעסדן שעל מיילע? — פרעגן די צדי־קים פאַרוווּנדערט און נישט גאָר אָן קינע.

— אָ! — ענטפערן די מלאָכים. — דאָס וועט זיין אַ פּראָסטע פּוסטע פאָרמע! קעגן באָנציע שווייג וועט אפילע דער קאַטייגער קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען! די „דיעלע" וועט דויערן פינף מינוט!

— איר שפּילט זיך מיט באָנציע שווייג?

אַז די מלאָכימלעך האָבן באָנציען געכאַפּט אין דער לופט און אָפּגעשפּילט אים אַ זעמער; אַז אוראָמ׳ אָווינו האָט אים ווי אַן אַלטן קאַמעראַד די האַנט געשאָקלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זיין שטול איז גרייט אין גאַניידן; אַז אַף זיין קאָפּ וואַרט אַ קרוין; אַז אין בעסדן שעל מיילע וועט מען איבער אים קיין וואָרט נישט ריידן — האָט באָנציע, גלייך ווי אַף יענער־וועלט, געשוויגן פאַר שרעק! עס איז אים דאָס האַרץ אַנטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ כאָלעם, אָדער אַ פּראָסטער טאָעס!

ער איז צו ביידע געוווינט! נישט איין מאָל האָט אים אַף יענער־וועלט געכאָלעמט, אַז ער קלייבט געלט אַף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אויצרעס ליגן... און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גרעסערער קאַפּצן, ווי נעכטן... נישט איין מאָל האָט אים עמעץ בעטאָעס צוגעשמייכלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מיין מאַזל — טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מוירע די אויגן אויפצוהייבן, דער כאָלעם זאָל נישט פאַרשווינדן; ער זאָל זיך נישט אויפכאַפּן ערגעץ אין אַ הייל צווישן

שלאַנגענע און עגדעשנ! ער האָט מוירע פונ מויל א קלאַנג ארויסצו-
לאָזנ, מיט א גליד א ריר צו טאָנ — מע זאָל אימ נישט דערקענענ
און אוועקשליידערנ אפ קאַפּעקאַל...

ער ציטערט און הערט נישט די מאַלאָכימס קאָמפּלימענטנ, זעט
נישט זייער טאַנצנ ארומ אימ, ער ענטפערט נישט אווראָמ אָווינו
אפנ האַרצלעכנ „שאָלעמ-אַליכעמ”, און — געפירט צומ בעסדנ שעל
מײַלע — זאָגט ער אימ קיינ „גוט-מאָרגנ” נישט...

אויסער זיך איז ער פאַר שרעק!

און זײַנ שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרנ, אז ער האָט, נישט ווילנ-
דיק, דערזענ די פּאָדלאָגע פונ בעסדנ שעל מײַלע. סאַמע אַלעבאַסטער
מיט בריליאַנטנ! „אפ אזא פּאָדלאָגע שטייענ מײַנע פיס!” — ער
ווערט אײַנגאַנצנ פאַרשטאַרט! „ווער ווייסט, וועלכנ גווירֿ, וועלכנ ראָוו,
וועלכנ צאַדיק מע מיינט... ער וועט קומענ — וועט זײַנ מײַנ פינצטע-
רער סאָף!”

פאַר שרעק האָט ער אפילע נישט געהערט, ווי דער פּרעזעס האָט
בעפיירעש אויסגערופנ: „די דיעלע פונ באָנציע שווײַג!” און, דער-
לאַנגענדיק דעמ מיילִיצ-יוישער די אקטנ, געזאָגט: „לעז, נאָר בע-
קיצער!”

מיט באָנציענ דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָנ. עס רוישט אימ
אינ די אויערנ. אינעמ גערויש הערט ער דאָך אַלעמאָל שאַרפער און
שאַרפער דעמ מאַלעכ-מיילִיצס זיס קאָל, ווי א פידל:

— זײַנ נאָמענ — הערט ער — האָט אימ געפּאַסט ווי צו א שלאַנק
לײַב א קלייד פונ אנ ארטיסט א שנײַדערס האַנט.

— וואָס רעדט ער? — פרעגט זיך באָנציע, און ער הערט, ווי אנ
אומגעדולד קאָל האַקט אימ איבער און זאָגט:

— נאָר אָנ מעשאָלימ!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הייבט ווײַטער אָנ דער מיילִיצ-יוי-

שער — אפ קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אפ גאָט, נישט אפ לײַט: איך זײַנ אויג האָט קיינמאָל נישט אופגעפלאַמט קיינ פונק פונ האס, ער האָט עם קיינמאָל נישט אופגעהויבנ מיט א פּרעטענזיע צום הימל.

באַנציע פארשטייט ווײַטער נישט א וואָרט, און דאָס הארטע קאָל שלאָגט ווײַטער איבער:

— אָנ רעטאָריק!

— איעווו האָט נישט אויסגעהאלטנ. ער איז אומגליקלעכער געוועזנ — — —

— פאקטנ, טרוקענע פאקטנ! — רופט נאָכ אומגעדולדיקער דער פּרעזעס.

— צו אכט טאָג האָט מענ אימ מאל געוועזנ —

— נאָר אָנ רעאליזמ!

— א מויעל א פושער האָט דאָס בלוט נישט פארהאלטנ —

— ווײַטער!

— ער האָט אלצ געשוויגנ (פירט ווײַטער דער מייליצ-יווישער), אפילע ווענ די מוטער איז אימ געשטאָרבנ און ער האָט צו דרײַצנ יאָר א שטיפמאמע באקומענ... א שטיפמאמע א שלאנג, א מארשאס...

— מיינט מענ דאָכ עפשער פאָרט מיכ? — טראכט באַנציע.

— אָנ אינסינואציענ אפ דריטע פּערזאָנענ, — בייזערט זיכ דער פּרעזעס.

— זי פלעגט אימ קארגנ דעמ ביסנ... אייערנעכטיק פארשימלט ברויט... האָר-פלאקס פאר פלייש... און זי האָט קאווע מיט סמעטענע געטרונקענ.—

— צו דער זאכ! — שרײַט דער פּרעזעס.

— זי האָט אימ פאר דאָס קיינ נעגל נישט געקארגט און זײַנ ברוינ און בלוי לײַב פלעגט ארויסקוקנ דורכ אלע לעכער פונ זײַנע פארשימלט-צעריסענע קליידער... ווינטער איכ די גרעסטע פרעסט

האָט ער איר באַרוועס אָפּגעהויפּט האַלדז געהאַקט, און די הענט זײַנען צו יונג און צו שוואַך געוועזן, די קלעצלעך צו דיק, די האַק צו שטום־פּיק... נישט איין מאָל האָט ער זיך די האַנט פון די געלענקען אויס־געריסן, נישט איין מאָל האָט ער זיך די פיס אָפּגעפרוירן, נאָר גע־שוויגן האָט ער, אפילו זיך פאַרן פאָטער —

— פאַרן שיקער! — לאַכט אַרײַן דער קאַטייגער, און באַנציענ ווערט קאַלט אין אַלע אייוורים —

— נישט געקלאָגט, — ענדיקט דער מייליץ־יוישער דעם זאַץ.

— און שטענדיק עלנט, — פירט ער ווײַטער, — קיין כאַווער, קיין טאַלמעטוירע, קיין ביידער... קיין גאַנץ בעגעד... קיין פרײַע מינוט —

— פאַקטן — רופט ווײַטער דער פּרעזעס.

— ער האָט געשוויגן אפילו שפּעטער, ווען דער פאָטער האָט'ן שיקערערהייט אַמאָל אָנגעכאַפּט בײַ די האָר און אײַנמיטן אַ שנייענדיקער ווינטער־נאַכט אַרויסגעוואָרפן פון שטוב! ער האָט זיך שטיל אופגע־הויבן פון שניי און איז אַנטלאָפן, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אַפּגאַנצן וועג האָט ער געשוויגן... באַם גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

ערשט אין אַ שווינדלדיקער, נאַסער פרילינג־נאַכט איז ער אין אַ גרויסע שטאָט אַרײַנגעקומען; ער איז אַרײַן, ווי אַ טראָפּן אין אַ יאַם, און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פאַרבראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפרעגט פאַר וואָס, פאַר ווען? ער איז אַרויס און די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פאַר דער אַרבעט איז געווען זי צו געפינען — ער האָט געשוויגן!

באַדנדיק זיך אין קאַלטן שווייס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט באַם גרעסטן קראַמפּ אין ליידיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

באשפריצט פון פרעמדער בלאָטע, באשפּיגן פון פרעמדע מײַלער, געיאָגט פון טראָטוארן מיט דער שװערסטער לאַסט אַראָפּ אין גאסן צווישן דראָשקעס, קארעטן און טראמווייען, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן ארײַן — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קיינמאָל נישט איבערגעריסן, וויפל פּוד לאַסט עס קומט אויס אַפ אַ גראָשן, וויפל מאָל ער איז געפאלן בײַ יעדן גאנג פאר אַ דרײַער, וויפל מאָל ער האָט שיר נישט די נעשאָמע אויסגעשפּיגן, מאָנענדיק זײַן פארדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט זײַן, נישט יענעמס מאזל, נאָר געשוויגן!

זײַן אייגן פארדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיך בײַ דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטישע באקאָשע געמאָלט! „קום שפּעטער״ — און ער איז פארשוונדן שטיל, ווי אַ שאָטן, קעדיי שפּעטער נאָך שטילער אויסצובעטלען זײַן פארדינסט!

ער האָט אפילע געשוויגן, ווען מע פלעגט אים אָפּרײַסן פון זײַן פארדינסט אָדער ארײַנוואַרפן אַ פאלשע מאטבייע!..

ער האָט אלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאקע מיך! — טרייסט זיך באָנציע.

— איינמאָל — פירט ווײַטער דער מייליץ-יוישער נאָך אַ טרונק-וואסער — איז אין זײַן לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפלויגן אַ קאָטש אַפ גומענע רעדער מיט צעפלאָשעטע פערד... דער שמײַסער איז שוין לאנג פונוויטנם געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אַפן ברוק... פון די דערשראָקענע פערדס מײַלער שפּריצט דער שוים, פון אונטער די פּאָדקאָוועס יאָגן זיך פונקען, די אויגן בלי-

שטשען ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פינצטערער נאַכט — און אין קאָפּ זיצט נישט טויט נישט לעבעדיק אַ מענטש!

און באָנציע האָט די פערד פאַרהאַלטן!

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייִד אַ באַלצדאָקע און האָט באָנציען די טויווע נישט פאַרגעסן!

ער האָט אים דעם געהאַרגעטנס ביימש איבערגעגעבן; באָנציע איז אַ שמייסער געוואָרן! נאָך מער — ער האָט אים כאַסענע געמאַכט, נאָך מער — ער האָט אים אַפילע מיט אַ קינד פאַרזאָרגט —

און באָנציע האָט אַ ל צ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפּעספּיקט זיך באָנציע אין דער דייע און האָט דאָך נישט די האָזע אַן אויג צו וואַרפן אַפן בעסדן שעל מיילע...

ער הערט זיך ווייטער איין צום מאַלעך-מיילעץ:

— ער האָט געשוויגן אַפילע, ווען זיין באַלטוויווע האָט אינקורצן באַקראָטירט און אים זיין לוין נישט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן אַפילע, ווען דאָס ווייב איז פון אים אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אים אַ קינד פון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אַפילע מיט פופצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן און גענוג שטאַרק געווען — באָנציען אַרויסצוּוואַרפן פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פרייט זיך באָנציע.

— ער האָט אַפילע געשוויגן, — הייבט אָן ווייכער און טרויעריקער דער מאַלעך-מיילעץ, — ווען דער אייגענער באַלטוויווע האָט זיך מיט אַלע אויסגעגלייכט, נאָר אים קיין גראָשן סכירעס נישט צוריקגעגעבן — און אַפילע דעמלט, ווען ער איז באָנציען (ווייטער פאַ-

רנדיק אפּ א קאַטש מיט גומענע רעדער און פערד (ווי לייבן) איבער-געפאָרן...

ער האָט אלץ געשוויגן! ער האָט אפילע דער פּאָליציי נישט גע-זאָגט, ווער עס האָט אים צורעכט געמאכט...

ער האָט געשוויגן אפילע אין שפּיטאָל, ווו מע מעג שוין ש ר ײַ ע ן!

ער האָט געשוויגן אפילע, ווען דער דאָקטער האָט אָן פופצן קאָפּע-קעס נישט געוואָלט צוגיין צו זײַן בעט, און דער וועכטער אָן פינף קאָפּעקעס — טוישן אים די וועש!

ער האָט געשוויגן באַם גויסעסן — ער האָט געשוויגן באַם שטאַרבן...

קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לײַט!

— דיקסי!

באָנציע הייבט אָן ווײַטער צו ציטערן אפן גאַנצן לײַב. ער ווייסט, אז נאָכן מייליץ-יוישער גייט דער קאַטייגער! ווער ווייסט, וואָס ד ע ר וועט זאָגן! באָנציע אליין האָט זײַן לעבן נישט געדענקט. נאָך אפ יע-נער-וועלט האָט ער יעדע מינוט די פריערדיקע פארגעסן... דער מאַ-לעכ-מייליץ האָט אים אלץ דערמאָנט... ווער ווייסט, וואָס דער קאַטיי-גער וועט אים דערמאָנען!

— ראַבויסײַ, — הייבט אָן א שארף-שטעכנדיק-ברענדיק קאָל —

נאָר ער האקט אָפּ —

— ראַבויסײַ, — הייבט ער נאָכאמאָל אָן, נאָר ווייכער און האקט ווײַטער אָפּ.

ענדלעכ הערט זיכ, פונ דעם אייגענעם האלדז ארויס, קימאט א ווייכ קאָל:

— ראבויסיני! ע ר האָט געשוויגנ! וועל איכ אויכ שווײַגנ!

עס ווערט שטיל — אונ פונ פאָרנט הערט זיכ א נײַע ווייכע צי-טערדיקע שטימע:

— באָנציע, מײַנ קינד באָנציע! — רופט עס אים ווי א הארפע... — מײַנ קינד באָנציע!

אינ באָנציעס צעוויינט זיכ דאָס הארצ... ער וואָלט שוינ אצינד די אויגנ געעפנט, נאָר זיי זײַנענ פארפינצטערט פונ טרערנ... עס איז אים אזוי זיס-וויינענדיק קיינמאָל נישט געוועזנ... „מײַנ קינד", „מײַנ באָנ-ציע" — זינט די מוטער איז געשטאָרבנ, האָט ער אזא קאָל אונ אזוינע ווערטער נישט געהערט.

— מײַנ קינד! — פירט ווײַטער דער אָוו-בעסדנ. — דו האָסט אלצ געליטנ אונ געשוויגנ! עס איז נישטאָ קיינ גאנצ גליד, קיינ גאנצ ביינדל אינ דײַנ לײַב, אָנ א וווּנד, אָנ א בלוטיק אָרט, עס איז נישטאָ קיינ איינ באהאלטנ אָרט אינ דײַנ נעשאָמע, ווו עס זאָל נישט בלוטנ... אונ דו האָסט אלצ געשוויגנ...

דאָרט האָט מענ זיכ נישט פארשטאנענ דערויפ! דו אליינ האָסט גאָר עפשער נישט געוווּסט, אז דו קאָנסט שרײַענ, אונ אז פונ דײַנ געשריי קענענ יעריכוים מויערנ ציטערנ אונ אײַנפאלנ. דו אליינ האָסט פונ דײַנ פארשלאָפענעם קויעכ נישט געוווּסט...

אויפ יענער-וועלט האָט מענ דײַנ שווײַגנ נישט באלוינט, נאָר דאָרט איז דער אוילעם-האשעקער, דאָ אויפנ אוילעם-עמעס וועסטו דײַנ לוינ באקומענ!

דיכ וועט דאָס בעסדנ שעל מײַלע נישט מישפעטנ, דיכ וועט עס ניט פאסקענענ.

דיר וועט עס קיינ בײַלעק נישט אויס- אונ נישט אָפטיילנ: נעמ דיר, וואָס דו ווילסט! א ל ע ס איז דײַנ!

באָנציע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגנ אופ! ער ווערט ווי פאַר-בלענדט פונ דער ליכט פונ אלע זייטנ! אלעס בלאַנקט, אלעס בליצט, פונ אלעס יאָגנ שטראַלנ: פונ די ווענט, פונ די קיילים, פונ די מאַלאָ-כים, פונ די דאיאָנים! סאַמע ענגלענ!

ער לאָזט די מידע אויגנ אראָפּ!

— טאַקע? — פרעגט ער מעסופּעק אונ פאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפערט פעסט דער אוו-בעסדנ! — זיכער, זאָג איכ דיר, אז אלעס איז דייַנס. אלעס אינ הימל געהער צו דיר! וואָרעמ אלצ, וואָס דאָ בלאַנקט אונ בליצט, איז נאָר אַנ אָפּשייַנ פונ דייַנ פאַר-שוויגענער גוטסקייַט; אַנ אָפּגלאַנצ פונ דייַנ נעשאָמע. דו נעמסט נאָר באַ ד י ר אליינ!

— טאַקע? — פרעגט באָנציע נאָכאַמאָל, נאָר שוינ מיט א זיכערנ קאָל.

— טאַקע! טאַקע! — ענטפערט מענ אימ אפ זיכער פונ אלע זייטנ.

—נו, אויב אזוי — שמייכלט באָנציע — וויל איכ טאַקע אלע טאָג אינדערפרי א הייסע בולקע מיט פרישער פוטער!

דאיאָנימ אונ מאַלאָכימ האָבנ אראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט; דער קאַטייגער האָט זיכ צעלאַכט.

1894

אינ געמויזעכצ

אמאָל איז זיכ געווענ א געמויזעכצ.

עס איז זיכ געשטאנענ גאנצ אפארט: אָפגעטיילט פונ דער רעשט לאָנקע (ווו בעהיימעס האָבנ זיכ געפאשעט, אונ יונגע פאסטעכער מיט שטיינער געוואָרפנ) מיט הויכנ שאווער אונ שארפ-שפיציקע דערנער, אונ אָפגעזונדערט פונ דער לופט—מיט א פעט בלישטשענדיק גרינ הייטל, וואָס דער ווינט צערייסט אמאָל אינ א יאָר.—געלעבט אינ געמויזעכצ האָבנ (ווי דער סיידער-אוי-לעמ איז) גאנצ קליינע ווערעמ, וואָס האָבנ געגעסנ — נאָכ קלענערע.

דאָס געמויזעכצ איז — נישט לאנג, נישט ברייט אונ אפילע נישט טיפ, די ווערעמלעכ האָבנ עס נאָר דעמ פעטנ שליימ, די וואסער-גע-וויקסנ אונ די פוילע צווייגלעכ צו פארדאנקענ, אויב זיי קאָנענ דאָס געמויזעכצ נישט דערגרינדנ, נישט צושווימענ צו א ברעג.

די געמויזעכצ-געאָגראַפּיע שלאָפּט דעריבער נאָך אין וויג.

פאַר דאָס האָט די געמויזעכצ-געוויקסע שוין לאַנג אָפּענע אויגן; די פאַנטאַזיע איז אונטערן פינצטערן היטל בא דער גאַנצער מעמשאָלע, און ביידע צוזאַמענע שפּינען און וועבן.

און מיט דער צייט האָבן זיי אויסגעשפּונען א מעכוירע פון קאַד-מוינים, אַן עמעס ווערמיקע טראַדיציע:

„דאָס געמויזעכצ איז דער יאַם-האַגאָדל!"

„אין אים גיסן זיך אריין אַלע פיר טייכן פון גאַניידן... דער כי-דעקל ברענגט מיט מיט זיך דאָס גאָלד — דאָס איז דער שליים, אין וועלכן עס שטעקט זייער פאַרנאָסע, און די רעשט דריי טייכן ברענגען בלומען — דאָס זיינען די וואַסער-געוויקסן, צווישן וועלכע זיי שפּילן זיך אין באַהעלטעניש אין א יוימע-דעפּאַגרע, פּערל — אַלע זשאַבע-שיסעלעך, און קרעלן — די פאַרפוילטע צווייגלעך..."

„דאָס גרינע היטל, די פאַרפעצטע יאַרמלקע איבערן געמויזעכצ, איז דער הימל איבערן יאַם-האַגאָדל! אַן עקסטרא באַזונדער הימל פאַר זייער וועלט".

שטיקלעך אייער-שאָלן, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרבלאָנדזעט, שפּילן די ראָליע פון שטערן און מיט א פאַרפוילטער דיניע האָט מען יוויצע געוועזן פאַר דער זון...

די שטיינער, וואָס פלעגן אַמאָל אריינפאַלן דורך די פאַסטעכער, זיינען — גאַנץ נאַטירלעך — געווען אבני-אלגביש-שטיינער, וואָס דער הימל וואַרפט זינדיקע לייט אין קאָפּ אריין. און אַז דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און עטלעכע שטראַלן פון דער עמעסער זון האָבן אָפּגעסאַרפעט א ווערמיקן מויעך, האָט מען געפילט און געגלייבט אין גענעם!

נאָר — ווייל האָט זיך געלעבט אין געמויזעכצ, ווו יעדער איז גע-ווען פון זיך און מיט אַלע צופרידן! ווער עס וווינט אין יאַם-האַגאָדל

איז שוינ בעטעווע א פיש! איינ ווערעמל פלעגט דאָס צווייטע רופנ: שלייענ, העכט! אפ מאציייוועס פלעגט מענ קריצנ: קראָקאָדיל אונ ליוויאָסנ! „פלאָטקע" איז געווענ די גרעסטע באליידיקונג, פאר „קעלבקיס" האָט מענ זיכ יאָמקיפּער נישט מויכל געווענ! דערביי האָבנ געבליט: אסטראָנאָמיע, פּאָעזיע אונ פילאָסאָפיע, ווי די רויזנ!

די שטיקלעכ אייער-שאָלנ האָט מענ געציילט ביז מע איז דערגאנגענ, אז מע קענ זיי נ י ש ט איבערציילנ...

ראָמאנטיקער האָבנ די „פאמאליע שעל מיילע" אפ טויזנטער אויפאנימ באזונגענ; דערביי פלעגט מענ פאטריאָטנ פארגלייכנ צו שטערנ, שטערנ צו דאמענ-אויגנ אונ די דאמענ אלייג צומ הימל, אויב נישט גאָר צומ גענעם. די פילאָסאָפיע האָט באזעצט די פרומע געשטאָרבענע נעשאָמעס אינ דער פוילער דיניע אריינ...

קורץ — עס האָט גאָרנישט געפעלט! דאָס לעבנ האָט געהאט אלע פארבנ פונ רעגנבויגנ. מיט דער צייט האָט מענ צוגעמאכט א קאָדעקס מיט הונדערטער פיירושימ, עס האָבנ זיכ איינגעפירט טויזנטער מינהאָגימ! אונ אז א ווערעמל האָט זיכ פארגלוסט עפּעס א שינוי, איז גענוג געווענ, עס זאָל זיכ דערמאָנענ, וואָס די „וועלט" וועט זאָגנ דערופ, — עס זאָל רויט ווערנ, כאראָטע קריגנ אונ טשוווע טאָנ!

נאָר... איינמאָל איז א כורבנ געשענ!

עס איז דורכ א סטאדע כאזיירימ!

שרעקלעכע פיס האָבנ צעטרעטנ דעמ הימל, צעקנעטנ דעמ שליימ, צעריבנ די קרעלנ, צעמאָרשטנ די בלומענ... אונ פונ דער גאנצער אָפּגעזונדערטער „וועלט" א טויהו-וואָוויהו געמאכט!

טייל ווערעמ זיינענ טיפ אונטערנ שליימ געשלאָפנ (אונ ווערעמ שלאָפנ לאנג) זיינענ זיי טאקע ניצל געוואָרנ... אז זיי זיינענ צוריק ארופ, איז שוינ דער הימל צוריק צוזאמענגעשווומענ, זיכ צוריק צונויפגעקלעפט... נאָר — גאנצע הויפנ דערדריקטע, דערשטיקטע אונ

צעטרעטענע ווערעם זײַנען געלעגן אָן קוואָרע און טויטערהייט איידעם געזאָגט אפֿן כורבן!

— וואָס איז דאָ געשען? — פֿרעגן די פּעפּער דערשראָקן און זוכן א לעבעדיקע בריִע, וואָס זאָל זיי קענען דערקלערן די סיבע פֿון דער שרעק־לעכער מאַגייפֿע. נאָר נישט לײַכט איז צו געפֿינען א לעבעדיקע בריִע! ווארעם נישט לײַכט איז איבערצולעבן א הימל! ווער עס איז נישט צעטרעטן געוואָרן, איז געשטאָרבן פֿאַר שרעק; ווער עס איז נישט גע־שטאָרבן פֿאַר שרעק, איז געשטאָרבן פֿאַר ווייטעק; די רעשט האָבן זיך אליין דאָס לעבן גענומען... אָן הימל, איז אָן לעבן!

איינער איז אפֿילע יאָ געבליבן לעבן, נאָר, קוים האָט ער זיי דער־ציילט, אַז דער הימל, וואָס זיי זעען אַצינד, איז גאָר א נײַער פֿון דער נאָדל, אז יענעם הימל האָבן בײַעס צעטרעטן; אז ער האָט זיי געזאָגט, אז א ווערמיקער הימל לעבט נישט אייביק... אז אייביק, קען זײַן, לעבט נאָר דער אַלגעמיינער הימל, — האָט מען באַלד דערקענט, אז ער איז אַראָפּ פֿון זינען.

מע האָט אים, מיט גרויס ראַכמאָנעס, געקאָוועט און אין דולהויז אַרײַנגעשיקט.

1894

כאסענע געהאט

איך געדענק מיכ נאָכ פונ דער צײַט, ווענ איך האָב אינ צייכנ געשפּילט אונ זומער-צײַט אפנ הויפ פונ לײמ כאלעם געבאקנ; ווינטער בינ איך א גאנצנ טאָג געזעסנ אינ שטוב אונ געוויגט א קליינ ברודערל, וואָס איז געבוירנ געוואָרנ קראנק אונ האָט געקרענקט ביז צום זיבעטנ יאָר, ווענ עס איז געשטאָרבנ אפ אנ אונטערגאנג.

זומער, קאָלזמאַנ די זונ האָט געשײַנט, איז דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש געזעסנ אפנ הויפ, געוואָרעמט זיכ אפ דער זונ אונ געקוקט, ווי איכ שפּיל אינ צייכנ.

ווינטער איז עס פונ וויג נישט ארויס, אונ איך האָב אים מײַסעס דערציילט אונ לידלעכ געזונגענ. די רעשט ברידער זײַנענ אלע אינ כיידער געוועזנ.

די מאמע איז שטענדיק געוועזנ פארנומענ, עפשער צענ פּארנאָסעס האָט זי געהאט, די אָרעמע מאמע: א פּשעקופּקע געוועזנ, לעקעכ גע-באקנ, אפ בריסנ אונ כאסענעס געגאנגענ... טוקערנ געוועזנ, קוואָרים-מעסטערנ, זאָגערנ, אונ אזוי אנ אײַנקויפערנ פאר באלעבאטישע הײַזער.

דער טאטע איז פאר דרײַ רובל א וואָכ געווענ א שרײַבער בא רעב זײַנוויל טערקעלבוימ אינ וואלד.— אונ דעמלט זײַנענ נאָכ די גוטע צײַטנ געוועזנ: די מעלאמדימ — באצאָלט, דירע-געלט — קימאט צו דער צײַט, קיינ טרוקנ ברויט אינ מויל ארײַנ האָט נישט געפעלט.

טיילמאָל האָט די מאמע אפ וועטשערע א קולישע געמאכט. דעמלט איז שוינ א גאנצער יאָמטעוו געוועזנ. דאָכ האָט עס זעלטנ פּאסירט.

די מאמע פלעגט מערסטנטיילס אהיימ קומענ שפּעט, מיד; גאנצ אָפּט פארוויינט אונ פארביטערט. זי קלאָגט זיכ, אז עס ווערנ איר בא די באלעבאָסטעס כוואָרעס פארפאלנ; אז מע הייסט איר אויסלייגנ, דערנאָכ — קומענ מאָרגנ אונ איבערמאָרגנ... דערווײַל ווערנ נײַע קניִעס געמאכט, אונ צומ סאָפ, אז עס קומט צומ כעזשבנ, געדענקט נישט די באלעבאָסטע, צי זי האָט נישט באצאָלט פארנ אייערנעכטיקנ האלב-קוואַרטירל פּוטער... מע „שטעלט עס דערווײַל אוועק", מע מוז פרעגנ דעמ מאנ, וואָס איז דערבײַ געוועזנ: ער האָט אנ אײַזערנעמ זיקאָרנ, ווייסט אוואדע געדענקענ, וויאזוי דער כעזשבנ איז געוועזנ. צומאָרגנס ווײַזט זיכ אויס, אז דער מאנ איז אהיימ געקומענ צו שפּעט פונ בעסמעדרעש אונ זי האָט אימ פארגעסנ צו פרעגנ; דעמ דריטנ טאָג דערציילט זי מיט א נאכעס, אז זי האָט געפרעגט דעמ מאנ, נאָר ער האָט זיכ אפ איר געבייזערט, וואָס זי פארדרייט אימ דעמ קאָפּ: „ער האָט מער נישט וואָס צו טאָנ, נאָר אויסצוהערנ ווײַבערשע כעזשבוי-נעס!" אונ עס בלײַבט, אז זי וועט זיכ אליינ דערמאָנענ.

דערנאָכ הייבט זיכ איר אָנ דאַכטנ, קימאַט אַפּ זיכער, אַז זי האָט דאָס האַלב-קוואַרטירל פּוטער פאַרעכנט; שפּעטער וואָלט זי מויערנ דערופּ געשטעלט. אונ אַז די אָרעמע מאַמע דערמאָנט נאָכאַמאָל וועגנ קוואַרטירל פּוטער, הייסט זי שוינ אַ כצופּע, מאַכט זי אַ בילבל, וויל זי אויסנאַרנ אַ האַלבנ גילדנ... איז מענ זי מאַסרע, אַז אויב זי וועט נאָכאַמאָל אַ פּיפּס טאָנ וועגנ דער פּוטער, זאָל זי זיכ מער אינ די אויגנ נישט ווײַזנ!

די מאַמע, וואָס איז אַמאָל אַ „גוירישע מאַכטער" געוועזנ אונ וואָלט, ווענ נישט דער פּאָרעצ, וואָס האָט איר צוגענומענ דעמ נאַדנ, אַליינ אַ באַלעבאָסטע געוועזנ, האָט עס נישט געקאָנט לײַכט איבערטראָגנ; זי פלעגט טײלמאָל אַהיימ קומענ מיט געשוואָלענע אויגנ, געוואָרפנ זיכ מיט אַ געוויינ אַפּנ בעט אונ אַזוי אָפּליגנ אַ גרויסע ווײַלע אונ וויינענ, אונ ביטערלעכ וויינענ, ביז זי האָט זיכ אויסגעוויינט דאָס ביטערע האַרצ, אונ איז אופגעשטאַנענ אונ אָפּגעקאָכט אונדז אַ ביסל קליסקעלעכ מיט באָבערלעכ.

טײלמאָל האָט זי אויסגעלאָזט דעמ קאַס צו אונדז; אײגנטלעכ, דעריקער צו מיר: דעמ קראַנקנ בערל האָט זי קיינמאָל גאַרנישט געזאָגט, די ברידער פונ כיידער אויכ גאַנצ זעלטנ — זיי פלעגנ נעבעכ אַהיימ קומענ אַזוי אויכ מיט ברוינע-בלויע, אויסגעקניפּטע באַקנ אונ אונטערגעשלאָגענע אויגנ; פאַר דאָס האָב א י כ גאַנצ אָפּט געלייזט אַנ אומזיסטנ רימ בא די האָר אָדער אַזוי אַ מאַטנאַס-יאַד.

„דו ביסט נישט קראַנק געוועזנ דערווײַל אָנצולייגנ אַ פײַער, צושטעלנ אַ טעפּל וואַסער" — אונ דאָכ, אַז איכ האָב עס אַמאָל געטאָנ, איז נאָכ ערגער געוועזנ: „זע נאָר מײַנ באַלעבאָסטע! גאַרנישט, אַ פײַער לייגט זי אָנ, דאָס האָלצ זאָל זיכ דערווײַל אומזיסט אונ אומנישט אויסברענענ. עס אַרט זי עפּעס מײַנ פּראַצע? — בעדאַלעס מאַכט זי מיכ!"...

טייַלמאָל האָט דער טאַטע געלייזט אונטער די אויגן; די מאַמע זעצט זיך אַנידער אויף בעט מיטן פּנים צום פענצטער, און, אַרומקוקנדיק אין דער לופט אַרײַן, קרעכצן: „עס אַרט אים עפּעס? ער זיצט זיך דאָרט אין וואַלד, ווי אַ כּראַביע, שמעקט פרישע לופט, ליגט זיך אויף גראָז, פרעסט זויערמילך, עפּשער נאָך סמעטענע, איך ווייס? און דאָ דאַרן מיר די קישקעס!"...

בײַ דעם אַלעם איז דעמלט גוט געווען. מע האָט קיין הונגער נישט געליטן, און נאָך אַ וואָך מיט פאַרשיידענע קליינע צאָרעס איז געקומען אַ פרייַלעכער, אַלקאָלפּאָנעם, אַ רויִקער שאַבעס. דער טאַטע פלעגט אויף אַהיים קומען, און די מאַמע פלעגט זיך אַרומדרייען אין אַלע ווינקעלעך און בעסאַד-סוידעס שמייכלען.

אויף פלעגט פריִיטיק פאַרנאַכט, פאַר ליכט בענטשן, די מאַמע מיך קושן אין קאָפּ אַרײַן... איך האָב געוווּסט, וואָס דאָס באַטײַט! וואָרעם, אַז עס האָט געטראָפן, און דער טאַטע איז נישט אַהיים געקומען אויף שאַבעס, בין איך אַ „מאַכשייפע" געווען! האָט מיר די מאַמע מיטן קעמל האַלב האָר אויסגעריסן און דערצו נאָך עטלעכע זעץ דערלאַנגט אין די פּלייצעס. איך האָב נישט געוויינט; מײַן קינדיש האַרץ האָט געפילט, אַז דאָס מיינט די מאַמע נישט מיך, נאָר איר טרויעריק מאַזל!

דערנאָך האָט זיך דער וואַלד אויסגעהאַקט, דער טאַטע איז אין דער היים געבליבן און עס האָט אָנגעהויבן פעלן אין מויל אַרײַן. געפעלט, אייגנטלעך, האָט נאָר דעם טאַטן, דער מאַמען און מיר; די רעשט קינדער האָבן ווייניק וואָס געוווּסט דערפון; דאָס קראַנקע ברודערל האָט גאָרנישט געדאַרפט, עס האָט געזופּט אַמאָל אַ ביסל גריץ, אויב מע האָט אים דערלאַנגט, און אַלץ אײַנײַנעם געקוקט אויף בעליק... די אַנדערע, נעבעך, „גייען אין ביידער אַרײַן, זיי מוזן דאָך האָבן אַ לעפל געקעכץ"... נאָר איך בין גאַנץ אויף הונגעריק געווען.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן שטענדיק דערמאָנט די אַמאָ-ליקע צײַט מיט טרערן אין די אויגן; איך — פאַרקערט! איך האָב מיך אין דער שלעכטער צײַט בעסער געפילט. זינט עס האָט געפעלט ברויט און שטוב, האָט מיך די מאַמע טאָפּלט ליב באַקומען; באַם קעמען האָט זי מיר קיין האָר נישט געריסן, און די דאַרע ביינער אַרײַן נישט געבוכעט; דער טאַטע פלעגט מיר באַם וואַרעמעס גלעטן איבערן קאָפּ און פאַרשפּילן מיך, איך זאָל נישט זען, ווי מע פאַרטיילט מיך; און איך בין נאָך בא מיר גרויס געוועזן, אַז ווען מע דאַרף פאַסטן, פאַסט איך גלײַך מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען, אַז איך בין שוין אַ גרויסע מויד!

אין דער צײַט איז דאָס קראַנקע ברודערל געשטאָרבן.

געשען איז עס אַזוי: איינמאָל האָט זיך די מאַמע אויפגעכאַפּט און געזאָגט איבערן בעט צום טאַטן: „ווייסט, בערעלען איז אַוואַדע בע-סער, ער איז אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן, קיין איינציק מאָל נישט גע-וועקט".

איך האָב עס דערהערט — איך האָב שטענדיק אַ לײַכטן שלאָף געהאַט — און בין מיט אַ פרייד אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער אפן קאַסטן און צוגעלאָפן זען מײַן „איינציק ברודערל" (אַזוי האָב איך עס גערופן, אַזוי ליב האָב איך עס געהאַט). איך האָב געהאַפּט צו דערזען אפן פאַרמעטענעם פּענעמל אַ שמייכל, וואָס פלעגט זיך באַ-ווײַזן אַמאָל אין אַ יאָר... נאָר איך האָב אַ טויט פּאָנעם געפונען.

עס איז געוואָרן אַ שיווע...

דערנאָך איז דער טאַטע נישט געזונט געוואָרן, און דער רויפע האָט אָנגעהויבן צו גיין אין שטוב אַרײַן...

קאָלזמאַן עס איז געוועזן ווי-עס-איז צו צאָלן פלעגט אַרײַנגיין דער אַלטער רויפע אַליין; דערנאָך, אַז דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט מיטן הענגלײַכטער, מיטן טאַטנס ספאָרים-שאַנק, וואָס די מאַמע האָט אַ צײַט

נישט געלאָזט רירן, זײַנען אַרײַן אין רעפּועס, האָט דער רויפע אָנגע-
הויבן שיקן דעם „יונג".

דער יונג איז דער מאַמעס שרעקלעכ נישט געפעלן: עס שפּראָצן
אים עפּעס שפּיציקע „וואָנצעלעכ", גייט אָנגעטאָן ווי א גוי, און דער-
צו וואַרפט ער אלע מאָל אַרײַן עטלעכע ווערטער פּויליש.

איך האָב פאַר'ן מוירע געהאַט, אַדהײַנטיקע ווײס איך נישט פאַר-
וואָס. נאָר ווען ער האָט געדאַרפט קומען, פלעג איך אַרויסלויפן אפן
הויף און איבערוואַרטן ביז ער וועט אַוועקגיין.

איינמאָל איז א שאָכן קראַנק געוואָרן, און אַז אָרעמאַן, און אויך,
אפּאָנעם, נאָך אלע קיילים אין שטוב. און דער יונג (אַדהײַנטיקן ווײס
איך נישט, וויאַזוי ער האָט געהייסן) איז פון אונדזער שטוב אַרי-
בערגעגאַנגען צום שאָכן. דורכגייענדיק דעם הויף, האָט ער מיך גע-
טראָפן זיצן אפן קלאָץ.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דערפילנדיק, אַז ער קומט צו מיר
נענטער, איז מיר קאַלט געוואָרן אין די קנעכל און דאָס האַרץ האָט
מיר אָנגעהויבן שטאַרקער צו שלאָגן.

ער איז צוגעקומען, האָט מיך אָנגענומען בא דער גאָמבע, אופגע-
הויבן מיר דעם קאָפּ און געזאָגט, דאַפקע אפ פּראָסט ייִדיש:

— „א שיינע מויד, ווי דו ביסט, דאַרף נישט זײַן צעשויבערט,
דאַרף זיך אויך פאַר קיינ באָכער נישט שעמען!"

ער האָט מיך אָפּגעלאָזט, און איך בין אַרײַנגעלאָפן צוריק אין
שטוב. איך האָב געפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט מיר אַלץ אינעווי-
נעם אין פּאָנעם אַרײַן. איך האָב מיך פאַרוקט אין טונקלסטן ווינקל
הינטערן אויוון, מיקלוימערשט, אויסציילן די ברודיקע וועש... דאָס
איז געווען מיטוואָך.

פרײַטיק האָב איך דאָס ערשטע מאָל דער מאַמען אליינ דערמאָנט,
אַז מע דאַרף מיר אויסוואַשן דעם קאָפּ, אַז איך בין צעשויבערט.

— א קלאָג איז צו מיר! — האָט די מאַמע פאַרבראָכן די הענט.— איך האָב זי דאָך דרײַ וואָכן נישט געקעמט!

פּלוצלינג ווערט זי בייז:

— מאַכשייפע! — האָט זי אויסגעשריגן.— אַזאַ גרויסע, בייז-דערוואַקסענע מויד קאָן זיך אַליין נישט צוואָגן! און אַנדערע אויף דײַן אָרט וואָלט נאָך די אַנדערע קינדער געוואַשן!

— סאָרעלע, שרײַ נישט! — בעט זיך דער טאַטע; נאָר דער מאַמעס קאָפּ ווערט שטאַרקער און שטאַרקער:

— מאַכשייפע, הערסט! ש וי ן זאָלסטו דיך צוואָגן! הערסט — די אויסע רעגע! הערסט!

און דאָ האָב איך מוירע צוצוגיין צום קוימען, וווּ דאָס הייסע וואַסער איז געשטאַנען, ווײַל, דורכגייענדיק דורך דער מאַמען, וואָלט איך געלייזט א בוך. געראַטעוועט האָט מיך, ווי געווייגלעך, דער טאַטע.

— סאָרעלע,— האָט ער געקרעכצט,— שרײַ נישט, מיר טוט דער קאָפּ אַזוי וויי!..

דאָס איז געגנוג געווען. דער מאַמעס קאָפּ איז ווי מיט דער האַנט אָוועקגענומען געוואָרן... איך בין פרײַ דורכגעגאַנגען די שטוב און צוגעקומען צום טאָפּ וואַסער.

איך צוואָג מיך אומגעלומפּערט און זע, ווי די מאַמע גייט צו צום טאַטן און ווײַזט אויף מיר מיט א שווערן זיפץ:

— ריבוינעשעלוילעם, עס וואַקסט נעבעך ווי אויף הייוון,— מאַכט זי שטיל צום טאַטן, נאָר מײַן אויער כאַפּט יעדעס וואָרט,— שיין ווי א גאָלד... און וואָס?

דער טאַטע האָט געענטפערט מיט נאָך א טיפערן זיפץ.

דער רויפע האָט נישט איין מאָל פאַרזיכערט, אַז דעם טאַטן איז גאָרנישט. דאָס אַגמעסנעפעש נאָר האָט זיך אים געלייגט אויף דער לעבער, דעריבער איז זי אויפגעשוואָלן און דריקט צו דאָס האַרץ; מער

נישט! דעריקער זאָל ער מילך טרינקען, קיין אַגמעסנעפּעש זיך נישט צולאָזן, גיין אין גאַס אַרײַן... ריידן, שמועסן, זוכן זיך אַן אייסעק... דער טאַטע האָט אָבער געזאָגט, אַז די פיס ווילן אים נישט טראָגן. פאַרוואָס, בין איך ערשט שפּעטער געוואָר געוואָרן.

איינמאָל, זומער פאַרטאָג, האָט מיך אויפגעוועקט אַ שמועס צווישן טאַטע־מאַמע:

— ביסטו דיך אין וואַלד, נעבעך, אָנגעגאַנגען,— מאַכט די מאַמע.

— אַ שפּילע דאָס איז,— ענטפערט דער טאַטע,— אין וואַלד האָט מען אַפ צוואַנציק ערטער געהאַקט אַפ איין מאָל. פאַרשטייסט, דער וואַלד איז דעם פּריצס, די פּויערים האָבן אָבער סערוויטוטן: זיי קומט די צווײַגן, וואָס פאַלן אַראָפּ און וואַלגערן זיך אין וואַלד, ווי אויך דאָס האָלץ פון דיביימער, וואָס אַ דונער צעשלאָגט... נו, אַז מע האַקט אויס דעם וואַלד, האָבן זיי דאָך העזעק דעם סערוויטוט; מוזן זיי זיך קויפן האָלץ צום בויען און צום הייצן. האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, געוואָלט לייגן אַן אַרעסט, אָראָפּברענגען דעם קאָמיסאַר; זיי האָבן זיך אָבער צו שפּעט מעיאַשעוו געוועזן. רעב זײַנוועלע האָט נאָר דערזען, אַז זיי קראַצן זיך אין די קעפּ, האָט ער שוין געגעבן אַ באַפעל, מע זאָל אַנידערשטעלן נאָך פערציק העקער! עס איז געוואָרן אַ גענעם, עפּשער אַפ צוואַנציק ערטער האָט מען געהאַקט. און זײַן מוז מען או־מעטום... וואָס קלערסטו? די פיס פלעגן מיר געשוואָלן ווערן ווי די באָרקעס...

— ווי אַ מענטש זינדיקט! — קרעכצט די מאַמע.— איך האָב גע־מיינט, אַז דו האָסט דאָרט גאָרנישט וואָס צו טאָן...

— אַוואַדע! — שמייכלט טרויעריק דער טאַטע.— נאָר פון גרויען טאָג ביז שפּעטער נאַכט אַפ די פיס!

— און אַלץ פאַר דרײַ רובל אַ וואָך? — בייזערט זיך די מאַמע.

— ער האָט מיר צוגעזאָגט צו דערלייגן; דערווײַל, ווייסטו דאָך, איז אים די טראַטווע אונטערגעגאַנגען... האָט ער געזאָגט, אַז ער איז בעדיל־האַדאָל געוואָרן...

— און דו גלייבסט?

— עס קאָן זײַן...

— שטענדיק — בייזערט זיך די מאַמע — ווערט ער בעדיל־האַדאָל אונ דאָס פאַרמעגן וואַקסט און וואַקסט.

— אַז גאָט העלפט, — זיפצט דער טאַטע.

עס איז שטיל אַ ווײַלע.

— ווייסט נישט, וואָס מאַכט ער? — פרעגט דער טאַטע, וואָס איז שוין קימאַט אַ יאָר נישט אַרויס פון שטוב.

— וואָס זאָל ער מאַכן? ער האַנדלט מיט פלאַקס, מיט אייער; אַ שענק האָט ער...

— און זי וואָס מאַכט?

— זי, נעבעך, קראַנק...

— אַ שאָד, אַ גוטער מענטש.

— אַ בריליאַנט! די איינציקע באַלעבאָסטע, וואָס „מאַכט נישט אײַן" אַ גראָשן; זי וואָלט אַפילו געצאָלט צו דער צײַט, נאָר זי האָט בײַ אים ווייניק. וואָס צו שאַפן...

— דאַכט זיך, — מאַכט דער טאַטע, — דאָס דריטע ווײַב.

— אַוודאי! — באַשטעטיקט די מאַמע.

— זעסט, סאָרע, — מאַכט דער טאַטע, — דאַכט זיך שוין — אַ ייִד אַ גוויר... האָט ער קיין מאָל נישט צו ווײַבער... יעדערער האָט זײַן פעקל.

— און אַזאַ יונג בלוט! — האָט צוגעגעבן די מאַמע. — איינגאַנצן צוועלעבע און צוואַנציק יאָר.

— נו, גיי ווייס! ער איז אוואדע א זיבציקער און — איינז שטארק.

— און אנ א ברילנ!..

— און זיינ גאנג; די פאדלאגע ציטערט!

— און איכ, זעסטו, ליג אינ בעט.

עס האט מיכ דורכגענומענ בא די לעצטע ווערטער.

— גאט וועט העלפנ,— טרייסט די מאמע.

— נאר זי, זי... — קרעכצט וויטער דער טאטע און ווארפט א בליק צו מיר אפנ קאסטנ.— זי וואקסט, קיינ איינהארע, ווי אפ הייוונ... פארנט... האסט געזענ?..

— א שיינע דאס איז!

— און א פאנעם... שיינט ווי די זונ...

עס איז וויטער שטיל געווארנ א ווילע.

— ווייסט, האַרעלע,— מאכט וויטער דער טאטע,— מענ איז נישט זויצע פאר גאט.

— מיט וואס?

— מיט איר! ווי אלט ביסטו געווענ צו דער חאסענע?

— יינגער פאר איר!

— נו?..

— נו... וואס?

אינ דער אייגענער מינוט האט מענ צוויי קלעפ געטאנ אינ לאדנ.

די מאמע איז ארופגעשפרונגענ פונ בעט. אינ איינ רעגע האט זי אפגעריסנ דאס שטריקל, אפ וועלכנ דער לאדנ האט זיכ געהאלטנ, און אופגעפראלט דאס פענצטער, וואס האט שוינ לאנג קיינ באשלעג נישט געהאט.

— וואס איז? — האט זי ארויסגעשריגנ אינ גאס ארייננ.

— ריווקע זיינוועלעס איז ניפטער געווארנ.

די מאמע איז צוריקגעשפרונגען פון פענצטער.

— באָרוך דאיאַן עמעס! — האָט דער טאַטע ארויסגעזאָגט... — שטארבן איז גאָרנישט...

— באָרוך דאיאַן עמעס, — מאכט די מאמע, — ערשט פון איר גערעדט!

דעמלט האָב איך געהאט א ווונדערלעך אומרוזיקע צײַט. איך ווייס אַלײן נישט, וואָס מיט מיר איז געווען.

טיילמאָל בין איך גאנצע נעכט נישט געשלאָפן. די שלייפן האָבן מיר ווי האמער געקלאפט, און דאָס הארץ האָט גענאָגט, גלײַך עס וואָלט זיך געשראָקן פאר עפעס, אָדער שרעקלעך נאָך עפעס געבענקט; טיילמאָל איז מיר ווײַטער אזוי ווארעם און ווייך געווען אפן הארצן, אז איך האָב געוואָלט אלץ ארומנעמען און קושן און האלדזן.

נאָר וועמען? די ברידערלעך האָבן זיך נישט געלאָזט; דער פינף-יאָריקער יויכענען האָט אויך געקאָפּעט און געשריגן, אז ער וויל זיך נישט שפילן מיט א מיידל. די מאמע, אויסער דעם, וואָס איך האָב פאר איר מוירע געהאט, איז שטענדיק בייז און פאריאָגט... דער טא-טע — נאָך קראנקער.

בעמעשעך א קורצער צײַט איז ער אינגאנצן גרוי געוואָרן ווי א טויב, דאָס פּאָנעם איז אײַנגעשרומפּן געוואָרן ווי א פּארמעט, און די אויגן האָבן ארויסגעקוקט אזוי אומבאהאָלפן און מיט אזא שטום גע-בעט, אז עס איז גענוג געווען, איך זאָל עס דערזען און ארויסלויפן פון שטוב מיט א געוויין.

דעמלט דערמאָן איך מיך אָן מײַן בערעלען... אים וואָלט איך געקאָנט אלץ דערציילן, קושן און האלדזן... ליגט ער דאָרט אין דער קאלטער ערד, און עס כאַפּט מיך אָן א ביטערלעכער געוויין...

די טרערן, אייגנטלעך, פלעגן זיך מיר באַוויַיזן גאַנץ אָפט אָן אַ טאַם.

טייַלמאָל קוק איך פון פענצטער אַרויס אַפן הויף און זע, ווי די לעוואָנע שווימט און שווימט צו אַלעמאָל נעענטער צו דעם אויסגע-וואַקסטן צוים, וואָס איז קעגן אונדזער פענצטער, און קאָן דעם צוים נישט אַריבערשווימען.

און איך באַקום פּלוצלינג ראַכמאָנעס אַף דער לעוואָנע, עס הייבט מיך אָן קלעמען באַם האַרצן און די אויגן גיסן זיך...

טייַלמאָל, וויַיטער, פלעג איך אַרומגיין מאַט. איך פלעג מיך אַרומ-וואַקלען אָן קויעך מיט אַ בלאַס פּאָנעם און אונטערגעשלאָגענע אויגן; אין די אויערן רוישט, דער קאָפּ איז שווער און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס איז מיר אַזוי נישט גוט אַף דער וועלט, אַזוי נישט גוט, אַז עס וואָלט אַמבעסטן געוועזן צו שטאַרבן.

דעמלט וויַיטער האָב איך בעדלען שטאַרק מעקאַנע געוועזן... ער ליגט זיך דאָרט אַזוי רויק...

גאַנץ אָפט אויך, האָט זיך מיר געכאָלעמט, אַז איך שטאַרב, אַז איך ליג אין קייווער, אָדער אַז איך פלי אַרום אין הימל אין אייַן העמד מיט צעלאָזטע האָר און קוק אַראָפּ און זע, וואָס אַף דער וועלט טוט זיך.

פּונקט דעמלט האָב איך פאַרלוירן די אַלע כאַווערטעס, מיט וועל-כע איך האָב אַמאָל אין צייכן געשפּילט, און האָב שוין קיין אַנדערע נישט באַקומען. איינע איז שוין אַרויסגעגאַנגען שאַבעס מיט אַן אַט-לאַסענע יופּע און אַ קייט און אַ זייגער; עס האָט שוין געזאָלט זיַין איר כאַסענע. אַנדערע זיַינען „קאַלע-מיידלעך" געוואָרן. שאַדכאָנים און מעכוטאָנים „האַקן אָפּ די טירן". און מע האָט זיי געקעמט, גע-וואַשן, געקליידט, בעשאַס ווען איך בין נאָך אַרומגעגאַנגען באָרוועס, אין אַן אַלטע בעזינע, קורצע ספּאָדניצע, אין אַן אויסגעבליאַקעוועטן ציצענעם סטאַניק, וואָס האָט אַף מיר אַפן סאַמעראָדנע פּראָנט אין

עטלעכע ערטער געפּלאצט, אונ איך האָב אים צוגעלאטעט מיט אנ אנ-
דער קאָליר ציצ... די קאַלע-מיידלעך האָבנ מ י ך געמײַדט, אונ מיט
די ייִנגערע קינדער האָב א י ך מיך געשעמט צו כאַווערנ; אויך האָבנ
מיך שוינ די צייכנ נישט געווײַלט. באַטאָג פלעג איך מיך דעריבער
נישט ארויסווײַזנ אינ גאַס אַרײַנ. די מאַמע, ווײַטער, האָט מיך אינ
ערגעצ נישט געשיקט, אונ אפילע אז איך האָב אמאָל געוואָלט גיינ א
גאַנג, נישט געלאָזט. פאַר דאָס פלעג איך מיך אָפט ארויסכאַפּנ פאַר-
נאַכט אונ ארומגיינ הינטערנ הויז בא די שפּײַכלער, אָדער זעצנ זיך
נישט ווײַט פונ טײַך.

זומער פלעג איך אזוי זיצנ ביז שפּעט אינ דער נאַכט אַרײַנ.

אינ אָנהייב פלעגט אמאָל די מאַמע צו מיר ארויסגיינ; צוגעגאַנ-
גענ איז זי קיינמאָל נישט, נאָר אינ טויער זיך געשטעלט, אומגעקוקט
זיך אונ אוועקגעגאַנגענ,— איך פלעג קימאַט הערנ ווי זי זיפצט,
קוקנדיק אפ מיר פונוויַיטנ.

מיט דער צײַט האָט דאָס אויך אופגעהערט.

איך פלעג מיר אָפּזיצנ איינע אליינ שאָענלאַנג אונ אײַנהערנ זיך,
ווי עס רוישט דאָס קליינע טײַכל, ווי עס שפּרינגענ די פרעש פונ גראָז
אינ טײַך אַרײַנ, אָדער נאָכיאָגנ ערגעצ א לײַכטנ וואָלקנ אינ הימל...

איך פלעג אמאָל האלב אײַנשלאָפנ מיט אָפענע אויגנ.

איינמאָל האָב איך דערהערט פונוויַיטנס א טרויעריק לידל. דאָס
קאָל איז געווענ יונג אונ פריש, אונ עס האָט זיך מיר מיט א טרויער
אויסגעגאָסנ אינעם גאַנצנ לײַב; עס איז געווענ א ייִדיש לידל.

דאָס זינגט דער „רויפע-יונג“,— טראַכט איך,— אנדערע וואָלטנ
זמירעס, נישט קיינ לידלעך, געזונגענ.

איך טראַכט אויך, אז מע מוז אַרײַנ אינ שטוב אונ אזוינע לידלעך
נישט הערנ אונ מיטנ רויפע-יונג זיך נישט טרעפנ. נאָר אופגעהויבנ

האָב איך מיך נישט; איך בין עפּעס ווי פאַרכאַלעמט געוועזן, מאַט, און בין געבליבן זיצן אפן אָרט, כאָטש דאָס הארץ איז אומרויִק געוועזן.

דאָס לידל קומט צו אַלץ נעענטער און נעענטער, עס גייט פון יענער זײַט טײַך איבער דער בריק.

איך הער שוין טריט אפן זאמד, איך וויל ווײַטער אנטלויפן, נאָר די פיס פאָלגן נישט און איך זיץ ווײַטער.

ענדלעך איז ער צוגעקומען צום אָרט, וווּ איך בין געזעסן.

— דו ביסט עס, לייע?

איך ענטפער נישט.

אין די אויערן רוישט מיר נאָך שטאַרקער, די שלייפן שלאָגן נאָך האַסטיקער און עס דאכט זיך מיר, אז איך האָב קיינמאָל אזא גוט און זיס קאָל נישט געהערט.

ער מאַכט זיך ווייניק דערפון, וואָס איך ענטפער אים נישט. ער זעצט זיך נעבן מיר אפן קלאָץ און קוקט מיר גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן.

זײַן בליק האָב איך נישט געזען, ווײַל איך האָב די אויגן נישט אופגעהויבן, דאָך געפילט האָב איך, ווי עס האָט מיר געברענט דאָס פּאָנעם.

— ביסט א שיינע מויד, לייע,— מאַכט ער צו מיר,— א שאָד!

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט א שרעקלעך געוויין און איך בין אנטלאָפן.

דעם צווייטן אָוונט בין איך שוין נישט ארויסגעגאַנגען, דעם דריטן אויך נישט. נאָר דעם פערטן, פרײַטיקצונאַכטס, איז מיר שוין אזוי שווער געווען אפן הארצן, אז איך האָב געמוזט ארויסגיין; עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך וועל דערשטיקט ווערן אין שטוב. ער האָט אפּ מיר, אפּאָנעם, אין שאָטן, הינטער א הויז-ווינקל, געוואַרט. ווײַל קוים האָב איך מיך געזעצט אפּ מײַן אָרט, איז ער מיר ווי אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד.

— אנטלויפ נישט פאר מיר, לייע! — האָט ער זיכ מיט א ווייכ, הארציק קאָל געבעטנ. — גלייב מיר, איכ וועל דיר קיינ שלעכטס נישט טאָנ.

זײַנ ערנסט, ווייכ קאָל האָט מיכ בארויקט.

ער האָט אָנגעהויבנ צו זינגענ א שטיל טרויעריק לידל, און מיר זײַנענ יוײַטער געקומענ די טרערנ אינ די אויגנ ארײַנ. איכ האָב מיכ נישט געקאָנט אײַנהאלטנ, און האָב אָנגעהויבנ שטיל צו וויינענ.

— וואָס וויינסטו, לייע, — האקט ער אָפּ און פרעגט, אָנעמענדיק מיכ בא דער האנט.

— דו זינגסט אזוי טרויעריק — האָב איכ אימ געענטפערט און ארויסגעצויגנ די האנט פונ זײַנע.

— איך בין א יאָסעם,— מאכט ער,— עלנט... אין דער פרעמד.
עס האָט עמעצ זיך באוויזן פון גאס און מיר זײַנען זיך צעלאָפן.
דאָס לידל האָב איך מיך אויסגעלערנט און פלעג עס זינגען שטי-
לערהייט יעדע נאכט אפן געלעגער; דערמיט בין איך אײַנגעשלאָפן,
דערמיט בין איך אופגעשטאנען. דאָך גאנצ אָפט האָב איך בארױמט גע-
האט און געוויינט, וואָס איך האָב מיך באקאנט מיט א „רויפע-יונג",
וואָס קליידט זיך דײַטש און גאָלט זיך דאָס בערדל. וואָלט ער זיך אזוי
געטראָגן, ווי דער אלטער רויפע, וואָלט ער כאָטש א פרומער ייִד גע-
ווען... איך האָב געוווסט, אז ווען דער טאטע ווערט עס געוואָר,
שטארבט ער, כאסוועשאָלעם, פאר אגמעסנעפעש; די מאמע וואָלט
זיך א מיִסע געטאָן! דער סאָד איז מיר געלעגן ווי א שטיין אפן
הארצ.
איך גיי צו צום טאטנס בעט דערלאנגען אים עפעס, אָדער די
מאמע קומט ארײַן פון גאס, און איך דערמאָן מיך אָן מײַן זינד, הייבן
אונטער מיר אָן הענט און פיס ציטערן, און דאָס פּאָנעם פארלירט דעם
לעצטן טראָפּן בלוט, און האָב איך אים יעדן טאָג צוגעזאָגט, אז
איך וועל מארגן אויך ארויסקומען; און איך האָב נישט געהאט, פאר-
וואָס פאר אים צו אנטלויפן. ער האָט מיך שוין אפילע בא דער האנט
נישט אָנגענומען, מער נישט געזאָגט, אז איך בין א שיינע מויד. ער
האָט מיט מיר נאָר גערעדט, געלערנט מיך לידלעך... איינמאָל נאָר
האָט ער מיר א שטיקל באָקסער געבראכט.
— עס, לייע!
איך וויל נישט נעמען.
— פארוואָס? — פרעגט ער טרויעריק.— פארוואָס ווילסטו בא
מיר נישט נעמען?
איך האָב מיך ארויסגעכאפט, אז איך וואָלט בעסער געגעסן א
שטיקל ברויט.

ווי לאנג אונדזער זיצנ צוזאמענ און זינגענ האָט געדויערט, ווייס איך נישט. נאָר איינמאָל איז ער געקומענ טרויעריקער ווי שטענדיק, איך האָב עס באַלד אינ זײַנ פּנים דערקענט, אונ האָב'נ געפרעגט, וואָס איז אים.

— איך מוז אוועקפאָרנ.

— וווהינ? — פרעג איך אַנ א קאָל.

— צו דער סוב-רעוויזיע.

איך האָב אים אָנגעכאַפּט בא דער האנט.

— צו די זעלנער וועסטו גיינ?

— ניינ, — האָט ער מיר געענטפערט אונ דריקט מיר די האנט. — איך בינ א שוואַכער... איך לײַד אפנ הארצ, קיינ זעלנער וועל איך נישט זײַנ, נאָר שטעלנ מוז איך מיך...

— וועסט צוריק קומענ?

— אוואַדע...

מיר שווײַגנ א ווײַלע.

— עס וועט נאָר דויערנ, — מאכט ער, — א פּאָר וואָכנ...

איך שווײַג, אונ ער קוקט אפ מיר מיט א געבעט.

— וועסט בענקענ נאָכ מיר?

— יאָ... — האָב איך אלײנ קוים געהערט מײַנ טשוווע.

מיר שווײַגנ ווײַטער א ווײַלע.

— לאָמיר זיכ געזעגענענ.

מײַנ האנט איז נאָכ געלעגנ אינ זײַנע.

— פאָר געזונט! — האָב איך אים געזאָגט מיט א פארצי-טערטנ קאָל.

ער האָט זיכ איבערגעבויגנ, מיר א קוש געטאָנ אונ איז פאר-שוווּנדנ געוואָרנ.

איך בינ לאנג געשטאנענ ווי שיכּער.

— לייע! — האָב איך דערהערט דער מאַמעס קאָל, נאָר דאָס אַלטע, ווייכע, קימאַט זינגענדיקע קאָל, נאָך פֿון דער צײַט, ווען דער טאַטע איז געזונט געווען.

— לייעשי!

אַזוי האָט מען מיך שוין לאַנג נישט גערופֿן. איך האָב נאָכאַמאָל אַ ציטער געטאָן און בין מיט די נאָך ברענענדיקע ליפּן אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב. נאָר איך האָב די שטוב נישט דערקענט. אויפֿן טיש זײַנען געשטאַנען צוויי פֿרעמדע לײַכטער מיט ברענענדיקע ליכט, עס איז גע-שטאַנען בראָנפֿן מיט לעקעך — דער טאַטע איז געזעסן אויף אַ שטול, אָנגעלענט אויף אַ קישן, אויפֿן פּנים האָט עפּעס ווי געשמייכלט פֿון יעדן רונצל אַרויס.— עס זײַנען געשטאַנען נאָך בענקלעך באַם טיש, אויך פֿרעמדע... עס זײַנען דאָ פֿרעמדע מענטשן געווען — נאָר די מאַמע כאַפּט מיך אַרום און קושט און האַלדזט מיך:

— מאַזלטאָוו, טאָכטער, טאָכטערשי, לייעשי, מאַזלטאָוו!

איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס מע מיינט, נאָר דאָס האַרץ שרעקט זיך און קלאַפּט, און קלאַפּט אַזוי מוירעדיק! אַז די מאַמע האָט מיך אַרויס-געלאָזט פֿון די אָרעמס, האָט מיך דער טאַטע צוגערופֿן. איך האָב קיין-קויעך נישט געהאַט צו שטיין און האָב מיך אַראָפּגעלאָזט פֿאַר אים אויף די קני'ען און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זײַן שויס. ער גלעט מיר דעם קאָפּ, קרײַזלט מיר די האָר:

— וועסט שוין, קינד מײַנס, ניט לײַדן קיין הונגער, קיין נויט; וועסט שוין, קינד מײַנס, נישט אַרומגיין נאַקעט און באָרוועס... וועסט זײַן אַ נגידע... דו וועסט זײַן רײַך... דו וועסט פֿאַר דײַנע ברידערלעך מעלאַמעד-געלט צאָלן... מע וועט זיי שוין פֿון די באַדאַרים נישט אַרויסוואַרפֿן... דו וועסט אונדז אויך העלפֿן... איך וועל געזונט ווערן...

— און ווייסט, ווער דער כאָסן איז? — פרעגט די מאמע מיט א פרייד. — טאקע רעב זײַנוול! טאקע ר׳ זײַנוול. ער האָט אליין א שאדכנ געשיקט...

איכ וויים נישט, וואָס מיט מיר איז געשעג, נאָר אופגעכאפּט האָב איכ מיכ אפנ געלעגער אינמיטנ טאָג.

— געלויבט איז גאָט! — האָט די מאמע אויסגעשריגנ.

— געלויבט איז זײַנ ליבער נאָמענ! — האָט דער טאטע געזאָגט.

און מע האָט מיכ ווײַטער געהאלדזט און געקושט. נאָכ מער — מע האָט מיר אײַנגעמאכטס דערלאנגט!.. עפשער וויל איכ וואסער מיט זאפט? עפשער א ביסל ווײַנ?

איכ האָב צוריק די אויגנ פארמאכט און געקײַכט מיט א שטיקנדיק געוויינ.

— וויל, וויל, — פרייט זיכ די מאמע, — זאָל זי זיכ אָפּוויינענ. מײַנ אָרעמ קינד! מיר זײַנענ זיכ אליינ שולדיק, אפאמאָל אזא נאכעס דערציילט! אזוי פּלוצלינג! עס קאָנ אנ אָדער פּלאצנ, כאסוועשאָלעמ! נאָר אצינד געלויבט איז גאָט! ווײַנ דיר אָפּ דאָס הארצ, זאָלנ אלע צאָרעס אוועקשווימענ מיט די טרערנ און א נײַ לעבנ זאָל זיכ אָנהייבנ, א נײַ לעבנ...

דער מענטש האָט צוויי מאלאָכים — א גוטנ און שלעכטנ מאלעכ, און איכ בינ זיכער געווענ, אז דער גוטער מאלעכ הייסט מיכ אינעמ רויפע-יונג פארגעסנ, עסנ ר׳ זײַנוועלעס אײַנגעמאכטס, טרינקענ זײַנ זאפט מיט וואסער און קליידנ זיכ אפ זײַנ כעזשבנ, בעשאָס ווענ דער שלעכטער מאלעכ האָט מיר אײַנגערעדט, איכ זאָל איינמאָל פאר אלעמאָל זאָגנ דעמ טאטנ און דער מאמענ, אז איכ וויל נישט. בעיינ אויפנ נישט.

רעב זײַנוועלענ האָב איכ נאָכ נישט געקענט, איכ האָב'נ עפשער א מאָל געזענ נאָר — אָדער פאַרגעסנ, אָדער באַלד נישט געוווּסט, ווע-מענ איכ זע... נאָר הינטער די אויגנ האָב איכ אימ פײַנט געהאַט.

באַלד די צווייטע נאַכט האָט זיכ מיר געכאָלעמט, אַז איכ שטיי אונטער דער כופּע.

דער כאָסנ איז רעב זײַנוועלע און מע פירט מיכ זיבנ מאָל אַרומ אימ, נאָר די פיס זײַנענ מיר פאַרשטאַרט און די אונטערפירערקעס טראָגנ מיכ אינ דער הייכ...

דערנאָכ האָט מענ מיכ אַהיימ געפירט.

די מאַמע האָט אַקעגנ געטאַנצט מיט א קוילעטש, און עס גייט שוינ די גאָלדענע יויכ.

איכ האָב מוירע די אויגנ אופצוהייבנ. איכ בינ זיכער, אַז איכ וועל דערזענ א בלינדנ, אָנ אַנ אויג, און א לאַנגע, א שרעקלעכ לאַנגע נאָז... עס קומט מיר א קאַלטער שווייס אָפנ לײַב — נאָר פלוצלינג רוימט ער מיר אײַנ אינ אויער:

— לייעשי, א שיינע מויד ביסטו!

און דאָס קאָל איז גאָרנישט פונ קיינ אַלטנ מאַנ — עס איז יע-נעמס קאָל... איכ עפנ א ביסל די אויגנ — עס איז יענעמס פאָנעמ...

— טס! — רוימט ער מיר אײַנ. — זאָג נישט אויס. איכ האָב רעב זײַנוועלענ פאַרנאַרט אינ וואַלד אַרײַנ, אַרײַנגעלייגט אינ א זאַק, צוגע-בונדנ א שטיינ און אַרײַנגעוואָרפנ אינ טײַכ (אַזאַ מײַסע האָט מיר אַמאָל די מאַמע דערציילט) און בינ איכ דאָ אָפ זײַנ אָרט!

איכ האָב מיכ אופגעכאַפט פאַרציטערט.

דורכ א שפאַרע פונ לאָדנ האָט אַרײַנגעשלאָגנ א בלאַסע שײַנ פונ דער לעוואָנע און האָט באַלײַכט די גאַנצע שטוב. איכ באַמערק ערשט, אַז אינמיטנ באַלקנ הענגט צוריק דער הענגלײַכטער, טאַטע-מאַמע שלאָפנ אָפ בעטגעוואַנט. — דער טאַטע שמייכלט פונ שלאָפ, די מאַמע

אָטעמט רויק... און דער גוטער מאַלעך זאָגט מיר: אז דו וועסט זיין גוט און פרום, וועט דער טאַטע געזונט ווערן, די מאַמע וועט אַפ דער עלטער נים אַרבעטן אזוי שווער און ביטער, און פון דיינע ברידער־לעך וועלן אַרויסקומען לאָמדים, ראַבאָנים, געווינים; גרויסע, גרויסע יידן, מע וועט פאר זיי צאָלן מעלאַמעד־געלט.

— נאָר קושן — זאָגט דער שלעכטער מאַלעך — וועט דיך רעב זיינוועלע... ער וועט זיך צו דיר צוריירן מיט די פיינטע וואָנצן... ער וועט דיך ארומנעמען מיט די ביינערדיקע הענט... אויך וועט ער דיך פייניקן, ווי יענע ווייבער, און וועט דיך יונגערהייט יאָגן אין קייווער אריין; און ער וועט קומען צו פאָרן און וועט אגמעסנעפעש האָבן, דיך קיין לידלעך שוין נישט לערנען, וועסט שוין מיט אים אָוונט אפ אָוונט נישט זיצן... דו וועסט זיצן מיט רעב זיינוועלען...

— ניין! הימל און ערד זאָל צוזאַמען קומען! צערייסן די טנאָים! איך בין שוין נישט געשלאָפן ביז אינדערפרי...

די ערשטע האָט זיך אופגעכאַפט די מאַמע; איך וויל מיט איר ריידן, נאָר איך בין געווויינט אין אַלע געפארן זיך ווענדן צום טאַטנס הילף.

אָט וועקט זיך שוין דער טאַטע.

— ווייסט, סאָרעלע, — זיינען זיינע ערשטע ווערטער, — איך פיל מיך גאָר, גאָר גוט; וועסט זען, איך וועל היינט נאָך גיין אין גאָס אַריין.

— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען; אַלץ אין אונדזער טאָכטערס מאַזל, אַלץ אונדזער טאָכטערס, דער צאַדייקעס זכוס.

— און דער רויפע איז טאַקע גערעכט, די מילך שמעקט מיר זייער וויל...

זיי שווייגן, און דער גוטער מאַלעך זאָגט מיר נאָכאַמאָל:

— אז דו וועסט גוט און פרום זיין, וועט דער טאַטע ווערן גע־זונט; וועט אָבער פון דיינע ליפן ארויס א זינדיק וואָרט — פאַלט ער אוועק און שטאַרבט.

— הערסטו, סאָרעלע, — מאכט ווײַטער דער טאטע, — הער שוין אוף צו זײַן א פשעקופּקע...

— וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט! — איך וויל הײַנט נאָך זײַן בא רעב זײַנ-וועלען... ער וועט מיך צונעמען צו א געשעפט, אָדער בארגן עטלעכע רובל, וועלן מיר זיך מאכן א געוועלבל, איך וועל שטיין א ביסל, דו א ביסל — דערנאָך וועל איך אָנהייבן האנדלען מיט טווע...

— האלעווײַ זאָל גאָט געבן!

— אוואדע וועט גאָט געבן! אז דו וועסט הײַנט נעמען אפ כא-סענע-קליידער, זאָלסטו דיר אויך נעמען... כאָטש אפ צוויי קליידער, און פארוואָס נישט? ער האָט געהייסן נעמען, וואָס מע דארף; דו וועסט דאָך נישט זײַן אפן אופרופן אין דײַנע בענגאָדים.

— גיי שוין, גיי! — ענטפערט די מאמע. — דעריקער מוז מען די קינדער עפּעס מאכן — רגוון גייט בארוועס, ער האָט זיך יענע וואָך א האָלץ ארײַנגענומען, לאָמט ער נאָך... אויך גייט צו ווינטער, מע דארף לײַבלעך און העמדלעך, וואטאָווע קאפּאָטקעלעך.

— נעם, נעם...

— הערסט, — מאכט דער גוטער מאַלעך, — אז דו וועסט ריידן א שלעכט וואָרט, וועט די מאמע דײַנע קיין קלייד נישט האָבן, און דו ווייסט, אז דאָס אלטע פאלט איר אראָפּ פון לײַב; דײַנע ברידערלעך וועלן ווינטער-צײַט אין די גרעסטע פרעסט לויפן אין כיידער אריין בארוועס און זומער וועלן זיי זיך ארײַנעמען העלצער אין די פּיס...

— איך זאָג דיר דעם עמעס, — מאכט די מאמע, — מע וואָלט געדארפט אלץ אויסריידן „בעראָכל ביטכאָ האקטאנאָ“, וואָרעם זייער א גוטער מענטש איז ער נישט... מע דארף אָפּריידן, וויפל ער וועט איר פארשרײַבן — וואָרעם יאָרשים וועט זײַן ווי האָלץ... ווען אפילע

נישט קיין אקט — זאָל ער כאָטש געבן א ביירעם-קוויטל, וואָרעם טאקע, ווי לאנג קאָן אזוינער לעבן? נאָך א יאָר, נאָך א יאָר...

— בא ווילטיק, — זיפצט דער טאטע, — לעבט מען לאנג.

— לאנג! פארגעס נישט — זיבעציק יאָר... טיילמאָל ווערט אים עפּעס ווי טויט אונטער די אויערן...

און דער שלעכטער מאלעך זאָגט: אז דו ועסט שווייגן, וועסטו גיין אונטער דער כופּע מיט א טויטן, מיט א מעס וועסטו לעבן... מע וועט דיך לייגן-פירן מיט א בארמינען...

די מאמע זיפצט.

— אלץ איז בא גאָט אין די הענט — מאכט דער טאטע.

די מאמע זיפצט ווייטער, און דער טאטע זאָגט:

— און וואָס קאָן מען טאָן... מע האָט געקאָנט בעסער מאכן? אוואדע, ווען איך בין געזונט, ווען איך פארדין, ווען עס איז כאָטש דאָ טרוקן ברויט אין שטוב...

ער האָט אָפּגעהאקט; מיר האָט זיך געדאכט, אז עפּעס וויינט דעם טאטן אין הארץ.

— וואָלט זי כאָטש יונגער געווען מיט א פּאָר יאָר, וואָלט איך דאָס לעצטע געטאָן... ווייס איך? עפּשער אפ דער לאָטעריע געשטעלט... און איך האָב געשוויגן.

מיין זיבעציקיאָריקער כאָסן האָט געגעבן אפ באַסענע-קליידער, עטלעכע הונדערט גילדן דעם טאטן און מיר א טייספעס-קסובע אפ הונדערט און פופציק גילדן...

מענטשן האָבן געזאָגט: א ווילער שידעך!

איך האָב באָווארטעס באקומען; די מיט דער סאמעטענע יופּע און גאָלדענעם סייט-און-זיינער פלעגט בא מיר זיין צוויי-דריי-מאָל אין

טאָג. זי איז געווען גליקלעך ווי די וועלט, וואָס איך האָב זי דעריאָגט, וואָס מיר האָבן כאַסענע אין איינ כוידעש! איך האָב געהאט נאָך כאַ-ווערטעס, נאָר זי האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר. „יענע זיינען דאָך „סמאָר-קאָטע מיידלעך"; וועד ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאָך בא זיי דויערן!"

ריווקע האָט כאַסענע פון דער פרעמד, נאָר עסן קעסט וועט זי פריער אין דער היים, צוויי צי דריי יאָר. איבער דער גאַנצער צייט וועלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען; זי וועט אַריינלויפן צו מ י ר אַפ צי-קאָריע, איך צו א י ר אַפ ציקאָריע, אָדער שאַבעס נאָכן שלאָפ אַפ ביילעק-יויך.

— און אַז איך וועל ווערן א קינפּעטאָרן — מאַכט איינמאָל ריוו-קע און דאָס פּאָנעם שטראַלט איר — וועסטו זיצן בא מיר — יאָ?

איך שווייג.

— ווײַ! — מאַכט ריווקע. — וואָס טרויערסטו אַזוי? עס טרעפט זיך צו זיבעציק יאָר אויך...

— גיי שוין, גיי! — טרייסט זי מיך ווייטער. — אַז גאָט וויל, שיסט א בעזעם! און ווען נישט — ווי לאַנג, מיינסטו, וועט עס דויערן? א מענטש לעבט דאָך נישט אייביק! אַזא יאָר אַפ מיר, וואָס פאַר א יונגע אַלמאָנע דו וועסט זײַן! די פינגער צו לעקן!

ריווקע ווינטשט רעב זיינווועלען נישט קיין שלעכטס:

— ער איז אַפילע א קעלעוו שעבעקלאָווים! יענץ ווייב האָט ער געפּייניקט... נאָר יענץ ווייב איז א קראַנקע געווען, און דו ביסט גע-זונט ווי א נוס... דיך וועט ער גוט באַהאַנדלען, נאָך ווי הייסט גוט!

ער איז צוריקגעקומען!

דעם טאַטן איז טאַקע בעסער, נאָר עס האָט זיך אים פאַרגלוסט א ביסל טרוקענע באַנקעס — אַזוי האָט ער מוירע געהאַט אַרויסצו-

גיין. ער פילט, אז פון ליגן, און דערנאָך זיצן אלץ איניינעם האָט זיך אים דאָס בלוט פאַרזאַמלט אַפּ איין אָרט, מע דאַרף עס צעשלאָגן! — א ביסל אויך בּרעכן אים די פּלייצעס און אַפּ דעם איז טרוקענע באַנ-קעס א רעפּוע בעדוקע.

איך האָב אָנגעהויבן ציטערן ווי אין א פיבער: מיט טרוקענע באַנ-קעס קומט דער „יונג", נישט דער רופע אליין.

— ווועסט אַרײַנרופן דעם רופע? — פרעגט מיך דער טאַטע.

— וואָס רעדסטו? — פאַלט אים די מאַמע אין די רייד. — א קאַלע-מיידל...

זי איז אליין געגאַנגען.

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן? — פרעגט מיך דער טאַטע דערשראָקן.

— גאָרנישט.

— שוין עטלעכע טעג... — פאָרשט דער טאַטע.

— עס דאַכט זיך דיר, טאַטע.

— די מאַמע זאָגט אויך...

— ע!!

— הײַנט — וויל מיך דער טאַטע דערפרייען — וועט מען דיר שוין מעסטן די כּאַסענע-קליידער.

איך שווײַג.

— דו פרייסט זיך גאָרנישט? — פרעגט דער טאַטע.

— פאַרוואָס זאָל איך מיך נישט פרייען?

— דו ווייסט דאָך אפילע גאָרנישט, וואָס מע מאַכט דיר.

— מע האָט דאָך מיר א מאָס גענומען!

דערווײַל איז אָנגעקומען די מאַמע מיטן רופע אליין.

עס איז מיר גרינגער געוואָרן אפן האַרץ; נאָר אינאיינוועגס האָט אין מיר עפּעס געקלאָגט: דו ווערסט אים עפּשער שוין מער נישט זען...

— אוי, א זוועלט, — קומט אַרײַן דער רויפע, סאָפּענדיק און קרעכצנדיק, — רעב זײַנוועלע האָט כאַסענע מיט א יונגער מויד, און לייזערל דעם גאַבעס ווערט א פּאַרעש — אַנטלאָפן פון ווײַב!

— לייזערל? — שרײַט אויס די מאַמע פאַרוווּנדערט.

— ווי איר הערט! הײַנט גיי איך אַרום צו זעכציק יאָר פון אײַנ-דערפרי ביז נאַכט אַף די פיס, און מײַן יונג לייגט זיך אין בעט אַרײַן...

איך הייב אָן ווײַטער צו ציטערן.

— האַלט נישט אַזאַ גוי! — באַמערקט די מאַמע.

— א גוי? — מאַכט דער רויפע. — ווי הייסט א גוי?

— וואָס טויג מיר די מײַסעס, — האַקט איבער אומגעדולדיק דער טאַטע, — טוט בעסער אײַערס.

מײַן טאַטע איז בעטעווע געווען א גוטער; עס האָט זיך מיר שטענדיק געדאַכט, אַז ער קאָן קיין פליג אַף דער וואַנט נישט רירן. און דאָך האָט אין זײַנע רייד געשטעקט אַזויפיל בייזאַיען פאַרן רויפע.

אַלס קראַנקער אין בעט פלעגט ער גליקלעך זײַן, אַז עמעץ איז אַרײַנגעגאַנגען און באַלאַקעט מיט אים; נאָר מיטן רויפע האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט ריידן א וואָרט. ער האָט אים שטענדיק איבער-געהאַקט אינמיטן און געהייסן, ער זאָל זײַנס טאָן. נאָר אַצינד האָב איך עס דאָס ערשטע מאָל אַזוי שטאַרק דערפילט; עס האָט מיר אָנגע-הויבן דאָס האַרץ וויי צו טאָן... וואָרעם, וויאַזוי וואָלט ער נאָך י ע-נ ע ם באַליידיקט, יענעם, וואָס ליגט נעבעך קראַנק!..

פאַרוואָס איז ער קראַנק?

געזאָגט האָט ער, אַז ער האָט א האַרץ-פעלער.

ו ו אָ ס דאָס איז, האָב איך ריכטיק נישט געוווּסט; מינאַסטאָמע איז

עס אזוינס, וואָס ליגט אמאָל אינ בעט ארײַנ, אונ דאָכ, — האָט מיר דאָס הארצ געזאָגט, — אז איכ מוז אויכ האָבנ א שטיקל שולד דערבײַ.

באנאכט האָב איכ אינ שלאָפ געוויינט; די מאמע האָט מיכ אופגעוועקט אונ געזעצט זיכ בא מיר אפנ בעט.

— שא, קינד מײַנס! — האָט זי מיר געזאָגט. — לאָמיר דעמ טאטנ נישט וועקנ; — אונ אונדזער שמועס איז געווענ פונ מויל אפ אויער.

די מאמע, האָב איכ באמערקט, איז שטארק צערודערט: זי קוקט אפ מיר פאַרשנדיק, זי וויל עפּעס בא מיר דערגייג, אונ איכ האָב מיכ באשלאָסנ איר גאָרנישט צו זאָגנ, אלקאָלפּאָנעמ נישט ווענ דער טאטע שלאָפט.

— קינד מײַנס, וואָס האָסטו געוויינט?

— איכ ווייס נישט, מאמע.

— פּילסט דיכ געזונט?

— יאָ, מאמעשי, נאָר טיילמאָל טוט מיר דער קאָפּ וויי.

זי איז געזעסנ האַלב אָנגעשפּארט אפנ בעט, אונ איכ האָב צוגערוקט דעמ קאָפּ אונ אָנגעלענט אפ איר הארצ.

— מאמע, — פרעג איכ, — וואָס קלאפּט בא דיר דאָס הארצ?

— פאר מוירע, טאָכטערשי.

— דו האָסט אויכ מוירע באנאכט?

— באנאכט אונ באטאָג, איכ האָב שטענדיק מוירע.

— וואָס האָסטו מוירע?..

— איכ האָב מוירע פאר דיר...

— פאר מיר?

די מאמע ענטפערט נישט, נאָר איכ פיל, אז עס פאלט מיר אירם א טרער אפנ פּאָנעמ, א ווארעמע טרער.

— דו ווינסט, מאמעשי?

די טרערן פאלן אָפטער און אָפטער.

„איך וועל נישט זאָגן“, באפעסטיק איך מיך אין דער דייע.

אין א ווײַלע ארום פרעגט מיך פלוצלינג די מאמע:

— צי האָט דיר נישט ריווקע עפּעס אָנדערציילט?

— וועגן וואָס, מאמע?

— וועגן דײַן כאָסן.

— פונוואנען קען זי מײַן כאָסן?..

— זי זאָל אים קענען, וואָלט זי נישט גערעדט; נאָר אזוי, ווי אין שטאָט... ווייסט נישט, פאר קינע... א ייִד א גוויר, האָט קויעב צו נעמען אפ דער עלטער א בסולע. רעדט מען אוואדע... ווייס איך? צי האָט מען דיר נישט געזאָגט, אז דאָס לעצטע ווײַב זײַנס איז געשטאָרבן, ווײַל ער האָט זי געפּײַניקט?

איך זאָג איר גאנץ קאלטבלוטיק, אז איך האָב עפּעס געהערט דערפון, נאָר פון וועמען, ווייס איך נישט.

— אוואדע פון ריווקען — דאָס מויל זאָל איר הינטן שטיין — בייזערט זיך די מאמע.

— פון וואָס דען — פרעג איך — איז זי אזוי פּלוצלינג געשטאָרבן?

— פון וואָס? א הארץ-פעלער האָט זי געהאט...

— נו, וואָס? אז מע האָט א הארץ-פעלער, שטארבט מען?

— אוואדע...

מיר האָט עפּעס ווי געקנאקט אין מויעכ...

. . . .

איך בין געוואָרן א „זײַדן קינד“ — מע האָט מיך אין אלע הײַזער געלויבט; די טאטע-מאמע האָבן עס גאָר נישט געקאָנט פארשטיין; דער שנײַדער אוואדע נישט. איך האָב מיר גאָרנישט אויסגעבאָטן:

וואָס די מאַמע האָט געוואָלט, האָט זי געמאַכט, וואָס פאַר אַ מאַטעריע, וואָס פאַר אַ שניט, וואָס פאַר אַ קליידער... אַלץ, וואָס זי האָט נאָר אַליין געוואָלט.

ריווקע פלעגט אַרײַנקומען און קנײַפּן זיך אין די באַקן: „ווער פאַרלאָזט זיך אין מאָדע-זאַכן אויף אַ מאַמען — אַ ייִדענע פון דער אַלטער וועלט?! וועסט שאַבעס נישט קאָנען זיך ווײַזן נישט אין שול, נישט אין גאַס, אין ערגעץ נישט!"

— דו קוילעסט זיך! — האָט זי געענדיקט.

מיר איז אײַנגעפאַלן, אַז איך בין שוין לאַנג געקוילעט. און איך האָב רויִק געוואַרט אויף שאַבעס נאָכמיטאָג, ווען מע האָט געזאָלט פאַרבעטן דעם כּאָסן אויף קידעש...

דערנאָך וועט זײַן אַן אויפרופן, דערנאָך אַ כאַסענע.

דעם טאַטן איז ווירקלעך בעסער. ער גייט טיילמאָל אַרויס אין גאַס אַרײַן. ער הייבט אָן געוואָר צו ווערן וועגן טוווע. ריידן, ווי ער האָט געקלערט, דעם כּאָסן וועגן אַ האַלוואָע, האַלט ער נאָך פאַר צו פרי. ער רעכנט שאַבעס נאָכמיטאָג צו פאַרבעטן אים נאָך אויף שאַלעשסודעס און נאָך שאַלעשסודעס אַרײַנצוּוואַרפן עטלעכע ווערטער.

אַז עס איז שוין אַזוי גוט, איז צײַט אָפּצושיקן דעם רופֿע; מע האָט אַפילע הײַנט קרעדיט, ער מאָנט נישט, שיקט שוין נישט דעם יונג, קומט אַליין, נאָר עס איז צײַט, זאָל זײַן אַן עק. ווייל מע האָט אָפּגעשיקט, ווייס איך נישט, נאָר דער שאָליעך איז געוועזן אַוורעמל, וואָס האָט געזאָלט, דורכגייענדיק אין כיידער אַרײַן, דערלאַנגען די עטלעכע גילדן.

שפּעטער דאָך איז פּלוצלינג אַרײַנגעקומען דער יונג...

— וואָס? ווייניק געשיקט? — באַגעגנט אים דער טאַטע.

— ניין, רעב יעהודע, איך בין געקומען זיך געזעגענען.

— מיט מיר? — פרעגט דער טאַטע פאַרוווּנדערט.

אזוי ווי ער איז אַרײַנגעקומען, בין איך אנידערגעפאַלן אַפן ערשטן בענקל, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר; נאָר בא די ווערטער האָב איך מיך פלוצלינג אופגעשטעלט און אין קאָפּ האָט אופגעבליצט אַ געדאַנק, אַז איך דאַרף אים שיצן, נישט לאָזן באַליידיקן; עס איז דאָך נישט געקומען דערצו.

— איך פלעג דאָ אַרײַנקומען,— האָט ער געמאַכט מיט זײַן ווייך, זיס און טרויעריק קאָל, וואָס האָט זיך געגאָסן אין האַרץ אַרײַן ווי אַ בוימל,— אַצינד פאַר איך אַוועק, אַף שטענדיק... האָב איך געמיינט...

— נו, נו, אַדעראַבע,— מאַכט שוין געלאַסענער דער טאַטע, — זעצ דיך, יונגערמאַן, עס איז אַפילע שוין פון דײַן זײַט, אַז דו געדענקסט אַ באַלעבאָס... אַדעראַבע...

— טאָכטערשי,— מאַכט ער צו מיר,— מע דאַרף אים עפּעס געבן.

ער האָט זיך אופגעשטעלט בלאַס, מיט ציטעריקע ליפּן און פײַער-דיקע אויגן, נאָר אין דער רעגע האָט זיך אים דאָס פּנים צוריק מאָ-רעשכוירעדיק געענדערט.

— ניין, רעב יעהודע, איך דאַרף נישט, איך דאַנק אײַך — זײַט געזונט!

ער האָט די הענט נישט אויסגעצויגן צו קיינעם, און אַף מיר קוים אַ בליק געוואָרפן.

אין דעם בליק האָט דאָך געשטעקט אַ פאַרוואָרף. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער באַשולדיקט מיך, אַז ער וועט מיר נישט מויכל זײַן, — וו אָ ס, האָב איך רעכט אַליין נישט געוווּסט.

און איך בין ווײַטער אין כאַלאָשעס געבליבן.

— שוין דאָס דריטע מאָל,— הער איך,— זאָגט די מאַמע צום טאַטן.

„עס מאַכט נישט אויס, אין די יאָרן טרעפט זיך עס... נאָר, כאָס-

וועשאַלעם, ווערט רעב זײנוועלע געוואָר, שיקט ער אָפּ די טנאָים!..
ער האָט שוין געגוג געהאט יענע בוילאָנים...״
קיין בוילאָנים בין איך דאָך נישט געוועזן.
אין באַלאָשעס בין איך אינגאנצן נאָך אייניינציק מאָל געפאלן:
בא דער גאָלדענער יויך, אז איך האָב „רעב זײנוועלען״ דאָס ערשטע
מאָל רעכט דערזען...
נישט מער.
אפילע נעכטן, ווען דער רויפע, וואָס שנײדט מײנע „רעב זײנוועלען״ אוים אלע בוידעש די נעגל, וואָס וואקסן אים אין די פינגער
אריין, האָט מיך, ארויסגייענדיק, געפרעגט, צי איך געדענק זײן יונג,
און דערציילט, אז ער איז געשטאָרבן אין וואַרשעווער שפיטאָל, —
בין איך נישט געפאלן באלאָשעס, איך האָב קוים א טרער געלאָזט.
איך האָב אליין נישט געוווסט פון איר, נאָר דעם רויפע איז זי, די
טרער, געפעלן.
— איר זײט א גוטע — האָט ער געזאָגט, און דעמלט האָב איך
זי ערשט דערפילט אף דער באק.
מער נישט!
איך בין א געזונטע; איך לעב שוין פינף יאָר מיט רעב זײנ-
וועלען...
וויאזוי — וועל איך עפשער אן אנדערשמאָל דערציילן.

1895

דעם רעבנס ציבעק

אלע, נישט דאפקע אלטע ייִדן, געדענקען נאָך, ווי באַ סאָרע-ריוווקען האָט אַמאָל געפעלט נישט דאַפקע קינדער, נאָר אַפילע ברויט, ראַכמאָנעליצלאַן! פּאָשעט-פּאָשעט — ברויט!

כאָים-באָרעך אליין, דער מאַן אירער, איז שטענדיק געווען אַ גרויסער כאָסיד, טאַקע פון דער האַסכאָלע אָן, ווײַט דער שווער זײַנער (אָלעוואַשאָלעם — אַן ערלעכער ייִד געווען!) האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון הינטער לובלין.

מע האָט באַלד געזען, אַז עס איז אַ קיילע, אַ בראָכע פון זײַן ליבן נאָמען, אַז עס איז אַזוינס, וואָס, אויב עס ברענגט נישט מאָשעכן, צאַפּט עס, ווייניקסטנס, מאַשקע פון דער וואַנט!

ער האָט שוין אַזאַ צורע געהאַט.

אין די טיפע, אונטערגעשלאָגענע אויגן האָט שטענדיק געציטערט א מין באהאלטן שײַנדל, גלײַך עמעצ דרייט זיך דאָרט ארום מיט א ליכט אין דער פינצטערער שטוב!

א בלאַס פּאָנעם, נאָר בא וואָס עס איז האָט עס אופגעבליט ווי א רויז, אזוי דינ הײַטל האָט עס געהאט.

בא די שלייפן האָט שטענדיק זיך עפּעס געוואָרפן, געקלאַפּט.

און מיט א פּאָשעטן יוזעפאָווער גארטל האָט זיך די ברוּע צען מאָל ארומגענומען, עפּשער מער!

פארשטייט זיך אליין, אז פון פּאָשעט לערנען איז נישט געווען וואָס צו ריידן. אזוינס גייט ט י פ ע ר און ט י פ ע ר: זויהאר, אייצ-כאים... וואָס איר ווילט נאָר אליין!

מיטן רעבן, זאָל ליבן, פלעגט ער אָפּזיצן שאָענלאנג, און זיי האָבן צווישן זיך אפילע קיין וואָרט נישט גערעדט. נאָר אלץ אפן אויג, מיטן ווונק! נו, רעדט מיט אזוינעם מיקויעכ פּארנאָסע!

פארוואָס האָט'ן דער בעסמעדרעש גערופן „כאים-באָרעכ סאָרע-ריווקעס", אָדער בעקיצער: „סאָרע-ריווקעס מאנ"? פארוואָס האָט מען אָנגעהאנגען אלע „שאארוי-בינאָ" אָן טאָפּ ארבעם מיטן ביסל הייווג, מיט וועלכע סאָרע-ריווקע האָט געהאנדלט? איז טאקע נישט צום פארשטיין.

זי אליין, סאָרע-ריווקע, האָט געהאט ווילדע אגמעסנעפעש דערפון.

עס איז טאקע — האָט זי געפילט — א קאָוועד, וואָס ער הייסט אפ איר נאָמען, נאָר — זי האָט אָבער אויך געוווסט, אז אזויערנאָכ קומט זי אָפּ מיטן ביסל נאכעס אפ ד ע ר וועלט!

זי פלעגט גאנצ אָפּט, קימאט א פּאָר מאָל אין דער וואָכ, קומען אין בעסמעדרעש ארײַן מיטן טאָפּ ארבעס.

„כאים-באָרעכ!" — שרײַען די יעשיוועבאָכערים. — „דײַן שפּײַזערן גייט!"

באַם-באָרעב, זעט אוים, האָט נאָך געפילט איר גאַנג אַפּ די טרעפּ:
ער האָט שוין לאַנג פאַרשטעקט די צורע אינעם זויהאַר; איבערן שטע-
דער ציטערט נאָר דאָס פּעטע, פאַרפעדערטע שפּיצל פון דער יאַרמלקע.
נאָר אַפילע אַפּ דעם שפּיצל קוקט זי אויך נישט; זי קוקט ביכלאַל
נישט אין זײַן זײַט אַרײַן, זי וויל נישט זען, ווי די שײַנע רוט אי-
בער זײַן לערנען, זאָלן זיך אירע אויגן נישט פּאַשען אַפּ דער-וועלט.
אַלץ — טראַכט זי — דאָרט! דאָרט, אַפּ יענער-וועלט! אין האַרץ פילט
זי דאָך אַ וואַרעמקײַט, אַ נאַכעס.

פון בעסמעדרעש גייט זי אַרוים ווי אויפגעוואַקסענער, גדעסער,
מיט אַ העלערן, פרײַערן בליק! עס איז גאָרנישט צו דערקענען, אַז זי
איז שוין אַ ווײַבל פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר! — אָן אַ קנייטש
אַפן שטערן, מיט אַ געריוועלט ביינעווודיק פּענעמל, גלײַך זי איז
ערשט פון אונטער דער כופּע אַרוים!

און פון דעם טאַקע, אַז זי דערמאָנט זיך — האָט זי אַגמעס-
נעפעש.

עס וועט איר, — טרויערט זי אין האַרץ, — גאָרנישט בלײַבן אַפּ
יענער-וועלט. זי וועט אַרופקומען ווי אַן אָפּגעפּליקטע גאַנדז, אָן אַ
זכוס אַפן לײַב... און וואָס טוט זי דען? זי דרייט זיך אַרום מיטן טאָפּ
אַרבעס אין גאַס, צעטראָגט, פון איין דאָנערשטיק צום צווייטן, הייווין
אין עטלעכע הײַזער! וואָס האָט ער פון איר?

קאַלזמאַן דער פּאָטער, אַלעוואַשאַלעם, האָט נאָך געלעבט און דאָס
רעדל האָט זיך געדרייט, איז געווען אַ דירע און צו עסן, און צו
טרינקען, טאַקע — קעיאַד-האַמעלעך. הײַנט? אַפּ אַלע סאָנע-ציִען
געזאָגט!

דער נאַדן איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, דאָס הײַזל — פאַר-
קויפט!

אײַנדערפרי — פיש-גריץ — קאַרטאָפל מיט וואַסער!

באנאכט — א ייַכל מיט א נעבטיקן בייגל!

אָט דאָס איז זײַן אוילעמהאזע!

שוין זיבן יאָר, האָט זי אים אפילע קיין קאפּאָטע נישט געמאכט.

פון פּייסעך צו פּייסעך — א היטל, א פּאָר שטיוול, נישט מער!

מישאבעס לעשאבעס גיט זי אים ארויס א העמד; מישטיינסגעזאָגט — א העמד! שפּינוועבס!

זי טראָגט שוין א בריל דורך די העמדער: צערע און צערע און גאָרנישט...

„ריבוינעשעלוילעם“, טראכט זי, אז מע וועט נעמען אף יענער-וועלט איינס אָס פון זײַן טוירע אף איין וואָגשאָל, און אף דער צווייטער וועט מען ארופלייגן אלע מײַנע ייַכלעך מיט פיש-גריצן, מיט מײַנע אויגן צוזאמען... וואָס וועט איבערוועגן?

זי ווייסט אפילע, אז וואָס עס איז פארקניפּט אף דער-וועלט, איז פארבונדן אף יענער אויך! אז נישט אזוי געשווינד טיילט מען דאָרט אָפּ א מאן פון א ווײַב! און ער וועט דען לאָזן? אזא ברילִיאנט ווי ער איז? זי זעט דען ניט, ווי ער וויל דאפקע, זי זאָל אויך טועם זײַן באם עסן... עס איז דאָך נאריש, — ער וועט דאָך נישט ריידן, נאָר מיט די אויגן ווינקט ער; און מאכט זי זיך נישט ווייסנדיק, ברומט ער, ווי אינמיטן שמוינעעסרע... ניין! לאָזן וועט ער נישט — ער וועט נישט באשטיין, ער זאָל זיצן אף דער פאָטערשטול צווישן צאדיקים און אָוועס, און זי זאָל זיך ערגעץ ארומוואלגערן אין אוילעם-האטויהו, אין ווייסטע וועלדער...

וואָס העלפט עס אָבער? ערשטנס, וועט איר גלאט זײַן א כארפּע די אויגן אופצוהייבן צווישן די אימאָעס: די בושע וועט זי פארברענען!

צווייטנס, האָט זי קיין קינדער נישט... און — „יאָרן צוּען, יאָרן פלוּען".

זיבן יאָר ווינען זיי שוין, נאָך דער באשריגענע יאָר און — א געט!

- זי ווערט אים דען רײדן דאָס אנדערע וואָרט?

אן אנדערע וועט זײַן פוסבענקעלע אין גאנײדן זײַן, און זי וועט זיך, גאָט ווייסט, מיט וואָס-עס-איז פאר א שנײַדער פינצטערן ערגעץ אין גענעם...

- וואָס? עס קומט איר מער?

נישט איין מאָל קומט איר א שנײַדער אָדער א שוסטער צו כאָ-לעם, און זי כאפט זיך אויף מיט א יעלאָלע.

ער וועקט זיך אויף דערשראָקן.

באנאכט אין דער פינצטער רעדט ער אמאָל; ער פרעגט: וואָס איז?

נאָר זי ענטפערט: גאָרנישט!

זי וויינט, בעט גאָט, עס זאָל איר ארײַן א בראָכע אין די ארבעס אָדער אין די הייוון.

- און ער איז טאקע געוועזן א בריליאנט!

- א נארישע יידענע, טראכט ער, אין וואָס איר גייט דאָ! פונדעסט-וועגן, קלערט ער, דארף מען עפּעס צו טאָן דערינען! עפּשער וועט זי גיכער אמאָל עפּעס נעמען אין מויל ארײַן, פארגינען זיך!

ער האָט געזוכט אין די ספאָרים און געזוכט, נאָר אָפּט מאכט זיך, אז וואָס מע זוכט, געפינט מען דאפקע נישט! אזוינע זאכן קומען בע-העסעב-האדאָאָס, אומגעריכט!

- טײַלמאָל, דאכט זיך אים, אז ער איז שוין אָפּ א דערעך, איז אים, מײַסע סאָטן, עפּעס מעוואָלבל, און ער מוז אָנהייבן זוכן אָפּ-דאָסנײַ!

ער האָט זיך מעיאשעוו געווען צו מאכן דערפון א שמועס מיט אים, זאָל לעבן!

עס איז אָבער שווער געגאנגען.

איינמאָל האָט דער רעבע נישט געהערט, פארטראָגן געווען; דאָס צווייטע מאָל האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, נישט אהין און נישט אהער; דאָס דריטע מאָל האָט ער געענטפערט:

— המ! אוודאי וואָלט א יוישער געווען! — דערווייל איז אָבער עמעצ ארײנגעקומען און האָט איבערגעהאקט.

נאָכאמאָל איז ער עקסטרע געפאָרן און געפרעגט: נו?

— נו! נו! — האָט דער רעבע געענטפערט, און גאָרנישט.

איינמאָל אָבער זיצט כאַים-באָרעך באַם רעבן, ערעוו-שאבעס, און גיט א זיפצ.

— קיין שטייגער, — בייזערט זיך דער רעבע, — מײַנס א כאָסיד זיפצט נישט. וואָרעם טאקע, וואָס?

— די הייוונ! — ענטפערט כאַים-באָרעך.

— מע האָט שוין אין קאָל טפוצעס יִסראָעל כאלעס געבאקן, — ענטפערט דער רעבע! — פרײַטיק נאָך צוועלפן רעדט מען נישט פון קיין הייוונ!

שאבעסצונאכטס האָט שוין כאַים-באָרעך ארויסגערעדט בעפייערעש:

— רעבע, — מאכט ער, — עפשער וואָלט איר זיך מאכנייס גע-ווען אין דער זאך?

דער רעבע ווערט ווײַטער בייז:

— און דו — מאכט ער — ביסט כוילע? פאר דײַן טפילע איז דער הימל, כאסוועשאָלעם, פארמאכט?

כאַים-באָרעך האָט בעפייערעש געהערט „כאסוועשאָלעם“ און עס איז אים אראָפּ א שטיין פון הארצ. פונדעסטוועגן איז ווײַטער אוועק א פּאָר כאדאָשים און גאָרנישט...

אף ראַשעשאַנע איז ער ווײַטער געקומען.

מאַצע־יאַמטעוו גיט אים דער רעבע פּלוצלינג א קלאַפּ אין די פּלייצעס ביפּניי קאַהאַל ווערדע און פרעגט:

— כאַים־באַרעב, וואָס פעלט דיר?

ער ווערט פארשעמט און ענטפערט: „גאַרנישט!“

— שעקער! — מאַכט דער רעבע. — דיר פעלט עפּעס.

— וואָס? — פרעגט כאַים־באַרעב פאַרציטערט, און אף דער צונג איז אים שוין געלעגן: די „בראַכע אין הייוון און ארבעס“.

דער רעבע לאָזט אים אָבער נישט קומען צום וואָרט און צײלט אים אָפּ ווערטער ווי פערל:

— דיר, כאַים־באַרעב, פעלט א ליולקע־ציבעק!

דער אוילעם איז ניווהעל־ווענישטוימעם געוואָרן.

— דו רייכערסט, — מאַכט דער רעבע, — פון א פּיפּקעלע, ווי א באַלעגאַלע!

כאַים־באַרעבן איז ארויס דאָס פּיפּקעלע פון מויל, ער האָט קוים ארויסגעשטאמלט:

— איך וועל זאָגן סאַרע־ריווקען.

— זאָג, זאָג, — מאַכט דער רעבע, — זאָל זי דיר קויפן א גרויסע ליולקע־ציבעק... נעם דיר מיט מײַן יאַמטעוודיקע פאר א מאָס; קעהויוואָיאַ זאָל זי זײַן.

און ער האָט אים איבערגעגעבן זײַן ליולקע־ציבעק.

און דאָס איז עס געווען אינגאנצן!

נאָך איידער ער איז אהיים געקומען, האָט מען שוין אין שטעטל געוווּסט, אז כאַים־באַרעב פירט דעם רעבנס יאַמטעוודיקע ליולקע־ציבעק...

— נאָך וואָס, נאָך ווען? — האָט מען געפרעגט אין אלע געסלעך, אין אלע הײַזלעך.

— נאָך וואָס? — האָבן געצאַפּלט אַלע ייִדישע נעשאָמעס. — נאָך וואָס? און מע האָט זיך אַליין געענטפערט: מינאַסטאַם אַפּ קינדער!

כאַים-באָרעך, דאַכט זיך, ליידט נאָך אַפּ דעם, וואָס אַלע לאָמדים ליידן, מינאַסטאַם וועט דער רויך פון רעבנס יאָמטעוודיקער ליולקע אַפּ דעם אויך האָבן אַ פּעולע! אהא! נאָך עפּעס: סאָרע-ריווקע ליידט אַפּ די אויגן! צו צוויי און צוואַנציק יאָר טראָגט זי אַ בריל; דער רעבע האָט עס אַוואַדע אין זין געהאַט, אַ קלייניקייט — כאַים-באָרעכס ווייב!

און גלאַט: צו וואָס העלפט נישט אַזאַ ציבעק, און נאָך אַ יאָמטעוודיקער ציבעק?!

און נאָך איידער כאַים-באָרעך איז אַראָפּ פון דער פור, האָבן אים שוין הונדערט מענטשן געבעטן, ער זאָל באָרגן דעם ציבעק: אַפּ אַ כוידעש, אַ וואָך, אַ טאָג, אַ שאָ, אַ מינוט, אַ רעגע...

מע וויל אים אָפּגילטן!

און ער האָט אַלע געענטפערט:

— איך ווייס? פרעגט סאָרע-ריווקען.

אַ נעוווע איז אים אַרויס פון מויל...

סאָרע-ריווקע האָט אַ וויל געשעפט...

כיי גדוילים פאַר אַ צי פון ליולקע-ציבעק! כיי גדוילים, נישט אַ גראָשן וויניקער!

און דער ציבעק העלפט!

און מע צאָלט, און סאָרע-ריווקע האָט שוין אירם אַ הייזל, אַ שיין געוועלבל, אַ סאַך הייזונ אין געוועלבל, אַ סאַך אַנדערע סכוירעס.

זי אַליין איז פולער געוואָרן, געזינטער, אויסגעגלייכט! זי האָט דעם מאַן שוין נייע וועש געמאַכט, די ברילן אוועקגעלייגט...

פאַר עטלעכע וואָכנ איז מענ געקומענ נאָכנ ציבעק פונ פּאַרעצ וועגנ! מע האָט אנידערגעלייגט דרײַ זילבערנע רובל, ווי דענ!

— אונ קינדער? ווילט איר וויסנ.

— אוואדע! שוינ דרײַ צי פיר... ער איז אויכ א גאנצער מענטש געוואָרנ...

אונ אינ בעסמעדרעש איז א שטענדיקער פּילפּל.

טייל זאָגנ, אז סאָרע-ריווקע וויל נישט אונ וועט נישט אָפּגעבנ דעמ רעבנ דעמ ציבעק!

אנדערע זאָגנ, אז זי האָט אימ שוינ לאנג אָפּגעגעבנ! אונ דאָס איז אנ אנדערער...

ער אליינ, באָמ-באַרעכ, שווײַגט.

אולעמײַ נאפּקעמינע! אבי ער העלפּט!

1895

די פרומע קאצ

דרײַ זינגפייגעלעכ זײַנענ געװעזנ אינ איינ שטוב, אונ אַלע דרײַ, איינס נאָכנ צװייטנ — האָט די קאצ צורעכט געמאַכט...

עס איז קיינ איינפאַכע קאצ נישט געװעזנ, נאָר אַנ עמעס, עמעס פרומע נעשאָמע, װאָס האָט נישט אומזיסט געטראָגנ די װײַסע גוט-ייִדישע יופּע אונ געהאַט אייגעלעכ, אינ װעלכע דער הימל האָט זיכ געשפּיגלט...

עס איז אַ פרומע קאצ, אַ טװילע-קאצ געװענ! צענ מאָל אינ טאָג האָט זי זיכ געװאַשנ... אונ געגעסנ האָט זי שטיל, ערגעצ אינ אַ זײַט, אינ אַ װינקעלע...

אַ גאַנצנ טאָג האָט זי געכאַפּט װאָס-עס-איז מילכיקס, אונ ערשט, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלנ, האָט זי געגעסנ פלייש, קאָשער מויזנפלייש...

און נישט געפּילט זיך צו דער אבילע, ווי א גראָבע זאַכ. נישט געכאַפּט און געשלונגען, ווי פרעסער טוען; נאָר בעניםעם, שפּילנ-דיק... זאָל דאָס מייזל לעבן נאָך א רעגע, נאָך א רעגע... זאָל עס א ביסל ארומטאנצן, אָפּציטערן, ווידע זאָגן — א פרומע קאץ כאַפּט נישט...

אז מע האָט איר שטוב אריינ דעם ערשטנ זינגפויגל געבראכט, האָט זי אפ אים באלד ראכמאָנעס באקומען; עס האָט זי באַם הארצן אָנגעכאַפּט.

— אזא שיינס, — זיפצט זי, — אזא קליינס, אזא מעכייעדיק פייגעלע זאָל קיינ אוילעמהאבע נישט האָבנ!

— און עס קענ קיינ אוילעמהאבע נישט האָבנ! — איז זיכער די קאַץ: ערשטנס, וואשט זיך עס דייטשעריש, מיטנ גאנצנ לייב אינ שיסעלע וואסער...

צווייטנס, אז מע האָט עס איינגעזעצט אינ שטייג, איז עס שוינ א כייע-ראָע, כאָטש א יונג, זיס און פיינ זינגפייגעלע... האלט עס שוינ מער פונ דינאמיט, ווי פונ שולכנ-אָרעכ!

הייגט דאָס זינגענ אליינ! דאָס אויסגעלאסענע זינגענ, דאָס צו-פייפנ און דאָס קוקנ גלייכ אָנ שום דערעכערעץ אינ הימל אריינ! דאָס רייסנ זיך ארוים פונ שטייג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אָפענעם פענצטער...

צי איז נאָכ אמאָל א קאץ אינ א שטייג געזעסנ? צי האָט נאָכ אמאָל א פרומע קאץ אזוי געפיפנ, אזוי זימרי-בענ-סאָלודיק געפיפנ?

— און א שאָד! — וויינט דאָס פרומע הארץ אינ דער פרומער קאַץ. — עס איז דאָכ א לעבעדיקע זאכ, א טייערע נעשאָמע, א פונק פונ דער הייכ!

דער קאץ קומענ טרערנ אינ די אויגנ:

— און דאָס גאנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גופ איז אזוי

שיין, דער אוילעמהאזע דעריבער — אזוי לוסטיק, דער יעיצערהאָרע אזוי שטארק...

ווי קענ אזא קליינ זים פייגעלע זיכ אקעגנשטעלנ דעם שרעקלעכנ גרויסנ יעיצערהאָרע?

אונ וואָס מער עס לעבט, מער זינדיקט עס, גרעסער וועט זיינ די שטראָפּ...

הא!

אונ א היילּיק פייער האָט זיכ אָנגעצונדנ אינ דער קאץ, דאָס פייער פונ פיינכאָס בענ עלאָזאָר בענ ארנ האקויהענ... אונ זי איז ארופגע-שפּרונגענ אפנ טיש, ווו די שטייג מיטנ זינגפייגעלע איז געשטאנענ, אונ —

עס פלּיִענ שוינ פעדערנ אינ צימער...

מע האָט די קאץ געשלאָגנ... די שלעג נעמט זי אָנ פאר ליב... זי האָט פרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאוטשעט א יאָמערלעכנ אלבעט...

מער וועט זי שוינ נישט זינדיקנ...

די קלוגע קאץ פארשטייט, פארוואָס מע האָט זי געשלאָגנ... מער וועט זי אפ קיינ שלעג נישט פארדינענ...

— מע האָט זי געשלאָגנ — פארשטייט די קאץ — דערפאר, ווייל זי האָט פארפעדערט די שטוב; ווייל אפנ ווייסנ געשטיקטנ טישטעכ זיינענ געבליבנ פלעקנ פונ בלוט...

אזא פסאק מוז מענ מעקייעם זיינ גוט, שטיל אונ פרום, עס זאָל קיינ פעדער נישט פלּיִענ, קיינ טראָפּנ בלוט נישט פאלנ...

אונ — אז מע האָט דעם צווייטנ זינגפויגל געקויפט אונ אינ שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוינ שטיל אונ פיינ דערוואָרגנ אונ מיט די פע-דערנ צוזאמענ איינגעשלונגענ...

מע האָט די קאַץ געשמיסן...

אַצינד האָט ערשט די קאַץ פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פעדערן גייט עס, נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפן טישטעך...

דער סאָד איז, אַז מע טאָר נישט טייטן! אַז מע דאַרף ליב האָבן, מוחל זײַן... אַז נישט מיט אַרבע-מיתות-בית-דינען פאַרבעסערט מען די זינדיקע וועלט!

מע דאַרף מאַכזיר-לעמוטעוו זײַן, מוסער זאָגן, צום האַרץ ריידן!

אַ קאַנאַריק אַ באַלטשוווע קען קומען צו אַזאַ מאַדרייגע, צו וועלכער די פרימסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכן!

און די קאַץ דערפילט, ווי עס וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד! אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צײַטן! אויס בלוט פאַרגיסן! ראַכמאָנעס, ראַכמאָנעס, און נאָכאַמאָל ראַכמאָנעס...

און מיט ראַכמאָנעס איז זי צוגעגאַנגען צום דריטן קאַנאַריק!

— שרעק דיך נישט, — מאַכט זי מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון אַ קאַציקן האַלדז, — זינדיק ביסטו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן, ווײַל איך האָב ראַכמאָנעס אויף דיר!

איך וועל דיר אַפילע די שטײַג נישט עפענען, איך וועל דיך אַפילע נישט אָנרירן!

דו שווײַגסט? — זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען, איז גלײַכער שווײַגן!

דו צאַפּלסט? — נאָך בעסער! צאַפּל, צאַפּל, מײַן קינד, נאָר נישט פאַר מיר — פאַרן בוירע-אוילעם צאַפּל, פאַר זײַן ליבן נאָמען!

האָלעוואַי זאָלסטו שוין אַזוי בלײַבן — שטיל, ריין און צאַפּלדיק...

איך וועל דיר העלפן צאַפּלען! פון מײַן פרומער נעשאָמע וועל

איך הויכן אף דיר שטילקײט, זיסקײט און פרומקײט... מיט מײַן הויך
זאָל אַרײַן עמונע אין דײַן לײַב, יזראַם-שאָמאַזמ אין דײַנע ביינדעלעך,
טשוווע און כאַראַטע אין דײַן הערצעלע!

און די קאַץ פילט ערשט, ווי גוט עס איז מויכל צו זײַן, ווי אַ פרייד
עס איז יענעמ אַרײַנצובלאָזן מיטן הויך פרומקײט און ערלעכקײט...

און עס וואַקסט דאָס פרימסטע האַרץ אין דער פרימסטער ווײַסער
קאַץ.

נאָר דער קאַנאַריק קען אין דער קאַצן-לופט נישט אָטעמען —
עס האָט אים דערשטיקט!

וועבער-ליבע

(דערציילונג אינ בריוו)

ערשטער בריוו

טײַערער קינפטיקער שוואָגער!

דו פרעגסט, ווי מיר גייט? מינאַסטאַמ, ווי א ראָשע אפ יענער-וועלט. פאר שוסטער — שרײַבסטו — זײַנענ שלעכטע צײַטנ געקומענ? מיר, וועבער, האָבנ שוינ לאַנג אופגעהערט אפ גוטע צו האָפנ. מענטשנ זאָגנ, אז עס איז א „הינ-טישע" צײַט. שטעל דיר פאָר, אז אלטע, גוטע וועבער פאַרדינענ פיר-פינפ רובל א וואָכ, געוויינלעכע אונ יונגע, ווי איכ, מעגנ זיכ באַנוגענענ מיט דרײַ-פיר רובל אונ אפ די דרײַ-פיר רובל מוז מענ שווער אַרבעטנ,

מוז מען זיצן בא דעם שטול פון זיבן אינדערפרי ביז צען באנאכט, ארבעטן פופצן-זעכצן שעה אין טאָג; און צו דעם מוז מען שוין גליק האָבן, ווײַל נאָר גליקלעכע וועבער האָבן באַשטענדיקע אַרבעט; מאסן גייען אַרום מיט פאַרכאַלעשטע פּענעמער און ליידיקע הענט!

אַזוי, ברודער! אַלטע לײַט דערציילן, אַז אַמאָל פלעגן זײַן פיל יאכסאָנים, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן; הײַנט ווערט די שווער-סטע אַרבעט געזוכט, געשפּירט, געבעטלט און קוים אויסגעבעטלט! און אַז מע האָט זי שוין, ציטערט מען ערשט, מע זאָל זי, גאָט באַהיט, נישט פאַרלירן: צי פרײַער גאָט און דערנאָך דער ברויטגעבער זאָלן, כאָלילע, נישט אָפּשטיין; זיי זאָלן שיטן מיט אַרבעט, מיט אַרבעט ביז צום טויט! ביז צום דערשטיקן! וואָרעם טאָמער פאַרפעלט אַר-בעט? טאָמער ווערט מען קראַנק און די שיצן פאַלן פון די ציטעריקע הענט אַרויס?

און וואָס וועט זײַן אַף דער עלטער? אַף דער גרויער, שוואַכער עלטער וואָס וועט זײַן?

און אַז מע זעט אַרום זיך אַזויפיל קראַנקע, אַזויפיל אויסגעמאַ-טערטע, אַלטע וועבער, איז קיין וווּנדער נישט, אַז מע קאָן אָן קרענק און שוואַכע עלטער קיין רעגע נישט פאַרגעסן; און ווירקלעך — בא פופצן-זעכצן שעה אַרבעט אַ טאָג, באַם אַרײַנעטעמען קליי און פאַר-ביקן שטויב פון גאַרן, באַם איבערקומען מיט אַ ברויט און אַ הערינג אַ טאָג און אַ מאָגערן געקעכץ באַנאַכט, מוז אַ קרענק זײַן אַן אָפּ-טער גאַסט, קאָן מען אַף קיין געזונטע עלטער נישט רעכענען! דערצו האָבן נאָך אַ טייל ווײַבער און קינדער. פאַרשטייסט? נישט אַליין טרינקט מען זיך, — מיט אַ בינטל אַפן האַלדז!

דו זאָלסט זען, ווי אַ באַווײַבטער און אַ באַקינדלטער וועבער קומט אַהיים פון דער אַרבעט, ווי ער וואַרפט אַ קורצן, דערשראָקענעם בליק אַפן אויסגעמוטשעטן ווײַב, אַף די קינדערלעך, „הויט און ביין“, וואָס

וואקסן אויף ערגער ווי אין א וואלד; דו זאָלסט זען, ווי געשווינד ער שלינגט איין דאָס קארגע מאָגערע געקעכץ, ווי האסטיק ער וואַרפט זיך אין בעט אַריין!

שלאָפן וויל ער, איינשלאָפן, וויניקסטנס די אויגן פארמאכן, ער זאָל די צאָרעס, דעם יאָמער נישט צוזען!

נאָר וואָס העלפט עס? פון בייזע לעבן ווערן בייזע כאַלוימעס... עס כאָלעמט זיך, אז דאָס ווייב איז קראַנק, און עס איז איר נישטאָ מיט וואָס צו העלפן... אז איין קינד האָט דעם צווייטן א פינגער אָפּגע-ריסן באַם געשלעג איבער א ביסן ברויט און אז איינמיטן איז אריין דער ווירט פון הויז און טופּעט מיט די פיס: דירעגעלט, אז ניט וואַרפט ער דאָס גאַנצע געזינדל אַרויס איינמיטן ווינטער אַפן שניי.

און אז מע כאַפּט זיך אויף איינדערפרי, פאַלט גאָר אזוי געשווינד נישט איין די אויגן צו עפענען: אזוי גוט און פיין גיסט זיך דאָס לעבן מיט די כאַלוימעס צוזאַמען.

אז עס קומען זיך אַלטע וועבער צוזאַמען, רעדט מען פון גוטע צייטן; נאָר נישט פון די, וואָס וועלן אָדער זאָלן קומען: אין דעם גלייבט שוין קיינער נישט! נאָר פון אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען דער וועבער האָט געאַרבעט אַף זיך אליין, מיט זיין אייגענעם גאָרן, אַף זיין אייגענעם שטול און האָט זיך אליין זיין אַרבעט פאַרקויפט... א וועבער פלעגט פאַרדינען פופצן־צוואַנציק רובל א וואָך, ער איז געווען א באַלעבאָס פאַר זיך, א מענטש א פריער, מיט א דייע אַפילע אין שטאָט־זאַכן. מע זאָגט, אז עס איז אַמאָל א וועבער־דאָזאָרצע געווען! היינט איז א וועבער א פּראָסטער אַרבעטער, דער גאָרן איז נישט זיין, די אויסגעאַרבעטע סכוירע גייט ער אַוועק! ער ווייסט נישט, וויפל עס קאָסט דער גאָרן און וויפל ער באַקומט פאַר זיין אַרבעט, נישט זיינע דייגע, ער נעמט פאַרן „שטערן"; און זיבן־אַכט קאָפּעקעס א „שטערן" הייסט שוין א ראַיעלער פּרייז!

יאָ! איך פאַרגעס גאָר, אז איך רייד מיט א שוסטער, וואָס ווייסט נישט, וואָס א שטערנ איז; שטעל דיר פאָר, אז דו וווינסט אינ א גרויסער שטאָט, ארבעטסט נישט אפ דײַנע באלעבאטים, דו אליינ קויפסט קיינ לעדער נישט, נעמסט קיינעמ קיינ מאָס נישט אונ טראָגסט קיינעמ די שטיוול נישט! דו קענסט נאָר איינ סויכער, וואָס גיט דיר די סכוירע אויסצואַרבעטנ אונ נעמט בא דיר צו די ארבעט, צאָלט דיר פאר אזויפיל פאָר שטיוול אזויפיל אונ אזויפיל.

אָט דאָס, פאַרשטייסטו, איז א „שטערנ", אַרבעטסט אָגולנע פאַרנ סויכער. דעם פאַרדינסט נעמט דער סויכער צו און דיר גיט ער וואסער אפ קאשע. וואָרעם אנדערע האָבנ דאָס אויכ נישט און דערווייל רעדט מענ נאָכ פונ א מאשינ, וואָס וועט ארבעטנ שטיוול אָנ שוסטערישע הענט... גוט? אזוי, אשטייגער, לעבט זיכ בא אונדז! זיבנ-אכט קאָפּע-קעס פאר א שטערנ איז א פרײַז מעשוגע צו ווערנ. נאָר וואָס מאכט מיריאָם-לעב? צי האָט זי נאָכ ליב צו שטיקנ נאָזטיכלעכ פאר פרעמדע נעז? צי ארבעט זי נאָכ זינגענדיק? צי הילכט נאָכ די שטוב מיט איר זילבערנעם קאָל? צי זײַנענ נאָכ אירע אויגנ אזוי פריש, אזוי קינדע-ריש-ריינ, אזוי הימל-בלוי? ווי רויטלענ זיכ נאָכ נישט? און דו, וואָס ביסטו? צי רעכנסטו נישט, אז בעשאס דער מילכאָמע צווישנ גריכנלאנד מיטנ טערק לוינט זיכ אַרײַנצוגאַנווענענ קיינ פאלעסטינע אפ קייוורא-וועס? און עפשער האָסטו האַרץ צו גיינ קיינ ארגענטינע און מילכאָמע האַלטנ מיטנ היישעריק? וואָרעם דאָ, ברודער, איז ביטער ווי גאל!

און עפשער האַלטסטו זיכ נאָכ אינעם אלטנ, גוטנ, פרומענ „אלשיכ" און זעסט טויזנט און איינ נאכט אפנ יידישנ אויפנ? שרײַב! איכ רעכנ, אז מיריאָם-לעב מעג צושרײַבנ... הער, אז מיריאָם-לעב כאָלעמט זיכ מיר אמאָל מיט רויטע אויגנ, גיי איכ אינ פאבריק ארײַנ מיט געבײַלטע פויסטנ... נאָר דאָס פאַרשטייסטו נישט...

דײַנ טרײַער קינפּטיקער שוואָגער...

צווייטער בריוו

אז דו האָסט מיכ עטלעכע מאָל אינ איינ בריוו געפרעגט, ווי עס גייט מיר, האָב איכ דײַנ מיינ געלעזנ צווישנ די שורעס, צווישנ די ווערטער, און האָב פארשטאנענ, אז מײַנ געטרײַער, קינפּטיקער שוואָ-

גער פרעגט: אקלאל, ווען שטעלט מען א כופּע? און אז איך האָב דיר געשיקט א בינטל וועבערישע צאָרעס, האָסטו דיך אפילע אָנגעהויבן צו שטויסן. אז דאָס הייסט: דערוויַל נישט!

אן איַיזערנעם מויעב האָסטו, קינפּטיקער שוואָגער מיַינער; איך דיַין איַיזערנעם קוגל-טאָפּ מוז מען אריַינשלאָגן מיט א האמער, אניט פארשטייסטו נישט!

נאָר, אז דו האָסט שוין ארויסגעלייגט אלץ, ווי א הערינג אפן טע-לער, מוז איך דיר שוין געבן א קלאָרע, אויסגעטיַיטשטע טשוווע.

איך קען נישט, איך טאָר נישט כאסענע האָבן!

דו פרעגסט, צי האָב איך נישט אין דער פרעמד פארגעסן, וואָס איך האָב אין דער היים געזאָגט, צי האָט מען מיך נישט פארטוישט אף אן אנדערן, אלקאָלפּאָנעם דאָס הארץ פארביטן? אָדער צי איז עס נישט, ווי מע זאָגט: אויס די אויגן — אויסן הארץ?.. איך האָף, ניין, איך גלייב, אז מיריאַם-לעב האָט דעם בריוו נישט געזען, זי וואָלט אזוינע שפּילעס נישט געפרעגט, זי ווייסט, אז אונדזערע הערצער זיַי-נען צוזאמענגעבונדן אף אייביק, אף לעבן און טויט!

איַי, ברודער, ברודער! כאסענע האָבן וויל איך, ווי א מענטש וויל גליקלעך זיַין. ווי א מענטש וויל באפריַיט ווערן פון בענקשאפט, פון הארצווייטעק, פון קאָפּברעכעניש. איך וויל, נאָר מאלע וואָס א ווע-בער וויל?

אונדזערע ברויטגעבערס א זון מיט א טאָכטער האָבן געוואָלט, האָבן זיי כאסענע געהאט, און עס איז א פריילעכע כאסענע געוועזן; מע האָט אפילע אונדז, וועבער, נישט פארגעסן; מע האָט אונדז בראָנפן געשטעלט, און אז איך האָב געזאָגט, אז איך טרינק נישט, האָט אף מיר דער מיַיסטער געקוקט פון א זיַיט און האָט זיך אוואדע א קניפּל אין נאָזטיכל געמאכט!..

און דער וועג פון דער היים אין שול אריַין איז געווען אויסגעלייגט

מיט דיוואנען, א קאפעלע האט געשפילט, האט מען אין הימל געהערט, די לעוואנע מיט די שטערן האבן געטאנצט! די העכסטע פאבריקן זיינען שטום געווארן, פארהילכט, פארשעמט! פון טאנץ-זאלן האט זיך ליכט געגאסן, די גאנצע גאס האט זיך אין ליכט געבאדן! ליכט האט זיך געגאסן, ווי ווײַן, און ווײַן, ווי וואסער! נעכטן איז געווען די האכצײַט, הײַנט איז דאס יונגע פארפאלק געפארן מאכן א לוסט-רײַזע.

זיי האבן געוואלט, האבן זיי כאסענע געהאט. מיינסט עפשער, זיי האבן זיך נייטיק געברויכט? עס האט איינס אן צווייטן לעבן נישט געקאנט? גאט באהיט! ער האט עטלעכע באקאנטע מיידלעך אין זײַן פאבריק, און א טאג פאר דער כאסענע האט ער זיי א מאלצײַט געמאכט, און האט יעדערער א מאטאנע געלאזט, זי זאל אן אים נישט פארגעסן, ביז ער וועט צוריק קומען... און עס איז א לוסטיקע מאלצײַט געווען, לוסטיקער, ווי די האכצײַט אליין, מע האט נאך בעסערן ווײַן געטרונקען!

צווישן די מיידלעך איז אויך א ווײַבל געווען, א ווערבערס א ווײַב... איך קען אים — א שיקער איז ער! נאר גיי וויים, צי שיקערט ער, ווײַל זי פירט זיך אזוי, צי פירט זי זיך אזוי, ווײַל ער שיקערט, צי פירן זיי זיך ביידע אזוי, ווײַל דא איז דער אלשיך אויס דער מאדע ארויס, און שאבעס גייט אוילעמ שפאצירן... נאר לוסטיק איז געווען!

די קאלע, ווײַטער, איז אויך קיין צנוע נישט! אמאל פלעגט זײַן א מיידל ווי א שפיגל און ברודיק ווערן פון א הויך, הײַנט זײַנען די מאמזעלן, ווי די זיפן, ווער ווייסט, וואס עס איז שוין אדורכגעדרונגען!.. איך וויים נאר, אז א כוידעש פלעגט זי זיך קושן מיטן בוכהאלטער און א כוידעש מיטן פראקורענט; שפאצירן פלעגט זי גיין און פארן מיט ביידע צוזאמען...

און דאך האבן זיי געהייראט, און אצינד מאכן זיי א לוסט-רײַזע; און איך מיט מיריאם-לעב קאנען צוזאמען קיין לעבן נישט פירן.

כאָטש מיר דארפנ איינס דאָס צווייטע ווי ברויט, ווי וואסער, ווי לופט... כאָטש אונדזערע געדאנקענ זײַנענ דורכגעפלאָכטנ, כאָטש זי איז מיר אינעם פלייש און אינ די אָדערנ ארײַנגעוואקסנ, מוז זי דאָך זיצנ בא דיר און בלענדנ זיך די אויגנ איבער שטיקערײַ, און איך מוז דאָ זיצנ איינער אליינ און וועבנ, און וועבנ, בעשאס אינ מויעך ברענט און די גאל גיסט זיך אויס אינ אלע גלידער! און צוזאמענקומענ קאָנענ מיר זיך נישט!

דו וואָלסט זענ, ווי א באוועבטער, באקינדלטער וועבער זעט אויס. איך רייד שוינ ניט פונ דער היים, נאָר אינ פאבריק ווי ער זעט אויס, ווי ער בייגט זיך און נייגט זיך פארנ ברויטגעבער מיט זײַנע „מענטשנ", ווי ער קריכט זיי אונטער די פיס, ווי ער ציטערט פאר זייער הויך, ווי ער בעטלט קוים אויס א גינסטיקנ בליק... בררר! א קעלט גייט מיר דורך די ביינער, אז איך זע עס! ניינ! אפ דעם וועל איך קיינמאָל נישט באשטיינ! זאָל מיך אײַנשלינגענ אייביקע פינצטערניש אָנ א שטראל פונ גליק, אָנ טרייסט, אָנ האָפענונג; הונגער וועל איך לײַדנ, ווי א נאקעטער וואָרעמ אפ נאסער ערד, אונטער א וויינענדיקנ הימל זאָל איך ליגנ, און דאָס נישט! — און וועט נישט בעסער זײַנ, איז פארפאלנ! זאָל מיך מיריאָמ-לעב פארגעסנ, אויב זי קאָנ, פארלייקענענ, אויב זי וויל, אניט זאָל זי לײַדנ גלײַך מיט מיר, כאָטש יעדער באזונדער! אפ דער ערד מוז אמאָל גליק וואקסנ, די ערד דארפ עפשער אונדזערע טרערנ, אונדזער בלוט דערצו, מיר וועלנ עס געבנ — זאָל אמאָל און פאר אנדערע וואקסנ!

איך ענדיק נישט דעמ בריוו. פלוצלינג איז ליכטיק געוואָרנ אינ מײַנ האלב פינצטערנ ווינקל. איך קוק מיך אומ — דאָס פענצטערל פלאמט — עס ברענט ערגעצ — עפשער אינ פאבריק?..

ד ײַ נ...

דריטער בריוו

דו פרעגסט, פאַרוואָס עס איז אַזוי שלעכט? פאַרוואָס עס ווערט אַלעמאָל ערגער? עס איז אַן איינפאַכע זאַך: לייג צו דײַנע לאַנגע אויערן: ווער שטעלט דעם פּרײַז פון דעם וועבערס אַרבעט? דער וועבער מיט זײַן ברויטגעבער! דער וועבער וויל ווי ס'איז מענטשלעך לעבן, און דעריבער — ווי מעגלעך טײַערער פאַרקויפן זײַן אַרבעט; זײַן ברויטגעבער, ווידער, וויל וואָס מער פאַרדינען און דעריבער וואָס ווייניקער צאָלן פאַר דער אַרבעט. איז דאָ אַ סאַך אַרבעט און ווייניק וועבער, מוז דער פאַבריקאַנט צאָלן, וויפל דער וועבער וויל; איז אָבער דאָ אַ סאַך וועבער און ווייניק אַרבעט, איז, פאַרקערט, מוז דער וועבער נעמען, וויפל דער ברויטגעבער גיט אים; און וועבער ווערט טאָגטעגלעך מער, די צאָל וואַקסט ווי אַף הייוון... די באָכמע ווייסן שוין די קינדער אין דער וויג, נאָר דו ביסט דאָך אַ שוסטער, און אַן אַלשיכשוסטער, קאָן זײַן, דו ווייסט עס נישט.

די קאָנקורענץ צווישן די וועבער וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן. יונגע, וואָס קאָנען מער און לענגער אַרבעטן, שפּאַרן אַרויס די אַלטע, וואָס האָבן שוין צו דער קאַטאָרגע קיין קרעפטן נישט; קאַוואַלירן, וואָס קענען זיך באַנוגענען מיט אַ קליינעם פאַרדינסט, יאָגן אַוועק די באַווײַבטע און באַקינדלטע, וואָס דאַרפן מער; דערנאָך קומען לערנייִנגלעך און פאַרטרײַבן די וועבער! און דער לוין ווערט געוואָרפן און פאַלט פון טאָג אַף טאָג... הײַנט הערט זיך נאָך, אַז נײַע יונגע באַלעצדאָקעס וועלן עפענען וועבערשולן, וואָס וועלן אַרויסוואַרפן יאָר־יערלעך נײַע וועבער!

עס איז ווייניק, וואָס איז שלעכט, דאָס שלעכטע מוז נאָך זײַן אַזוי איינפאַך, אַזוי ריכטיק, אַזוי גלאַט, פעסט און קײַלעכדיק, ווי אַ רינג אַרום האַלדז!..

און עס וועט קומען א צײַט, ווען זיבן וועבער וועלן אָנכאַפּן אײַנ ברויטגעבער און בעטן זיך: גיב ארבעט, גיב, האלב אומזיסט, זאָל זײַנ אומזיסט, נאָר פארנומען זאָלן מיר זײַן און פארגעסן, אַז אונדזערע ווײַבער בעטן און די קינדער העלפן צו...

דו גלייבסט נישט? דו מיינסט, אַז אלץ האָט א גרענעץ און קאָנ ווײַטער נישט גיין? איך גלייב, ארבעט איז אויך א מינ שיקרעס, זי פארהילכט, פארטויבט! זי פארשלאָגט דעם קאָפּ מיט די גע-הירנ און מע פארגעסט אָנ זיך, אָנ דער וועלט; עס איז אויך א מינ בראָנפן.

דערפאר איז אָבער הײַנט א פרײַע וועלט! קיינער טאָר מיך נישט נייטנ, איך זאָל ארבעטנ; איך בינ קיינעמס פּאַדאָנע נישט! איך אר-בעט, ווען איך וויל, וואָס איך וויל — א פרײַער פויגל בינ איך; נאָר ווער עס וויל, שיסט מיך, פליקט מיך אָפּ און לייגט מיך אינ טאָפּ ארײַנ. איך וואָלט געוועזן א פרײַער מענטש, איך זאָל קיינ מאָגנ נישט האָבנ, ער זאָל נישט מאָנענ: עסנ און עסנ! איך זאָל נישט דארפנ טרינקענ, וויינענ, איך זאָל ארבעטנ אפּ איבעריקע אָנגע-נעמע זאכנ! אָ, דעמלט וואָלט איך אנדערש געשאצט מײַנ ארבעט! אָבער הײַנט?

איך וויל נעמענ א סאב, דער ברויטגעבער וויל געבנ ווייניק; מיר בײדע זײַנענ פרײַ, און דאָך קאָנ ער זיך אָנ מיר באגיינ, און איך אָנ אים נישט.

הײַנט העד איך אופ צו ארבעטנ, מאָרגנ וואַרפט מענ מיך אפּ צוויי שפּענער פונ דירע ארויס; איבערמאָרגנ קריג איך מאָגנ-קרעמפּ פאר הונגער; נאָך א טאָג און איך שטיי שוינ פונדערווײַטנ און קוק מיט ברענענדיקע אויגנ אפּ דער זיצערנס ברויט און קענ מיך בעיינ אויפנ ניט אוועקרײַסנ פונ אָרט; דאָס ברויט איז א מאגנעט; מיט נעגל בינ איך צוגעשלאָגנ צום אָרט...

איכ האָב עס נאָכ אליינ נישט געפּרווט, נאָר אַזוי קוקנ אפ א ברויט, אַזוינע אויגנ האָב איכ שוינ געזענ! אַזוינע אויגנ האָבנ נאָר וועלפ אינ די וועלדער!

נו, דערפונ וועל איכ דיר אַנ אַנדערשמאָל דערציילנ... עס איז שפּעט, — אונ מיר ברעכט דער קאָפּ ווי א שאַרבנ.

ד ײַ נ...

פ ע ר ט ע ר ב ר י ו ו

א שיינעמ דאַנק פאַר דײַנ טרייסט; בעסער געזאָגט: פאַר דײַנ גוטנ ווילנ מיכ צו טרייסטנ, וואָרעמ וואָס ביסטו שולדיק, אַז אפילע אינ קאָפּ פונ אָרעמסטנ שוסטער שלאָגט זיכ אָפּ די וועלט א סאַכ בעסער ווי זי איז?

אַז איכ וועל איבערזעצנ דײַנ שוסטער-געדאַנק אפ מײַנ וועבער-שפּראַכ, וועט עס הייסנ, אַז גוטע אונ שלעכטע צײַטנ בײַטנ זיכ, ווי זומער אונ ווינטער; אַז אויב הײַנט איז דאָ ווייניק אַרבעט אונ א סאַכ ליידיקע הענט, וועט אַמאָל דער זאַפּאַס אויספאַרקויפט ווערנ אונ עס וועט זײַנ פאַרקערט: אַרבעט אינ די מאַסנ אונ ווייניק וועבער! אונ דעמלט וועט זײַנ א גאַנ ייִדנ אפ דער וועלט! מע וועט אונדז זוכנ מיט ליכט אינ די גאַסנ, אונ אַז מע וועט אונדז, וועבער, געפינענ, וועט מענ זאָגנ: שנײַדער אונדז אָפּ די קעשענע, נאָר אַרבעטנ קומ! בעט דיר אויס דאָס טעלערל פונ הימל, נאָר נעמ די שיצנ אינ דער האַנט אַרײַנ! מע וועט צאָלנ פאַרנ „שטערנ" מעדייע וויפל, אונ וועבער וועלנ אומגיינ אינ גאָלד...

אונ דעמלט וועל איכ דיר נאָר א פּיפּס געבנ, וועסטו קומענ מיט מיריאַמ-לעב צו לויפנ, פאַרנדיק, אָדער רײַטנדיק, אונ מע וועט שטעלנ א כופּע צו מאַזל, צו בראָכע, צו גליק...

אוי, אלטער, אלטער נאַר! אַ שיינעם זייפנבלאָז האָסטו עס אויפגע־בלאָזן! הער אַ מייַסע, וואָס מע דערציילט! עס האָט זיך אַמאָל אַ מע־כאַשעפֿ אַפּ אַ שטעטל פֿאַרלייגט און געוואָלט עס יאָגן און פּלאָגן. עס איז אָבער אַ פֿרום שטעטל געווען, פֿול מיט הייליקייַט, און ער האָט דערויף קיין גרויס שליטע נישט געהאַט; האָט ער זיך מעיאַשעוו גע־ווען און האָט זיך פֿאַר אַ פֿאַקנטרעגער פֿאַרשטעלט און אָנגעהויבן אַלע הייליקייַטן אויסצוקויפֿן און ער איז אַ רייַכער סויכער געווען: מיט גאָלד־געצאָלט האָט ער! עס איז געקומען צו אַ רענדל פֿאַר אַ בינטל ציצעס, אַ רענדל פֿאַר אַ טילימל, פֿאַר אַ שמירעלע, נאָר ברענגט! די סכוירע מיקלוימערשט שיקט ער קיין אַמעריקע, עס האָט זיך אַ נייַער פּלאַץ געעפֿנט אַפּ ייִדישקייַט...

און דער אוילעם האָט געגלייבט און אָנגעהויבן טראָגן פֿון די שטיבער אַרויס; פֿריִער האָבן זיך געלאַקעמעט געמיינע לייַט, לאַסט־און וואַסער־טרעגער, דערנאָך באַלמעלאָכעס, דערנאָך באַלעבאַטים, עס איז געקומען די צייַט אַפּ שאַמאָסים, כאַזאָנים, דאַיאָנים און שאָב־טים... קיין איינציקער האָט נישט אויסגעהאַלטן... דער ראָוו אַפּילע נישט, ער האָט אויך אויסגעליידיקט די שטוב; פֿאַר געלט וועט מען אַנדערע סכוירע באַקומען...

און אַז מע האָט אַלץ אויספֿאַרקויפֿט, האָט דער מעכאַשעפֿ שליטע באַקומען און אָנגעהויבן פּלאָגן דאָס שטעטל מיט שלאַפֿקייַטן און אַלערליי קרענק...

און עס איז זיך נישטאָ מיט וואָס צו ראַטעווען, קיין מעזוזע באַ דער טיר, קיין שמירעלע אין פֿענצטער; קיין ייִדיש וואָרט אין שטוב!

עס איז נישט געווען פֿון וואָס אַן אייַנאָרע אָפּצושפּרעכן, פֿון וואָס אַ פּייַרעק מישנייעס צו לערנען, אַ יעהי־ראָצן צו זאָגן... און אַז מע האָט געוואָלט נאָך אַנדערע ספֿאָרים שיקן און מע האָט געעפֿנט די

קאסטנס מיט גאָלד, זײַנען אפּגעשאָבן פֿון רענדלעך, נישט פֿאַר אונדז געדאַכט, שאַרבנס געלעגן...

און אַזוי איז מיט אונדז אויך אַמאָל געשען!

געשען איז עס פֿאַר אַ פּאָר יאָר, נאָך איידער איך בין אַהער געקומען. פּלוצלינג איז אַ גליקלעכע, אַ בריליאַנטענע צײַט אָפּ וועבער געקומען, עס האָט סכוירע פֿאַרפֿעלט!

מע האָט אַרבעט געבראַוכט, אַרבעט, וואָס מער אַרבעט; וואָס מער וועבער, וואָס מער הענט! דער פֿאַבריקאַנט דער קישעפֿמאַכער האָט גאָלד געצאָלט, די אַרבעט איז אין גאָלד געגאַנגען... און עס האָט אַ גייענדיק יאָר געדויערט! נאָר אַז דאָס יאָר איז אַריבער, איז געבליבן קרענק מיט שאַרבנס!

אונדזערע לײַט האָבן קיין סייכל נישט געהאַט מיט דער גוטער צײַט זיך צו באַנוצן און הייבן דעם פּרײַז; אַלע צוזאַמען וואָלטן עס עפּעס געטאָן, נאָר צעוואָרפֿענערהייט האָט יעדערער באַזונדער געוואָלט נאָר אויסרײַסן וואָס מער אַרבעט פֿאַר זיך, וואָס מער אײַנצושלינגען פֿאַרדינסט! און דער וועבער האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט ווי צו אַ הייסן פֿלאָדן; און עס איז געוואָרן אַ כאַפּערײַ, אַ געשלעגערײַ איבער דער אַרבעט; מע האָט אַרבעט גענומען מיט גוואַלד, מיט געוויין, מיט געשריי און מיט קלאָלעס! דער פֿאַבריקאַנט האָט זיך פֿאַר פֿרייד די הענט געריבן, מיט די פֿעטע אויגן געבליפּעט, קונדיק, ווי דער אוילעם האָט געאַרבעט, צום טויט געאַרבעט, נישט פֿופֿצן-זעכצן, נאָר צוואַנציק-צוויי און צוואַנציק שאָ אַ טאָג האָט מען געוועבט! קראַנקע זײַנען פֿון די בעטן אַרויס, די שוואַכסטע האָבן געוואָרעם באַוויזן! מע האָט געאַרבעט און געלט גענומען, מע האָט אַלע קרעפֿטן, מע האָט די לעצטע קויכעס פֿאַרקויפֿט! פֿאַר געלט וועט מען נײַע קויכעס באַקומען! און אומגעגעסן, אומגעשלאָפֿן האָט מען געשווינד געמאַכט סכוירעס און אויסגעאַרבעט!

און אז מע האָט שוין אויסגעאַרבעט דעם זאַפּאַס, האָט מען זיך שוין אויסגעאַרבעט די קויכעס, דאָס געזונט מיטן לעבן...

און אַז מען איז קראַנק געוואָרן, איז אויך דאָס געלט פאַרשוווּנדן געוואָרן, און קיין נײַע אַרבעט איז שוין נישט געווען... און מע האָט שוין נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו ראַטעווען פון דער נויט...

אַזוי איז געשען, און זאָל מאָרגן נאָכאַמאָל קומען די צײַט, וועט דאָס זעלבע געשען! קאָלזמאַן די וועבער קאָנקורירן איינער מיט דעם צווייטן, קאָן אַנדערש נישט זײַן; מוז יעדערער כאַפּן וואָס מער אַר-בעט, מוז יעדערער וואָס מער שטונדן זיצן בײַ דעם שטול, און וואָס מער מיר כאַפּן, און וואָס לענגער מיר אַרבעטן, וויייניקער ווערט אַר-בעט, וויייניקער ברויכט מען וועבער, גרעסער ווערט די קאָנקורענץ, פאַלט אַלץ נידעריקער דער פּרײַז! ווײַטער אַ פּוסטע זאַך — אַ רינג אַרום האַלדז!

דערצו קומען נאָך די לווינקעטניקעס! נאָר וועגן דעם אין מײַנע ווײַטערדיקע בריוו.

דײַנ...

פינפטער בריוו

דו ווייסט נישט, וואָס דער „לווינקעטניק" איז? איך וועל עס דיר קורץ און שאַרף פאַרטײַטשן; איך האָב פאַרגעסן, אַז איך רייד מיט אַ שוסטער, נישט מיט אַ וועבער.

דער „לווינקעטניק", ברודער, איז נישט קיין פאַבריקאַנט, נישט קיין וועבער, נישט ער אַרבעט אַליין, נישט ער האָט קיין אייגענע צו פאַרגעבן; ער איז נאָר אַ מיטלמענטש — ער נעמט אָן אַרבעט בײַם פאַבריקאַנט און גיט עס אָוועק אַרבעטער; דאָס הייסט: ער שטייט אין דער מיט צווישן פאַבריקאַנטן און וועבער, און ווי עס פליט אַ קאַרגער

ביסן פון פאבריקאנטס האנט צום וועבערס מויל — כאפט ער עס אײַן דער לופט, בײַסט אָפּ א האלבן בײלעק... טײלמאָל שלינגט ער אים אײַן אינגאנצן, און ווערט נישט דערשטיקט...

און דער לוינקעטניק נעמט אָן ארבעט נישט פאר פארטיקע וועבער, נאָר פאר לערניונגען, וואָס ארבעטן אונטער זײַנע אויפזעט... זיי לערנען זיך בא אים און ארבעטן אומזיסט; טײלמאָל צאָלן זיי נאָך צו; ערשט נאָך א געוויסער, גענוג לאנגער צײַט הייבט ער אָן צאָלן, נאָר ביסלעכווײַז און ביליק. דער לוינקעטניק האָט דעריבער צוויי גוטע מײַלעס: ערשטנס, שיקט ער יאָר-יערלעך ארויס א נײַע פארטיע וועבער — קאפּצאָנים, וואָס וואַרפן דעם פרײַז, אבי ארבעט צו באקומען; און צווייטנס, וואַרפט ער אליין דעם פרײַז, ווײַל ער ארבעט מיט פרעמדע, אומזיסטע, אָדער, ווייניקסטנס, מיט ביליקע הענט און קאָן באַשטיין גאנץ ביליק צו ארבעטן. נאטירלעך, מוז דער וועבער נאָכגיין, און דער פרײַז פאלט וואָס א מאָל נידעריקער.

עפשער שלעכטע מײַלעס? קומט זיי נישט דערפאר די-וועלט און יענע-וועלט?

וועגן יענער-וועלט ווייס איך, נאטירלעך, ווייניק וואָס צו זאָגן; איך האָב שוין לאנג פון דאָרט דורך גוטע און פרומע לײַט קיין ידיעה נישט געהאַט; נאָר די-וועלט האָבן זיי. נאטירלעך, לעבט דער פאבריקאנט שענער און בעסער, נאָר דעם לוינקעטניקס ווײַב טראָגט אויך פערל אפן האלדז און בענטשט שאבעס-ליכט אין א פאָר גרויסע זילבערנע לײַכטער.

נאָר מיריאַם-לעב וועט ווײַטער זאָגן, אז איך בין אלעמאָל געווען א גוטער, און הײַנט בין איך א שלעכטער געוואָרן; אז אמאָל פלעג איך נישט קוקן יענעם אין טאָפּ ארײַן, און הײַנט שטעכט מיך דער האָבער, און האָב אפּ אלץ גרויסע אויגן...

מיריאַם-לעב, עס איז אזוי, און עס איז נישט אזוי!

עמעס, אז איכ בינ אמאָל בעסער געוועזנ... עס איז געווענ דעמלט, ווענ מײַנ פאָטער, אָלעוואשאָלעמ, האָט געלעבט אונ איכ בינ אינ דער הײמ געוועזנ... עמעס, איכ האָב קײנ מוטער נישט געהאט, אונ דער פאָטער האָט א גאנצנ טאָג מיט שיצנ געוואָרפנ... נאָר צו עסנ אונ טרינקענ האָב איכ געהאט אונ אויכ ווו דעמ קאָפּ אנידערצולײגנ...

אויב איכ האָב קינדווײַז צופיל צײַט געהאט אונ צו ווייניק כאווײרימ, אונ האָב גענוג צײַט געהאט, זיצנדיק אלײנ, זיכ ארומצוקוקנ אונ אלצ באטראכטנ, האָט עס מיר דאָכ ווייניק געשאט... דער געדאנק האָט זיכ פריִער אופגעוועקט, נאָר גאָר אינגאנצנ אויספּלאָנטערנ פונ קרעגנצל איז נישט פאר מײַנע קויכעס! איכ האָב א סאכ געקלערט אונ ווייניק וואָס פארשטאנענ... שפּעטער האָב איכ מיכ, שפּילנדיק, באמ טאטנ

װעבערײַ געלערנט, און די מעלאָכע איז מיר געפעלן... זי האָט מיר אויסגעוויזן ווי א קונץ, א פײַנע מײַסטערשטיק; אנדערש איז מיר נישט אײַנגעפאלן.

א טאטן האָב איך געהאט, ווי איר ווייסט, א בלאסן, א דארן, מיט טריבע ארומגעליאמעוועטע אויגן און שארפביייניקע באקן. נו, וואָס איז? גאָט, באָרוך-הו, האָט די וועלט באשאפן און אף איר פארשיי-דענע מענטשן געמאכט — טייל פעטע, טייל מאָגערע, טייל לאנגע, טייל קורצע, און יעדן אן אנדער פּאָנעם און אנדערע אויגן געגעבן... אבי איך האָב ליב דעם טאטן און דער טאטע האָט מיך ליב! און איך האָב צו גאָט קיין טײַנע נישט געהאט. װאָרעם צײַט איך האָב דעם טאטן געדענקט, האָט ער אזוי אויסגעזען, און עס איז מיר גאָרנישט אײַנגעפאלן, אז ער איז אמאָל א געזונטער, פרישער יונגערמאן גע-װעזן, מיט ליכטיקע, ברענענדיקע אויגן, וואָס זײַנען מײַן מאמעס מיידלווײַז אזוי געפעלן געווען. געוווּסט האָב איך, אז איך האָב א מוטער געהאט, און עס האָט מיר ווי געכאָלעמט, אז אין שטוב פלעגט זיך אמאָל ארומדרייען אן אלבאסטער-ווײַס ווײַבל, מיט שווארצע ברע-מען און בלויע טיפע, נאָר ברענענדיקע אויגן. נאָר געזאָגט האָט מען מיר, אז גאָט, באָרוך-הו, האָט זי צו זיך גענומען, זי איז אים מינאס-טאם געפעלן געוואָרן... ווער האָט מיר געזאָגט, אז זי איז אוועקגע-גאנגען פון דער וועלט, ווײַל זי האָט געברויכט ווײַן און פלייש צום געזונט און די ביידע זאכן זײַנען נישט פאר אָרעמעלײַט? מע האָט עס מיר פארשוויגן, פּונקט ווי מע האָט פאר מיר געהאלטן בעסאָד, אז די װעבערײַ זויגט אויס דעם מארך פון די ביינער און האָט מיר דעם פאָטער בלאס, דאר און בלינד געמאכט...

מײַן פאָטער האָט נאָך אף אסטמא געליטן... צי האָב איך געוווּסט, אז דאָס קומט פון שטויב פון גארן? דער אייגענער גאָט, וואָס האָט

מיר א דארף פֿאָטער געגעבן, האָט אים טריבע אויגן געמאַכט און נאָך אַסטמאַ געשיקט,— פֿאַרוואָס? א פֿראַגע עס איז! איך האָב א מעלאַ-מעד געהאַט, טוירע געלערנט און געוווּסט, אַז אַפֿילו מלאָכים זינ-דיקן, ביפֿראַט א באַסערוועדאַם, ביפֿראַט א וועבער... און גאָט שטראָפֿט, מע זאָל אָפּקומען אף דער-וועלט!

אַז איך פֿלעג מיך אופֿכאַפּן באַנאַכט און זען, ווי דער פֿאָטער דרעמלט, קימאַט זיצנדיק אַפֿן קישן, און האָט א שרעקלעך שווערן אָטעם, פֿלעג איך מיך באַגיסן מיט פֿרומע קינדיש-הייסע טרערן, און בעטן גאָט, אַז אויב מײַן פֿאָטער האָט קעגן אים געזינדיקט, זאָל ער בע-סער מיך שטראָפֿן! און אַז איך האָב נישט געפּויעלט, האָט עס מיך ווייניק געוווּנדערט, וואָרעם וואָס פֿאַר א זכות האָט אַזאַ וועבער-קינד געקאָנט האָבן בא אַזאַ גרויסן שרעקלעכן גאָט, ער זאָל הערן מײַן געבעט?!

נאָר אָפֿט פֿלעג איך מיך אופֿכאַפּן, און דער פֿאָטער איז נאָך גע-זעסן בא דעם שטול... טיילמאָל האָט שוין דער מאָרגן געגרויט און מיט דינע שטראַלן זיך אַרײַנגעגאַנוועט דורכן לאָך פֿון לאָדן. „טאַ-טע", פֿלעג איך זיך בעטן, „לייג שוין אַוועק די אַרבעט, קום שוין שלאָפֿן",— קוים וואָס ער דערהערט און ענטפֿערט מיר: „באַלד, באַלד, קינד מײַנס!", און רירט זיך ניט פֿון אָרט, „איך וועל נאָך ענ-דיקן — זאָגט ער — דעם שטערן". און איך בין אײַנגעשלאָפֿן מיט דעם געדאַנק, אַז דער טאַטע איז אַמאָל אַן אײַנגעשפּאַרטער און וויל ראַפּקע אַרבעטן, כאָטש עס טוט אים די אויגן וויי! ווינטער-צײַט פֿלעגט מיר טיילמאָל קאַלט זײַן אַליין אין בעט און עס פֿלעגט מיר ביטער ווערן אַפֿן האַרצן, טראַכטנדיק, אַז דער פֿאָטער האָט ליבער זײַן שטערן, ווי מיך, כאָטש דער שטערן וואָלט איבערנאַכט ניט גע-פֿרוירן געוואָרן, און איך ציטער פֿון קעלט!

אַלץ האָט מיר מײַן מעלאַמעד געזאָגט און פֿאַרטײַטשט, נאָר נישט דאָס, אַז מײַן טאַטע האָט זײַן שטערן פֿײַנט סינאַס-מאָווּעס, אַז

נישט ער וויל דעם שטערן ענדיקן, נאָר איך זאָל מאָרגן צו פרישטיק א בייגל האָבן; אז נישט ער וויל דאפקע ארבעטן באנאכט, כאָטש ער האָט שוואכע אויגן, נאָר ווײַל ער מוז ארבעטן באנאכט! פונקט אזוי ווי עס האָט מיר קיינמאָל קיינער ניט געזאָגט, אז פון גארן-שטויב קריגט מען אסטמא...

הײַנט ווייס איך עס, און דעריבער קאָן איך אזוי גוט נישט זײַן! הײַנט ווייס איך, אז די שלעכטע אומבארעמהארציקע וועלט האָט צו מײַן פאָטער געזאָגט: דו ארבעט א סאך, א סאך, צאָלן וועט מען דיר ווייניק, און פארנאָסע בעט בא גאָט! דו ארבעט א סאך, מאך א מאסע שטערן אי באנאכט, אי באטאָג, און בא גאָט בעט א רעפוע אפ די אויגן! אכצן שאָ אין טאָג זיץ אין שטוב איבער דעם שטול געבויגן, שלינג אײַן פארביקן, פארסאמטן שטויב, און וועסטו אסטמא באקו-מען, האָסטו א ריינע פרעטענזיע צו גאָט! וואָס שאט עס דיר, אז מיר וועלן דערווײַל דײַן ארבעט טראָגן און פון א טייל פון איר רײַך ווערן? און אצינד רעדט זי אזוי צו מיר!

דער פאָטער מײַנער האָט געגלייבט און שטיל און פרום געליטן; און עפשער האָט ער שטילערהייט געוווּסט און נאָך טויזנט מאָל גע-ליטן מער פאר מיר? ווער ווייסט? מיט קינדער רעדט מען נישט פון אזעלכע זאכן!

צי האָט מײַן מעלאמער געוווּסט, וועמען ער האָט גערינט? צי איז אים גאָר אײַנגעפאלן, אז ער בינדט מײַן נעשאָמע מיט פרומען, נאָר פעסטן שפינוועבס און ווארפט זי ארויס פאר די הינט? פונוואנען האָט ער געזאָלט וויסן? ער אליין איז אויך א וועבער געווען, ער אליין האָט אויך באלעבאטים גערינט; מײַן פאָטער איז געשטאָרבן אפ אסטמא, און ער אפ א לונגען-פעלער!

נו, איז א ווונדער, אז, געגנארט פון אלע זײַטן, האָב איך געלעבט א גוטן טאָג און בין א גוטער געוועזן?

ווער שמועסט, שפּעטער, אַז איך האָב אַ געוויִס פּריילעך מיידל דערקענט און פּלעג מיט איר יעדן אָוונט זיך טרעפֿן אין הויז אונטערן טויער? עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ ווונדערלעך לעבן, זיסע לעוואָנע־נעכט און נאָך זיסערע כאַלוימעס... גאָט מײַנער אייניציקער! ווי גליקלעך בין איך געווען! און ווי גליקלעך האָב איך מיך געפֿילט באַם ראָש־כוידעש בענטשן, ווען דער כאַזן האָט געזונגען „עס כל ישׂראל אחיהם״ — אַלע ייִדן זײַנען ברידער! אַ קאַטאַוועס, אַ מענטש האָט אַ זיבן־אַכט מיליאָן ברידער און שוועסטער, און מיריאַם איז איינע פֿון זיי! איך האָב מיך געפֿילט אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאָלץ! ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס מאָל קאָן מיך אויס־רײַסן פֿון דער הוים און מיך פֿאַרוואַרפֿן, ווי אַ פֿוילן עפּל, ערגעץ אַרײַן אין דער פֿרעמד, וווּ דאָס האַרץ וועט פֿאַרגיין פֿאַר בענקשאַפֿט, און זי וועט בלײַבן דאָרט און שטריקן און ווייִנען באַזונדער; ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מאָריץ פֿיינבאַך, מײַן ברויט־געבער, איז מיר גאָר קיין ברודער נישט, אַז ער האָט מער ראַכמאָנעס אויף זײַן פֿערד, ווי אויף מיר! נאָר דעמאָלט האָב איך גאָר דאָס אויך נישט געוווּסט, און בין אַזוי פֿרײַ מיט אַ שמייכל אויפֿן יונגן פּאָנעם, מיט פֿאַרכאָלעמטע אויגן און אויסגעשפּרייטע הענט, אַנטקעגן געגאַנגען דער וועלט...

הײַנט ווייס איך עס, הײַנט ווייס איך צופֿיל... נאָר צי בין איך עמעצן מעקאַנע? צי וויל איך דען דעם לווינקעטניקס זילבערנע לײַכ־טער? אָדער מײַן ברויטגעבערס בעטל מיט געלט? ניין! כ׳וויל עס נישט, מיר כאָלעמט זיך אַ ריינע אויפֿגעראַמטע שטוב; צוויי בעטן הילצערנע, זאָל זײַן צו איינציקע קישן, נאָר ווײַסע, שניי־ווײַסע ציכן! אַ ברויט אין ווײַסן הילצערנעם אַלמער; אַ האַלב פֿונט פֿלייש צו מי־טיק אויף אַ פּערזאָן, און וועט גאָט אַ קינד געבן, זאָל דערפֿאַר אין דער מוטערס ברוסט זײַן מילך, פֿרישע מילך, נישט גאַל, נישט סאַם! אָנ־

טאָן וויל איך מיך אָרעם, נאָר ריין, זאָל זײַן געלאַטעט, נאָר נישט צעריסן! און וואָס נאָך וויל איך? אַז מײַן ווײַב און מײַנע קינדער מו-טער זאָל זײַן די, וואָס איך וויים, צו וועלכער ס'ציט מיך מיטן גאַנצן לעבן, מיט דער גאַנצער נעשאָמע! אָט אַזוי ווייניק וויל איך, נאָר דאָס ווייניקע קאָן אויך נישט געשען, ווײַל איך מוז אַנדערע שפּײַזן און אַליין הונגעריק זײַן! איך בין קיינעם נישט מעקאַנע, דאָך פֿאַרדריסט מיך, פֿאַרוואָס בין איך נאָר אַ רינע, וואָס לאָזט דורך דאָס וואַסער, און אַליין טרינקט זי נישט.

ד ײַ נ...

זעקסטער בריוו

דו שרײַבסט, אַז איך זינדיק, אַז איך פֿאַרלאַנג צופֿיל, כאָטש עס האָט מיר קיינער דערפֿון קיין קאָנטראַקט ניט געגעבן. מיריאָם-לעב זאָגט, אַז מע קען לעבן מיט גאָרנישט, אָדער קימאַט מיט גאָרנישט. אַז אויב מע האָט זיך ליב, עסט מען „וואָס עס איז" אָדער „באַדײַ וואָס"... איך אַליין האָב אויך אַמאָל אַזוי געמיינט; איך האָב מיך אָבער צוגעקוקט צום לעבן פֿון מײַנע כאַווײרים; איך האָב עפּעס אַנ-דערש געזען! איך האָב שרעקלעכע זאַכן געזען!

אַז איך האָב די ערשטע צוויי רובל אַ וואָך באַקומען, האָב איך אַ געשריי געטאָן און דערמיט אונטערגעשפּרונגען פֿאַר פֿרייד! מײַן ער-שטער געדאַנק איז געווען אײַך אַ דעפּעשע צו געבן, גרייט זאָלט איר זײַן! טעלעגראַפֿירט דאָך האָב איך נישט, עס איז מיר פּלוצלינג אַ שאָד געווען דאָס געלט! נישט מײַנס, נאָר מיריאָם-לעבס געלט איז מיר אַ שאָד געווען! עס איז שוין איר געלט געווען! איך וועל בעסער שרײַבן, און איך האָב באַנאַכט געשריבן, נאָר צומאָרגנס דעם בריוו נישט אַוועקגעשיקט.

אין אָוונט בין איך צו מײַנעם א באקאנטן װעבער געגאנגען; איך האָב געוווּסט, אז ער איז ערשט דרײַ יאָר נאָך דער כאסענע, און איך האָב געוווּסט, אז עס איז א ליבע געװעזן, און מיר האָט זיך געגלוסט, עס האָט מיך געצויגן צו זען כאָטש איין אָוונט, איין סצענע פון א גליקלעכן, היימיש לעבן, אף װעלכן איך האָב אזוי געהאָפט! דערוויַיל דורך א שפּארע ארײַנקוקן און זען, װי עס פירט זיך אין גאניידן. און איך האָב געזען!..

איך האָב געזען צוויי קראנקע קינדער; איינס האָט דיפטעריט באַ-קומען און דאָס צווייטע האָט זיך זאראזשעט... זי איז געזעסן באַם טיש געבויגן איבער א ניי-מאשין, און ער, דער פארליבטער מאן, איז ארומגעגאנגען אוף און אָפּ, בייז און װארפנדיק מיט די הענט! אז ער איז נעענטער צו מיר צוגעגאנגען, האָב איך בא אים געזען טרערן אין די אויגן; נאָר די טרערן זײַנען מיר עפּעס נישט געפעלן, און פון מויל האָב איך א רייעך פון בראָנפן דערפילט... איך האָב מיך געשווינד צוריקגעצויגן, נאָר געשלאָפן יענע נאכט בין איך שוין נישט...

איך בין געלעגן מיט א פּערענע אויבן און האָב באשײַמפּערלעך און אָן אופהער געזען דאָס בילד, װי זי זיצט איבערגעבויגן אף דער מאשין; איך האָב איר פּאָנעם נישט געזען, נאָר זיכער געפילט, אז עס איז דערשראָקן, פארציטערט און בלאס. און פון די אויגן פאלן גרוי-סע, גרויסע טרערן װי די ארבעס... און די פּלייצע פּלאטערט און ציטערט... און עס האָט זיך אלץ געדאכט, אז אָט גייט ער צו און דער-לאנגט איר מיט דער פויסט אין פּלייצע ארײַן... אויב נישט הײַנט, װעט ער עס מאָרגן טאָן... ער װעט שוין קיין איינציק מאָל ניט אהיים קומען ניכטער...

איך האָב געזען דערנאָך נאָך אנדערע זאכן. מע טײַט מיט די פינ-גער אף עלטערן, װאָס האנדלען מיט פלייש — פון אייגענע טעכ-

טער... איך האָב געזען קינדער, וואָס וואַרפן אַרויס די עלטערן, ווען זיי הערן אויף שווין פאַרדינען...

אוי, איר קאָנט עס גאָר נישט פאַרשטיין! נישט נאָר לעבעדיק און וואָלנצענדיק ווען מיר, מיר וועלן אויס גאָר פונקט נייע מינהגים, נייע מידעס פון דער נאָדל! אויך וועלן מיר אויס טאַכריכים פאַר דער אַלטער, גוטער און פרומער וועלט, און מע וועט זי אין זיי באַגראָבן...

און עס וועט אויפשטיין אַ נייע, פוילע, דורך און דורך פאַרפוילטע וועלט, און ווער עס וועט נאָך האָבן אַ ריינערע נשמה, וועט פון איר אַנטלויפן, ווו עס וואַקסט אַפילו קיין פעפער נישט!..

ד ײ נ...

אכטער בריוו*

מאַזלטאָוו! ענדלעך האָסטו דיך געריירט פון אָרט! הונגער און נויט האָבן אַפּ דיר נישט געווירקט, נאָר די וועלט, האָסטו מוירע, זאָל נישט אונטערגיין, די ריינקייט און פרומקייט זאָל נישט פאַרלוירן ווערן!

און אַפּ אַ האַמצאָע ביסטו געפאַלן: קוידעמקאָל, שרייבסטו, דאַרף מען די לוינקעטניקעס אונטערברענגען!

דו האָסט אַפילע קיין אַמעריקע נישט אַנטדעקט, אַפילע קיין פּולווער ניט געפונען. ווייל דאָס האָט מען שוין פאַר דיר געטאָן. דײַן לידל זינגען שוין די פייגל אַפּ די דעכער! נאָר אַ נאַגראַדע ביסטו ווערט. און איך וועל דיר דערפאַר דערציילן די מייסע פון די פּאָר אויגן, וואָס האָבן אַזוי פייערדיק אַפּ אַ פרעמד ברויט געקוקט!..

---

* דער זיבעטער בריוו איז ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען.

אמאָל, און דאפקע ערשט ניט לאנג, איז געווען א וועבער, גראָד א גוטער וועבער, נאָר, ווי מע פלעגט זאָגן, נישט מער קיין קלוגער, אָדער דער קאָפּ זײַנער איז נישט אפּ זײַן אָרט געשטאנען, אָדער עס האָט דאָרט אינווייניק עפּעס געפעלט. נאָר דערפאר האָט ער געהאט א ברייט אויסגעוואקסן הארץ, ווי אויסער זײַן אייגענעם פּאָרטרעט איז נאָך געהאנגען דאָס בילד פון אלע וועבערישע צאָרעס, און ווײַל עס איז זייער גרוים געווען, האָט עס קימאט זײַן אייגענעם פּאָרטרעט פארשטעלט, און דעריבער האָט ער אָפּט זיך אליין נישט געזען! ער אליין האָט געגוג פארדינט — די צײַטן זײַנען נאָך עטוואָס בעסער געווען, ער האָט זאָגאר א געליבט מיידל געהאט און נאָרוואָס געוואָלט חתונה האָבן, נאָר א געדאנק האָט זיך אים אַרײַנגעשלאָגן אין מוח און דער געדאנק האָט אים צורעכט געמאכט. ער האָט זיך אײַנגערעדט, אז אויב יעדער איינציקער וועבער איז, באַזונדער גענומען, א שוואך, ווייך ריטל, וואָס דער ערגסטער לוינקעטניק דרייט זיך ארום, אויב ער וויל, ארום פינגער, וואָלטן אלע צוזאמען געקאָנט זײַן א שרעקלעך שטאַרקער בעזעם אויסצוקערן און אַרויסצואוואַרפן מיטן מיסט נאָך עפּעס בעסערס, ווי א לוינקעטניק איז. נאָר מיט וואָס בינדט מען דעם בעזעם?

און א שלעכטע נאטור האָט ער געהאט, שטענדיק אָפּן צו האלטן דאָס מויל, און וואָס פאר א גרינער פויגל עס איז אים געבוירן געוואָרן אין דער קליינער נעסט פון קאָפּ, פלעגט ער באלד ארויספליען פראנק-און-פרײַ אפּ דער פרישער וועלט... עלטערע מענטשן האָבן אים געווארנט, ער זאָל ניט זײַן קאָהאָלס פאַרזאָרגער, ווײַל קאָהאָל צאָלט מיט שטיינער פאר ברויט; דאָס געליבטע מיידל האָט אים געהאלדזט, געקושט און געוויינט, ער זאָל זיך ניט מיִען מאכן דאָס מויל מיט א בעזעם, נאָר ער האָט זיך געהאלטן בא זײַנעם, אז מע דאַרף בינדן א בעזעם!

און גערעדט דערפון האָט ער וואָרעם, מיט הארץ, מיט בלוט, די וועבער האָבן ווייניק פארשטאנען, נאָר גוט געפילט, און פלעגן מאַכן ארום אים רעדלעך, און אַז ער האָט גערעדט, האָבן טייל געזיפצט און טייל געשאָלטן. נאָר פון דעם איז ער ניט צופרידן געווען. ער פלעגט זאָגן, אַז פאר טויזנט זיפצן וועט דער בעקער קיין אייציק ברויט ניט געבן. און פון א מיליאָן קלאָלעס וועט זיך באַם לוינקעטניק אין מויל קיין אייציקער צאָן נישט קריצן... נאָר וואָס דען ווילסטו, לעבן מיינס? א בעזעם וויל ער מאכן, נאָר א בעזעם...

און עס האָט זיך אָנגעהויבן צו בינדן א בעזעם! דער אוילעם האָט זיך צוזאמענגענומען און געשווירן, מער בא קיין לוינקעטניק קיין ארבעט נישט אָנצונעמען! די, וואָס ארבעטן שוין, זאָלן אַוועקגיין!.. און באלד איז געפאלן געלט, מע זאָל אופהאלטן די, וואָס גייען אוועק, ביז זיי וועלן דירעקט פון פאבריק קיין ארבעט נישט באקומען! איז עס געוואָרן א ראש אין די גרויסע וועלטן; דערשראָקן און פארציטערט זיינען ארומגעלאָפן לוינקעטניקעס, שטיל און ווי ווייט מעגלעך איידל האָבן אפילו פאבריקאנטן גערעדט! און די וועבער האָבן זיך געפרייט, הא! עס שטעקט דאָך א קראפט אין אָרעמעלייט, מע דארף זיי נאָר וועקן, וועלן זיי וועלטן איבערקערן! א געדולע, א פרייד!..

עס איז א פיינער, פארביקער זייפנבלאָז געווען, נאָר ער האָט צו געשווינד געפּלאצט! ערשטנס, זיינען געווען עטלעכע שלעכטע וועבער, וואָס האָבן קיינמאָל קיין ארבעט נישט געהאט, האָבן זיי זיך באלד ארייננגעשלייכט צו די לוינקעטניקעס און אָנגעהויבן צו ארבעטן!.. אנדערע האָבן זיך דערשראָקן און געשווינד צוריק זייערע ערטער פארכאפּט; די רעשט האָט עס דערזען און אליין געמוזט זיך מאַטיר-ניידער זיין און נאָך איבערבעטן דעם לוינקעטניק: „זיי אונדז מויכל, עס איז גאָר נישט אונדזער הויט, כאָטש זי ליגט אף אונדזער

לײַב. שיכּר, װיפל דו װילסט!" און דאָס לעבעדיקע װאַסער איז צוריק אין דער קאָרעטע אַרײַן, צוריק דאָס אַלטע לעבן!

נאָר אַ נײַעס איז געשען: דעם מענטש מיטן האַרץ האָט מען פֿון פֿאַבריק אַרױסגעװאָרפֿן, און ער האָט שױן אין ערגעץ קײן אַרבעט נישט באַקומען. די געליבטע קאַלע האָט נאַטירלעך צעריסן די טנאָים... די װעבער האָבן געשװיגן: מע װעט דאָך פֿאַר אײן מענטש װעגן נישט אָװעקװאַרפֿן די פּאַרנאָסע!

געשען איז עס נאָך אײדער איך בין געקומען, נאָר איך האָב נאָך די זכיה געהאַט צו זען, װי דער מענטש מיטן ברײטן האַרץ האָט גע-קוקט אױף אַ לעבל ברױט בײַ דער זיצערן אױפֿן טיש.

ד ײַ נ...

נ ײַ נ ט ע ר ב ר י װ

איך האָב גאָר נישט געװוּסט, אַז מײַן מיריאַם-לעב האָט אַזאַ דײַגע בײַ גאָט! — קױם האָט זי אין לעצטן בריװ געװוּנטשן מיך כאָטש נאָכאַמאָל צו זען, פֿאָר איך שױן אַהײם!

עס פֿעלט נאָך אַפֿילו אױף הױצאָעס, נאָר איך האָב נאָך עטלעכע איבעריקע זאַכן צו פֿאַרקױפֿן... דאָס בעט מיטן קישן און קאָלדרע, מיטן שעניק אַפֿילו האָב איך שױן פֿאַרהאַנדלט; איך האָב אָבער נאָך אַן איבעריקן ראָק און צװײ-דרײַ איבעריקע העמדער...

אױף הױצאָעס װעט געגוג זײַן, אַניט װעל איך צושפּרײַזן צופֿוס.

און פֿאָרן אַהײם פֿאָר איך דורך גאָר אַ פּאָשעטע זאַך: איך האָב אַ נאַרישן פֿעלער געמאַכט און מוז אַהײם פֿאָרן.

די מעשׂה איז אַזױ געװען: צײַט איך האָב די װעלפֿישע אױגן גע-זען, האָב איך מיר געטראַכט: בעסער אַ לױט סײכל, אײדער אַ פֿונט האַרץ! בעסער באַנאַכט אָפּן צו לאָזן די טיר, אײדער באַטאָג דאָס

מויל. ציין נוצן צום עסן, נאָר נאָך מער די צונג איינצובייסן, אויב זי וויל זיך אַן איבעריק מאָל איבערדרייען. דער מענטש איז טאַקע געקרוינט און געהויבן איבער אַלע בהמות מיט די רייד, נאָר „גוט-מאָרגן — גוט-יאָר״ איז גענוג געערדט און וואָס איבעריק — שאַט! און נאָך אַזוינע גוטע און קלוגע זאַכן האָב איך מיר געטראַכט און איינגעקאָרבט, אַבי איך זאָל קיינמאָל, אַזוי ווי יענער מיטן ברייטן האַרץ און אָפענעם מויל, אַף אַ זיצערנס ברויט ניט ברויכן צו קוקן...

פון אַזאַ קוקן — האָב איך געטראַכט — קומט קיין גוטס נישט אַרויס, אַפן בעסטן פאַל קומט מען דערצו, אַז מע כאַפּט אַ ברויטל.

און וואָס וואָלט מיין פרומער מעלאַמעד געזאָגט? ער וואָלט זיך באַלד געשטעלט פאַרן בעסדן-שעל-מעלע און איידעם געזאָגט, אַז ער אַליין האָט מיך געלערנט: „לוי סיגנויוו! ריד נישט קיין פרעמדים!״

וואָרעם, ווי דו ווייסט, איז מיין פרומער מעלאַמעד אַ קורצזיכטי-קער געוועזן און קוים וואָס ווייטער פאַר זיינע אייגענע נאָז נישט גע-זען... אַז דאָס ווייב פלעגט אים אַנידערלייגן אַ ברויטל אַפן טיש, האָט ער געזען ברויט, מער נישט ווי ברויט. ווער ברויט, וואָס ברויט? ווי קומט עס צו אים? פונוואַנען נעמט זיך ברויט? ווער האָט געזייט, ווער געשניטן, ווער געמאָלן, ווער געבאַקן? וועמעס שווייס שטעקט דערינען, וועמעס בלוט? דאָס האָט ער קיינמאָל נישט געזען... פון הימל אַראָפּ, צי פון אונטער דער ערד אַרויס, וואָלט ער געשריען: גאַנעוו! און אַף מיר וואָלט דאָס היטל געברענט!

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דער מענטש דענקט און די צאָרעס (אייגענע צי פרעמדע) לענקען! אַז ווי ענג עס איז נישט באַ איינעם אין האַרצן, פאַלט דאָך אַמאָל אַריין אַ נאַרישקייט; איידער דו קוקסט זיך אום, האָסטו עס אָפּגעטאָן און פאַרפאַלן, כאָטש קנייפּ דיר אויס

די באַקן. מײַן געוועזענער ברויט־געבער זאָגט, אַז ער האָט זיך אָפּ מיר נישט געריכט; איך אַליין וואָלט עס אויך נישט געגלייבט! און דאָך מוז עס עמעס זײַן, וועהאַרײַע: איך פאָר אהיים!

נאָר צו דער זאַך! עס איז דאָ אַמאָל געוועזן אַ גרויסע וועבערשע בעוורע מיטן נאָמען „פּויאַליי־צעדעק". אָט אַ יידישע בעוורע, אָפּ וועלכע אַלע האָבן דורך די פינגער געקוקט, ווײַל מע האָט דאַרט נישט מער ווי געדאַווענט און שאַבעס אַלשיך געלערנט... צי האָבן שוין די אַלטע וועבער געפילט, אַז זיי מוזן דאַווענען באַזונדער, בעטן אָפּ עפּעס אַנדערש, איידער זייערע ברויטגעבער? ווער ווייסט?! נאָר מיט דער צײַט איז דער דאַווענען קימאַט פון דער מאָדע אַרויס, און אָפּן אָרט פון אַלשיך הערן שפּאַצירט דער אוילעם הינטער דער שטאָט און באַמיט זיך אויסצועטעמען דעם שטויב פון גאַרן, וואָס מע האָט אָנגענומען אַ גאַנצע וואָך... מיט דער צײַט האָבן אויסער עטלעכע, גאַנצע אַלטע וועבער, מיט די אַלטע טאַלייסים און זילבערנע אַטאָרעס — אַ זייכער פון די אַמאָליקע גוטע צײַטן, — אַלע אָן דער בעוורע פאַרגעסן... נאָר לעצטנס, אַז מע האָט מיטאַמאָל געוואָרפן דעם פּרײַז, האָט עס דעם אוילעם אונטערגעטראָגן; עס איז געוואָרן אַ ראַש, אַ מעהומע. וואָס טוט מען? וואָס נעמט מען פאַר? און פּלוצלינג האָט מען זיך דערמאָנט, אַז עס איז אַ בעוורע פאַראַנען, אַז עס איז דאָ אַן אָרט, ווו זיך צוזאַמענצוגיין און אַ וואָרט צו ריידן! און דער אוילעם האָט זיך געלאָזט אין „פּויאַליי־צעדעק" אַרײַן, און האָט מיך געשלעפּט... די מאַסע איז ווי אַ פּעך, זיך נישט אָפּצורײַסן!

צי האָסטו אַמאָל געזען, ווי פונקען פליִען איבער אַ שמידערײַ? מיליאָנען פונקען, און זיי וועלן נישט אָנצינדן קיין איינציקע שטרוי אַפן דאַך! נעם זיי אָבער צוזאַמען, וועלן זיי אַ וועלט פאַרברענען! דאָס אייגענע איז אַ בעוורע! קוים איז זיך דער אוילעם צוזאַמענגעקו-

מענ, האָט געברענט! עס האָבנ טויבע געהערט, שטומע גערעדט, לאָמע
זײַנענ אופ אונ אָפּ געלאָפנ, פּאַראַליזירטע האָבנ נאָכ פּאַטשנ געוואָלט,
נאָכ פּאַטשנ... אַנדערע האָבנ געשריִענ, אַז קאָלזמאַנ מע וועט נישט
געפינענ צוויי-דרײַ ברויטגעבערישע בײַכער צעשניטנ אינמיטנ מאַרק,
וועלנ די צאָרעס קיינ ענדע נישט נעמענ.

איכ האָב פײַנט פּאַטשנ, פונ צעשניטענע בײַכער קאָנ איכ בע-
טעווע נישט הערנ, אונ איכ וויל זיכ אַרויסגאַנווענענ פונ אוילעם מיט
די שאַרפע צונגענ, נאָכ שטומפּיקע קעפּ; ליידער, האָט מענ מיכ באַ-
מערקט, אונ עס איז פּלוצלינג אַ געשריי געוואָרנ: ער אַנטלויפט.
מאַסערנ גייט ער! מאַסערנ! אונ די ווערטער זײַנענ גענוג געווענ, איכ
וויל צוריקגיינ, אַרופשפּרינגענ אַפנ ערשטנ טיש אונ אָנהייבנ
ריידנ, גלײַכ מיר וואָלט אויכ עפּעס געפעלט אינ קאָפּ אונ דאָס
האַרצ וואָלט זיכ מיר אויכ צעוואַקסנ אינ דער לענג אונ אינ דער
ברייט...

זאָל איכ אײַכ איבערגעבנ מײַנע נאַרישע רייד? נאָכ וואָס? איכ
האָב נאָכ געוואָלט, די ווײַבער זאָלנ זייער אייגנ געשעפט פאַרשטיינ,
זיי זאָלנ אײַנזענ, אַז, ערשטנס, מוז מענ זיכ פעסט צוזאַמענ האַלטנ,
אַז די „פּויאַליי-צעדעק" דאַרפנ אופגעפרישט אונ געשטאַרקט ווערנ,
אַז מע מוז זאַמלענ געלט — געלט פאַר קראַנקע, געלט פאַר אַלטע אָנ
קויעכ, געלט פאַר ווײַבער אָנ אַרבעט, געלט פאַר אַלע אינ דער שלעכ-
טער צײַט, ווענ עס לוינט זיכ נישט צו אַרבעטנ... אונ דעריקער איז,
אַז קיינמאָל דאַרפנ ווײַבער צווישנ זיכ נישט קאָנקורירנ, נישט מיטנ
פּרײַז, נישט מיט פאַרלענגערנ די צײַט פונ דער אַרבעט... איכ האָב
זיי דערציילט, אַז ערגעצ אַנדערש אַרבעט מענ נאָר צוועלפ, אינ
אויסלאַנד צענ שעה, אינ אַ טייל ערטער נאָר אַכט. איכ האָב זיי געזאָגט,
אַז אַ מענטש איז קיינ פערד נישט אונ אַז פערד אַרבעטנ דאָכ ווייני-
קער פאַרנ פּוילסטנ ווײַבער... אונ נאָכ אַזוינע זאַכנ, וואָס אַ מענטש

מיט סייכל האלט בא זיכ און רעדט נישט ארוים. דו וועסט עפשער אנדערש זאָגנ, מיריאַמ-לעב? דו האָסט דאָכ שטענדיק ליב געהאט מיכ אָפּצושפּארנ, צו זאָגנ פארקערט, נאָר דערפונ וועלנ מיר שוינ ריידנ אינ דער היימ! דערווײַל האָט מיר געשאט.

די גאנצע צײַט, וואָס דו האָסט פונ מיר קיינ בריוו ניט דערהאלטנ, בינ איכ געזעסנ, אונ גאָט ווייסט פאר וואָס? ערשט ווענ מענ איז אפ זיכער געוואָר געוואָרנ דערנאָכ, אז איכ האָב אָפּגעהאלטנ פונ פאטשנ אונ בײַכער שנײַדנ, האָט מענ מיכ אָפּגעלאָזט, נאָר געהייסנ ארוים-פאָרנ אפ א פּאָר יאָר פונ שטאָט... א וועבער, זאָגנ זיי, דארפ זיצנ אונ ארבעטנ, ניט שפּרינגענ אפ טישנ אונ ריידנ...

שלעכט, נאָר צוויי זאכנ טרייסטנ מיכ! ערשטנס, איכ האָב א זאָ-מענ געוואָרפנ אונ איכ בינ זיכער, אז ער וועט וואקסנ; פונדערווײַטנס זע איכ שוינ, ווי ער וואקסט! אונ ער וואקסט ווי עס באדארפ צו זײַנ: אינ דער טונקל, שטיל אונ באשיידנ, עס דארפ קיינ האָנ נישט קרייענ! אונ צווייטנס, וואָס מיריאָמ-לעבס ווונטש וועט דערפילט ווערנ אונ מיר וועלנ זיכ זענ... גיכ אונ באלד זענ... גרייט נאָר א ביסל זאלצ, אײַנצורײַבנ מיר די פּלייצעס, מע האָט זיי מיר א ביסל צע-האקט...

דײַנ...

איינייגציקער בריוו פונ שוסטער צומ וועבער

איכ שרײַב געשווינד אונ אינ איינ ציטערניש. האָב גאָט אינ הארצ, פאָר ווו דו ווילסט, נאָר קומ נישט אהער, איכ האָב קוימ, קוימ געפּויעלט בא דער שוועסטער, זי זאָל לאָזנ איינעמ ארײַנגיינ, א פּנײַ-נעמ באלמעלאָכע, אנ אלמענ... די אָרעמע מיריאָמ האָט זיכ געגוג די

הענט געבראָכנ, אונ די אויגנ אויסגעוויינט, איידער זי איז באשטא-
נענ, אצינד וועסטו קומענ אונ די גאנצע זאכ וועט צערודערט ווערנ!
אונ זאָג אליינ, כאסענע האָבנ ווילסטו ניט אונ, ווי דער עמעס איז,
אצינד קענסטו נישט, נאָכ וואָס זאָלסטו איר שטערנ אינ וועג? דו
אליינ פארדינסט וויניק, איכ — אָסער אויב איכ בינ בעקויעכ זי אויס-
צוהאלטנ, איכ האָב מײַנע אייגענע גענוג. אויב דו ביסט אנ ערלעכער
מאנ, פאָר ערגעצ אנדערש אוועק... געדענק אָנ גאָט! —

1897

האָישאָ מאָראָס כאַנע

(א פּעקל בריוו)

א

צוויי בריוו, וואָס כאַנע האָט באַקומען פון איר ברודער מענאַכעם-מענדל, און איין בריוו פון איר שוועגערן כאַווע-גיטל, בעסאַכאַקל דרײַ בריוו

ערשטער בריוו

האכא:מ וועהאשאָלעמ לאַאכויסי האצנוא מאָראָס כאַנע טיכיע.

דײַנ בריוו האָב איכ דערהאַלטנ. וואָס קלערסטו, איכ האָב געננוג טרערנ פארגאָסנ אונ א גאַנצע נאַכט געזיפצט אונ געקרעכצט. וואָס קומט מיר אָבער ארויס, גאָט אינ הימל איז מײַנ איידעס, אז איכ בינ דיר נישט אימשטאנד צו העלפנ. אונ וואָס דו

שרײַבסט וועגנ דער יערושע, מוז איכ דיר, ליבע שוועסטער, זאָגנ, אז דאָס איז גאָר קיינ ווערטער נישט! נאָכנ ייִדישנ דאס האָסטו קיינ שום טײַנע-אומטײַנע אפּ דער יערושע; פרעג דײַנ מאנ, ער איז דאָכ א ייִד א לאמדנ, וועט ער דיר אויכ זאָגנ דאָס אייגענע. אונ דו דארפסט גאָרנישט פרעגנ דעם מאנ, ער זאָל דיר ערשט זאָגנ: אזא אישע-קשיירע, ווי דו, עפנט אופ דאָס טײַטש-כומעש אונ זעט, אז צלאָפכאָדס טעכטער האָבנ באקומענ יערושע נאָר ווײַל עס זײַנענ קיינ באָנים-זכאָרים נישט געווענ. אָבער קוים זײַנענ דאָ באָנים-זכאָרים, באקומענ די טעכטער קיינ יערושע נישט. אונ קיינ שטאר-כאָצי-זאָכער האָסטו נישט. אײַ, וואָס דו זאָגסט, אז דער טאטע, אָלעוואשאָלעם, האָט דיר דעם גאנצנ נאדנ נישט געסילעקט, איז אוואדע קיינ טײַנע נישט, וואָ-רעם, צוריק געשמועסט, ווער קריגט דעם גאנצנ נאדנ? מיר האָט מענ, ווייסטו, אויכ אָפּגעריסנ, אונ איכ האָב, כאָלילע, קיינ טײַנע נישט צו קיינעם, — אונ ביכלאל, איז דער סייכל מעכײַעוו, אז אויב דער טאטע, אָלעוואשאָלעם, האָט נישט געהאלטנ זײַנ היסכײַעוועס, האָט דאָס צווייטע צאד אויכ אזוי געטאָנ, אונ מענ איז דערופ באשטאנענ; די צדאָדים האָבנ איינער דעם צווייטנ מויכל געווענ, ווי בא אונדז ייִדנ דער מינהעג איז. אונ איכ האָב נישט געוואָלט שטעלנ אפּ מײַנ דייע, אונ איבערגעשמועסט די זאכ מיט אונדזער ראָוו אונ מיט די דאיאָנים, אונ אלע זאָגנ פּע-עכאָד, אז עס איז אזוי.

אונ בענעגייע צו דער טײַנע, וואָס דו שרײַבסט, אז דו האָסט נאָר א האלב יאָר געגעסנ קעסט, נישט א גאנצ יאָר, — פונ דעם ווייס איכ שוינ גאָרנישט! לוי פּאָקאדני אבאָ — דערפונ האָט מיר דער טאטע, אָלעוואשאָלעם, נישט געזאָגט. אונ ווייסנ ווייסטו, אז איכ בינ דעמלט געווענ א פּאָרעש, בינ געזעסנ בא דער גאנצער צײַט באם רעבנ, זאָל לעבנ, אונ געלערנט... אונ כאווע-גיטל מײַנע דערציילט, אז עס איז אזוי געווענ: עס איז געוואָרנ א שטיקל מאכלויקעס צווישנ אײַכ וועגנ

דער מאמעס, אַלעהאשאָלעם, שטאָט אין דער ווײַבערשער שול, און איר האָט אײַך אָרומגעריסן בא די קעפּ, און דער טאטע, אַלעוואשאָלעם, האָט דערפון גרויס צאר געהאט און גרויס אגמעסנעפעש; און איינמאָל, שאבעסצונאכטס, האָסטו געכאפּט דאָס פּעקל מיטן מאן און ביסט מיט'ן אוועק אין זײַן שטעטל ארײַן, — אויב אזוי, ווער איז אײַך שולדיק? אפּ וועמען שרײַסטו? ווער האָט אײַך געהייסן אנטלויפן? אז מע דארף עסן קעסט, עסט מען...

נאָר — איך מיין נישט, כאסוועשאָלעם, דיר אָנצוטאָן אגמעסנעפעש. איך וויל דיר נאָר אויסווײַזן, ווי ווײַט אומגערעכט דו ביסט; אָבער יאָ גערעכט, נישט גערעכט, מע דארף זיך פירן ליפנים-מעשור-ראם-האדין, ביפראט קעגן אן אייגענע שוועסטער, נאָר וואָס העלפט עס? וויל יאָ, וויל נישט, אז מע קאָן נישט! דארפסט וויסן, שוועסטער-לעב, אז דער פאָטער אונדזערער, זיכרוינוי-ליווראָכע, האָט פאר דער פטירע געמאכט א צאוואָע, ער האָט אוועקגעגעבן דאָס גרויסע שאס דעם גרויסן בעסמעדרעש, דאָס קליינע שאס — דעם קליינעם בעס-מעדרעש, די מישנײַעסן מיט די עסרים-וועארבאס האָט ער געהייסן שיקן אין שטיבל ארײַן, ווו ער, אָלעוואשאָלעם, האָט געדאוונט... קווורע-געלט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, האָט געקאָסט צוויי הונדערט גילדן, מעיאד-לעיאד האָב איך אויך צעטיילט א פופציק גילדן, וואָס רייד איך, מער, א סאך מער ווי פופציק גילדן! דעם טאטנס, אָלעוואשאָלעם, מאלבושים האָב איך אויך צעטיילט אָרעמע-לײַט, כוץ דער זײַדענער קאפּאָטע, וואָס איך האָב, לויט צאוואָע, איבער-געלאָזט פאר מײַן מוישעלע, שעיכיע, ער זאָל אין איר גיין, אין א מאזלדיקע שאָ, צו דער כופּע, בימהיירע בעיאָמיינו אָמיין. וואָס דען בלײַבט בעסאכאקל?

עס בלײַבט נישט מער, נאָר דאָס הײַזל. נו, קיין שארפאט איז עס נישט ווערט. דער דאך איז, לוי-אלייכעם, א כוילע-נויפל; אפּ א האָר

הענגט ער. דער וואָיט הייסט אראָפּנעמענ די אלטע פּײַעדמויער, אונ אינגאנצנ איז עס בעכעזקאס סאקאָנע.

נישט מער, שוועסטער-לעב, דו מיינסט, איך האָב פארנאָסע! אז דער טאטע, אָלעוואשאָלעמ, איז ניפטער געוואָרנ אונ איך בינ אראָפּ פונ קעסט, האָב איך פארדונגענ די דרײַ שטובנ לינקס גרוינעמ דעמ סויכער, מע רופט אימ גרוינעמ צאַפּ (דו מוזט אימ אווּדע געדענקענ אונ דאָס ווײַב זײַנס — זלאטע). מיט דעמ געלט קווּעל איך מיך אונ באצאָל קוימ פּאָדימנע אונ אנדערע פּאָדאטקעס, וואָס וואקסנ פונ טאָג צו טאָג. שולדיק בינ איך בעסאכאקל פאר א יאָר אָנדערהאלבנ מיט א שמיצ! דערווײַל טו איך מיר אייצעס, גיב א טרונק בראָנפנ, — קומ שפּעטער, קומ מאָרגנ, קענאָהוג, נאָר דער שטריק אפּנ האלדז וואקסט, אונ וואָס דער סאָפּ דערפונ וועט זײַנ, ווייסט איינ ריבוינע-שעלוילעמ.

איך באוווינ די דרײַ שטובנ רעכטס אינײנעמ מיטנ אײַנפאָר-הויז אונ מיט דער שענק; די צײַט דערווײַל איז זייער שלעכט, די דערפער ארומ האָבנ זיך פארשווירנ נישט צו טרינקענ קיינ בראָנפנ. איז נאָך וויניק, האָט דער פּאָרעצ געעפנט אינ די ארומיקע דערפער שפּײַז-געוועלבלעך מיט טיי-הײַזער, — וואָס זאָל איך דיר זאָגנ? מע דארפ ראכמימ! מע קוקט זיך די אויגנ אויס, איידער מע דערזעט א פויער!

אונ וואָס דו שרײַבסט, אז ווער עס קומט, זאָגט דיר, אז איך האָב שיינ פּארנאָסע, — זײַ וויסנ, אז מענטשנ האָבנ נאָר גרויסע אויגנ. איידער מע פארדינט א דרײַער, איז קריאס יאמסופ. דערווײַל מוז מענ ביילע-סאָשענ כאסענע מאכנ, אונ איך ווער גרוי אונ אלט דעריבער. די הויצאָעס זײַנענ איינ לעשאער, אפ כויוו וויל מענ נישט געבנ, צו די מאלבושימ פעלט נאָך א זײַדנ אויבערמאלבעש, וועאכדיי קיכלויס האקל מוז כאווע-גיטל מײַנע באלד נאָך דער כאסענע פאָרנ צו א דאָק-טער. אז שמועל רויפע הייסט שוינ פּאָרנ, פארשטייסטו שוינ, ווי עס

האלט, ראכמאָנעליצלאַנ... איך האָב געפּרעגט דעם רעבן, זאָל לעבן, הייסט ער, זאָל לעבן, אויב פאָרן קיין ווארשע. און דער הוסט ווערט שטארקער פון טאָג צו טאָג, — גלײַך מע וואָלט האַלץ געהאקט!

און דאָס, וואָס דו ווילסט מיך איבערשרעקן, אז אויב איך וועל דיר נישט באלד ענטפערן ווי עס געהערט צו זײַן, וועסטו שרײַבן צו אונדזער קרויווע אין לובלין און זי וועט גיין צו איר אדוואָקאט, מ'ע זאָל מיך איבערגעבן אין גויִישע הענט אַרײַן, — זײַ וויסן, שוועסטערלעב, אז דערפאר האָב איך גאָר קיין פּאכעד נישט! ערשטנס, פארשטיי איך, אז עס איז גלאט גערעדט, אז אזא קאָשערע צנוע, ווי מײַן שוועסטער איז, ווייסט, וואָס א בעסדן איז, און וואָס א סאַנד, לעהאוודל, איז... אזא שטום וועסטו נישט טאָן. א ייִדישע טאָכטער טוט נישט אזוי! און דו זאָלסט אפילע וועלן, האָסטו דאָך א מאַן צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, און ער וועט אזא אוולע נישט דערלאָזן! ער וואָלט זיך שוין נישט געטאָרט ווײַזן באַם רעבן זײַנעם, אפילע נישט אין שטיבל אַרײַן קומען!

אויסער דעם, ראט איך דיר, זאָלסט, כאסוועשאָלעם, נישט ארויסווארפן קיין געלט אף אדוואָקאטן; אַז אַמ לוי האָיאָ זײַנען זיי, די אדוואָקאטן, כאָר גיב און גיב, און הערסטו אוף צו געבן, ווייסט ער שוין נישט, ווער דו ביסט.

און דערמאָנען מוז איך דיר נאָך די טאָמאשאָווער מײַסע, וואָס דער טאטע, אָלעוואשאָלעם, פלעגט דערציילן. עפשער האָסטו זי פארגעסן, וועל איך דיר נאָכאמאָל דערציילן. אמאָל איז דאָרט ניפטער געוואָרן א באַלעבאָס; איז די טאָכטער זײַנע, א גרושע, געלאָפן צום אסעסאָר, ער זאָל איר אויסטיילן א כײילעק יערושע, ווי עס איז בעדיניהעם. דערווײַל, אזוי ווי זי איז געשטאַנען און גערעדט מיטן אסעסאָר, איז בא איר אין שטוב אראָפּגעפאלן א קויל פון קוימען... אין דער רעגע האָט זיך אונטערגעצונדן די שטוב, און עס איז איך,

נישט פאר אונדז געדאכט, נישט פאר קיין שום ייד געדאכט, א קינד פארברענט געוואָרן!

און איך ראט דיר, שוועסטער כאנע, זאָלסט זען כאראַטע האָבן און טשוווע טאָן אפ דעם, וואָס דו האָסט געשריבן. אין אדם נתפס על צערו, דאָס הייסט, ווי מענטשן זאָגן — צאַרעס נעמען דעם סייכל צו; נאָר א קיטרוג קאָן, כאסוועשאָלעם, זיין דערפון, און דו דאַרפסט עפּעס אפ זיך נעמען, כאָטש א טאָנעס איבער א טאָג!

איך, פון מיין צאַד, בין דיר מויכל מיטן גאַנצן הארץ. און אַז דו וועסט קומען, אימירצעשעם, אפ מיין טאָכטערס כאסענע, וועט אַלץ ווערן אויסגעהיילט, וועסטו זיך מיט אונדז מעסאַמייעכ זיין אין א מאַזלדיקע שאָ. נאָר זע, לעמאַנאשעם, נישט צו דערמאָנען פון פּראָצעסן, כאַסוועשאָלעם!

און דעריקער פאַרדריסט מיך אפ באַאַלאָכ, נייערוי יאָזר וועזוראָכ, האַמופּלאָג, וואָס שרייבט גאַרנישט פון זיין געזונט. אויב ער איז אפ מיר אין קאַס, זינדיקט ער, און ער דאַרף דאָס וויסן, אַז כל הכועס וכו׳. כוץ דעם, האָט זיך אַרויסגעלאָזט א קאָל אין אונדזער שטעטל, אַז יאָמים-נויראָים איז ער נישט געוועזן באַם רעבן און האָט געדאַוונט גאָר אין בעסמעדרעש. נאָך זאָגט מען, אַז ער וויל אוועקלייגן דאָס לערנען און זיך צו עפּעס צושלאָגן. א נעהענע מעיעגיע קאַפּוי, זאָגט ער, וויל ער זיין. וואָס פאַר א צאַר איך האָב דערפון, קאָנסטו מעשאַער זיין. וואָרעם „תורה מה תהיה עליה“? ווער וועט זיצן און לערנען, אַז נישט אַזוינע טייערע קעפּ ווי ער?!

ער דאַרף וויסן, אַז דער טאַטע, אָלעוואַשאָלעם, האָט זיך מיט׳ן מעשאַדעכ געוועזן נישט אפ דעם טנאַי! און ביפראַט היינטיקע צייטן, ווען די אומעס-האָוילעם נעמען זיך צום מיסבער און די אַסאַקים פאַלן פון טאָג צו טאָג, איז אַוואַדע א יוישער, נאָשים זאָלן האַנדלען, און די מענער זאָלן טאַקע יוישייווו וועוויסייק באַטויראָ זיין, און דער רי-

בוינעשעלוילעמ וועט זיכ עפשער טאקע מעראכעמ זײַנ... זאָל ער זיכ בעסער ארויסנעמענ א קסאוו-ראבאָנעס, זאָל ער ווערנ שויכעט, מעלאמעד, — וואָס ער וויל, נאָר נישט קיינ סויכער, כאסוועשאָלעמ... איכ זאָל נאָר וויסנ, אז ער וועט מיר נישט אָפּריידנ מײַנ קינד פונ מײַנ רעבנ, וואָלט איכ אימ מײַנ מוישעלענ געשיקט אפ לערנענ מיט קעסט!

זע, אז דײַנ מאנ זאָל אוועקלייגנ די נארישקײַטנ, דו מאכ דיר א געוועלבל, א שטעל... אונ זכוס-אָוועס, הענ פונ דײַנ צאד, הענ פונ באאלאָכ נייִרוי יאָהיר וועזראכס צאד, וועט איכ בעוואדע בײַשטײַנ.

אונ פאַריאָג, ראָט איכ דיר, די מאָרעשכוירע, מיט וועלכער דײַנ בריוו איז אויסגעווייקט, אז עס שנײַדט באמ הארצ, א באָסעדוועדאָמ אָנ ביטאָכנ איז ערגער ווי א בעהיימע, ראכמאָנעליצלאנ. ער דרייט זיכ ארומ אפ דער וועלט, ווי א יאָסעמ אָנ א טאטנ; א גאָט, באָרוכהו, אינ הימל האָבנ מיר; פארלאָזנ פארלאָזט ער נישט.

אז דער מענטש פאלט ארײַנ אינ מאָרעשכוירע, איז א סימנ, אז ער האָט, כאסוועשאָלעמ, קיינ עמונע, קיינ ביטאָכנ נישט. אונ דאָס איז נישט ווײַט פונ ערגערע זאכנ, ראכמאָנעליצלאנ! וואָס איכ וויל אפילע איבער מײַנ מויל נישט ברענגענ!

גאמ שרײַב מיר, אכויסי כאנע, ווי עס שטייט בא אײַכ מיט ארבעס? אונדזערע גרויסע סאָכרימ, דו געדענקסט דאָכ זיי, דער לאָמעדר יויכענענ אונ יוינע סאגינאָער, האָבנ אופגעהויבנ דעמ מעקעכ, אונ דער פּאָרעצ אונדזערער האָט נישט אפ זריע... עפשער וועט זיכ, אימירצעשעמ, מאכנ א שטיקל אייסעק... עס איז עפשער מינ-האשאָמאימ, איכ זאָל האָבנ צושטײַער צו כאסענע-הויצאָעס. דײַנ טויווע פארלאנג איכ, כאסוועשאָלעמ, נישט אומזיסט; זאָל זיכ נאָר עפּעס מאכנ, שיק איכ אײַכ אפ הויצאָעס, זאָלסט קומענ אימ באאלאָכ הא-

מופלעג, שעיזכיע, אפ סאָשע-ביילעם, שעטיכיע, כאסענע, איכ וועל נאָכ פאר דיר א מאטאָנע געבנ — דראָשעגעשאנק מיצאד האקאלע!

כאווע-גיטל, שעטיכיע, גריסט דיכ גאָר פריינטלעכ. אליינ שרייבט זי נישט, ווייל עס איז היינט בא אונדז יאריד; זיינענ געקומענ צוויי סאָכרימ פונ די זאמאָשטשער אכלער אונ ווילנ דאפקע געפילטע פיש. די קאלע, שעטיכיע, איז געגאנגענ צום שניידער אָנמעסטנ א מאל-בוש, אונ מיכ האָט מענ דאָ אליינ איבערגעלאָזט פאר א שוימער באם קוימענ.

אונ זע, לעמאנאשעמ, אכויסי כאנע, נישט צוצולאָזנ זיכ צום האַרצ, אוועקצוטרייבנ די מאָרעשכוירע אונ לעבנ מיט ביטאָכנ. ווער עס שפייזט א ווערעמל אפ דער ערד אונ א פייגעלע אינ נעסט, וועט דיכ אויכ נישט פארלאָזנ.

גרים באאלאָכ, וועכולוי,

פונ מיר, אָביכ

מענאכעמ-מענדל.

צווייטער בריוו

האכאָמ וועהאשאָלוימ לאאכויסי מאָראס כאנע טיכיע.

איכ האָב דיינ צווייטנ בריוו דערהאלטנ. ער איז געווענ דורכגע-ווייקט פונ טרערנ אונ פול זילזולימ קעגנ מיר, זוגאָסי כאווע-גיטל, שעטיכיע, אונ אפילע ביטי האקאלע, ביילע-סאָשע, שעטיכיע, אונ איכ האָב דערפונ פיל שפיכעס-דאָמימ געהאט, וואָרעמ פארוואָס? אכויסי כאנע, דו זאָגסט, אז איכ בינ, כאסוועשאָלעמ, א גאזלענ, אז איכ האָב דיכ געטראָפנ, כאסוועשאָלעמ, אינ וואלד, אונ איכ האָב דיכ געהארגעט, כאסוועשאָלעמ; אז דורכ מיר אונ זוגאָסי כאווע-גיטל,

שעטיכיע, ביסטו פארוואָגלט געוואָרן פון דער היים, אז מײַן טאָכ-טער ביילע-סאָשע איז, באַ דיר אין די אויגן, א כצופע, ווײַל זי מאכט זיך זײַדענע מאלבושים... מאַ אוימאר אומא אדאבייר, אז איך מוז הערן און שווײַגן, ווײַל איך ווייס, אז דיר איז אזוי שלעכט... אז נישט דו רעדסט, נאָר דײַן שווער געמיט רעדט...

די זאך איז אָבער נישט אזוי. איך בין, כאסוועשאָלעם, קיין רע-צייעך נישט! און זאָל קומען איינער פון גאס און זאָגן, אז די קאָ-פאָטע, וואָס איך טראָג אפן לײַב, איז זײַנע, און ער וויל האָבן א דינטוירע, רייד איך מיט אים נישט דאָס אנדערע וואָרט און גיי מיט'ן צום ראָוו. און, אימירצעשעם, אז דו וועסט קומען אף ביילע-סאָשעס כאסענע, האָב איך מיט דיר א דינטוירע, בעפיירעש א דינטוירע, פון קיין פעשער האלט איך נישט!

און זע אליין! בענעגייע צו די קעסט, וואָס דו האָסט נישט דערעסן, ביסטו דאָך אליין מוידע אין דײַן בריוו, אז די סיבע איז געוועזן א מאכלויקעס צווישן דיר און זוגאָסי, טיכיע. ווער עס האָט אָנגעהויבן, איז נישט מײַן זאך, איך זע נאָר, אז באאלאָך איז, קיין אײַנאָרע, א גרויסער גוילעם שהלך אחרי אשתו... איר זײַט, זאָגט מען, אין א מאָצע-שאבעס אנטלאָפן, לײַטן-געלעכטער אָנגעמאכט. דער טאטע, אָלעוואשאָלעם, האָט געהאט דערפון גרויס שווירעס-האלעוו און קיצער-יאָמים (אזוי האָט ער בעפיירעש געזאָגט; שבייִנים האָבן געהערט!). און דו לייגסט אלץ אָרופ אף באווע-גיטל, טיכיע, מאכסט איר גלאט א בילבל!

נאָר! מאי דהוה הוה — דער טאטע, אָלעוואשאָלעם, איז שוין אפן אוילעם-עמעס! אוים קעסט, אוים טײַנעס! — שרײַ כײַ-וועקײַעם קעגן גאָט, באָרוך-הו.

און זײַ וויסן, אז ביטי האקאלע, ביילע-סאָשע, איז גאָר, כאָלילע, קיין כצופע נישט! זי איז נעבעך גאָרנישט שולדיק! צו די זײַדענע

מאלבושים נייט מיך דער מעבוטן, דער טאקיף. איינמאָל האָט זי אפילע געוויינט, אַז זי שטעלט אונדז בעדאַלעס. וואָס זאָל מען אָבער טאָן, אַז אין די טנאָים שטייט בעפיירעש „ביגדיי מעשי וועסאמעט", און ער טרעט נישט אָפּ פון די טנאָים. אַז נישט, זאָגט ער, איז אויס. צערייסט ער די טנאָים! און מער פעלט מיר נישט, נאָר ביטי, טיכיע, זאָל, כאַסוועשאָלעם, פּאַרזיצן!

און זײַ וויסן, אַז דער נאָדן איז אויך נאָך נישט געסילעקט אינגאַנצן בימזומאָנים. צוגעזאָגט האָב איך זעקס, געגעבן דרײַ; אָפּ נאָך שטיי מייעס האָב איך געמוזט געבן אַן אַקט אויף הויז. ווייסטו דאָך, אַז דאָס הויז איז אויף טאַטנס, אָלעוואַשאָלעם, נאָמען, — קאָסט ווײַטער געלט איידער מע קאָן פאַרשרײַבן, ווערדײַ לענאָוון... אָפּ דער רעשט האָב איך געגעבן אַ זאָלאָ-וועקסל אָפּ סטעמפּל, אולעיעסער טויקעף וועויז — נאָך אַ כייִרעם-קוויטל. און אצינד בין איך ערשט אין דער קלעם, אַז דער ריבוינעשעלוילעם זאָל זיך מעראַכעם זײַן.

נאָר רייד מיט אַ ייִדענע! נישט אומזיסט האָבן אונדזערע כאַכאָמים געזאָגט: נשים דעתן קלות, און מענטשן זאָגן: לאַנגע האָר — מיידלווײַז מיין איך — און קורצער סייכל. איך שרײַב דעריבער באַזונדער לעבאַאלאָך, שעיזכיע; ער איז אַ מאַנצבל אַ בענטוירע, אַ מופלעג בעטוירע, און ער וועט וויסן, אַז אַ באָסערוועדאָם טאָר זיך נישט אָרופּלייגן אָפּ אַן אַנדערן באָסערוועדאָם, וואָרעם: וכשל עוזר ונפל עזור, — אַ באָסערוועדאָם קאָן קוים זיך אַליין דערטראָגן... אַ מענטש מוז האָבן ביטאָכן.

און איך בין באָטועך, אַז גאָט וועט דיך, כאַסוועשאָלעם, נישט פאַרלאָזן; ער פאַרלאָזט נישט קיין שוואַכע פליג! נאָר פון ריבוינעשעלוילעם קאָנסטו געהאָלפן ווערן, צו אים זאָלסטו מיספּאַלעל זײַן, און איך, פון מײַן צאַד, אַז איך וועל, אימירצעשעם, זײַן בא איר,

זאָל לעבנ, וועל איכ אָנגעבנ פונדײַנטוועגנ א קוויטל מיט א באזונדערנ פּידיענ: צוויי צי דרײַ מאָל כײַ, אונ עס מוז פּויעלנ!

אונ בענעגייע צומ ארבעס האָט זיכ אויסגעלאָזט א בוידעמ. אייִדער וואָס, איידער ווענ, האָט זיכ גאוורזעל דער פאכטער אראָפּגעברענגט פונ אײַער געגנט עטלעכע פורנ ארבעס. פארדינט האָט ער א מאטמענ! ער מאכט שוינ כאסענע א זונ אונ גיט שוינ נאדנ... וואָס קלערסטו, אז גאָט וויל, פעלט דיר אפ א מארקע, פארשפּעטיקט זיכ דײַנ טשוווע אפ מײַנ בריוו, אונ גאוורזעל ווערט דער כאָכעמ!

אונ וואָס דו שרײַבסט, אז דאָס קינד דײַנס איז נישט בעקאוועדיק, האבריע, זאָל טאקע דער רויפע-כוילימ העלפנ; אינ סאקאָנעס-נעפּאָשעס גלייב נישט; נאָר אָנ מאָרעשכוירע! איכ האָב געטאָנ מײַנס. איכ בינ אופגעשטאנענ גאנצפרי, געגאנגענ אינ גרויסנ בעסמעדרעש ארײַנ, ארײַנגעוואָרפנ אינ מייער באלהאנעס, אופגעשריבנ אפ דער מיזרעכ-וואנט „לירפוא-שלײמאָ” מיט גרויסע אויסיעס. אונ, אויב עס וועט זײַנ, אימירצעשעמ, א לײזונג, וועל איכ נאָכ שיקנ ליכט אינ שול ארײַנ. דעמ רעבנ, זאָל לעבנ, וויל איכ אויכ מוידיע זײַנ. אונ נישט דערמאָנענ, אז באאלאָכ איז נישט זײַנ כאָסיד, אונ דו ווייסט, אז בא אימ, זאָל לעבנ, בינ איכ א בענ-באיס...

פונ מיר, אָביכ

מענאכעמ־מענדל.

איקער שאָכאכטי. מירל-פייגע, דעמ דאיענס טאָכטער, איז, לוי-אלייכעמ, געוועזנ מאקשע לײלעד, האָט מענ אראָפּגעברענגט א דאָקטער פונ טאָמאשאָוו, אונ דער מאנ איז טײקעפ אוועקגעלאָפנ צומ רעבנ, זאָל לעבנ. צי דער דאָקטער האָט קאליע געמאכט, צי וואָס, נאָר אז דער מאנ איז געקומענ, האָט ער זי שוינ געטראָפנ אפ דער-

מיטע. ער האָט איר געמאַכט גאָר אַ שיינעם העספּעד. אצינד רעדט מען אים שידוכים, איך וועל מיך אויך אַרײַנלייגן אין דער זאַך. עס איז אַ מיצווע אַזאַ שיינעם יונגנמאַן אַ טויווע צו טאָן. אַגעוו, טאָמער באַשערט האַשעמי־סבאָרעך אַ רײַכן שידעך, וועל איך נישט צולייגן.

אָכיך האַנאַל.

זוגאָסי כאַווע־גיטל, שעטיכיע, לאָזט דיך גריסן גאָר פרײַנטלעך. וועקיינ ביטי האַקאַלע, שעטיכיע. מיט גאָטס הילף וועסטו, אימירצעשעם, די טעג באַקומען אַ כאַסענע־בריוול. עס זאָל אונדז זײַן צו מאַזל און צו בראָכע.

מענאַכעם־מענדל האַנאַל.

גיסאָסי האַאַהווואַ האַמעיוכעסעס וועהאַצנואַ האַנישאָ האַקשיירא האַלוי הי מאַראַס כאַנע מיכיע.

רײַשים, בין איך דיר מודיע, ליבע שוועסטער און שוועגערן, אַז מעהאַיוים וועהאַלאַ, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, וועל איך אָפּנעמען דײַנע בריוו, נישט מײַן באַל־בעכי, און אַשפּע וועל איך פון זיי מאַכן! צווייטנס, ליבע שוועגערן, איז דאָס פון דײַן זײַט, צווישן אונדז געערדט, אַ גרויסע כוצפּע, וואָס דו האָסט זיך אָן אונדז אָנגעכאַפּט, און דאַפקע פאַר אַ כאַסענע, און מאַכסט אונדז די טעג פינצטער ווי די נעכט, און ווילסט נאָך אָנמאַכן אַ שוואַרץ־פינצטער לעבן צווישן מאַן און ווײַב: דו מוזט, אַפּאָנעם, מיינען, ליבע שוועגערן, אַז דו ביסט נאָך באַם שווער, זיכרוינוי־ליווראָכע, אַף קעסט, אַז דו ביסט אַ פאַרצויגענע באַסיעכידע, אָן שום דערעכערעץ, און אַז

מע גיט דיר נישט דעם טעלערל פון הימל, ווילסטו אלעמען אויס-שטעכן די אויגן, די וועלט אומברענגען, און די קוילעס דײַנע גייען אַד לעוו האשאַמאַיִם. איך געדענק נאָך דײַן טופּען מיט די פּיסלעך, דײַן זעצן מיט די פויסטן אין טיש אַרײַן, בעשאַס ווען דער טאַטע דײַנער שטעלט זיך אין אַ ווינקל אַרײַן, שאָקלט מיטן שאַפּענעם קעפּל, אַז די פּייעס וואַרפן זיך אים, ווי די לולאָווים; דער שווער, זאָל ער מיר עס דאָרט מוחל זײַן, זאָגט דאָך אַוואַדע, אַז די באַסיעבידע איז גערעכט.

טײַערע שוועגערן כאַנע! עס איז שוין צײַט זיך אויפצוכאַפּן פון שלאָף, צו פאַרגעסן די פּוסטע כאַלוימעס, און צו זען, אַף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז. דער שווער, זיכרוינוי-ליווראָכע, איז שוין לאַנג אָפּן אוילעם-עמעס; נישטאָ קיין קעסט, אויסגערונען! אַ באַסיעבידע קאָנ-סטו נאָר זײַן בײַ דײַן אייגענעם מאַן, נישט בײַ קיין אַנדערן, און איך ווינץ דיר צוויי מאָל פינף פינגער!

און דעם בריוו טרעגער האָב איך זאָהייר וועהיזאָהייר אָנגעזאָגט, ער זאָל דײַנע בריוו אָפּגעבן מיר צו דער האַנט, נישט מײַן קאָשער בעהיימעלע. זײַ וויסן, ליבע שוועגערן, אַז די גאַנצע וועלט בלאָזט אָפּ די נעגל פון דײַן שיגאָען! ווער עס הערט, זאָגט נישט אַנדערש, נאָר אַ דיבעק, ראַכמאָנעליצלאַן! סערל די נעגידע האָט מיר בעפיירעש געזאָגט, אַז דו ביסט ווערט, מע זאָל דיך קוירייאַ קעדאָג זײַן! און איך קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס דו ווילסט האָבן פון מיר! נישט איך, באַווע-גיטל, האָב, כאַסווּעשאָלעם, געשריבן די מוירע; נישט איך, באַווע-גיטל, בין, כאַסווּעשאָלעם, אַראָפּ מיט דונער און בליצן אַפּן באַרג סינײַ אוועקצוזאָגן פון דיר דעם דין פון יערושע; און אַז דער שווער דײַנער, זאָל מיר עס דאָרט מוחל זײַן, איז געווען אַזאַ באַטלען, ווי דײַן מאַן דער טאַטע, און מע האָט דיר נישט געגעבן קיין שטאַר-כאָצי-זאָכער, בין איך שולדיק? און דער ריבוינעשעלוילעם איז

נישט, כאסווּעשאָלעם, אין מײַן רעשוס; די שליסל פון שאארײַ-ראַכמים ליגן נישט בא מיר, — עס איז דאָ צו וועמען צו שרײַען! האָסט נישט קיין סידער, קיין מאַכזיירים, קיין טכינעס? דאַיזן, בעט ראַכמים! און אויב דאָס קינד דײַנס איז טאַקע כוילע-מעסוקן, איז דאָרט אויך דאָ אַן אָרנקווידעש אײַנצוריבסן, קוואָרים צו מעסטן, און מייער באַלהאַנעס אָפּ צדאָקע פעלט אויך נישט! דו ווייסט אָבער נישט מער, נאָר — כאַווע-גיטל, כאַווע-גיטל און ווידער כאַווע-גיטל! פעלט דיר פּאַרנאָסע, ווער איז שולדיק? כאַווע-גיטל! גיסטו צו איר אוים דײַן ביטער האַרץ; איז דיר קראַנק דאָס קינד, ווער איז שולדיק? מיסטאָמע כאַווע-גיטל, און פאַרשרײַסט מיר דעם קאָפּ! און איך, איין גאָט אין הימל ווייסט דעם עמעס, בין כוילע-מעסוקן, איך פּאָבע מיט דער נעשאָמע און בא א ליאַדע אַגמעסנעפעש ווער איך מאַמעש אוים מענטש. און אַז מיר כאַפּט אָן דער הוסט, איז טאַקע סאַקאָנעס-נעפאָשעס, מיין איך, אַז עס עקט זיך מײַן וועלט. איך בין, ווי מע זאָגט: א פּוס אין שטוב, א פּוס אין גרוב. און אַז די דאָקטוירים וועלן מיך נאָך הייסן פאָרן קיין אויסלאַנד וואַסער טרינקען, בלײַב איך אָן א העמד, כאַסווּעשאָלעם; און אויף וועמעס הענט לאָז איך איבער די שטוב, די פּאַרנאָסע, די זעקס קינדערלעך, וואָס?

דו ווייסט, דאַכט זיך, אַז אויף מיר שטייט דאָס גאַנצע הויז, אַז אַלץ ליגט אויף מײַן קאָפּ, אַז ווי אָביך מענאַכעם-מענדל גיט זיך נאָר א ריר, איז באַלד א שאָדן; לײַמענע הענט האָט ער, דאָס שלימאַזל! א מענטש זאָל נישט טויגן נישט צו גאָט, נישט צו לײַט; זאָל נישט אַרײַנטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער אַרײַן, גאָרנישט! פעלט מיר נאָך, עס זאָל קומען דער דאָקטער און זאָגן, אַז עס וואַקסט בא מיר די מילץ אין דער ברייט, אַז די סאַקאָנע איז, כאַסווּעשאָלעם, זייער גרוים, אַז איך ברויך גרוים ראַכמים! — קומסטו און מאַכסט מיך פאַר א גליקלעכע נעגידע, איך זאָל דיר העלפן.

ליבע שוועגערן, איך זאָג דיר בעפיירעש, אַז דו האָסט א האַרץ פון א טאָטער, נישט פון א יידישע טאָכטער; ביסט פּאָשעט א מענטש אָן ראַכמאָנעס! שוין צייט, זאָלסט גאָר אינגאַנצן אופהערן מיט דיינע ליבהאַרציקע בריוועלעך! און זע, לעמאַנאַשעם, צו קומען אַפ דער כאַסענע, וואָס וועט זיין, אימירצעשעם, גאָר קירצלעך. ווען, ווייס איך נאָך אַליין נישט, ווייל איך וויל עס נישט נעמען אַפ מיין אַבריינעס. זאָל מעינאַכעם-מענדל פאָרן צום צאַדיק און אָפּשטעלן אַפ זיין באַראָט, ווען די כאַסענע זאָל זיין אין א מאַזלדיקע שאָ, און איך וועל דיר שוין מוידיע זיין. מאַטאָנעס ברענגען דאַרפסטו נישט. און אַז דו וועסט, אימירצעשעם, קומען אים באַלאָכ האַמופלעג, שעיזכיע, ;וועט איר בא מיר זיין פון די געהויבענע געסט, איך וועל אייך זעצן אויבנאָן; און די קאַלע בעט אייך אויך זייער און זייער, איר זאָלט קומען אַפ דער כאַסענע, נאָר איר זאָלט אייך לייטיש פירן, נישט, כאַסוועשאָלעם, פאַרגעסן, ווו איר זייט אַפ דער וועלט, און נישט אָנטאָן קיין כאַרפּעס-אובושעס.

גרים באַלאָכ, שעיזכיע, מיטן קינד לירפוע-שליימע.

פון מיר, דיין שוועגערן

כ א ו ו ע־ג י ט ל.

ב

פיר בריוו, וואָס כ אַ נ ע האָט באַקומען פון מאַן ש מ ו ע ל־מ ו י ש ע

ע ר ש ט ע ר ב ר י ו ו

זוגאָסי האַהאָווואַ מאָראַס כאַנע טיכיע.

ווען מיין בריוו וועט קומען צו דיר אין דער האַנט אַריין, וועל איך, באַלאָכ שמועל-מוישע, שוין זיין אין מערכאַקים. און איך בעט

בא דיר סליכע אומבילע אפ דעם. איך בינ אוועק פונ דיר נישט מיט מײַנ גוטנ ווילנ. איך האָב שוינ לענגער נישט געקאָנט אויסהאלטנ; איך האָב געזעסנ בעכוש, אז עס איז קאָלו קאָל האקיצנ, אז עס איז שוינ די צאָרעס נישט צו דערטראָגנ; דעם נאדנ האָבנ מיר אופגעגעסנ, די יערושע האָט דײַנ ברודער, דער גאזלענ, אײַנגעשלונגענ, ער האָט באנוצט די צײַט, ווענ די בריוו זײַנענ צווישנ אײַך געגאנגענ, אונ האָט פארשריבנ דאָס הויז אפנ מעכוטנס נאָמענ, — צושלאָגנ זיך צו א שטיקל אייסעק האָב איך נישט געקאָנט, נישט געהאט מיט וואָס; איז מיר קיינ אנדערע אייצע נישט געבליבנ, נאָר אָדער זיך, כאַסוועשאָלעם, צו הענגענ, ווי מוישע דער שנײַדער האָט געטאָנ, אָדער אנטלויפנ קיינ אמעריקע. — האָב איך אויסגעקליבנ אמעריקע; זאָל איך כאָטש יענע-וועלט נישט פארלירנ, אונ אינ אמעריקע וועל איך שוינ נישט זײַנ קיינ באטלענ, קיינ „קלי-יאָקאָר“; איך וועל מיט גאָטס הילף מיטנ שוויים פונ שטערנ, מיט מײַנע צענ פינגער פארדינענ אפ א שטיקל ברויט, ביז האשעמיִסבאָרעך וועט זיך מעראכעם זײַנ אונ וועט ארײַנשיקנ די בראָכע אינ מײַנע צענ פינגער, אונ עפשער וועט ער גאָר בענטשנ דײַנ מיסכער דאָרט מיט די ציבעלעס אונ וועט אונדז צוריק צוזאמענפירנ, אָדער מיך צו דיר אָדער דיך צו מיר; אָמיינ, קיינ יעהי ראָצוינ.

אונ איך בעט דיך זייער, ליבע, גוטע כאנע, זאָלסט דיך נישט אזוי מעצאַער זײַנ, נישט אזויפיל וויינענ. דו ווייסט, אז מײַנ גאנצער מיינ מיטנ אוועקפאָרנ איז נאָר — פארנאָסע, נאָר דאָס שטיקל ברויט! דו ביסט זוגאָסי כאנע אונ איך בינ דײַנ מאַנ שמועל-מוישע, אונ ביידע זײַנענ מיר צוגעבונדנ צום קינד, זאָל לעבנ אונ געזונט זײַנ. ווענ איך וואָלט געהאט כאָטש א שטיקל טרוקנ ברויט, וואָלט איך עס, כאַסוועשאָלעם, נישט געטאָנ... עפשער וועט זיך דערווײַל האשעמיִסבאָרעך מעראכעם זײַנ אונ אז דײַנ ברודער, דער גאזלענ, וועט דערהערנ,

אַז איך האָב דיך, באסוועשאָלעם, געלאָזט אַן אגונע, וועט ער פאָרט עפשער ראכמאָנעס קריגן, דאָס שטיינערנע הארץ וועט ווייכער ווערן, און ער וועט דיר גיכער עפשער שיקן עטלעכע רובל אפ פארנאָסע...

וואָס זאָל איך ריידן און וואָס זאָל איך זאָגן, מיין גאָלדענע כאַנעס?! איך מוז דיר זאָגן, אז די מאכשאָווע אוועקצופאָרן און דיך איבערצולאָזן מיטן קינד איז מיר שוין א סאך מאָל ארופגעקומען אפן זינען. איך האָב שוין לאנג געזען, אַז איך האָב נישט קיין אנדערע ברייררע. טאָג אזוי נאכט האָב איך דערינען געקלערט, אי באַם דאווענען, אי באַם לערנען. איך האָב נאָר געוואָרט, דעם קינד, עס זאָל אים זיין ליִרפוע-שליימע, זאָל בעסער ווערן. אז דעם קינד, זאָל לעבן, איז בעסער געוואָרן, האָב איך דאָך נישט געהאט דאָס הארץ דיר צו זאָגן, אַז איך וויל אוועק, ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן... איך האָב מוירע געהאט, אז דו וועסט זאָגן, אז דו ווילסט נישט, און איך וועל נישט קאָנען טאָן קעגן דיין ראָצן. האָב איך אלץ אין מיר געהאלטן, אָפּגעגעסן זיך אין דער שטיל דאָס הארץ. נאָר אייערנעכטן, אז דו האָסט אהיים געברענגט א פונט ברויט און צעטיילט פאר מיר און פארן קינד, זאָל געזונט זיין, און געזאָגט, אז דו האָסט שוין געגעסן באַם שאָכן, און איך האָב דערקענט אָן דיין פּאָנעם, וואָס האָט באקומען אלערליי קאָלירן, — וויַל דו קאָנסט בעטעווע נישט זאָגן קיין ליגן, — אז דו נארסט מיך, אז דו האָסט אין דיין מויל נישט געהאט, האָב איך בעשאסמיימע דערפילט, ווי ווייט איך זינדיק קעגן דיר! עסנדיק פון ברויט, האָב איך געפילט, אז איך עס פון דיר דאָס פלייש, באסוועשאָלעם; און דערנאָך באַם גלעזל טיי, אז איך טרינק — אַז איך זויג אויס, באסוועשאָלעם, דיין בלוט. עס האָבן זיך מיר מיטאָמאָל די אויגן געעפנט; איך האָב ערשט דערזען, וואָס פאר א פּוישע-

יִסראַעל איך בין! און אויסזאָגן האָב איך פאָרט מוירע געהאַט; בין איך אַנטלאָפן אָן דײַן יעדיִע.

בא יעבזעל דעם מאַלווע האָב איך פאַרזעצט די אייבערשטע קאַפּאָטע מיטן טאַלעס—נאַר, לעמאַנאַשעם, דאָס זאָל קיינער נישט וויסן—און האָב גענומען אַף הויצאָעס. אַז עס וועט מיר פעלן, זײַנען אומעטום דאָ ייִדן בניי-ראַכמאָנים און מע וועט מיך, כאָלילע, נישט לאָזן פאַלן אין גאַס. וועל איך אָנקומען צו מאַטנאַס באָסערוועדאָם! און אַ ניידער האָב איך געטאָן, אַז איך וועל, אימירצעשעם, שפּעטער, אַז זײַן ליבער נאָמען וועט זיך מעראַכעם זײַן, און איך וועל וואָס-עס-איז פאַרדינען, וועל איך אַלץ אָפּגעבן אַף צדאָקע, מיט רעוואָכים — אימירצעשעם!

דאַרפסט פאַרשטיין, מײַן גאָלדענע כאַנעלע, ווי מיר איז שווער און ביטער דאָס אַוועקפאָרן... אַז אונדזער אייניציק טײַער קינד איז געבוירן געוואָרן, איז מיר אַוואַדע אין זינען נישט אַרײַנגעקומען, אַז איך וועל אים מוזן איבערלאָזן, כאָטש אַף אַ צײַט, אָן אַ טאַטן...

די נאַכט, וואָס איך בין אַוועק, בין איך אָפּגעשטאַנען אַוואַדע אַ שאָ אַפן זייגער איבער דײַן בעט; דו ביסט געשלאָפן. בא דער שײַן פון דער לעוואָנע האָב איך ערשט געזען, ווי דו זעסט, נעבעך, אויס! ווי דאָס קינד, נעבעך, איז געל ווי אַ וואַקס... פאַר פּאַכעד און גרויס ראַכמאָנעס האָט מיר דאָס האַרץ געשטיקט; איך האָב שיר נישט אַרויסגעלאָזט אַ געוויין; אויס מענטש בין איך אַרויס פון שטוב. איך האָב אָנגעקלאַפּט באַם בעקער, געקויפט אַ ברויט, שטילערהייט אַרײַנגעגאַנוועט זיך אין שטוב און דיר איבערגעלאָזט. איך בין ווײַטער געשטאַנען אַ ווײַלע און האָב קוים קויעך געהאַט אָפּצורײַסן די פיס פון דער ערד... וואָס זאָל איך דיר זאָגן, כאַנע, אַ מענטש שפירט אַמאָל אין איין רעגע יעסורים פון הונדערט יאָר!

כאַנעשי־קרוינ, איכ ווייס גאַנצ גוט, אז איכ בינ א גאזלענ, א רעצייעכ, וואָס איכ האָב דיר נישט געלאָזט קיינ געט, אַלקאַלפּאַנעמ אפ א טנײַ; אָבער גאָט אינ הימל איז מײַנ איידעס, אז איכ האָב דער־צו קיינ קויעכ נישט געהאַט, קיינ הארצ נישט געהאַט. מיר דאכט זיכ, אז ווענ איכ וואָלט דיר איבערגעלאָזט א געט, וואָלט איכ, כאַסוועשאָ־לעמ, געשטאָרבנ אונטערוועגס פאר יעסורימ; מיר זײַנענ דאָכ א גע־טרײַער, קאָשערער זיווג; האשעמ־יִסבאָרעכ אליינ האָט אפנ זיווג מאסקימ געווענ. אונ איכ בינ צו דיר אָנגעבונדנ מיטנ גאנצנ הארצ; איינ נעשאָמע אינ צוויי גופימ. אונ איכ ווייס נישט, ווי איכ וועל לעבנ אָנ דיר אונ אָנ דעמ קינד, זאָל געזונט זײַנ, אפילע איינ מינוט. אונ טאָמער זאָגט דיר עמעצער, אז איכ האָב דיכ געלאָזט, כאַסוועשאָלעמ, אנ אגונע, גלייב נישט! דענ איכ, שמועל־מוישע, בינ דײַנ מאַנ, אונ וואָס איכ האָב געטאָנ, האָב איכ געמוזט טאָנ. וואָרעמ וואָס טוט נישט א מענטש פאר נויט...

. .

כאַנעשי קרוינ, ווענ איכ וואָלט פאר דיר געקאָנט אויפרײַסנ מײַנ הארצ, דו זאָלסט זענ, וואָס דאָרט טוט זיכ, וואָלט מיר עפשער א ביסל גרינגער געוואָרנ. — אצינד, מײַנ קאָשערע נעשאָמע, לײַד איכ גרויסע צאָרעס! די טרערנ גיסנ זיכ מיר פונ די אויגנ, אז איכ זע נישט, וואָס איכ שרײַב, אונ דאָס הארצ קלעמט, אונ אינ מויעכ דרייט זיכ ווי א מיל... אונ עס קלאפּט מיר א צאָנ אָנ א צאָנ, אונ דער באַלעגאָלע, דער אמאָרעצ, שטייט איבער מיר אונ האקט אינ טיש ארײַנ אונ שרײַט: פאָרנ, פאָרנ!

ריבוינעשעלוילעמ, האָב שוינ אמאָל ראכמאָנעס אפ מיר, אפ מײַנ ווײַב כאַנע, זאָל געזונט זײַנ, אונ אפנ קינד, איכ זאָל נאָכ פונ אימ אמאָל נאכעס דערלעבנ.

פונ מיר, דײַנ טרײַער מאַנ, וואָס שרײַבט אצ ווענ אינ קרעטשמע,

שמועל־מוישע.

צווייטער בריוו

אישטי האיעקאָרא וועהאָאהווא.

וואָס זאָל איך ריידן, וואָס זאָל איך זאָגן; איך זע בעכוש, אז
מין-האשאָמאַים האָט מען מיך געהייסן פאָרן. אז דאָס איז געווען א
גאָט-זאַכ. דאָס האָט ער מיר אײַנגעגעבן סייכל, איך זאָל אוועק קיין
אמעריקע; אַלץ, וואָס האשעמיַסבאָרעך טוט, לאָזט זיך אויס
צום גוטן.

מײַן ליבע כאנע! בעשאס איך מאַכ צו די אויגן, דאַכט זיך מיר,
אַז איך בין אין דער היים, און עס כאָלעמט זיך מיר פון עק וועלט!
וואָרעם בעעמעס, ווער וואָלט געגלייבט, אז אזא באַטלען, אזא מענטש
אָן א צונג אין מויל, ווי איך, — א מענטש, וואָס קאָן קוים א צוראַס-
מאַטבייע, זאָל פאָרן מיט דער באַן, לאָזן זיך אַפ א שיף איבערן יאַם
און קומען בעשאָלעם קיין אמעריקע! עצבאַ עלויהים! — גאָטס האַזש-
גאָכע איז עס... זײַן ווילן נאָר האָט גיוועער געוועזן, אַז איך האָב
געקאָנט איבערלאָזן דיך מיטן קינד, זאָל לעבן. האשעמיַסבאָרעך זאָל
געבן, מיר זאָלן נאָך זוכע זײַן אים מעגאַדל צו זײַן לעטויראָ, לעכו-
פאָ אולעמייסים טויווים!

כאַנעלע קרוין! איך האָב מיך פריער אָנגעזען גרויס וואונדער אַפ
דער יאַבאָשע. דאָס איז אָבער גאָרנישט קעגן דעם, וואָס איך האָב
געזען אַפן יאַם. אַפן יאַם האָב איך פארגעסן אַלץ, וואָס איך האָב
פריער געזען אַפ דער יאַבאָשע, און אַצינד, בא די וואונדער אין אַמע-
ריקע, פארגעס איך ווײַטער דעם יאַם!

און אַפ דער שיף האָב איך, אין דער האַסכאָלע, גרויס צאַר און
אַגמעס־נעפעש געהאַט; טאַקע איין לעשאַער. נאָר דאָס אַלץ איז אויך
געווען לעטויווע, און איך גלייב, אז איך האָב דאָס אַלץ איבערגע-
לעבט אין דײַן זכוס און אין זכוס פון אונדזער איינציק קינד!

כאַנעלע, דו מוזט אַוואַדע געדענקענ לייב כאַזנ, וואָס איז אַמאָל, מיט עטלעכע יאָר צוריק, געקומענ צו אונדז אינ שטעטל אַרײַנ אונ האָט בײַ אונדז געדאַוונט יאָמימ-נוירָאִימ. מאַצע-יאָמקיפּער, געדענק איכ, האָסטו מיר געזאָגט, אַז צײַט דו לעבסט האָסטו נאָכ אַזאַ דאַווענ נישט געהערט. איכ געדענק נאָכ אַפילע דאָס לאָשנ, ווי דו האָסט מיר געזאָגט: לייב כאַזנ צעשרײַט זיכ, ווי אַ לייב, אונ צעוויינט זיכ, ווי אַ קינד...

אַפ מאָרגנ איז געוואָרנ עפּעס אַ מאַכלויקעס אינ שטעטל. מע האָט לייב כאַזנ נישט אינ זינענ געהאַט, נישט רעכט באַצאָלט; אונ ער איז, נעבעכ, אַרומגעגאַנגענ אינ די הײַזער... געדענקסט, מיט אַ קליינ מיידעלע, גנענדל האָט זי געהייסנ. זי האָט נאָכגעזונגענ דעמ פאָטערס ניגונימ מיט איר קינדיש קעלכל... אַז זיי זײַנענ אַרײַנגעקומענ צו אונדז, האָסטו אַפ איר גרויס ראַכמאָנעס באַקומענ, האָסט זי גענומענ צו זיכ אַפ דער שויס, געקושט אינ קאָפּ, האָסט איר עפּעס געשענקט, איכ געדענק שוינ נישט וואָס, אונ האָסט זיכ נאָכ צעוויינט פאַר ראַכמאָנעס אַפ דער אָרעמער יעסוימע אָנ אַ מאַמענ... דיכ וווּנדערט עפּשער, וואָס איכ געדענק אַזוי אַלצ?

זײַ וויסנ, כאַנעלע קרוינ, אַז איכ געדענק אַלע דײַנע זיסע רייד, אַלע דײַנע טנועס, וואָס האָבנ טויזנט כיינ געהאַט; שטענדיק שטייסטו מיר פאַר די אויגנ! פאָרנדיק אַפנ יאַמ, האָט זיכ מיר אויכ וואָס אַמאָל געדאַכט, אַז דו שטייסט נעבנ מיר, דאָס קינד האַלט זיכ אָנ דײַנ פאַרטעכ, אונ איכ הער דײַנ קאָל אונ דעמ קינדס קאָל, אונ עס קלינגט מיר אינ די אויערנ מיט אַזאַ זיסקײַט, וואָס איז גאָר נישט צו באַשרײַבנ.

אונ אַצינדערט האָב איכ מיכ מיט דעמ אייגענעמ לייב כאַזנ אַפנ וועג געטראָפנ. נישט צו זינדיקנ מיט די רייד, איז דער לייב כאַזנ גאָר אינגאַנצנ אַראָפּ פונ וועג! גאָר, גאָר...

אפ דער שיפ האָט ער נישט שטארק געקוקט, יאָ קאָשער, נישט קאָשער; טרינקענ טרינקט ער ווי נישט קיינ ייִד... איבער דער גאנצער צײַט האָב איכ אים נישט געזעענ אינ טאלעס-אונ-טפילנ... אָדער ער זאָל בענטשנ נאָכ עסנ... גיינ גייט ער אַרום גאנצע טעג אָנ א היטל... אונ לוידײַ, וואָס ער אליינ איז אזוי, פירט ער נאָכ די טאָכטער אינ זײַנע דראָכים... די דעמלטיקע גנענדל וועט הײַנט אלט זײַנ א יאָר זיבעצנ, וואָלסטו זענ — א פּאָרטרעט! אונ ער הייסט זי, זי זאָל זינגענ אונ טאנצנ פאר די פּאסאזשירנ פונ שיפ, אונ זי זינגט אפ קאמע ווערקאמע לעשוינעס, ראכמאָנעליצלאנ. לײַט הערנ אונ פּאטשנ מיט די הענט פאר נאכעס אונ שרײַענ, דאָס גוטע-יאָר ווייסט זיי וואָס! אונ עס גייט צו אויסגעלאסנ אונ פארשײַט, אז — כאלאָשעס!

צום אלעמערשטנ, וואָס זאָל איכ לייקענענ, האָב איכ מיכ מיט זיי זייער דערפרייט. פּאָרט, טראכט איכ, היימישע מענטשנ, איכ וועל שוינ נישט אומגיינ אזוי עלנט, אזוי איינער אליינ. האָב איכ דערנאָכ אָבער געהאט גרוים שיווראס-האלעוו; איכ האָב נישט געקאָנט צוזעענ זײַנ היסנאהאגום מיט דער טאָכטער. אונ טיילמאָל האָט מיכ געשניטנ אינ הארצ, ווי א ייִד א באלטפילע, וואָס פלעגט שטיינ פארנ אָמעד, זײַנ א שאָליעכ פונ קנעסעס-ייִסראָעל פארנ ריבוינעשעלוילעם, רעדט גאָר פּאָשעט ניוולפּע, אז די גאל קערט זיכ איבער. אונ א קאָל האָט ער, איז עס דורכגעברענט פונ בראָנפנ...

איז דאָכ גוט, נעמענ זיי זיכ נאָכ צו מיר אונ ווילנ מיכ מאכנ פאר א לײַט! כויזעק מאכנ זיי פונ מיר אפ דער שיפ! מע הערט נישט מער נאָר: באטלענ, שויטע... ער צופּט מיר די פּייעס, זי רײַסט די ציצעס פונ טאלעסקאָטנ, אונ די גאנצע שיפ האָט מיט מיר צו טאָנ!

אונ וואָס פארדריסט זיי? וואָס איכ בינ אזוי אָפּגעהיטנ פונ טארפעס, וואָס איכ וויל בעסער פאסטנ, איידער עסנ פּאס-אקום.

דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב מיך פֿײַנט צו קריגן, רוק איך זיך אָפּ אָן אַ זײַט, באַהאַלט מיך אין אַ ווינקעלע און וויין מיר אויס דאָס האַרץ אין דער שטיל...

דער אוילעם געפֿינט מיך אָבער און מאַכט פֿון מיר לײַטן-געלעכ-טער. איך האָב געמיינט, עס איז מײַן עק!

ערשט אַצינד, אין אַמעריקע, זע איך, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ גאָט-זאַך!

אַז דאָס האָט מיר גאָט, מיט זײַן גרויס כּבֿוד, אָנגעגרייט לייב כּאַזן מיט דער טאָכטער אין אַמעריקע, ווי ער האָט אָנגעגרייט יוסעפֿן פֿאַר זײַנע ברידער אין מיצרײַם.

וואָרעם, וואָס וואָלט איך אָן זיי געטאָן? אַ מענטש אָן לאָשן, אָן אַ מעלאָכע, נישט ווײַסנדיק, ווו אַ טיר עפֿנט זיך!

און לייב כּאַזן איז דאָ אַ גאַנצער בעל-הבית. ענגליש רעדט ער ווי אַ וואַסער. טייקעף, אַזוי ווי איך בין נאָר געקומען, האָט ער מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ ציגאַרן-פֿאַבריק, און — איך אַרבעט און פֿאַר-דין שוין!

דערווײַל וווינען מיר אַפּילע אין איין דירע, וואָרעם, פֿרעג מיך בעכייִרעם, וויאַזוי מע גייט דאָ דינגען אַ דירע!

אויך זײַנען זיי — טאַקע גאָטס כּבֿוד — בענעגייע צו מיר גאָר אַנדערש געוואָרן.

גנענדל מאַכט שוין נישט כוויזעק אויס מײַנע באָרד און פּייעס, און האַלט זיך פֿון מיר פֿונוווײַטנס, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ יִדישע טאָכ-טער. זי קאָכט פֿאַר אונדז, און דאָס איז זייער ווילכטיק, האָגאָמע קיין פֿלייש עס איך נישט, נאָר אייער, און טיי טרינק איך אָן מילך. וואַשן וואַשט זי אויך.

פֿון דעם איז זיך בעעמעס אַ מוסער אַרויסצולערנען, אַז טאַקע, וואָס דער ריבוינעשעלוילעם טוט, טוט ער צום גוטן.

אונ ווייסט, וויאַזוי עס האָט זיכ אַלצ איבערגעדרייט צומ גוטנ? גאָר פּאָשעט: אינ דײַנ זכוס!

נאָכ אַפ דער שיפ, אַז איכ האָב געזעענ, אַז איכ וועל עס פונ זײ נישט אויסהאַלטנ, האָב איכ מיר געמאַכט אַ האַרצ אונ בינ צוגעגאַנ-גענ צו גנענדלענ אונ געזאָגט איר, אַז איכ בינ דײַנ מאַנ. איכ האָב זי דערמאָנט דעמ נאָכ-יאָמקיפּער, ווענ זײ זײַנענ באַ אונדז אינ שטוב געוועזנ, וויאַזוי דו האָסט זי מעקאַרעוו געוועזנ, גענומענ אַפ דער שויס, אונ אַזוי ווײַטער...

טייקעפ-אומיאַד איז זי אַנדערש געוואָרנ. זי האָט אַפ מיר ראַכ-מאָנעס געקריגנ, די אויגנ זײַנענ איר מיט טרערנ פאַרלאָפנ. זי איז באַלד צוגעלאָפנ צומ פאָטער אונ האָט מיט אימ איבערגעשמועסט די זאַכ, אונ באַלד איז געוואָרנ אַ שאָלעמ.

טייקעפ האָבנ זײ געבעטנ דעמ שיפסקאַפּיטאַנ, ער זאָל מיכ הייסנ בעסער באַהאַנדלענ. אונ אַזוי איז געווענ!

איכ האָב אָנגעהויבנ צו באַקומענ ברויט, וויפל מײַנ האַרצ האָט געגלוסט, אונ טיי, וויפל איכ האָב געוואָלט. די שיפס-לײַט האָבנ מיכ אופגעהערט צו פּײַניקנ. איכ האָב אָנגעהויבנ אָפּצו-עטעמענ.

דאַרפסטו פאַרשטיינ, וואָס פאַר אַ כאָשעווע די גנענדל איז גע-ווענ באַ די לײַט! אונ עס איז קיינ וווּנדער נישט; ערשטנס, איז באַ זײ דעריקער אַ יעפּאַסטויאַר; פאַר אַ יעפּאַסטויאַר וואָלטנ זײ אינ יאַמ אַרײַנ געשפּרונגענ; צווייטנס. איז גנענדל זייער אַ גוטע בעטעווע, אונ האָט כיינ באַ לײַט, דעמ זיבעטנ כיינ!

אַצינד, מײַנ גאָלדנ ווײַבעלע, וועל איכ דיר אָנזאָגנ אַ פּסורע-טויווע:

ליב כאַזנ זאָגט מיר צו, אַז איכ וועל פאַרדינענ, לעבאָלאָפּאָכעס, ביז צענ דאָלער אַ וואָכ.

איך רעכן זיך אזוי צו פירן: א העלפט — פינף דאָלער, וועל איך דיר שיקן, און פינף וועל איך מיר באהאלטן. דערפון וועל איך לעבן, און וועל מיר נאָך אָנזאמלען צו קויפן שאָס; מישנײַעסלעך האָב איך מיטגענומען. עס איז בא מיר געבליבן, איך זאָל יעדע וואָך לערנען, לעכאָלאָפּאָכעס, צען בלאַט גמאָרע. קיין טאַלעס וועל איך דערווײַל נישט קויפן, ווײַל איך דאַוון לעסאַטע אין לייב כאַזנס טאַלעס... וואָרעם לייב כאַזן האָט מיטגענומען א טאַלעס!

צו וואָס, אפילע, ווייס איך נישט. וואָרעם דאַוונען, דאַוונט ער נישט א וואָרט!

איך רייד מיר אײַן, אז דאָס איז אויך מין-האַשאָמאַיִם; מע האָט'ן געהייסן פירן פאַרמײַנטוועגן א טאַלעס.

און עפּשער רעכנט ער צו דאַוונען דאָ יאָמים-נויראָיִם פאַרן אָמעד? עס גייט צו יאָמים-נויראָיִם! איך ווייס? אין אַמעריקע איז אַלץ מעגלעך! דאָ איז א פאַרקערטע וועלט!

און דעריקער — איין דאָלער וועל איך באהאלטן און זאַמלען, מיט האַשעמײַסבאָרעכס הילף, פאַר דיר מיטן קינד אף הויצאָעס, איר זאָלט דאָ ביידע קומען אהער. וואָרעם איך זע בעכוש, אז עס איז האַשעמײַסבאָרעכס ראָצן, איך זאָל שוין בלײַבן דאָ אין אַמעריקע. און דער ריבוינעשעלוילעם ווייסט בעסער, וואָס עס איז גוט פאַר א מענטש.

ווייסט, וואָס איך וועל דיר נאָך זאָגן? אז אצינד בין איך שוין נישט מער אין קאַם אף דײַן ברודער דעם גאַזלען; ווײַטער דאָס איי-גענע: איך זאָג, אז דאָס איז אויך מין-האַשאָמאַיִם! אנדערש קאָן גאָר-נישט מעגלעך זײַן, א מענטש זאָל האָבן אזא גאַזלאָניש האַרץ קעגן אן אייגענע שוועסטער.

נאָר דאָס אלץ האָט מען געפירט, איך זאָל אנטלויפן קיין אמע-ריקע און דיך אהער נעמען. און אז גאָט וועט מיר העלפן, איך וועל

קומענ צו עפעס געלט, וועל איכ אימ נאָכ, דעמ ברודער דײַנעמ, אויכ באהילפיק זײַנ. ער איז א קאפּצנ, זאָג איכ דיר! איכ זע דאָכ: וואָס בא אונדז הייסט א גוויר, הייסט דאָ, אינ אמעריקע, — א שלעפּער!

איכ ענדיק דעמ בריוו, איכ מאכ דאָס מאָל בעקיצער, האגאמ, איכ האָב נאָכ א סאכ, א סאכ צו שרײַבנ. ווײַל איכ האָב מוירע, לייב כאזנ מיט גנענדלענ זאָלנ נישט ארײַנקומענ צו מיר אינ שטוב; איכ וויל נישט, זיי זאָלנ זענ, וואָס איכ שרײַב דיר. אונ איכ בעט דיכ זייער, דו זאָלסט מײַנע בריוו נישט ווײַזנ קיינ שומ בענאָדעמ! וואָס דארפ א פרעמדער וויסנ, וואָס בא אונדז קומט פאָר?

אונ איכ האלדז אונ קוש דאָס קינד, זאָל לעבנ! גיב אימ אויכ אפּ מײַנ כעזשבנ צענ טויזנט הייסע קוש, — הערסט?

פונ מיר, דײַנ מאנ

שמועל־מוישע.

דריטער בריוו

אישטי האָאהוואָ.

איכ געדענק, דאָס ערשטע מאָל, אז יויכענע שוסטער איז אוועק פונ אונדז קיינ אמעריקע, האָט מענ אָנגעהויבנ שטארק וועגנ אמע-ריקע צו שמועסנ: וואָזוי מע פירט זיכ דאָרט, ווי עס גייט צו.

מע האָט געפרעגט, אויב מע גייט דאָרט נישט אפּנ קאָפּ. אונ עמעס איז, אז דאָ איז א פארקערטע וועלט! קיינ שומ סיידער; בלויז קוילעס מיט גוואלדנ, ווי בא אונדז אינ קאצאָווישנ מיניענ!

שטעל דיר פאָר, אז בא אונדז, לעמאָשל, זאָל קומענ פּאלטיעל דער וואטנמאכער אונ יאָסל דער גארבער אונ זאָגנ, אז דער ראָוו אונ-דזערער איז נישט קיינ לאמדנ; ווייס איכ, אז ער נישט באָקי אינ גיטנ-אוקדושנ; אָדער גאָר, אז זיי געפעלט נישט דער ראָש-האקאָהאָל!

אקלאל — זיי ווילן אַן אַנדערן ראָוו, צי אַן אַנדערן ראָש-האקאָהאָל! נו, וואָלט מען זיך נישט געהאַלטן בײַ די זײַטן?

און דאָ, אין אַמעריקע, האָבן אַרבעטער, ציגאַרן-שנײַדער, אַזוינע ווי איך, אין אַלעם אַ דייע! — זיי מאַכן מיט בײַ דער קאַלפּע, מישן זיך בײַ די בוירערים, און טרעפּ, וואָס זיי קלײַבן אויס? — אַ פּרע-זידענט!

און וואָס, מיינסטו, איז אַ פּרעזידענט?

אַ פּרעזידענט איז, נישט מער נישט ווייניקער, ווי אַ ראָש-וועריש איבער דער גאַנצער מעדינע! און ווי איך האָב דאָ געהערט, איז אַמע-ריקע צען מאָל אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע! פֿאַרשטייסטו אַן איי-סעק? היינט שטעל דיר פֿאָר מײַן שרעק, אַז איך זיץ מיר אַזוי נעכטן באַנאַכט אין שטוב, האָב איך זינען די היים, און מיטאַמאָל עפֿנט זיך די טיר און עס קומען אַרײַן צוויי אַרבעטער, פֿאַשעטע אַרבעטער, וואָס שטייען מיט מיר בײַ איין מאַשין, און — אַכיינו בניי יִסראָעל! און זיי לייגן מיר פֿאָר צוויי נעמען, איך געדענק שוין אַפֿילו נישט וואָס פֿאַר אַ נעמען, און זאָגן מיר, אַז איך בין אויך אַן אַרבעטער און מוז זען, מע זאָל אויסקלײַבן אַ פּרעזידענט, וואָס זאָל זײַן גוט פֿאַר אונ-דזער קלאַס.

און זיי דערציילן מיר, אַז איינער פּרעזידענט האַלט פֿאַר די רײַכע לײַט, און טרעט מיט די פֿיס די אַלע, וואָס לעבן פֿון זייערע צען פֿינ-גער; און דער צווייטער, טאַקע דער, וואָס זיי ווילן אויסקלײַבן, איז גאָר אַ דימענט; ער האַלט שטאָל און אײַנס פֿאַר אַרבעטער, און די גראָבע בײַכער רוידעפֿט ער מיט אַ שרעקלעכער סינע! און נאָך אַזעל-כע נאַרישקײַטן, וואָס איך האָב שוין גאָרנישט פֿאַרשטאַנען.

אין האַרץ האָב איך זייער געלאַכט, נאָר פֿון שאָלעם וועגן, — עס פּאַסט דאָך נישט מעוווײַעש צו זײַן קיין מענטשן, — האָב איך זיי געטאָן די טויווע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַז יאָ!

אגעוו, האָב איך טאַקע געוואָלט, ווי זאָלן וואָס גיכער אַרויס פון שטוב, איך זאָל מיך שוין קאָנען זעצן שרײַבן צו דיר דעם בריוו. נו, זאָג אַליין, איז דאָס נישט אַ מעשוגאַס?

נאָך זייערע רייד נאָך קומט אויס, אַז עס וועט ווערן פּרעזידענט דער, וואָס זיי ווילן, וועל איך פאַרדינען צען דאָלער, און, כאָטש וועט אַ־לעם, ווערט אַן אַנדערער פּרעזידענט, וועל איך פאַרדינען נאָר נײַן, און עפּשער אַכט!

און לייב כאָטש זאָגט, אַז ער פאַרשטייט די פּאָליטיק! אַז אין דעם שטעקט אַ סייכל! און אַז איך וועל דאָ זײַן, זאָגט ער, אַ לענגערע צײַט, וועל איך קריגן אַ יעדיע אין פּאָליטיק. מיילע, זאָל זײַן אַזוי, שאָקל איך אים אויך צו מיטן קאָפּ. טראַכט איך מיר: ניכנאָס יאַיִן יאָצאָ שטויס — האָט געקומען אַן איבעריקן טראָפּן, רעדט ער פון וועגן! האָט ער מיר אָבער געשוווירן, אַז בעשאָס קאָלפע לעבט ער הערפון און עס בלײַבט אים נאָך וועלכער גראָשן אָפּ שפּעטער; פאַרשטיי איך טאַקע נישט, ווי אַזוי!

נאָר אַלע נאַרישקײַטן אָוועקגעלייגט: נישט אונדזער זאַך! זאָל זײַן דער, זאָל זײַן יענער פּרעזידענט, פון דעם וועט אונדזער מאַזל נישט אויפשײַנען.

די מײַסע איז, אַז גאַנצע אָפּט פאַל איך אַרײַן אין אַ מאָרעשכוירע. און די טרערן קאַפּען מיר פון די אויגן אויף די ציגאַרן־בלעטער, וואָס איך שנײַד; און באַנאַכט שלאָפט זיך נישט, ווי עס דאַרף צו זײַן!

טייל מאָל הייבט מיר אָן קלינגען אין די אויערן! גאַנצע טעג האָב איך קאָפּווייטעק... און צו דעם אַלעם איז קיין בעסערע רעפּוע נישטאָ, נאָר צו נעמען פּאַפּיר, טינט און פעדער און צו שרײַבן אַ בריוועלע צו מײַן גאָלדענער כאַנע.

מײַן טײַערע ווײַבעלע! איך קאָן פון דיר קיין זאַך נישט האַלטן בעסאָד. איך מוז דיר אַלץ דערציילן: איך לערן נאָך דערווײַל מיש־

נײַעס; קיין שאָס האָב איך נאָך נישט געקויפט! און ווייסטו פאַר-
וואָס? ווײַל איך האָב געמוזט מאכן גאָר אַן אנדער הויצאָע.

זײַ וויסן, מײַן גאָלדענע כאנע, אַז אומעטום איז איין וועלט. האָ-
גאָם מע שרײַט דאָ אַלץ אײנײנעם: פרײַהײַט, פרײַהײַט, איז דאָס אַלץ
ווערט אַ ציבעלע! מע האָט דאָ אויך פײַנט אַ ייִד! דאָ איז מען עפשער
נאָך מער מעוואזע דעם צעלעמ-עלויהימ פון אַ ייִד! הינט, וואָס זאָלן
אַרומלויפן אין די גאסן, זאָלן בילן און רײַסן ייִדישע פּאָלעס, איז
נישטאָ, אָבער קיין לאַבוסעס פעלן דאָ אויך נישט. קוימ דערזעען זיי
אַ קאַפּאָטע, ווערט אַ געשריי: „דזשו, דזשו!“ אַפ זייער לאָשן איז עס
פּונקט דאָס אייגענע, וואָס בא אונדז „זשיד“. און זיי וואַרפן נאָך
שטיינער און בלאָטע; בלאָטע פעלט דאָ אויך נישט, באַרעכאַשעמ!
וואָס האָב איך געזאָלט מאכן? האָב איך געטאָן דאָס זעלבע, וואָס אַלע
ייִדן טוען דאָ. איך האָב אַרונטערגעמאכט די פּייעס הינטער די
אויערן, האָב מיר געקויפט, אַפ אויסצאָלן ראַטעסווײַז (אַזאַ מינהעג
איז דאָ), דײַטשישע בגאָדימ — האָסטו אַן עק פון געלט! און אויך
דו, כאַנעלע, אַז דו וועסט, אימירצעשעמ, קומען, וועסטו דיר אויך
מוזן מאכן אנדערע קליידער; וואָרעמ אַ מינהעג איז מעוואַטל אַ דין.
און דאָ איז מען זיך אַזוי נויהעג!

און וואָס דו שרײַבסט, אַז גנענדל געפעלט דיר נישט, פאַרשטיי
איך נישט פאַרוואָס? וואָס דו האָסט דאָ צו איר? אויך בין איך נישט
מעכויעוו די וועלט מאכזיר-לעמוטעוו צו זײַן. כוץ דעם, בין איך זי-
כער, אַז זי טוט דאָס אַלץ דער ביטערער פאַרנאָסע צוליב! בעטעווע
איז זי אַזאַ קאָשערע נעשאָמע, ווי אַלע ייִדישע טעכטער. אַ גאנצן
טאָג, אַז איך מיט לייב כאַזן זײַנען מיר אין פאַבריק, קאָכט זי און
וואַשט און קערט די שטוב. אָוונט-צײַט גייט זי ערשט, צוזאמען
מיטן פאָטער, אין זייערע ערטער, וווּ זי זינגט און שפּילט, און טאַנצט
פאַרן אוילעמ. איך זיץ מיר אין דער היימ, לערן טוירע און שרײַב צו

דיר. קענגן האלבער נאכט קומען זיי, טרינקען מיר צוזאמען טיי און מע גייט שלאָפן.

און דאָס, וואָס דו שרײַבסט, אַז דיר דאַכט זיך, אַז גנענדל האָט דאָס געמוזט צוגאַנוועגנען דעם לעפל, וואָס האָט אונדז דערמלט געפעלט, דאָס איז שוין גאָר קיין ווערטער נישט!

גנענדל איז עפּשער נישט אַזוי פרום אין עמונע־זאַכן, אָבער אַזוי, א פרעמדנס, כאַסוועשאָלעם, וועט זי נישט רירן! און, כאָלילע וועכאָלילע, זי זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן! זי באַהאַנדלט מיר מאַמעש, ווי אן אייגן קינד; פרעגט מיך אַלעמאָל, צי איך ברויך נישט א ווײַס העמד, צי וויל איך נישט נאָך א גלאָז טיי!

און בעטמעס איז זי א וואויל קינד. אַלץ, וואָס זי פאַרדינט, גיט זי אַוועק דעם פאָטער. הײַנט וואָלסט זען, ווי זי האַלט אים בעקאָוועד, האָגאַם ער איז עס נישט ווערט! כאָטש ער קומט אַמאָל אַהיים פריילעך, גאָר פריילעך און רעדט פאַר פײַער, פאַר וואַסער!

אויך האָט מיר לייב כאַזן בעפיירעש געזאָגט, אַז ער זאַמלט איר נאַדן, און קומט ער צום ערשטן טויזנטער, זוכט ער איר אויס א כאָסן און פירט זי אונטער דער כופּע קעדאַס מוישע וועיִסראָעל! און זי וועט זיך שוין נישט רײַסן דעם האַלדז פאַר א פרעמדן אוילעם! איך ווייס נישט, צי ער מיינט עס ערנסט, נאָר — האַלעווײַ! זאָל אים גאָט העלפן, ער זאָל עס דערגרייכן; זאָל זי אָוועקוואַרפן די מיִעסע פאַרנאָסע.

גנענדל איז אפילע דערבײַ געוועזן און זי האָט זיך געגרויטלט פאַר בושע, ווי עס פּאַסט פאַר אן עמעס ייִדישע טאָכטער; אַפּאָנעם, זי איז אויך מאַסקים.

בעט איך דיך דעריבער זייער, מײַן ליבע כאַנעלע, דו זאָלסט זיך דערווײַטערן פון לאָשנהאָרע און רעכילעס. דאָס איז גאָר קיין מינהאָג נישט, קיין ייִדישער נישט; דאָס פּאַסט פאַר קליינשטעטלדיקע ווײַבער, און דו, גאָלדענע כאַנעשי, דאַרפסט קומען אין אַמעריקע. דאָ זײַנען

די ווײַבער גאָר אַנדערש; געזעצטער, ערנסטער און — פאַרגומענע מענטשן, ווי די מאַנצבילן.

און, צוריק געשמועסט, איז דײַן שמואל-מוישע קיין שנײַדער נישט, קיין שוסטער נישט, ער זאָל אַוועקוואַרפן אַ ווײַב פאַר אַן אַנדערע ווײַב. דו טאָרסט עס גאָרנישט טראַכטן! דאָס איז פאַר מיר גלאַט אַ בילעל-האַקאָווער! און זײַ וויסן, אַז דײַנע רייד שטעכן מיר ווי מיט מעסער; און לייב כאַזן מיט דער טאָכטער זאָלן זיך דאָס דערוויסן, וואָלטן זיי מיך פאַרלאָזט. איך וואָלט געבליבן איינער אַליין, ווי אין אַ מידבער, עס וואָלט אַ פאַל געווען אומצוקומען, וואָרעם דאָס לאָשן קאָן איך נאָך נישט, קוים איינציקע ווערטער, און וויים נאָך נישט, וווּ אויס און ווּ אײַן.

און אַצינדערט בעט איך דיך, און בעט דיך זייער, מײַן ליבע כאַנע, זאָלסט נעמען דאָס קינד באַם הענטל און זאָלסט מיטן הענטל איבערגיין אַפֿן פּאַפּיר, ער זאָל מיר עפּעס צושרײַבן; לאָמיך פֿון אים זען כאָטש אַ צוראַס אָס! ריבוינעשעלוילעם, וויפֿל מאָל שטעל איך מיך אַוועק אָן אַ זײַט, איינער אַליין אין אַ ווינקעלע, און וויין מיך גאַנץ גוט אויס! און אַף וואָס וויין איך? אַף דעם, וואָס איך בין נישט זוכע צו לערנען מיט מײַן קינד טוירע! האָב איך ווייניק האַרצווייטעק דערפֿון, קומען נאָך די בריוו דײַנע און שיטן מיר זאַלץ אַף די וווּנדן. אָט, הײַנט האָט מיך לייב כאַזן געבעטן, און גנענדל, דאָ הייסט זי סאָפיע, האָט אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, איך זאָל גיין מיט זיי הערן, ווי זי זינגט, און זען, ווי זי טאַנצט, און איך האָב נישט געוואָלט; האָט לייב כאַזן ווײַטער געזאָגט: נאַרישער כאָסיד, זי האָט פאַרצויגן מיטן נעזל; נאָר מײַנע דײַגע! איך וועל מיר גיין אין מײַן דערעכ און וועל נישט אַראָפּ אַף אַ האָר!

בלײַב געזונט, דו און אונדזער קינד, ווי עס ווינטשט דיר דײַן מאַן

ש מ ו ע ל-מ ו י ש ע.

זע, לעמאנאשעם, די זאב וועגנ די קליידער זאָל בלײַבנ בעסאָד. עס זאָל דערפונ בא אונדז אינ שטעטל קיינ יעלוד איש נישט וויסנ, איכ וואָלט מיכ געשעמט די אויגנ אופצוהייבנ.

באאלאָכ ש מ ו ע ל־מ ו י ש ע האנאל.

פ ע ר ט ע ר ב ר י ו ו

על אישטי האצנוא מאָראס כאנע טיכיע.

אינ צענ בריוו האָב איכ גנענדלס נאָמענ נישט געברענגט איבערנ מויל. איכ האָב אפילע דעמ פאָטער אירנ, לייב כאזנ, נישט דערמאָנט. מיט גרויס מי האָב איכ מיר געדונגענ אנ אנדערע דירע, בא א היגנ שויכעט, אונ האָב זיי שוינ קאמע וואָכנ נישט געזענ. אונ דו הערסט נאָכ אלץ נישט אופ צו שרײַבנ גנענדל אונ גנענדל, אונ סאָפיע אונ סאָפיע! אונ וואָס ווילסטו פונ איר? וואָס? א י כ זאָל אזוי געזונט זײַנ, מיר בײדע זאָלנ אזוי געזונט זײַנ, אויכ זאָלנ אזוי זויכע זײַנ צו זענ זיכ, צוזאמענ מיטנ קינד אינ פריידנ, ווי איכ האָב אליינ געזענ, ווי סאָפיע איז ארײַנגעקומענ צומ פאָטער אינ פאבריק, אונ עס איז צו איר צוגעגאנגענ דער דירעקטאָר אליינ, אונ האָט אָנגעהויבנ מיט איר צו ריידנ, כיינדלעכ צו מאכנ; אונ האגאמ איכ האָב נישט פאר־שטאנענ, וואָס ער רעדט צ׳נ איר, ווייס איכ דאָכ, אז ער האָט געמיינט נישט קיינ מיצוועס אונ מײַסימ־טויווימ, אונ האָט זי נאָכ געוואָלט אָנע־מענ בא א באק. נו, וואָס קלערסטו? איכ בינ ניווהעל־ווענישטוימעמ געוואָרנ, אזא פאטש האָט זי אימ דערלאנגט איבער דער האנט! אונ האָסט נאָכ געזאָלט זענ, מיט וואָס פאר א גײַווע זי האָט זיכ פונ אימ איבערגעדרייט אונ אוועקגעגאנגענ. איכ האָב מיכ פאָשעט מעכײַע געוועזנ...

זעסטו דאָכ בעכוש, אז נאָכ אלע זאכנ איז גנענדל א קאָשער קינד, און דו ביסט אפ איר מויצי לאאז בעכינאָמ. דו שרײַבסט, אז זי וויל מיכ ארײַנכאפּנ ווי א פיש אינ א נעצ ארײַנ, און נאָכ אזעלכע נאריש-קײַטנ, — שווערנ קאָנ איכ דיר, יאָמקיפּער בא א סייפער-טוירע, אז עס איז שעקער. און דאָס דיר צוליב דערווײַטער איכ מיכ פונ איר, מײַד זי אוימ ווי ווײַט מעגלעכ איז. טרעפט מענ זיכ, ענטפער איכ איר אפ הונדערטער ווערטער מיט א שאָקל מיטנ קאָפּ. און ווײַטער דאָס זעלבע: בעעמונאָ שעלי, אז דו ביסט זי כוישעד גאָר אומזיסט; דו זינדיקסט, כאסוועשאָלעמ, פאר גאָט! נאָר דאָס איז נאָכ גאָרנישט, איכ וואָלט עס, ווי אלעמאָל, פארשוויגנ, איז אָבער דערפונ ארויסגע-קומענ א מײַסע, וואָס — גאָט זאָל שוימער-אומאצל זײַנ! איכ וואָלט בעסער געוואָלט, די ערד זאָל מיכ אײַנשלינגענ, איידער אזא בושע!

בא דער ארבעט איז מיר איינמאָל, יענע וואָכ, נישט גוט גע-וואָרנ; עפּעס האָט מיר אָנגעהויבנ צו שווינדלענ פאר די אויגנ. איכ האָב אָנגעהויבנ כאלעשנ. אז איכ בינ צו מיר געקומענ, בינ איכ שוינ געלעגנ בא מיר אינ שטוב אפנ בעט. באמ בעט איז געשטאנענ א דאָק-טער. געזאָגט האָט ער, אז עס איז א פיבער, — אזוי רופט מענ דאָ קאדאָכעס. אָפּגעלעגנ בינ איכ א טאָג צענ. און איבער דער גאנצער צײַט איז לייב כאזנ נישט אָפּגעטראָטנ פונ מײַנ בעט און האָט מיכ געראטעוועט, ווי אנ אייגנ קינד. שפּעטער בינ איכ געוואָר געוואָרנ, אז ווענ איכ בינ געלעגנ אינ היצ, פלעגט סאָפיע אויכ קומענ מיכ מע-וואקער-כוילע זײַנ... און פונקט דעמלט איז איינמאָל אָנגעקומענ דײַנס א קארטל, אינ וועלכנ דו האָסט אויסגעגאָסנ דײַנ ביטער הארצ אפ דער אומשולדיקער סאָפיע... זיי האָבנ אוואדע און אוואדע די קארטע געלייענט, וואָרעמ איכ בינ דאָכ געלעגנ אינ דער היצ...

און ווענ דו האָסט געשריבנ דײַנע מיִעסע רייד, דײַנע זילזולימ, די בילבולימ דײַנע, האָבנ זיי דאָ פאר מיר קימאט דאָס לעבנ גע-

שטרעקט... געווופנ דאָקטוירים, געבעט און איבערגעבעט, רעפועס דערלאנגט און עטלעכע אייגענע כפייצים פארזעצט, עס זאָל זײַנ מיט וואָס צו ראטעווענ, א פלאש ווײַנ אפילע האָבנ זיי מיר געבראכט. איכ האָב זי אפילע נישט אָנגעריִרט מיטנ מויל: עמעס נעסעכ! נאָר זייער מיינ איז דאָכ גוט געוועזנ... אכוצ דעם, פלעגנ זיי מיר דרײַ מאָל אינ טאָג מעסטנ מיט א גלעזערנ רערל די היצ, אזוי הייסנ דאָ די דאָקטוירים... און ווער האָט מיר דאָס אלצ דערציילט? טאקע דער שויכעט מיטנ ווײַב; זיי האָבנ מיר דאָס אלצ דערציילט. ווענ נישט לייב כאזנ און סאָפיע, וואָלסטו שוינ הײַנט, כאסוועשאָלעמ, אנ אל-מאָנע געוועזנ! שרײַבסטו אינ דער אייגענער צײַט אזוינע נארישע האוואָלים. פע, א כארפע און א שאנד! איכ ווייס גאָרנישט, ווי דו וועסט קאָנענ קומענ קיינ אמעריקע, ווי דו וועסט גאָר קאָנענ זײַנ אינ אמעריקע!

איכ האָפ, מײַנ ליבע כאנעלע, אז דו וועסט אוועקוואַרפנ די נא-רישקײַטנ און פונ הײַנט אָנ וועסטו מיר שוינ דאָס לעבנ מיט אזוינע בריוו נישט פארביטערנ.

אָפט שלאָפ איכ נישט באנאכט. דאכט זיכ מיר דעמלט, אז איכ זע בעכוש, ווי דו זיצסט דאָרט באַם טיש און שרײַבסט צו מיר א בריוו. דו שרײַבסט און מעקסט, שרײַבסט און מעקסט, און איכ זע דעמ בריוו, אָבער פונוועטנ דערקענ איכ נישט די אויסיעס און איכ האָב גרויס צאר דערפונ, וואָס איכ קאָנ דעמ בריוו פונדערווײַטנ נישט לייענענ, און דו נעמסט די פעדער, לייגסט זי דעמ קינד אינ הענטל ארײַנ, — אפ דער שוים ארופ האָסטו עס גענומענ, — און פירסט מיט זײַנ הענטל!

און דו זעסט, מײַנ ליב ווײַב, אז איכ שיק דיר וואָכ בא וואָכ פינפ דאָלער; אז איכ קומ אוימ מיט אזוי ווייניק. און אינגאנצנ האָב איכ נישט מער, ווי דרײַ העמדער; וואָרעמ בעטנ סאָפיענ, זי זאָל מיר

קויפן, קאָן איך נישט. און די שויכעטקע איז א יווילעדעם און גייט נאָך פון בעט נישט אראָפּ, און מאָרגן וועט זײַן, אימירצעשעם, דער ברים מיט מאזל...

יאָ... נישט דאָס אָבער מיינ איך. דעריקער איז — זײַ א מענטש פאר זיך און פאר מיר, דײַנ מאנ

שמועל־מוישע.

א צושריפט איך דער זײַט איבער דער גאנצער לענג פון בריוו: .

די מינוט באקום איך פון דיר ווידער א בריוו. אצינד, מײַנ באַנעלע, זאָג איך דיר שוינ בעפיירעש און ביפרויטרויט, אז דאָס איז א פּאָשעטער שיגאָענ, ראכמאָנעליצלאנ! טאקע, ווי מע זאָגט, מויל און אויערנ אופצושטעלנ, אפ ווונדער צו לויפנ! דו שרײַבסט, אז דו קאָנסט דיר אויך לאָזנ וואקסנ צעפּ און ריידנ מיט פּריצים, אז דו קאָנסט אויך זינגענ און טאנצנ — און אז דו וועסט צופוס אוועקגיינ צום רעבנ און אָפּגעבנ א קוויטל, ער זאָל שיקנ א מיסע-מעשונע אפ מיר און אפ זיי — — —

וואָס שרײַבסטו? וואָס איז עס פאר דיבורים?

ריבוינעשעלוילעם, וואָס איז מיט דיר געוואָרנ?

איך קלער און קלער, און ווייס שוינ נישט, וואָס צו קלערנ! איך זאָג דיר מײַנ אייצע: זאָלסט אוועקוואַרפנ דײַנ לאָשנהאָרע, מיטנ רעכילעס, מיט די קלאָלעס! עס פּאסט נישט פאר דיר! און איך זאָג דיר, בעלי נעדער אובעלי מאסקאָנע, אז בעזמ דו וועסט מיר נישט גיך און באלד שרײַבנ א בריוו, ווי א קאָשער יידיש ווײַבל דארף שרײַבנ, וועל איך דיר פּאָשעט נישט ענטפערנ; איך וועל שיקנ א שאָלעב-מעיוכעד נאָכנ קינד אָנ דיר... הערסט? אז נישט... וועל איך מיך וואַרפנ אינ יאם אריַינ!.. עס איז א פאל, כאסוועשאָלעם, מעשוגע צו ווערנ!

דײַנ מאנ, האנאל.

ג

צוויי בריוו, וואָס כאַנע האָט באַקומענ פונ איר קרויווע פונ לובלינ אונ פונ איר ברודער

ערשטער בריוו

יעדידאָסי, שייראַס בסאָרי, האָישאָ האַצנואָ וועהאַכשוּואָ מאָראַס כאַנע טיכיע:

ליבע כאַנע! דו ביסט געוועזנ א גאַנצער נאַר אונ א האַלבער נאָווי, אַז דו האָסט מיר געשיקט א צווייטנ בריוו! וואָרעמ דער ערשטער בריוו איז אַרײַנגעפאַלנ מײַנ זוילעל-וועסויווע אינ דער האַנט אַרײַנ; ער האָט אים אַרײַנגעלייגט צו זיכ אינ קעשענע, אונ, באַרעכאַשעמ, פאַרגעסנ אָפּצוגעבנ! אַזוי איז זײַנ שטייגער, אַכוצ פרעסנ אונ זויפנ ליגט אים גאָרנישט אינ זינענ. נאָר אַז איכ האָב באַקומענ דעמ צווייטנ בריוו, איז מיר באַלד אײַנגעפאַלנ צו זוכנ בא אימ אינ קעשענע, אונ אַז מע זוכט, געפינט מענ.

כאַנעלע קרוינ! לעזנדיק דײַנע צוויי ביטערע בריוו, האָב איכ געמיינט, אַז מע שלאָגט מיכ מיט א האַק אינ קאָפּ אַרײַנ. פאַר גרויס צאַר האָב איכ נישט געוווּסט, וווּ איכ בינ אינ דער וועלט. טייקעפּ-אומיאַד האָב איכ מיכ איבער באַרוּקט. איכ האָב מיר אַזוי געטראַכט: לעמאָשל, ווענ מײַנ מעשוּגענער מאַנ וואָלט געוואָלט אויקער זײַנ קיינ אַמעריקע — נו? וואָלט איכ דאָכ מיר געמאַכט סודעס-פּורימ, געלאָזט זיכ קלעזמער שפּילנ!

וואָרעמ באַרעכנ: די גאַנצע פּאַרנאָסע מײַנע איז, ווי דו ווייסט, פונ פעסל סמאָלע. דאַרפּ איכ, באַרעכאַשעמ, נישט זײַנ לאַסקע. בעמיילע קאָנ איכ גאָר נישט פאַרטראָגנ זײַנע טנועס אונ האַוויִעס, אַז ער קומט צו מיר אינ געוועלב אַרײַנ.

א יִדענע ענטפערט ער נישט, דער כאָסיד! נעמט נישט אויס דער האַנט! און זאָגט ער אַמאָל א קוינע, א מאַנצביל, א מעקעכ, איז עס טאַקע אונטערנ קערנ! נעמט ער געלט, נאַרט מענ אים אַרײַנ פאַלשע און אָפּגעריבענע מאַטבייעס! טוט ער מיר שוינ די טויווע און נעמט א שטיקל קרײַד אינ האַנט אַרײַנ און מאַכט א כעזשבנ, איז עס א כעזשבנ! זאָל מענ מיר אַזוי רעכענענ מײַנע זינד אַפ יענער-וועלט, ווי ער באַרעכנט מײַנ סכוירע!

און דאָס, וואָס דײַנ מאַנ האָט דיר נישט איבערגעלאָזט קיינ געט, איז מיר גאָר קיינ גרויס וווּנדער נישט; וואָרעמ מײַנ מאַנ, דער מעשוגענער, לעקט בא מיר נישט קיינ האָניק, וויל מיר אויכ קיינ געט נישט געבנ! און צו וואָס זאָל ער מיר געבנ א געט? עס פעלט אים עפּעס בא מיר? ער האָט זיכ זײַנ פײַנע דירע; קומט ער אַהיימ, איז גרייט א וואַרמעס, דאָס בעט איז געבעט צו דער צײַט, מישאַבעס לעשאַבעס — א ווײַס קלאָר העמד. פיל מאָל איכ בעט אים מיט גוטנ; ער זאָל גיינ צו אַלדי רובעס, און ער — גאָרנישט! ער זאָל זיכ עס א ריר טאָנ! און אַז איכ שילט אים אָדער וואַרפ אים עפּעס אינ קאָפּ אַרײַנ, רוקט ער זיכ אָפּ אינ א ווינקל, מאַכט א ראַכמאָנעס-פּאָנעמ, נעמט נאָכ א מאָל מאַימ אַפ די איינאַימ; און איכ, נאַר, קריג אַפּ אימ ראַכמאָנעס! גיב אים נאָכ עסנ און טרינקענ, און ער גייט זיכ אַוועק!

און וואָס דו שרײַבסט מיר וועגנ דײַנ מישפּעט, זײַ וויסנ, שוועסטער כאַנע, אַז איכ האָב דאָ אַנ אַדוואָקאַט גאָר א מעפורסעמ, וואָרעמ, צו מײַנ בייז מאַזל, האָב איכ אַלצ אינייִנעמ ספּראַוועס מיט די קעכנס די כצופעס; הערסטו, כאַנעלע, אַזעלכע דינסטנ, ווי מיר האָבנ דאָ אינ לובלינ, איז אַפ דער וועלט נישטאָ! וואָס זאָל איכ דיר זאָגנ — פרעסערקעס און זויפערקעס, גאַנווענע מיט די אויגנ, אַנטלויפנ נאָכ פאַרנ קוואַרטל; און גיבנ מיכ נאָכ אינ סאָנד אַרײַנ, איכ זאָל זיי באַצאָלנ פאַר א קוואַרטל! און אינ סאָנד איז הײַנטיקע צײַטנ, ראַכמאָנעליצ-

לאָן, קיין בילעק נישט צווישן א דינסט און א באַלעבאָסטע, און איך מוז שטיין מיט איר אין איין שורע! איך טאָר אפילע א מויל נישט עפענען, א וואָרט נישט ריידן, וואָרעם באַלד גיט דער סודיא א קלונג מיטן גלעקל און פארשרייבט שטראָף ביז דריי רובל. דעריבער גיי איך טאקע נישט אליין אין סאָנד אריין, און האָב מיר אויסגעזוכט א גוטן אדוואָקאַט, א מויל — שוועבל און פעך, און ער פירט מיר שוין אויס די זאַך, ווי עס געהער צו זיין. ער האָט מיר אליין געזאָגט, אז דער סודיא האָט מיך שוין וויפל מאָל געוואָלט אנניישעוון פאַר א בילבל, פארוואָס איך ריים א דינסט בא די האָר, אָדער אזוי פאַר א מאַטנעס-יאד! קאָן ער אָבער נישט, וואָרעם דער אדוואָקאַט מיינער האָט בא זיך אלע סאָנדאָוועס ביכער, ווייסט אלע, אָבער טאקע אלע זאקאָנעס, און קלייבט אוים פארמיינטוועגן די בעסטע זאקאָנעס, און שטעכט אים דערמיט די אויגן אויס, און ער בלייבט זיצן ווי א גוילעם — וויל יאָ, וויל נישט, שרייבן מוז ער: פּאַטער, פּאַטער!

און טייקעף-אומיאד — אז איך האָב דיין בריוו באַקומען און האָב דעם פרייערדיקן געפונען באַם באַטלען מיינעם אין קעשענע — בין איך געלאָפן צום אדוואָקאַט, און ער האָט מיך אופגענומען מיט גרוים קאָוועד, טאקע בא זיך אין פיינעם קאבינעט, און האָט מיך גע-בעטן זיצן אף דער פּלושענער סאָפע.

איך האָב אים דערציילט דיין גאנצע אייסעק, פון אלעף ביז טאָוו, טאקע ביז אף דער האָר; און ער האָט אלצדינג געלאָסן אויסגעהערט, האגאמ דאָס פּאָרצימער איז געווען פול און פול מיט מענטשן. ער האָט אויסגעהערט און איז זיך ארומגעגאנגען אין זאל אוף און אָפּ.

דערנאָך האָט ער אָפּגעזיפצט און געזאָגט, אז לויט די זאקאָנעס האָט א טאָכטער דעם אייגענעם דין, וואָס א זון, און קריגט א גלייך ביילעק יערושע, ווי ער. איז דאָך, דאכט זיך, גוט? איז אָבער פאראן א שלעכטער פונקט, אז א ווייב קאָן נישט מאָנען אין סאָנד אָן דעם

מאנס יעדזע. זי איז אין זיין רעשוס און מוז האבן זיין פּלעניפּאטענ־ציע...

און אז איך האב אים געזאגט, אז דו ביסט, לוי־אלייכעם, אן אגו־נע, אז דער מאן דיינער האט דיך אוועקגעווארפן, און דו מעגסט, לויט מיין סייכל, טאן אלץ, וואס דו ווילסט, האט ער זיך מיר געשטעלט קעגניבער און געשאקלט מיטן קאפּ אין דער ברייט: לוי מיט אן אלעף — הייסט עס!

און פּייקעס איז ער צוגעגאנגען צו דער שאנק, האט זי געעפנט און ארויסגענומען א בוך נאך א בוך; אריינגעקוקט און אוועקגעלייגט, אריינגעקוקט און אוועקגעלייגט, און דורכגעווארפן אזוי קאמע־ווע־קאמע ביכער, קליינע און גרויסע און נאך גרעסערע; איינער איז געווען א גראבער, איך זאל נישט זינדיקן מיט די רייד, ווי א דאווערמאכער, און דארט, אפּאנעם, האט ער געפונען, וואס ער האט געזוכט, ווארעם ער האט געקוקט און געקוקט.

און דערנאך זאגט ער מיר, אז אויב עס וועט פארביינגיין פינף יאר, זייט דיין מאן איז אנטלאפן, און דו וועסט ברענגען א פּאפּיר פון וואיט פון דיין שטאט, אז אין די גאנצע פינף יאר האט זיך דיין מאן נישט געוויזן, וועט ער, דער אדוואקאט, איינגעבן פאר דיר א פּראזש־בע אין סאנד אריין, און דער סאנד וועט דיר געבן רעשוס צו פּראצע־סירן אן דעם מאן.

אזוי האט ער אויסדריקלעך געזאגט, און איך גיב דיר איבער זיי־נע דיבורים ווארט בא ווארט.

איך האב אים געגעבן א רובל, האט ער זיך אפילע געקרימט, אפּא־נעם, ווייניק, נאר גענומען האט ער; זאלסטו מיר, כאנעשי קרוין, דעם רובל, לעמאנאשעם, באלד אפּשיקן, ווארעם די פּארנאסע איז זייער געשלאגן און סמאלע איז היינט גאר קיין גאנגבאר ארטיקל נישט...

אציינד צוריק צו דער זאך:

עס קומט אויס אַף מײַנע רייד! איך זאָג שוין דאָס אַלעמאָל, אַז די טוירע האַקדוישע (זייערע זאַקאָנעס, לעהאַוודל, אַוואַדע!) האָט אונדז איבערגעגעבן אין גאַזלאָנישע הענט אַרײַן, אַ מאַנצביל, אַ גוילעם, אַ לעיוצלעך, מען גיט דאָס ווײַב, ווען ער וויל; אַליין, צי דאַרף אַ שאָ-לײַעך; און אַזאַ איישעס-כאַיל, לעמאָשל, ווי איך בין, קאָן נישט פּאָ-טער ווערן פון אַ מאַן אַ באַטלען, בעשום אויפן וועצאַד!

גייען מיר ביידע אַף אַ בריס, שטאָפּט מען אים מיט פיש און פלייש, פון אַלעם גוטן, און איך — באַקום מילביקע ציקאָריע!

זיצט ער אין סוקע, מוז איך אים אַרײַנשיקן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און פאַר זיך לאָזן די ביינער!

דרײַ וואָכן, נײַן טעג, און אַלע טאַנייסים האָב איך גלײַך מיט אים; סימכעסטוירע איז זײַן!

ער גייט צום ראָוו, אים גיט מען מעד מיט עפּל! און וואָס וועט זײַן דאָרטן, מישטיינסגעזאָגט,— דער גאַניידן מײַנער? איך וועל זײַן דעם מעשוגענעמס פוסבענקל! ער וועט זיך דאָרט זיצן אַף אַ פאָ-טערשטול, און איך וועל זײַן זײַן פוסבענקל!

דאָ, אַף דער-וועלט, איז ער לעכאָלאַפּאָכעס אַ שוואַכער באָסערווע-דאָם, האָט ער פאַר מיר מוירע; אָבער וואָס אין גאַניידן וועט זײַן, פרעג מיך בעכיירעם! און זאָגן זאָג איך דיר אויסדריקלעך, זאָל ער מיר דאָרט אַ שטויס טאָן מיטן פוס, ווייסט דער אייבערשטער, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען!

און צוריק געשמועסט: וואָס טויג דיר אַ געט? גלייב מיר, אַלע הינט האָבן איין פּאָנעם! אַלע — נישט ווערט אַ דרײַער! ווייסט דאָך — מײַן שוועסטער מיריאָם האָט צען גייענדיקע יאָר געליטן פון איר מאַן, איידער זי האָט פון אים אַרויסגעקריגן אַ געט; דערפאַר האָט זי אים אַוועקגעגעבן דאָס געלט, די מאַלבושים, מיט איין וואָרט — האַקל קאַאשער לאַקל. נו, דאַכט זיך, מאַזל און בראָכע!

האָט זי וויַיטער באַסענע, טוישט זי שויפֿרעס אָף קאַנע-ביינדלעך, א נייער באַטלעך צום קאַרמענ! זי שרײַט וויַיטער א געט; ער הערט זי ווי דעם ראָוו, און זי האָט שוין נישט מיט וואָס צו באַצאָלן!

בעקיצער, שוועסטער כאַנע, ׳אונדזער מוטער כאַווע האָט געזינדיקט, און מיר לײַדן פֿאַר אירע זינד! און אייביק וועלן מיר אַזוי לײַדן! דען — פֿאַר א מאַן קאָן מען אַפּילע אין קייווער נישט אַנטרינען. לאַוואָדים אָלעשיפֿכוים האָט מען אונדז פֿאַרקויפֿט, אַפּילע אָף יענער-וועלט אויך! — אַזוי איז געווען פֿאַרצײַטנס, אַזוי איז הײַנט; און לעאָסיד-לאָוווי וועט אויך אַזוי זײַן, מע מוז לײַדן! וואָרעם וואָס זאָל מען טאָן, אַז עס איז דעם ריבוינעשעלוילעמס ראָצן אַזוי.

דעריבער, שוועסטער כאַנע, האָב ביטאָכן אָף גאָט, באָרוך-הו, פֿאַרבלײַב געזונט און פֿאַרגעס דײַן מאַן! אין אַמעריקע איז ער אַוואַדע אַרוים לעטאַרבוס ראָאָ, אַזוי טוען זיי שוין שטענדיק, יימאַך שמאָם, אַז זיי קומען קיין אַמעריקע!

אין דער האַסכאָלע שרײַבן זיי צוקער-זיסע בריוולעך, שיקן געלט; דערנאָך ווערט עס וואָס אַמאָל ווייניקער; שרײַבט מען און מע שיקט שוין געלט אַמאָל אין א יאָר, דערנאָך — איין מאָל אין א יוויול... זיי ברויכן דאָרט נישט זייערע ווײַבער! זיי האָבן דאָרט, ראַכמאָנעליצלאַן, אַנדערע, בעסערע, פֿלינקערע ווײַבער.

איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, בא אונדז אין לובלין איז אין דער ייִדישער גאַס נישטאָ קיין הויז אָן אַן אַגונע! שרײַב הרײַ פּייען, זאָג איך דיר, פֿאַרגעס! זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז דו ביסט אַן אַלמאָנע, כאַסוועשאָלעם, אָדער א גרושע!

זע בעסער צו טאָן אין דײַנע ציבעלעס. זאָל דיר האַשעמיִסבאָרעך שיקן האַצלאָכע אין דײַן אייסעק, זאָלסט מאַצליִעך זײַן, ווו דו וועסט זיך נאָר קערן און ווענדן. ווי עס ווינטשט דיר דײַן קרויווע,

(די אונטערשריפֿט איז נישט צום איבערלעזן).

איך בעט דיך, לעמאנאשעמ, דו זאָלסט מיר וואָס צום געשווינדסטנ אָפּשיקנ דעמ רובל, וואָרעמ מײַנ מאַנ, דער ווילעל-וועסויווע, האָט שוינ פאַריבל אפ מיר, צו וואָס איך האָב אויסגעלייגט דעמ רובל.

(די זעלבע נישט־לעזבארע אונטערשריפט).

צווייטער בריוו

לאַאכויסי האצנואָ, האנעגידאָ, האַכשוואָ מאָראָס כאנע טיכיע.

ערשטנס, מעלד איך דיר, טײַערע שוועסטער, אז מיר זײַנען, באָ-רעכאשעמ, אַלע בעקאוו האברִיע, כוץ אישטי כאווע‏לע, טיכיע, וואָס דער הוסט, לוי-אַלייבעמ, לאָזט זי נישט אָפּ א רעגע, אונ טייקעפּ, אימירצעשעמ, נאָך דער כאסענע, וועט זי מוזנ פאָרנ קיינ ווארשע צו'נ א דאָקטער.

ראָצופ באָזע, שיק איך אײַנ א כאסענע-בריוול. זאָלסט זענ, לעמאַ-נאשעמ, צו קומענ אפ דער כאסענע אונ מעקאבל-טײַנעג זײַנ. נאָר לע-מאַנאשעמ, בעט איך דיך, אַז זאָלסט מיר נישט שטערנ דעמ נאַכעס פונ ביטי, טיכיע, אונ באהאַלטנ אַלע טײַנעס-אוטוויִעס אפ נאָך דער כאסענע.

קיינ קאַלע-מאַטאָנע ביסטו נישט מעכויִעוו צו ברענגענ. אויב עס גייט דיר וועגנ דער בושע, וועט זיך נאָך, אימירצעשעמ, געפינענ עפּעס אינ שטוב פאר דיר פאר א מאַטאָנע; איך וועל דיר נישט קארגנ. בלויז איז קיינ וואַסער נישט, אונ א שוועסטער בלײַבט שוועסטער.

אונ וואָס דו שרײַבסט, אַז דו האָסט קיינ מאַלבושים נישט, איז אויך נאַריש. קאָנסט דיר באָרגנ א מאַלבעש, אָדער דאָרט, אָדער דאָ, אַז דו וועסט קומענ.

אונ וואָס דו שרײַבסט, אַזוי דו קאָנסט דיך נישט טרייסטנ נאָכנ יעלעד, וואָס איז ניפטער געוואָרנ, — זײַ וויסנ, שוועסטער-לעבנ, אַז

אדוינוי נאָסאנ וועאדוינוי לאָקאָב. קינדער זײַנענ א פּיקאָדנ פונ גאָט, באָרוכ-הו, אונ אז ער וויל אָפּנעמענ דאָס פּיקאָדנ, טאָר מענ אפילע נישט מעהאַרהער זײַנ, נישט איבערקלערנ, באסווּעשאָלעמ!

אונ וואָס דו שרײַבסט, אז דו האָסט מוירע, דײַנ שמועל-מוישע זאָל נישט געוואָר ווערנ, אז דאָס קינד לעבט נישט, אונ דורכ דעמ זאָל ער זיכ, באסווּעשאָלעמ, פונ דיר אינגאנצנ נישט אָפּרײַסנ,— איז אויכ אנ אומזיסטער בשאד... גלייב מיר, שוועסטער באנע, אז עס איז גאָר נאַריש. וואָרעמ — מימאָנעפשעכ: איז עמעס, וואָס לײַטנ זאָגנ, אז שמועל-מוישע איז געוואָרנ אויס שמועל-מוישע, באסווּעשאָלעמ, אז ער איז אוועק גאָר אינ אנדערע דראָכימ,— איז אלציינס, צי דאָס קינד לעבט, צי נײַנ; נישט ער דארפ דיכ, נישט דו קאָנסט דיכ האַלטנ אָנ אימ!

אויב ווײַטער, ווי איכ האָפּ צו זײַנ ליבנ נאָמענ, דאָס אלצ איז נישט געשטויגנ נישט געפלויגנ, נאָר א בילבל פונ בייזע מײַלער, אונ, ווי איכ גלייב בעעמונע-שליימע, שמועל-מוישע איז טאקע שמועל-מוישע, דער מופלעג, דער פרומער ייד, האָסטו נישט וואָס מוירע צו האָבנ! פּאַר-קערט, באַ האַלב הויצאָע וועט אימ אצינד לײַכטער זײַנ דיכ אראָפּצו-נעמענ אהינ, אונ איר וועט לעבנ בעשאָלעמ-ווּעשאלווע קענאָהוג בעיִסראָעל...

אונ וואָס דו האָסט פונ אימ אזוי לאַנג קיינ יעדיִע נישט,— מאַ ראַש? עס איז דאָכ, דאכט זיכ, מעייוועד לעיאמ! וויפל שיפנ גייענ אונטער, ראכמאָנעליצלאַנ; וויפל בריוועטרעגער קאָנענ אומקומענ אפ אזא מעהאַלעכ. אונ עפשער מוזנ נאָכ די שיפנ דורכגיינ אפ דעמ וועג, ווי, ווי דער סייפער-האבריס שרײַבט, דאָס וואסער שטייט ווי א בארג אונ עס איז טאקע סאקאָנעס-נעפאָשעס. דאנק זײַנ ליבנ נאָמענ, וואָס דײַנ שמועל-מוישע איז בעשאָלעמ אריבער! דאָס פּאָרנ לימדינאָס-האַיאָמ האַלט איכ טאקע פאַר אנ אוולע. עס איז א סימענ פונ ווייניק ביטאָכנ, וואָרעמ ווער עס האָט ביטאָכנ, ווייסט, אז ווו גאָט וויל, דאָ

העלפט ער, און עס איז נישט קעדײַ אײַנצושטעלן דעם גוף מיט דער נעשאָמע! וואָרעם, לויט מענטשן דערציילן, איז אמעריקע פאר דער נעשאָמע א סאַך מעסוקענער, ווי דער יאַם צום גוף. דאָס יִדישקײַט, זאָגט מען, גיט מען באלד אָפּ אפּ דער שיף, ווי דער יאַם גיט זיך נאָר א שאָקל! באלד עסט מען פּאָס-אקום, מע קלײדט זיך דײַטש, ווײַבער טראָגן שײַטלען! און יעש-אוימרים — אפילע אייגענע האָר. און, א וועהאָרײַע, — מע זאָגט, אז אין גאנצ אמעריקע איז קיין איינציקער גוטער-יִד נישטאָ. און איך ווייס טאקע נישט, וויאזוי מע לעבט דאָרט. וויאזוי מע גיט זיך אן אייצע בא פּארנאָסע-זאכן, אָדער אז מע ווערט, באסוועשאָלעם, קראַנק, צי וואָס א מענטש קאָן זיך טרעפן! איך זאָג דיר, אז ווער עס פאָרט אין א טומע אַרײַן, איז טאקע מיסכײַעוו בע-נאפשוי, גייט ער טאקע ווי א נאריש פייגעלע אליין אין דער נעץ אַרײַן! און ביפראט א יִד א לאמדן. וואָרעם, וואָס גרעסער דער מענטש איז, איז גרעסער די סאקאָנע, מער לאָקערט אפּ אים, ראַכמאָ-נעליצלאַן, די קליפּע און וויל אים גוויווער זײַן, צי מיט אשירעס, צי מיט נאָשים יאָפוים; די קליפּע האָט שוין אירע קיילים צו דער ארבעט...

דעריבער איז מײַן אייצע פאר דיר, אז קאָלזמאַן דו ווייסט נישט, וואָס דאָרטן טוט זיך, פארגעס אָן דער זאך! האָסטו פּאַרנאָסע פון די ציבעלעס, איז מא-טויװ; כאסוועשאָלעם — נישט, האָב איך פאר דיר אן אַנדערע אייצע. אימירצעשעם, אז דו וועסט קומען אפּ דער כא-סענע, וועל איך שוין זען שאָלעם צו מאכן צווישן דיר און אישטי כאַוועלע, טיכיע. פאָרט איין פלייש און בלוט. און בעטעווע, זײַ וויסן, איז זוגאָסי כאַווע-גיטל זייער א גוטע; זי וועט דיר בעוואדע מויכל זײַן, און אז עס וועט זײַן שאָלעם-וועשאָלווע, און זי וועט פאָרן באלד, אימירצעשעם, נאָך דער כאסענע קיין וואַרשע, — וועסטו בלײַבן בא-לעבאָסטע. און אז זי וועט, אימירצעשעם, בעשאָלעם און געזונט צו-

ריקומען, וועט זיך אויך נאָך געפינען פאַר דיר אַן אָרט באַם טיש, ווי אויך אין שטוב — אַ בעט צו שטעלן. עס זײַנען שלעכטע צײַטן, נאָר אַ שוועסטער איז אַ שוועסטער, שנײַדט מען דינערע שטיקלעך הערינג.

נאָך אַן דעם אַלעם האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט, באָרוך-הו, ער זאָל נישט קאָנען שפּײַזן אײַנע באָסערוועדאָם — אַ ייִדענע! נאַרישקײַטן!

און אַף דער כאַסענע זאָלסטו, לעמאַנאַשעם, קומען פרי, זאָלסט קאָנען כאָווע-גיטלען אַ ביסל צוהעלפן. אַף דעם איז מען אויך אַ שוועגערן! דו דאַרפסט זען, מע זאָל נישט מוזן, אין הײַנטיקע שלעכטע צײַטן, צונעמען נאָך אַ סאַרווער צי אַ קעכן... נאָר לעמאַנאַשעם, פון דעם, וואָס איך שרײַב דיר דאָ, דערזיקער וועגן איבערבלײַבן באַ אונדז אַף שפּעטער, זאָל בלײַבן באַ דיר בעסאָד, כאָווע-גיטל זאָל נישט וויסן, אַז איך האָב אַזוינס געשריבן. דאָס דאַרף זיך אַליין מאַכן, פון זיך אַליין... דו ווייסט, אַז כאָווע-גיטל האָט פײַנט, מע זאָל איר אין שטוב-זאַכן אײַנצעמס געבן... און באַטוטעך בין איך, אַז עס וועט זיך מאַכן. אַ ייִדענע בלײַבט אַ ייִדענע, כאָטש זי מיינט, אַז זי גייט אין ספּאָדעק! דעריבער טאַקע שרײַב איך דעם בריוו, ווען זוגאָסי כאָווע-גיטל איז נישטאָ אין דער היים; זי איז אַרויסגעגאַנגען אָפּשטעלן מיטן באַדכן, מיט קלעזמער. איך וויל איר אַפילע נישט זאָגן, אַז איך האָב דיר געשיקט אַ כאַסענע-בריוול; לאָז זי מיינען, אַז דו ביסט אַזוי גוט און פרום געוועזן, אַז דו ביסט אַליין געקומען!

און האַשעמיִסבאָרעך זאָל טרייסטן דיך מיט אַלע אַוויילײַ-יִסראָעל, און לאָז אויסשפּרייטן די פליגל פון ראַכמאָנעס אַף אַלע אַגונעס, אָמיין! קיין יעהי ראָצוין!

אַכויסי כאַנע! דו וועסט דיך מעיאַשעוו זײַן, בלײַבן דאָרט אָדער קומען צו אונדז אַף שטענדיק, — לעמאַנאַשעם, אַף דער כאַסענע זאָלסטו קומען! דורכוים קומען! און דו וועסט קיין כאַראָטע, כאַסווע-

שאָלעם, נישט האָבן! עס וועט זײַן, אימירצעשעם, א שיינע כאַסענע. עס קאָן נאָך מעגלעך זײַן, אז ער אליין, זאָל מאריך יאָמים וועשאָנים זײַן, וועט קומען אף דער כאַסענע. עס וועט מיר קאָסטן א מאַטמען, נאָר עס איז קעדײַ! פארשטייסטו, אז אף אזא כאַסענע איז קעדײַ צו קומען!

פון מיר, אָביב

מענאַכעם־מענדל.

זוגאָסי כאַווע-גיטל איז בעזו האָרעגע געקומען פון מאַרק, און זע א סימען, אז עס איז שוין אזוי מינ-האַשאָמאַיִם באַשערט, — זי אַליין האָט מיר געזאָגט, אז איך דאַרף מיך פאַר איר מיטן בריוו נישט צו באַהאַלטן, אז זי האָט אף דיר קיין פאַריבל נישט. איר אייצע איז, זאָלסט פארקויפן די ציבעלעס, מאכן זיך א מאַלבעש און קומען לײַטן גלײַך, ווי א טײַערע מעכוטענעסטע, אף דער כאַסענע.

קיין מאַטאָנע, זאָגט זי אויך, דאַרף מען נישט. און האַנדלען מיט ציבעלעס קאָן מען, זאָגט זי, בא אונדז אויך.

איך זאָג דיר, אז זוגאָסי כאַווע-גיטל איז א גוטע און א כאַכאָמע. און אז דו וועסט נאָר נישט זײַן אײַנגעשפּאַרט, וועט זיך אַלץ ענדיקן בעכי טויוו; וועסט, מיט גאָטס הילף, זען!

אָביך האַנאַל.

א נישט־געענדיקטער בריוו פון כאַנע צום מאַן

מאַזלטאָוו דיר, מײַן טײַערער, קאָשערער מאַן, מאַזלטאָוו דיר!

נא דיר, הער פון אונדז יעשועס וועכעכאָמעס! גאָט זאָל געבן, איך זאָל פון דיר אויך הערן אזוינע גוטע פּסורעס, אזוינע יעשועס ווענע-

כאַמעס; אָמיינ, קיינ יעהי ראָצוינ! מיר זײַנענ דאָכ, ווי דו האָסט גע-שריבנ, א זיווג אפ ד ע ר וועלט אונ אפ י ע נ ע ר וועלט!

ערשטנס, קומ איכ דיר, מײַנ טײַערער מאנ, צו מעלדנ, אז דער ברודער מײַנער מענאכעמ-מענדל, שעיכיע, וועשטוי כאווע-גיטל, שעטיכיע, זאָלנ בײדע דערלעבנ מאָשיעכס צײַטנ, האָבנ מיר אלצדינג מויכל געווענ אונ האָבנ מיכ אראָפּגעברענגט, אינ א מאזלדיקע שאָ, צו זייער טאָכטער אפ דער כאסענע — אפ סאָשע-ביילעס כאסענע.

א כאסענע איז געווענ גאָר א שיינע, שענער קאָנ שוינ נישט זײַנ! געלויבט איז האשעמ-יסבאָרעכ, וואָס איכ האָב זויכע געווענ אונ דער-לעבט צו זענ אזא כאסענע! עס איז געווענ מיקאָל-האמינימ פליישנ, אָפ אונ רינד-פלייש; הײַנט פישנ, אזוינע פיש אונ געפילטע פיש, אונ נאָכ אלערליי מײַכאָלימ; אכוץ ווײַנ, בראָנפנ, האקל קאשער לאקל...

אונ אלצ איז געווענ אזוי געראָטנ, אזוי פײַנ! אונ איכ אליינ האָב דאָס פלייש געקאָכט, די פיש געפילט, דעמ צימעס געמאכט, צומ טיש געגרייט, אונ פריער נאָכ אלצ אליינ אײַנגעקויפט!

איכ בינ, באָרעכאשעמ, די גאנצע באלעבאָסטע געווענ! די סאָרווער-קע אויכ; וואָרעמ געקומענ בינ איכ נישט צוליב דעמ נאכעס אליינ.

איכ האָב מײַנ ביסל ציבעלעס פארקויפט, געמאכט מיר א שטיקל מאלבעש אונ געקומענ, אפ מײַנע קרויווימס פארלאנג, גאנצע אכט טאָג פאר דער כאסענע; וואָרעמ עס האָט נישט געהאט ווער צו טאָנ, מאכמעס די קאלע אליינ איז פארטאָנ געווענ אינ די מאלבושימ, זי האָט פארברענגט ביז צומ כופע-טאָג באמ שנײַדער, באמ שוסטער, אפילע באמ גאָלדשמיד!..

אונ כאווע-גיטל, נעבעכ, די שוועגערנ מײַנע, — הוסט! אונ די מילצ, זאָגט מענ, איז בא איר נישט ווי עס דארפ צו זײַנ!

בינ איכ טאקע געווענ די גאנצע מעכוטענעסטע, פ א ר דער כאסענע אונ נ אָ כ דער כאסענע, נאָר נישט א פ דער כאסענע. בע-

שאַם האַכאַסענע בין איך געוועזן זייער מיד און פאַרמאַטערט. איך בין מיר געזעסן אין אַ ווינקעלע און געוויינט פאַר גרויס נאַכעס, וואָס איך האָב זוכע געווען כאַסענע צו מאַכן מײַן ברודערס טאָכטער; אויך — וואָס זי האָט געהאַט אַזאַ לײַטישע כאַסענע.

און אַפילע נאָך דער כאַסענע האָבן זיי מיך אויך, כאַסוועשאָלעם, נישט באַלד אַרויסגעטריבן.

טייקעף נאָך דער כאַסענע איז די שוועגערן, זאָל געזונט און שטאַרק זײַן, געפאָרן קיין לובלין צו אַ דאָקטער זיך אָן אייצע צו האַלטן, צו וועלכן דאָקטער זי זאָל פאָרן קיין וואַרשע.

דערנאָך איז זי געפאָרן קיין וואַרשע, און איז אויסגעווען בײַ אַלע גרויסע דאָקטוירים; פון דאָרט איז זי געפאָרן ערגעץ אַנדערש, וואַ-סער טרינקען, — מינעראַל-וואַסער הייסט עס, — און איבער דער גאַנ-צער צײַט, לעבעדיק זעקס כאָדאָשים, בין איך געווען די גאַנצע באַלע-באָסטע אין שטוב. האַשעמ־יִסבאָרעך זאָל עס זיי געדענקען און זאָל זיי דערפאַר באַלוינען!

קיין קעכן איז נישט געוועזן, האָב איך געקאָכט... און דערפון האָב איך פיל נאַכעס געשעפט, ווי פון אַ ברונעם!

ערשטנס, האָב איך קיין צײַט נישט געהאַט צו קלערן און צו טראַכטן, און בין, כאַסוועשאָלעם, נישט מעשוגע געוואָרן, אַפילע נישט אַרײַנגעפאַלן אין אַ מאָרעשכוירע! און קיין צײַט האָט נישט געקאָנט זײַן, וואָרעם די שעפע איז בײַ מײַן ברודער, באָרעכאַשעם, גרויס.

די שענק איז, באָרעכאַשעם, פול; מע לייזט שטיקער גאָלד, הען פון ייִדן און הען פון גוייִם, לעהאַוודל!

און מײַנע שוועגערנס, כאַווע-גיטל, טיכע, געפילטע פיש האָבן, באָרעכאַשעם, אַ נאָמען אויף דער וועלט, און אַן אוילעם זיצט, באָרעכאַ-שעם, עסט און טרינקט.

האָט זיך אַמאָל פֿאַסירט, אַז איך האָב פֿאָרט אָנגעהויבן עפּעס אײַ-בערצוקלערן, און האָב מיך געוואָלט פֿאַרטראַכטן, איז אַף דעם געוועזן אונדזער ביילע-סאָשע, זאָל לעבן, זי האָט מיך באַלד דער-מאָנט! און אַן אויג האָט זי, קיין אײַנאָרע, א גוטס, באַלד דערזעט זי!

און אַזוי איז אַלץ געגאַנגען בעדערעב-האַיאָשער...

פֿאַר גרויס נאַכעס, וואָס איך בין דאָ די גאַנצע באַלעבאָסטע, האָב איך איינמאָל אַרויסגעוואָרפֿן א טראָפּן בלוט פֿון האַלדז, איין טראָפּן, נישט מער.

דאָס האָט ווײַטער דערזען מענאַכעם-מענדל, זאָל געזונט זײַן, האָט ער מיר אָנגעזאָגט זאָהייר-וועהיזאָהייר, איך זאָל מיך נישט מאַכן ווייסנדיק! וואָרעם ווערט מען, כאַסוועשאָלעם, געוואָר, וועט מען, כאָלילע, ווײַכן זײַן שטוב. יאָסל גאַסטהײַזער פֿון קעגניבער וועט באַלד זאָגן שווינד-זוכט און פּאָטער! אונדזער זײַט גאַס וועט מיט גראָז פֿאַרוואַקסן ווערן!

ביילע-סאָשע אָבער איז קליגער פֿאַר אים. זי האָט באַלד פֿאַרשטאַ-נען, אַז עס איז נישט קיין שווינדזוכט, נאָר אַז איך האָב געמוזט כאַפּן א שטיקל פֿיש און אײַנשלינגען און צעראַצט זיך דעם האַלדז מיט א ביינדל. און קעדיי איך זאָל, כאַסוועשאָלעם, נישט דערשטיקט ווערן, האָט זי מיר דערלאַנגט אין די פּלייצעס: דאָס ביינדל זאָל אַרײַן אָדער אַרויס און נישט בלײַבן, כאַסוועשאָלעם, שטעקן אין האַלדז. פֿאַר גרויס ליבשאַפֿט האָט זי מיר צו א שטאַרקן קלאַפּ געטאָן, דאָס ביינדל פֿון פֿיש איז אַוואַדע אַראָפּ, נאָר דערבײַ האָבן מײַנע ביינער א ביסל געליטן...

דאָס אַלץ איז איבערגעגאַנגען בעשאָלעם, און כאַווע-גיטל, זאָל געזונט זײַן, איז צוריק געקומען פֿון וואַסער-טרינקען.

געקומען איז זי, געלויבט האַשעמיִסבאָרעך, פֿריש און געזונט, א מעכײַע געווען צו קוקן! געלויכטן ווי די זון! הײַנט האָט זי אָנגע-בראַכט מאַטאָנעס, — גאָר פֿײַנע זאַכן: פֿאַר זיך, פֿאַרן מאַן, פֿאַר דער

טאָכטער מיטן איידעם... טײַערע מאַטאָנעס. נאָר מיר האָט זי קיין מאַ-
טאָנע נישט געברענגט; איך בין, זאָגט זי, כאַסוועשאָלעם, קיין דינסט
נישט, מע זאָל מיר שענקען מאַטאָנעס, מע צאָלט מיר דען סכירעס?
איך בין דאָך געווען באַלעבאָסטע!

כאַווע-גיטל אַליין האָט קאַמע-פּעאָמים געזאָגט, אַז איך בין גע-
ווען די גאַנצע באַלעבאָסטע, און האָב געטאָן, וואָס מײַן האַרץ האָט
געגלוסט!

און קוים איז כאַווע-גיטל געקומען, איז זי געוואָר געוואָרן, אַז
מענאַכעם-מענדל איז איבער דער גאַנצער צײַט נישט געווען באַם רעבן,
האָט זי פאַרבראָכן די הענט, אַז די ביינער פון די פינגער האָבן געקנאַקט,
און האָט מיך באַלד אַרויסגעשיקט אין מאַרק אַרײַן דינגען אַ פור.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז מענאַכעם-מענדל, זאָל געזונט זײַן, אוועק-
געפאָרן אין אַ מאַזלדיקער שאָ צום צאַדיק.

און אַף מאָרגן האָט מיר כאַווע-גיטל אַן אײַצע געגעבן, איך זאָל
צוזאַמענעמען מײַנע זאַכן און גיין צו אַלדי גוטע יאָר... וואָרעם ווי-
באַלד זי אַליין איז דאָ, און ביילע-סאָשע העלפט איר צו, בין איך דאָס
פינפטע ראָד באַם וואָגן און וועל נאָך, כאָלילע, מעשוגע ווערן פון ליי-
דיקגיין. זי האָט מיר געראָטן, ענטוועדער איך זאָל פאָרן צוריק, פון-
וואַנען איך בין געקומען, אָדער דאָ בלײַבן און טאָן, וואָס מײַן האַרץ
וועט גלוסטן. זי זאָגט מיר, כאָלילע, קיין דייע נישט.

נאָך די זעלבע נאַכט האָב איך שוין אין איר שטוב נישט גענעכ-
טיקט.

אַ שיינע נאַכט איז געווען, האָב איך זיך דורכשפּאַצירט אין אַלע
גאַסן מיטן פּעקל אונטערן אָרעם.

זעסטו דאָך, מײַן טײַערער, קאָשערער מאַן, אַז מיר איז, באָרעכאַ-
שעם, גאַנץ גוט, אַז דו דאַרפסט מיר מער קיין געלט נישט שיקן, ווי

דו פלעגסט אמאָל שיקן. גיב בעסער דאָס געלט לייב באַזן, ער זאָל דיר קויפן שאַך, אָדער גנענדל-סאָפּיען, זי זאָל דיר לאָזן מאַכן העמדער, און זע, לעמאַנאַשעם, זי זאָל דיר אַליין די העמדער אָנמעסטן, און זען, ווי זיי ליגן, די העמדער, — עס איז דאָך אמעריקע!

זעסטו, מײַן ליבער, טײַערער מאַן, אז איך בין שוין מער קיינעם נישט כווישעד אומזיסט. איך זאָג שוין נישט, אז גנענדל, לייב באַזנס טאָכטער, האָט בא מיר צוגעגאַנווע׳ט א לעפל, אָדער דעם מאַן כּאָס־וועשאָלעם! און אויב איך האָב נישט — נישט דעם לעפל, נישט קיין מאַן, ווייס איך, אז זי איז בעוואדע גאָרנישט שולדיק. איך גלייב בעעמונע־שליימע, אז האַשעמיִסבאָרעך האָט דיך און מיך געוואָלט מעזאַקע זײַן, האָט ער דיר צוגעשיקט אף דער שיף לייב באַזן מיט דער טאָכטער, זיי זאָלן דיך פאַרזאָרגן; קעהאַוואַיע — אַלץ ווי דו האָסט מיר געשריבן. נאָר איין זאַך וועט נישט זײַן, ווי דו האָסט גע־זאָגט! זאָלסט אפילע אויס דער הויט שפּרינגען, וועסטו נישט שיקן קיין שאָליעך־מעיוכעד נאָכן קינד, זאָלסט עס צונעמען פון מיר צו דיר קיין אמעריקע. וואָרעם דאָס קינד אונטערס איז, אין דײַן זכוס און זכוס פון דײַנע אָוועס — לאַנג שוין נישטאָ; מע האָט עס באַהאַלטן ערגעץ אפן בעסוילעם, אין א קליין שטיבעלע אָן א טירל, אָן א פענצ־טערל, — שרײַ כּנײַ־וועקנײַעם, וועסטו נישט וויסן, ווו זײַנע ביינדעלעך ליגן! קיין שום מאַצייווע, קיין שום סימען, גאָרנישט! זוך דעם ווינט אפן פעלד!

די אסקאָרע האָט עס צוגענומען אונטער אירע פליגל...

און ווײַל דו ביסט דער גרויסער באַלזיקאָרן און געדענקסט אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט, און אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן, וועל איך דיר דערציילן א מײַסע, עפּשער וועסטו זי אויך געדענקען! עס איז א מײַ־סע מיט א שאַל, וואָס איך האָב נישט געוווסט, וואָס מיט איר צו טאָן: צי זאָל איך זי באַפן אף מיר און ארויסלויפן זוכן א דאָקטער

צום קינד, אָדער איך זאָל פאַרשטאָפּן מיט דער שאַל די צעבראָכענע שויב, דער שניי זאָל נישט אַרײַן צום קראַנקן קינד אין שטוב אַרײַן, אָדער איך זאָל צודעקן מיט דער שאַל דאָס הייזעריקע קינד, וואָס עס שטיקט זיך, נעבעך, — און די קעלט איז גאָר גרויס, גאָר גרויס! א סאך מאָל בין איך אהין און צוריק געלאָפן: פון קינד צום פענצטער, צו דער טיר, און צוריק פון טיר צום פענצטער, צו דער וויג... אבי געלאָפן! דו וועסט שוין, מײַן געטרײַער מאן, מיין איך, די מינוט נישט פאַרגעסן. וואָרעם, ווי דו, מײַן געטרײַער מאן, זאָגסט, בין איך צוגעבונדן צו דיר, דו צו מיר און ביידע צום קינד, און אצינד, אז דאָס קינד איז נישטאָ, קאָנען מיר ביידע שוין אויך נעלעם ווערן, — נאָר וואָס וועט גנענדל זאָגן? דעם עמעס זאָגנדיק, איז בא מיר געבליבן, איך זאָל זיך לאָזן וואקסן לאנגע האָר און אָנטאָן זיך, ווי מע טראָגט זיך אין אמעריקע. אויך ווייסטו דאָך, אז איך האָב א זיס קאָל, אז איך פלעג נאָכזינגען אלע טפילעס, און אצינד, אז איך בין געווען באַם ברודער מענאכעם-מענדל, זאָל געזונט זײַן, אין גאסט-הויז, האָב איך נאָך געהערט פון שיקערע פויערים אלערליי שיינע לידער, — האָב איך מיך דאָס אויך אויסגעלערנט, און איך זינג אוואדע אזוי גוט, ווי גנענדל, און עפשער בעסער פאר איר, און קאָן מער לידלעך פאר איר. און נעכטן באנאכט, אז איך האָב גענעכטיקט אונטערן בלויזן הימל, איז נאָך צו מיר געקומען די מאלקע שוואָ און האָט מיך אויסגעלערנט טאנצן — און א גאנצע נאכט האָב איך ארומגעטאנצט מיט דער מאלקע שוואָ קעגן דער לעוואָנע.

און דו, מײַן ליבער שמועל-מוישע, האָסט גאָר א מעקעך-טאָעס געהאט! וואָרעם איך בין בעסער פאר גנענדלען. וואָרעם איך געדענק גאנץ גוט, אז זי האָט געהאט צוויי פעפערלעך, איינעם אפן לינקן אויער און א צווייטן אפ דער רעכטער באק, און — א נעזל א ביסל א פאַרדרייטס. און איך, ווייסטו דאָך, האָב א ריין לײַב, אָן א שום פע-

פערל, כאסוועשאָלעם.— דו האָסט געמיינט, אז נאָר גנענדל קאָנ זינ-
גענ אונ- יעדנ פרײַטיקצונאכטס טאנצנ, אז זי אליינ קאָנ זיכ לאָזנ
וואקסנ צעפּ, אנדערע קאָנענ גאָרנישט די טוירע! נאָר איכ בינ, כאס-
וועשאָלעם, אפ דיר נישט אינ קאס; האלט דיכ אָנ איר! מיר איז גע-
נוג, אז איכ האָב דעם קינדס קיוווערל, איכ גיי אהינ, איכ וועל מיר
דאָרט אויסבויענ א קליינ שטיבעלע אונ זיצנ דאָרט ביז האלבער
נאכט, ביז דער האָנ וועט קרייענ. דעם קינד וועל איכ דערציילנ זיס
אונ שטיל פונ זײַנ טאטנ שמועל-מוישענ, וועט ער שטארק האנאָע
האָבנ! אונ אז דו וועסט אליינ קומענ, אָדער שיקנ א שאָליעכ-מעיוכעד
נאָכנ קינד, וועל איכ אײַכ מיט די נעגל די אויגנ אויסקראצנ, וואָרעמ
דאָס קינד איז מײַנס, נישט גנענדלס — ימאכ שמאָ וועזיכראָ זאָל זי
ווערנ מיט דיר אינייינעם — — —

(דער בריוו איז קענטיק נישט קיינ געענדיקטער; מע האָט אים געפונענ
צוזאמענ מיט די אנדערע בריוו אינ קעשענע בא דער משוגענער כאנע).

נאכעס פון קינדער

וועגן נאכעס פון קינדער רעדט איר?

אמאָל איז געווען; נישט קיין הייַנטיקע סכוירע!

מייַן באָבע, לעמאָשל, פלעגט באמישעאָסער פּאקן עט-לעכע פערציק פּעקלעך באָקסער. און ראָזשינקעס מיט מאנדלען פאר אייניקלעך און אורייניקלעך; א פּסאָמים-קרעמל האָט זי געהאט, די באָבע, און געגאנגען — אָן א שטעקן, גע-קוקט — אָן א בריל, נאָר די הענט האָט איר א ביסל געציטערט, האָב איך איר געפירט די רעשימע פון די אייניקלעך; מייַן קסאוויאד איז איר געפעלן — איך פלעג איר אויסמאָלן געקסיוועט די ראָשיי-טייוועס; דערפאר האָב איך צוויי פּעקלעך באקומען. איך פלעג איר לייענען די רעשימע, און זי, אָלעהאשאָלעם, פלעגט נאָכציילן אפ די פינגער. ביז עטלעכע און דרייַסיק האָט איר דער קאָל געציטערט פאר פּאכעד, צי

וועט איר נישט באַסוועשאָלעם פאַרפעלנ, פונ פערציק אָנ האָט זי מאַ-
מעש נאָכגעזונגענ... קומט צוויי אונ דרײַ אונ פערציק, טאַנצנ איר
שוינ די שפּיזלעכ פונ זאָק צווישנ די פינגער.

נאָר דאָס איז שוינ דעמלט אויכ געווענ אַנ אויסטערלישע זאַכ: אַ
בראָכע — האָט מענ געוווּסט — פונ ערשטנ אָפּטער צאַדיק, זיכרוינוי-
ליוואָרכע. אָבער אייניקלעכ? — וועלכער ייִד האָט עס נישט געהאַט
אונ נישט געטאַנצט אַפ כאַסענעס פונ אייניקלעכ? אַז עס האָט זיכ גע-
הערט, ראַכמאָנעליצלאַנ, באַ אַ לעווײַע, אַז דער באַרמינער האָט אַפּי-
לע נישט די זכיִע געהאַט צו פירנ כאָטש איינ אייניקל צו דער כופּע,
פלעגט טאַקע אָנכאַפּנ אַ גרויל; האָר אונ נעגל האָבנ זיכ געשטעלט
קאַפּויר, אונ אַ יעלאָלע האָט זיכ צעגאָסנ ווי צו „אונעטאַנע טויקעפ”.

אַנדערע צײַטנ! געבענטשטע!

עס איז דאָכ נאַריש צו זאָגנ: קיינ דײַגעס האָבנ נישט געפעלט.
אַקלאַל? האָט מענ געדײַגעט!.. אָנ דײַגעס וואָלט אַ באַר-נאַש גאָר פאַר-
געסנ, אַז עס איז פאַראַנ אַ בוירע-אוילעם אַפ דער וועלט! אונ גלאַט,
פרוו עס אַ גאַנצנ טאָג ריינ שמאַלץ! אָבער דערפאַר זײַנען געווענ
סימכעס: ד ע ם שנײַדט זיכ צו מאַזל דאָס ערשטע ציינדל, ד י האָט די
ערשטע כאָכמע געזאָגט, צי דער מוטער דעם ציפּיק אָפּגעריסנ, י ע נ ע
זאָגט שוינ „טוירע ציוואָ לאָנו” ווי אַ וואַסער, אונ ד ע ר הייבט אָנ
כומעש, י ע נ ע ר קנאַקט אַ דראָשע צו באַרמיצווע... אונ כאַסענעס,
שאָלעמ-זאָכערס, בריסנ, פּידיענ-האַבענס, וואָס איר ווילט; אַ גאַנצ
גייענדיק יאָר „לעקעכ אונ בראַנפנ”... א י י נ אייניקל גייט אַוועק,
אונ פיר קומענ אָנ; דרײַ נײַע כאַסענעס פאַר איינ געט; אַז עס קומט
יאָמטעוו אונ מע הייבט אָנ צו רימפּלענ, פאַלט מענ טאַקע פונ די פיס!

אונ אַז מע קומט צו צום ברעג אונ מע ווערט געשרופנ אַפ יענער-
וועלט, האָט מענ אַנ אייגענע לעווײַע... קינדער אונ אייניקלעכ פונ עק
צו עק גאַס! אויסער, אַז עמעצ האָט מוירע פאַר די „רוכעס לעוואַטאָ-

לע", און ווײַל זרע של קימא זאָל נישט גיין, אַבי יענע זאָלן קיין שליטע נישט האָבן צו גיין נאָך דער מיטע, איז עפּעס אַנדערש!
און הײַנט? הײַנט, אַז אַ ייִד מאַכט כאַסענע, מאַכט ער כאַסענע בעסאָר-סוידעס — עס איז אַ בושע געוואָרן! אַלטמאָדיש!.. אַ קינד ווערט געבוירן — אַל אַפּוי וועאַל כאַמאָכסוי דעם טאַטן, נאָך אַ מויל צום עסן! דער מאַמען — אַוואַדע, זי וועט שוין נישט קאָנען אָפּליי-קענען, אַז זי איז שוין קיין בסולע נישט... און אַ לעווײַע איז: אַ פּאָר פערד מיט אַ שמײַסער — אויב מע האָט שוין קינדער, זײַנען זיי צע-שפּרייט און צעזייט...
נאַכעס פון קינדער — כאַ, כאַ, כאַ!
ווען איך זאָל האָבן נאַכעס פון קינדער, וואָלט איך קיין וואַרשע נישט געקומען, קיין שולעכל נישט געהאַלטן — אַן אַ פּ ט ע ר בין איך! עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

זיבן קינדער האָב איך געהאַט: דרײַ ייִנגלעך און פיר מיידלעך. זײַנען מיר, נישט פאַר אײַך געדאַכט, צוויי ייִנגלעך און איין מיידל אַוועקגעקומען... ביידע ווײַלע ייִנגלעך געווען — אילוים! איינמאָל איז איינער אַהיים געקומען פון ביידער מיט קאָפּווייטעק און איז אָפּגע-לעגן אַכט טעג אין היץ און איז שוין צו-זיך נישט געקומען; דאָס צווייטע מאָל, עפּשער דרײַ כאַדאָשים שפּעטער — ד ע ר צ ווי י ט ע ר. דאַכט זיך, געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, נישט אַרויסגעלאָזט אָן אַ שאַלעכל אַפּן האַלדז, נישט אַרומגעלאָפן, נישט שפּאַצירט, זומער נישט געבאָדן, ווינטער נישט געגליטשט — גאָרנישט, גיי ווייס זײַנע דראָכים. דאָס מיידל האָט, לוי-אַלייכעם, געקריגן פּאָקן... געבליבן זײַנען פיר נעפאַשעס, דרײַ מיידלעך און אַ בעניאָכיד, און נאָר איינע, די עלטסטע, האָב איך צו דער כופּע געפירט.

צוויי טעכטער וואקסן מיר אפ דער וועלט אין די גרויע צעפ אריין, און דער בען, דער בעניאָכיד מיינער, ביניאָמין הייסט ער, נאָך מיין זיידן דעם צאדיק, אָלעוואשאָלעם, איז מיר נעלעם געוואָרן... צוויי יאָר האָב איך אפילע זיין אדרעס נישט געהאט.

און ווייסט איר, ווען ער איז אוועק? בא דער מוטערס לעווייע... באם פרישן קייווער, קוים קאדעש אָפגעזאָגט — ער איז נישטאָ! קיין רעגע שיווע נישט געזעסן; גלייך פון בייס-האבאים אין דער וועלט אריין! וואלט עס אין אמאָליקע צייטן א קינד איינגעפאלן? און ווי אלט איז ער דעמלט געווען — א יאָר זיבעצן! ערשט יענע וואָך האָט מען מיר דאָס קישן פארקויפט על כעזשבן פון די דריי הונדערט רובל קנאס...

און וואָס, מיינט איר, האָב איך דעמלט געטראַכט? איך זיץ באם איי מיטן בייגל און קלער: ער האָט זיך א מייסע געטאָן! ווארעם גע-ווּסט האָב איך, אז נאפשוי קשוראָ בענאפשאָ! א י ך בין געווען בא זיי דער גאזלען, דער רעצייעך, זי — די גוטע, די הארציקע מאמע. און פארוואָס? וויל איך האָב געוואָלט, עס זאָל זיין אי צו גאָט אי צו לייט. און זי, אָלעהאשאָלעם, א נעקיייווע, האָט זיי אלץ נאָכגעגעבן. מיט בייזן, פלעגט זי זאָגן, טאָר מען נישט! נישט די צייטן! ביניאָ-מין אנטלויפט פון כיידער — „זאָל ער נ י ש ט לערנען, קיין ראָוו וועט ער סייוויסיי נישט זיין". פארוואָס ניט זיין? שווייגט זי. ביניאָ-מין גייט ארום פוסטעפּאס אונטער דער שטאָט, ליגט אָפּ גאנצע טעג באם טייכל, אין וועלדל, דריי וויאָרסט מיט א שמיץ אונטער דער שטאָט, — זי באשטייט. בעט איך מיך כאָטש: יונגאטש איינער, ליגסט באם טייך, נעם כאָטש א ווענטקע און כאפּ אמאָל א פישל לעקאָוועד שאבעס; בלאָנקסט דיך ארום אין וואלד, קלייב אָן א ביסל שוואָמען צי יאגדעס, אפילע שלאָפּ-עפּעלעך — נישט קיין גוטע צייטן, אליין קיין סויכער בין איך נישט, מעקלעריי בא טווּע פאלט, — קום צו

הילפֿ. הערט מען מיך, מיינט איר? ער האָט ליב צו קוקן אויף וואַסער און אויף די ביימער, אָבער די האַנט איז קאַלט וואַסער צו טאָן — דאָס נישט! און זי שווײַגט! און קומט ער אַהיים, באַשמירט די טישן מיט קרײַד, די ווענט — מיט קוילן און מאָלט קייסער־מענטשן אָדער וואָס עס קומט אים אײַן אין קאָפּ אַרײַן, איז אויך רעכט! ווײַל איך עפּעס זאָגן — לאָזט זי נישט. און וואָס זאָל איך טאָן? אַזוי ווי איך עפֿן דאָס מויל, ווערט אַ געקוקעריי אויף איר, בעט מען זיך בײַ איר מיט די אויגן: ראַטעווע פֿון גאַזלענס הענט! און זי דאַרף נישט מער. באַלד קומט איר וואַסער אין די אויגן אַרײַן, דאָס פּנים ווערט איר בלאַס און ווײַס, ווי אַ קרײַד, און די הענט הייבן איר באַלד אָן צו ציטערן, אַ שוואַכע געוועזן, און טו עפּעס! איך האָב אַפֿילו נישט געקאָנט בײַ אים פּועלן, ער זאָל זיך אויסלערנען שרײַבן, ווי אַ מענטש. פֿון געקסיוועט רייד איך שוין נישט; נאָר, יונגאַטש, האָסט אַ געבענטשטע האַנט, מאָל מיר נאָך אַ לאַמעד, אַ פֿאַרדרייטע פּיי — דאָס נישט! דאָס קומט דאָך צוניץ! נאָר קייסער־מענטש, בלעטער, צווײַגן און שיידים ווייסן וואָס... און ווי אַ יונג האָט קיין פּאַכעד נישט: איינמאָל האָט ער אויפֿגעמאָלט אַ וואַסער־מענטש! „האָסט געזען — פֿרעג איך — אַ וואַסער־מענטש?“ — אַוואַדע! — זאָגט ער, און לאַכט.

מיינט איר עפּשער, אַז זי האָט בעצעמעס מיט זיי געהאַלטן, אַז זי האָט טאַקע געוואָלט, אַז בנימינקע זאָל ווערן אַ פּאַרטרעטן־מאַכער, אָדער סאָרע־לייע זאָל זיך שטעלן פֿאַר אַ דינסט, צי ביילע־גיטל זאָל ווערן אַ נייטערן? אָסער־כאַזער! אירע זיפֿצן האָב איך געהערט. גאַנצע נעכט פֿלעגט זי איבערקרעכצן; פֿאַרשטופּן דאָס פּנים אין קישן אַרײַן, דאָס געוויין צו פֿאַרשטיקן... און וואָס זי פֿלעגט אויסכאַלעשן און אויסוויינען יאָמים־נוראָים? גאַנצע שטיקער טכינעס און מאַכזער פֿלעג איך איר מוזן געקסיוועט איבערשרײַבן; אויסגעווייקט האָט זי

עס, שטיקער זײַנע געפֿליגלן, און קיין נײַעם סידער האָט זי נישט געוואָלט... בעסער א מויד א בענדל צו קויפֿן... אלץ איז זיי אריין!

און וואָס איז געווען דער איקער געווין? זיי האָבן געזאָגט, אַז אַפֿ מיר ווייַנט זי! באַשער בעכיינ, איך האָב איר אַמאָל, ווי באַ שלעכטע צײַטן און שלעכטע קינדער דער שטייגער איז, א הארב וואָרט געזאָגט. דעם עמעס אָבער ווייס איך, איר איינציק געבעט איז געווען, גאָט זאָל זיך מעראַכעם זײַן און זאָל די קינדערס הערצער איבערקערן צו גוטן... פֿאַרשטייט זיך, א ביסל וועגן פּאַרנאָסע אויך; עס האָט געפֿעלט. עט!

יאָ, באַ וואָס האַלט איך? ער איז אַנטלאָפֿן...

האָב איך געמיינט, דער יונג האָט זיך א מײַסע אָנגעטאָן, אָדער אַזוי פּאַר מאָרעשכוירע ערגעץ פֿאַרקראָכן און פֿאַרבלאָנדזשעט... קומען אָבער אַרײַן באַווײַרים און דערציילן, אַז ער איז אַוועק! און באַווײַרים האָט ער געהאַט! א בעקער־יונג, א טויבן־קאַפּער און גאָר א גויִשן שייגעץ. און פֿון אַזוינע מײַלער ווער איך געוואָר, אַז מײַן ביניאָמין איז אַוועק! איבער דער גרענעץ איז ער! פֿאַרטרעטן מאַכן וויל ער זיך לערנען. א שיינע פּאַרנאָסע! מע זאָגט כאָטש שטיבער מאָלן!

און פֿאַרוואָס, מיינט איר, האָט ער מיר צוויי יאָר נאָכאַנאַנד נישט געשריבן, ווו ער איז? ערשטנס, האָט ער טאַקע געליטן צאָרעס־צרורעס: ווו געטאָגט נישט גענעכטיקט, און הונגער, און דאָרשט, און האָט אי זיך געשעמט, אי אַפֿ קיין מאַרקע נישט געהאַט, און, צווייטנס, — זאָל דער טאַטע נישט וויסן און קיין מוסער נישט שרײַבן. וואָרעם „פֿן ישמע“... טאָמער שרײַבט ער, און עס גייט

אינ האַרצ אַרײַנ! דער יעיצערהאָרע ווייסט זיך שוינ ווי צו באַוואָרענענ.

נאָר די מיידלעכ, מיינט איר, זײַנענ בעסער?

די עלטערע, סאָרע-לייע, וויל קלוימערשט נישט ליגנ מיר אױפֿנ קאָפּ. „עס פֿעלט אײַך אַליינ“, זאָגט זי. מײַנ פּלוינעסטע, אָלעהאַשאָלעמ, באַשטייט. דעמ סאָד ווייס איכ: מע האָט איר אַנ אַלמענ מיט קינדער געגעבענ, האָט איר די ערד געברענט אונטער די פֿיס. דאָס זאָגט זי נאָר, אַז זי וויל זיך אַליינ פֿאַרדינענ... אַ קאָמעדיע! קוימ וואָס איכ האָב געפּויעלט, זי זאָל מיר כאָטש נישט פֿאַרשווארצנ דאָס פּאָנעמ אינ אָפּט... איז זי אַוועק קיינ צויזמער. אַבי נישט קיינ אַלמענ! דעמ עמעס זאָגנדיק, מיר אַליינ איז אויכ אַ שאָד געווענ, אַ מיידל ווי אַ גאָלד, געבליט מאַמעש, ווי אַ רויז. די מוטער אינ די גוטע צײַטנ אויסנ אויג... אונ גיי ווער מיטאַמאָל אַ מאַמע פֿונ פֿינפֿ קינדער, אונ קיינ שמאַלצ-גרוב איז עס אויכ נישט געווענ. אַ קליינ טווע-סויכערל, קוימ ער האָט זיך געשפּײַזט, נאָר אַלצ בעסער ווי אינ גרויענ צאָפּ אַרײַנ צו דינענ! אונ עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזנ, ווער עס איז גערעכט געווענ!

זי קומט פֿונ צויזמער קיינ אָפּט אָפּ דער מאַמעס לעווײַע, ביילע-גיטל איז אויכ געקומענ. פֿונ עק וועלט וואָלטנ זיי געקומענ! די עלטערע — נישט: גראָד אינ קימפּעט געלעגנ. זיצט שיווע, אונ דערווײַל באַנקראָטירט דאָרט אינ צויזמער איר באַלעבאָס, מאַכט פּלייטע, פֿאָרט אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָר; דאָס ווײַב מיט די קינדער שיקט ער נאָכ פֿריִער אַוועק צומ שווער... עס בלײַבט קיינ לעבעדיק נעפֿעש... אונ די באַלכויוועס טרעטנ צו צו דער שטוב, פֿאַרשרײַבנ אונ ליציטירנ אַלע זאַכנ, אונ מײַנ טאָכטערס קעסטל מיטנ גאַנצנ האָב אינ דער מיט! אָנ אַ העמד אױפֿנ לײַב! אונ זי האָט זיך, נעבעכ, געהאַט אָנגעקליבנ אַ גאַנצנ אויסשטײַער — אונ מיטאַמאָל — גאָרנישט! שרײַ איכ צו איר:

נאָ, זע! עס איז קיין דערעב נישט, גאָט וויל נישט אזוי... און פּונקט האָט זיך ווײַטער געמאכט א שידעב מיט א גאָרוש, אויך מיט קינדער און דאפקע נ י ש ט קיין אָרעמאנ, — הערט זי מיך? הייבט זי זיך אוף און אנטלויפט, ווי זי שטייט און גייט, קיין לובלינ... און דינט דאָרט ביזנ הײַנטיקנ טאָג... זי רעכנט נאָך צו קומענ קיין וואַרשע. איך בינ איר מויכל!

א פאָטאָגראפיע האָט זי מיר געשיקט — שוינ גאָרנישט דאָס קינד! גאָר נישט דאָס... גאָט ווייסט, וואָס מיט איר טוט זיך... מעשוגענע אויגנ עפּעס... איך האָב מוירע צו זאָגנ: מאמעש פאַרשאַרטע, הײַנ-טיקע צײַטנ... א כאָסנ, הער איך, האָט זי...

— ווענ וועסטו כאסענע האָבנ? — פרעג איך אינ יעדנ בריוו.

אפ אלצ ענטפערט זי, אפ דעם — נישט!

נאָר דאָס אלצ איז גאָרנישט קעגנ דעם, וואָס די יונגערע האָט מיר געטאָנ? דאָס קאָנ קיינ פּאָלק זעלנער נישט טאָנ...

א מיידל איז א נייטערנ, זײַ א נייטערנ! ווילסט אוי ך נישט כאסענע האָבנ, איז נישט! טו נאָך דער עלטערער שוועסטער! אז עס איז א שטראָף פונ זײַנ ליבנ נאָמענ! ווילסטו, זוך דיר אליינ א כאָסנ... די מאמע, אָלעהאשאָלעם, לעבט נישט, בינ א י ך דער גוטער, באַ-שטיי א י ך! זאָגט זי אָבער, אז מע צאָלט איר אינ אפּט ווייניק. כאפּט זי זיך אריבער קיינ אָסטראָווצע. איז דאָרט, אפּאָנעם, אויך נישט בעסער, איז זי מיר מוידיע (זי איז כאָטש מוידיע!), אז זי פאָרט אריבער קיינ ראדאָם... און פאָרנ פאָרט זי אליינ! לעס דינ וועלעס דאַיענ — פאר קיינעם קיינ מוירע נישט! אינ ראדאָם ראט מענ איר, זי זאָל בעסער אריבער קיינ וואַרשע. וואָס איז בא איר וואַרשע? פאָרט זי קיינ וואַרשע און שרײַבט מיר פונ דאָרט נאכעס! פאַרדינט שוינ

אזויפיל און אזויפיל, מער פאר סאָרע-לייענ... אויב איכ ד א ר פ, וועט זי מ י ר שיקנ... מינאַסטאמ דארפ איכ נ י ש ט: דאָס הייסט, געדארפט וואָלט איכ, איכ האָב שוינ געהאַט די שטוב פארקויפט, נאָר — מויכל! דערנאָכ ווערט שטיל. עס גייט אַוועק א כוידעש, צוויי אונ דרײַ כאָדאָשים — קיינ טמונאס אָס; ווי אינ א וואַסער אַרײַנ. פאַרקויפ איכ דאָס לעצטע העמד אונ כאַפּ מיכ אַראָפּ קיינ וואַרשע — ז י ז י צ ט! דאָס סמאַרקאַטע מיידל ווערט א מוירעד-בעמאַלכוס! אַז מע צאָלט איר נישט, וויפל זי וויל, וויל זי די וועלט איבערקערנ, לויפט זי אַרומ מיט א רויטער פאָנ... בעט איכ מיכ, מע זאָל זי אָפּ-שמײַסנ אונ אָנ עק; זאָגט מענ מיר (אונ קוימ איכ האָב פאַרשטאַנענ, וואָס מע זאָגט!), אַז שמײַסנ טאָר מענ נישט. בעט איכ מיכ: גיט זי מיר אינ די הענט אַרײַנ, א טאַטע מעג! הערט מענ מיכ ווי דעמ ראָוו, אונ מע פאַרשיקט זי אינ טיפ רוסלאַנד... אַפּ גאַנצע פינפ יאָר!

דערווײַל האָב איכ שוינ נישט מיט וואָס צוריק אהיימ צו פאָרנ, שלאָגט מענ מיר אָנ א שולעכל צו דינגענ, דינג איכ א שולעכל, גיב די לעצטע פאָר רובל האַנטגעלט; עס גייט צו יאָמימ-נויראָימ, וועט זײַנ פּאַרנאָסע... מאַכט זיכ א מײַסע, נעכטיקט עמעצ אינ שולעכל אָנ א פּאַס. פונוואַנענ זאָל איכ וויסנ, אַז אינ א שולעכל טאָר מענ ביכ-לאָל נישט נעכטיקנ אונ אָנ א פּאַס איז סאַקאָנעס-נעפאָשעס? האָב איכ דאָכ אָבער זכוס-אָוועס פונ טעכטערל — פאַרמאַכט מענ מיר דאָס שולעכל... בעט איכ זיכ, הייסט מענ מיר שרײַבנ פּראָשעניעס, נו, שרײַב איכ פּראָשעניעס... הענגט עס אזוי... דערווײַל רוקט אָנ די צײַט, מאָנט מענ בא מיר דרײַ הונדערט רובל פאר ביניאָמינענ... אונ ער שרײַבט, אַז פּאַרטרעטנ מאַכנ קאָנ ער שוינ, באָרעכאַשעמ, נאָר פאַר-דינענ פאַרדינט ער נאָכ נישט. דערווײַל פאָרט ער אריבער אַפּ א בע-סערנ אָרט אונ וועט מיר שרײַבנ פונ דאָרט!

זעט איר, פונ דער ערשטער טאָכטער וואָלט איכ יאָ נאכעמ געהאט. א צאדייקעס, שוינ פינפ קינדערלעכ, באַרעכאשעמ... נאָר אז עס גייט, גייט! מאכט זיכ א מייַסע, א סיבע, ראכמאָנעליצלאנ! געטאָנ האָב איכ מיט א סויכער פונ בראטקאָוו, מיט אנ אָנגעשטאָפּטנ אויפֿשער. נו, גייט נאָכ א פּאָר יאָר דער יונגערמאנ אראָפּ פונ קעסט אונ הייבט אליינ אָנ צו האנדלענ מיט האָלצ. איכ בינ אפילע געווענ בארויגעז דערופ, — זיצ אונ לערנ נאָכ א פּאָר יאָר! מיילע, איכ בינ שוינ געוווינט, אז מיכ הערט מענ נישט. מאכט זיכ אָבער צווישנ טאטנ מיטנ זונ מאכלויקעס. דער טאטע הייסט קויפנ, נעמט ער אונ פארקויפט, אונ פארקערט. הייַנטיקע צייַטנ: די אייער זייַנענ שטענדיק קלייגער פאר די הינער... איז ער דאָכ אָבער מייַנ אײדעמ, אונ בעטעווע א קאָשערער יונגערמאנ, האָט ער מוירע, ער זאָל נישט אויווער זייַנ אפּ קיבעד-אָוו, ציט ער זיכ אויס קיינ ראכאָוו. דאכט זיכ, גלייַכ? בא דער ווייַקסל! פאלט ער אריַינ, נישט, כאָלילע, מיטנ מיסכער, גאָר פארקערט, דאָס געשעפט גייט, קיינ מייַסע נישט. נאָר גאָר א זייַטיקע זאכ! מאכט זיכ אינ ראכאָוו א סרייפע. יאָגט די פּאָליציי, מע זאָל ראטעווענ. שטייט א טויבער ייד אונ הערט נישט, וואָס מע וויל פונ אימ. קומט אָנ א נייַער סטראזשניק, ווייסט ער נישט, אז דער ייד איז טויב אונ הערט נישט, מיינט ער — א מוירעד-בעמאלכוס, דערלאנגט ער אימ אינ קארק. איז דאָכ מייַנ אײדעמ א ברענ פונ א יונג, קאָנ ער קיינ אוולעס נישט לייַדנ, נעמט ער זיכ אָנ. צומ שלימאזל קאָנ ער א ביסל רוסיש — רעדט ער אנטקעגנ. א וואָרט צו א וואָרט — ער לייזט א קלאפּ! מיילע, אז מע קריגט א קלאפּ, איז נאָכ קיינ אומגליק נישט. ווייַזט זיכ אָבער ארויס, אז דער באלעבאָס פונ הויז איז געווענ פריש אסעקורירט, שיקט די אסעקוראציע אראָפּ אירנ א מענטש; איז ער כויקער-וועדוירעש, צי עס איז נישט געווענ אונטערגעלייגט. טייַנעט דער באלעבאָס, אז ער איז דעמ טאָג גאָר אינ דער היימ נישט געווענ,

ער איז גאַר געווען אַפּ אַ יאַריד ערגעץ אין דער סוויווע. זאָגט דער כוויקער-וועדווירעש: איפּכאָ מיסטאַווראָ! ווי קומט אַ באַלעבאָס, וואָס פירט קיין מיסכער נישט, אַפּ אַ יאַריד? האָסטו געהייסן אונטערלייגן! זוכט מען די שוטפים צו דער אוויירע, פאַלט דער כשאַד אַפּן טויבן יִיד מיט מיַין איידעם; באַשער בעכיין, זיי האָבן נישט געלאָזט ראַ-טעווען... זעצט מען זיי דערוויַיל איַין! ווערט אַ גוואַלד, איז מען מוי-דיִע דעם מעכוטן, קומט ער צו לויפן און וויל שיטן מיט געלט, מאַכט מען, ערשטנס, אַ פּראָטאָקאָל אַפּ כוירעש... צווייטנס, איז עס אַ סימען, אַז דער כשאַד איז אַ כשאַד! וואָס זאָל איך איַיך לאַנג בריַיען? ער איז אָפּגעזעסן זעקס כאָדאָשים און איז בע-דיל האַדאַל געוואָרן! דאָס האָלץ אַפּ דער וויַיקסל האָט זיך צעשלאָגן, די כוויוועס זיַינען געוואַקסן... ער האָט נאָך דעם פּאָטער מיט-געשלעפּט...

די טאָכטער פרעגט מיך אָן, צי קאָן איך נישט צו הילף קומען מיט אַ פּאָר גילדן!

באַ, מע זאָל מיר עפּענען דאָס שולעכל, עפּשער יאָ!

איר האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז עס דרייט זיך צווישן איַיך אַרום אַ יִיד מיט אַזוינע שטיינער אין בויך?

נאָך וואָס האָב איך איַיך געזאָלט דערציילן? איין מענטש דעם אַנדערן העלפט נישט. העלפן קאָן נאָר האַשעמיִסבאָרעך... נאָר הײַנט איז מיר שוין דאָס האַרץ איבערגעגאַנגען, האָט עס זיך אויס-געגאָסן...

אַ פּאָר מיַיל פון אַפּט, — דער קאָפּ איז מיר אַזוי פאַרדרייט, אַז איך האָב פאַרגעסן, ווי דאָס דאָרף הייסט, — זיצט אַן אַרענדאַר, אָבער ער זיצט — אַפּ אַלע יִידן געזאָגט! אַפּילע אַ שאָפל, קוים איוו-ירע, און, ווייס איך, אַ מישפּאָכע! נאָר אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם, ווערט ער פון גאָרנישט אַ פאַקטאָר באַם יונגן פּאָרעץ... אַז דעם פּאָרעץ

האָט זיכ פאַרגלוסט א ו י ס ל ע נ ד י ש אוילעמהאַזע, פאַרט ער זיכ אוועק אונ לאָזט אימ איבער דאָס מילכיקס — עטלעכע אונ זעכציק קי, שאַרט ער! דער פאַרעצ דאַרפ וואָס אמאָל מער געלט — ווערט פונ יאָסלענ — יויסעפ הייסט ער — אַנ אַרענדאַר; צוויי דערפער! אַז גאָט וויל! האָט ער א מאַכטער, דער יויסעפ, א מיידל אַפּילע נישט זייער קיינ שיינס, קענג מײַנע — קעקויפ ביפנײי אַדאָם... נאָר געטוישט וואָלט איכ מיכ. א שטילס, א פרומס, אַנ עמעס באַלעבאַטיש קינד. איכ ווייס נישט, ווי עס קומט גאָר אינ דאָרפ אַרײַנ צו אַזאַ אַמאָרעצ! א ווײַב האָט ער — עט, איכ וועל נישט באַריידנ, נאָר אינ א ייִדיש הויז אַרײַנ קאָנ מענ זי נישט לאָזנ. אַז זי קומט אַפּ יאָמימנוויראָים קיינ אַפּט, האָבנ די ווײַבער אינ שול דעמ גענעמ — אַנ אופגעקומענע (אמאָל א שיפכע געווענ) שטיק מאַרשאַס! נאָר ווײַטער דאָס אייגענע — אַז גאָט וויל, געראָטנ קינדער אויכ. איר האָט געזאָלט זענ איר דאַוונענ אַלע אינדערפרי; איר האַכנאָסאָס-אָרכימ, אַז עמעצ קומט אינ דאָרפ אַרײַנ; איר דערעכערעצ פאַר א ייִד א לאַמדנ... וואָס זאָל איכ אײַכ זאָגנ? א בראָכע פונ גאָט. קומט ער אמאָל, דער יאָסל, דאַכט זיכ ראָשעשאָנע צי סוקעס, צו מיר צו, אַפּ דער מיזרעכ-וואַנט אַרופּ, אונ מאַכט צו מיר: רעב באָזמ, איכ גיב עלעפ קאַרבנ! — ביניאָמינ, הייסט עס, איז אימ אינ די אויגנ אַרײַנגעפאַלנ... מע האָט נאָכ דעמאָלט נישט געוווּסט, וואָס אינ אימ שטעקט, אונ א שיינ ייִנגל איז ער געווענ אונ מיט א ראַכמאָנעס-פּענעמל... מיילע, וואָס זאָל איכ אײַכ זאָגנ, ווערט מיר הייס אינ אַלע אייוורימ. יאָ, טאַקע ראָשעשאָנע איז עס געוואָרנ, פאַרנ לאַמנאַצייאַכ, מע האָט געוואַרט אַפּנ באַלטקיע... זאָג איכ אימ: „נישט אַצינד איז די צײַט!“ איכ וויל דאָכ נישט צופאַלנ, ווי צו א הייסער בולקע, „נאָכ יאָמטעוו, זאָג איכ, שיק א שאַדכנ!“ איכ זאָג אימ „דו“, איכ קענ דאָכ אימ, זינט ער איז נאָכ וויים-איכ-וואָס געווענ — באַמ בעקער גענעכטיקט, געוואָלט זיכ פאַר

א באהעלפער שטעלן, און האט זיך קיין איוורע נישט געקאנט אויס-
לערנען... שיקט ער נאך יאמטעוו א שאדכן. מיין בינימין, פארשטייט
זיך, שטעלט זיך קאפויר; זי, אלעהאשאלעם, איז שוין גאר שוואך
געווען, האלט זי מיט בינימינען. אהער, אהין, איך ווער דערוויל
געוואר, אז דער אייגענער שאדכן האט איבערגעדרייט דעם אייסעק
אפ א שידעך פון ווארשע, מיט א פלייש-הענדלער. עפשער קענט איר
אים, רעגנבויגן הייסט ער. נו, פארפאלן, נישט קיין זיוועג אפגענעמ.
ווער איך יענע וואך געוואר, אז דער אייגענער רעגנבויגן שטעלט צו
פלייש אין טפיסע אריין און איז א קארעוו-לעמאלכום — אויסגע-
קאכט מיט אלע קנעפ. דארף איך דאך וועגן דער שול א פראטעקציע,
פרעג איך מיך נאך — עס האט מיך געקאסט גענוג געזונט און טיר-
כע, — ווו דאס פארפאלק וווינט, און לאז מיך אהין, זי קען דאך מיך,
וועט זי בעטן דעם מאן; ער — דעם פאטער, עפשער וועט עס פויעל-
יויצע זיין, זאל כאטש זיין אן עק; אדער עפענען, אדער אפזאגן! לא-
מיך נישט הענגען אינדערלופטן, וועט מען מיר אפזאגן — לאז איך
מיך צופוס קיין אפט. דארט, ווי-עס-איז, וועט מען מיך נישט לאזן
אויסגיין אין דאכקעס. ווארשע איז דאך א טהאם! קום איך אהין —
לאזט זיך וועגן פראטעקציע אויס א בוידעם, עס איז גארנישט דאס
פאך. מיין אייסעק איז אין ראטהויז, און ער שטעלט צו צום פאוויאק...
עס איז גארנישט דאס, א שפאס — ווארשע!

דערוויל האט מען מיך פארבעטן אפ שאבעס. ער אפילע נישט.
א ווארשעווער פראנט, און איך — איר זעט דאך! קוקט ער אפ מיר
ווי א האן אין בניי-אדאם — ער וווינט דאך אפ דער מארשאלקאווסקי
גאס! נאר זי, זי ווייסט דאך, ווער איך בין! כאלעשט זי, איך זאל קו-
מען. זאלט איר זען א באלעבאטישקייט! דריי שטובן מיט א קיך,
געבעט מעבל, און דער פאטער אירער שיקט פון דארף פון אלעם גוטן:

מעל, הינער, אינדיקעם — און זי איז א קאָשערע צנוע, אזא מינ גוטס-קינט, אזא יידישער כיינ... טראָגט אפילע נישט די אייגענע האָר... און דער באָכער מוז זיכ, איר צוליב, וואשנ צום עסנ, מוז בענטשנ, זי לאָזט אים נישט אָפּ... אָ!

טראַכט איכ מיר — — נאָר וואָס העלפט דאָ טראַכטנ? נישט באַ-שערט געווענ! נאָר ביטער אפנ הארצ איז מיר געוואָרנ. וויים איכ, צי מיינ ביניאָמינ וועט אמאָל כאסענע האָבנ און ווער זיינ זיווג וועט זיינ?

מער אהינ גיי איכ נישט!

מעשופע

קוים האָט דער אַלטער מענאַשע געענדיקט זײַן בצאָס מיט א צולאָג פון עטלעכע קאַפּיטל טילים, איז שוין דער בלאַ-סער זומערדיקער פרימאָרגן געלעגן אין פענצטערל פון קעלער-שטוב.

טרויעריק, מיט מידע אויגן, קוקט מענאַשע אפן פריש-געבוירענעם טאָג. ער קנאַקט זיך אויס די דאַרע פינגער, פאַרמאַכט דאָס טילימל, פאַרלעשט דאָס קליינע נאַפט-לעמפל און שטעלט זיך באַם פענצטער. ער קוקט ארופ צום שמאָלן פּאַס הימל, וואָס בלייבט זיך הויך איבערן ענגן געסל, און אין דער ראַם פון זילבערנעם באָרד און פּיאות, אפן גרינלעכן אײַנגעשרומפּענעם פּאָנעם, באַווײַזט זיך א בלאַסער שײַן פון א טרויעריקן שמייכל.

— אָפּגעגעבן — טראַכט ער — דעם פּיקאָדן! א שיינעם דאַנק, ריבוינעשעלוילעם!

— און נייטיק—זיפצט ער—האָרפסטו מיך דאָ, ריבוינעשעלוילעם! ווילסט נאָך א כצאָס, דאַרפסט נאָך א קאַפּיטל טילים... האָ? עס פעלט דיר!

ער דרייט זיך איבער צו דער שטוב און טראַכט, אַז לויט זיין סייכל וואָלט גלייכער געווען, אַז אין בעט, וואָס ער פאַרנעמט, זאָל שלאָפן זיין אייניקל ריזוקע; זי וואַלגערט זיך נעבעך אַרום אַף דער פּאָדלאָגע צווישן אַלטוואַרג, מיט וועלכן כאַזם, דער זון זיינער, האַנדלט.

אַז לויט זיין יוישער, דעם יוישער פון א באַסערוועדאָם, וואָלט בעסער געווען, דאָס גלאָז מילך, מיט וועלכן ער לעבט קימאַט איבער א טאָג, זאָל געניסן סאָרע, די שנור זיינע, וואָס לויפט גאַנצע טעג אַרום אַפן מאַרק אָן א לעפל וואַרעמס.

יענקעלען, דעם פרישן צולאָג צו דער מישפּאָכע, וואָלט אויך דער-פון קיין ראָע נישט אַרויסגעקומען.

ברויכן ברויכט ער וויניק, דער אַלטער; עס וואָלט זיי דאָך גרינ-גער געווען, ער זאָל גאָרנישט דאַרפן...

כאַזם איז אָן א מאַלבעש... כאַנע, דאָס עלטערע אייניקל, איז א קראַנקע, וויניק בלוט... דער דאָקטער זאָגט: „בלעדאַטשקע"... הייסט נעמען אַייזן-טראָפּן, טרינקען טראָן... וויין א ביסל... מע זאַמלט פאַר איר א באַזונדער קניפּל... כאַדאָשימלאַנג זאַמלט מען, און עס איז אַלץ וויניק. און די אָרעמע כאַנע וואַקסט נישט; דער סייכל אירער וואַקסט אויך נישט... אַלץ שטאָקט... זיבעצן יאָר—און פאַרשטייט ווי פון צוועלף!

— וואָס האָסטו מיך אַף זיי געוואָרפן, ריבוינעשעלוילעם?

ער הערט זיך איין, ווי שאַרף און אָפּגעריסן כאַזם אָטעמט אין שלאָף. ער זעט, ווי סאָרעס בייניקע האַנט, וואָס האָט, קענטיק, ערשט געוויגט דאָס קינד, הענגט נאָך שלאָבעריק אַראָפּ פון בעט...

ער דערזעט נאָך, אַז יענקעלע דירט זיך אין וויגל. „באַלד וועט ער

שרײַענ אונ די מוטער וועקנ!" אונ מיט אײַלנדיקע, נאָר קורצע טריט, לויפט ער צו צום אייניקל אונ הייבט אָנ שאָקלענ דאָס וויגל.

— אונ עפּשער, — טראַכט ער, זיך אויסדרייענדיק צום פענצ-טער, — ווילסטו, ריבוינעשעלוילעם, איך זאָל נאָך אַט אינ דעם יענ-קעלענ נאָכעס דערלעבנ? איך זאָל מיט אים נאָך בראָכע זאָגנ, איוורע זאָל איך אים לערנענ... האַ?

ווי א רויטער עפּל בליִענ יענקעלעס בעקעלעך אינ שלאָפ. א זיסער שמייכל בלאָנקעט זיך אים אַרומ די קליינע ליפּעלעך... זיי רירנ זיך אופ אונ אָפּ... „דער פרעסער, אינ שלאָפ וואָלט ער געזויגט!"

ער באַמערקט דערווײַל, אַז ריווקע וואַרפט זיך אפּנ געלעגער.

זי ליגט אפ א זאַק שטרוי, צוגעדעקט ביז דער ברוסט מיט א שוואַרצ-געשפּרענקלט לײַלעך. וואָס זי האָט צוקאָפּנס, זעט מענ נישט.

דאָס פײַנ געררויטלטע פּאָנעם מיטנ אלבאַסטער-ווײַסנ, לאַנג-געטאָקטנ האַלדז רירט זיך כיינעוודיק אפ אינ אונטערלאַג פונ צעפּלאָנ-טעטע, שרײַענדיק-רויטע האָר, וואָס פאַרדעקנ דאָס גאַנצע צוקאָפּנס אונ באַרירנ נאָך די פּאָדלאָגע מיט עקנ, וואָס ציטערנ בא ריווקעס יעדנ אָפּעטעמענ.

— מײַנע, אָלעהאַשאָלעמ, אויסנ אויג... — טראַכט דער אַלטער. — הייס בלוט, כאַלוימעס... איר צו לענגערע יאָר!

— ריווקע! — גייט ער צו אונ רירט זי בא דער בלויזער האַנט, וואָס האָט זיך באַפרײַט פונ לײַלעך.

— וואָס? ווענ? — ווערט ריווקע אופגעשראָקנ אונ עפנט ווײַט א פּאָר גרויסע בלויע אויגנ.

— ש... ש... — באַרויִקט ער זי מיט א שמייכל. — א י ך בינ עס... גיי אינ מײַנ בעט אַרײַנ...

— און דו, זיידע? — פרעגט זי מיט א ברייטן, געזונטן געגעץ.

— איך וועל שוין נישט שלאָפן... עס שלאָפט זיך נישט אין מײַנע יאָרן... איך וועל מאכן טיי... האָסט דאָך געהערט באנאכט! זיי וועלן פרי אופשטיין... דער טאטע האָט אן אייסעק אין שטאָט, די מאמע דארף אײַנקויפן פאַר די פּימסנהאָלצנס אף טנאָים...

— וועל איך מאכן טיי, זיידע.

— ניין, ריווקע... דו גיי אין מײַן בעט ארײַן... קאָנסט נאָך לאנג שלאָפן... דו ווערסט הײַנט, האָט די מאמע געזאָגט, נישט גיין אין פאבריק. זי וועט דיך דארפן... שלאָף דיך טאקע אויס...

— אה! — געגעצט ריווקע ברייטער.

זי האָט זיך שוין אלץ דערמאָנט. דער פאָטער איז נעכטן אהיים געקומען מיט א פרייד, אז גאָט האָט אים באשערט א שפּאָר ביסל אלטווארג.

די מאמע האָט אויך געבראכט א בסורע: בא די פּימסנהאָלצס, ווו זי איז אײַנגייערן, וועט שוין ענדלעך זײַן טנאָים, באָטש די קאלע קרימט זיך נאָך; זי וועט האָבן פאַר'ם איריקע און טנאָים וועט זײַן!..

קיין גרויסע האנאָע האָט ריווקע נישט דערפון. אויסשלאָפן טאקע וועט זי זיך, ארומגיין אפן מארק מיט דער מוטער איז בעסער, ווי צו זיצן אין פאבריק, נאָר שפּעטער — דאָס נאָכטראָגן די קוישלעך מיט אייער און הינער, ביפראט דאָס כאפּן אינמיטן גאס אן אנטלאָפענע הון, איז נישט פון די גוטע זיבן זאכן!

נאָר אז מע מוז, מוז מען.

זי נעמט צוזאמען ארום זיך דאָס לײַלעך און שפּרינגט איבער צום אלטנס בעט.

פון שפּרונג האָט דער אלטער ווײטער האנאָע, אויך „זײַן אלטע אויסן אויג”...

איידער דער אלטער האָט פֿײַער געמאכט, איידער ער האָט צוגע-שניצט א קינדל אַפּ עטלעכע דינע העלצלעך; אויסגעלייגט זיי אונטער דער בלעך, באַשיט מיט קליינע שטיקלעך קוילן („טײַערע קוילן", טראכט ער דערבײַ), באַגאָסן מיט נאַפֿט, אונטערגעצונדן און גע-שטעלט אַפּ דער פֿײַערקע אַן אַלטן, פֿון ראָסט רויטלעך געשפּרענקלטן, בלעכענעם טשײַניק, — האָט שוין סאָרע געהאַלטן יענקעלען בײַ דער ברוסט און געוווּנטשן זיך, זי זאָל שוין דערלעבן צו הערן, ווי יענקעלע וועט מאכן אַ בראָכע איבער דער מילך...

די בלאַסע כאַנע האָט זיך אויך אויפֿגעכאַפּט און אויפֿגעזעצט זיך אַפּן בעט.

הינטער דער מוטערס פּלייצעס שפּילט זי זיך מיטן קליינעם ברו-דערל, מאכט אים: „קוקו".

איר קליין קעפּל, די בלייכע באַקן מיט די פֿאַרכאָלעמטע אויגן אין דער ראַם פֿון אַ מאַסע אַש-גרויע צעוואָרפֿענע האָר באַוועגן זיך אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס. די באַוועגונגען אירע זײַנען דאָך צו לאַנגזאַם, דער שמייכל אַפּן פּנים — צו בלאַס און דער בליק אין די אויגן—צו שטאַר, דאָס שפּיל זאָל קאָנען אָפּרײַסן „יענקעלע פֿרעסער", ווי מע האָט אים גערופֿן אין שטוב, באַלד אינדערפֿרי פֿון דער ברוסט.

ער איז שטאַרק פֿאַרטאָן. ער קוקט אַפּ דער שוועסטער, נאָר קיין צײַט צו איר האָט ער נישט.

איין הענטל האָט ער אונטער דער זײַט, אַפּ וועלכער ער ליגט אַפּ דער מוטערס שויס, מיטן צווייטן בייגט ער אַוועק די זוים פֿון דער מוטערס אָפֿענעם העמד, עס זאָל אים נישט פֿאַלן אין פּנים אַרײַן, און קוקט דער-בײַ אַפּ דער שוועסטער געלאַסן און רויִק, — זי וועט אים נישט אַנטלויפֿן...

באַים שטייט שוין אין טאַלעס-און-טפֿילין און דאַוונט, שפּרײַזנ-דיק אויף און אָפּ איבער דער שטוב.

אָפּט שטעלט ער זיך אָפּ. וואַרפט אַן אויג צו סאָרען, קענטיק, ער האָט מיט איר עפּעס צו ריידן, נאָר ער וואַרפט אַ צווייטן בליק אָפּן אַלטן און דאַוונט ווייטער, און שפּרייזט ווייטער איבער דער שטוב.

פאַרן אַלטן האָט ער מוירע.

„דער אַלטער מיינט, אַז עס זיינען נאָך זיינע צייטן, די אַלטע, גוטע צייטן, ווען אַ ייִד האָט צייט געהאַט צו דאַוונען, צו זאָגן וואָרט בײַ וואָרט פון סידער אַוירעכ־כאַים"... היינט איז זיבן סאָכרים אָפּ איין פּאָר אַלטע פּלודערן!

ער האָט אַפילע נעכטן פאַרזאָרגט... די קנינע האָט ער באַדונגען פאַר 6 רובל אָן אַ צענערל, איבערגעלאָזט האָט ער זיבן גילדן מיט צוועלף גראָשן אַדערופּ... אַרויסגייענדיק פון הויז, האָט ער געגעבן אַ זעקסער דעם סטרוזש, ער זאָל, ביז ער וועט קומען, קיין „האַנדל" אין הויף אַריין נישט לאָזן.

אומרויִק איז ער דאָך! ווער ווייסט... איידער ער וועט קריגן אַ שוטעף!

ער טרינקט שוין טיי, האַלטנדיק דאָס גלאָז אָפּ דער שוואַכער האַנט און בלאָזנדיק פאַר יעדן זופּ, און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. שווער צו קריגן אַ שוטעף!

צו ווע מען גייט מען? צום וואַכער? ער וועט אים אָפּשינדן די הויט; צום סקלאַדניק — די קעשענע וועט ער אים אָפּשניידן!

און אַז מע קריגט שוין אַ שוטעף, מוז מען דאָך אים אַוועקגעבן האַלב פאַרדינסט, כאָטש יענער האָט זיך נישט געדונגען!..

אַמאָל קריגט ער בײַ סאָרען עטלעכע גילדן. היינט — ווי! נאָך נעכטן האָט זי אים געזאָגט, אַז עס וועט פעלן צום איינקויפן!

און עפּשער וועט זי אים פאָרט געטרויען פון כאַנעס קניפּל אָפּ אַ טאָג...

ער האָט אָבער מוירע צו פּרוּוון... ער האָט נישט איינ מאָל גע־פּרוּווט און כאַראָטע געהאַט!

ער ווארפט נאָכאמאָל א בליק אפ סאָרענ און עס דאכט זיכ אימ, אז עס איז פאָרט א שאם-האקוישער!

זי האָט שוינ יענקעלענ צוריקגעלייגט. שטייענדיק באַמ וויגל, טוט זי זיכ אָנ און שמייכלט אזוי גוט, אזוי מעכײַעדיק גוט צומ קינד, עס וועט עפשער גיינ!

— איכ האָב באנאכט גערעכנט, סאָרע, — פּרוּווט ער זיכ, — די קנײַע איז גאָר א גוטע! כ'וועל באַרעכאשעמ פארדינענ...

— האלעוויי, ריבוינעשעלוילעמ, — ענטפערט סאָרע, — זאָל עס זײַנ אינ יענקעלעס זכות! זײַט ער איז געבוירנ, מאכט זיכ געשווינ־דער אמאָל א פארדינסט!

— איכ מיינ, — ווענדט כאַימ אָפּ מיט א כניפּע-שמייכל, — אַז עס איז אונדזער כאנעס זכות; הערסטו, סאָרע, — באַמ קויפנ האָב איכ מיר אזוי געטראכט: בעלי נעדער אובעלי מאסקאָנע, וועט מענ פונ פארדינסט אראָפּנעמענ פאר כאנענ כאָטש א דריטל! און, ווי איכ טראכט אזוי, ווערט די פּריצע ווייכ ווי א פּוטער, און לאָזט אראָפּ איינ צענערל נאָכנ צווייטנ!

— איז אוואדע גוט, — שמייכלט אימ סאָרע צו, און ווערט — דאכט זיכ אימ — יונגער און פרישער... „אמאָליקע יאָרנ — פליט אימ דורכ א געדאנק — וואָס דענ... ווענ סאמע גוטע צײַטנ“... ער האָט אָבער ווייניק צײַט צו אזא קלער...

— אקלאל, איז כאנע א שוטעפטע.

— מאכטייסע! אזא יאָר אפ מיר!

— יאָ, אָבער, — שטאמלט ער, — אז כאנע זאָל זײַנ א שוטעפּ־טע — טאקע, איכ רעכנ בעפּיירעש אפ איר מאזל, — נאָר, אַז א שוטעפטע...

— איז וואָס? — פרעגט סאָרע מיט אופגעשטעלטע אויערן און אויגן... זי איז אים שוין עפּעס בווישעד; ער פירט שוין צו עפּעס... ער וויל שוין עפּעס!

— איז וואָס?

— מיין איך טאקע, זי זאָל זײַן אַן עמעסע שוטעפטע... זי זאָל אַרײַנלייגן אין מיסכער אַ ביילעק געלט.

— וואָס? וואָס זאָגסטו? — סאָרע גלייבט נישט אירע אייגענע אויערן. און אַז ער ענטפערט נישט, שפּרינגט זי אים אַנטקעגן:

— גאַזלען, רעצייעך! — דאָס איז אַ טאַטע... דאָס איז אַ מאַן! ער ווייסט, דאָס קינד איז אַזוי קראַנק... אַז איך האָב אַ ניידער געטאָן נישט צו ספּעקולירן מיט איר געלט... עס איז דאָך איר שווער פאַר-אַרבעט געלט! בלוטיק געלט... די קוישלעך טראָגט זי מיר נאָך... קריגט אַמאָל פאַרן וועג... איך דערלייג איר עפּעס...

סאָרע קאָן זיך גאָר נישט באַרויִקן...

באָים וויל עפּעס ענטפערן; דער אַלטער לאָזט נישט.

— שווײַג שוין בעסער, באָים, שווײַג — מאַכט ער — זעסט דען נישט, אַז סאָרעלע האָט רעכט... גיי, זוך דיר אַ שוטעפּ... רײַס נישט אײַן די וועלט... לעב און לאָז לעבן.

באָים נעמט שטילערהייט אין טאָרבע אַרײַן אַ שטיק ברויט מיט אַ ציבעלע און גייט אַרויס. עס באַלייט אים דעם אַלטנס שפּרוך:

— האָסט געזען, ווי פייגעלעך קלויבן בראָקן אָפּן הויף? אַ גרויסן בראָקן נעמען צוויי...

— נישט פיל רויִקער שלאָפט ריווקע אין אַלטנס בעט. אינעם יונגן קאָפּ וואַלגערט זיך אַרום אַ געדאַנק, וואָס לאָזט נישט פעסטער אײַנ-שלאָפן... אַ „באַגעגעניש“ האָט זי געהאַט!

איינמאָל פאַרנאַכט, אַהיים גייענדיק פונ פאַבריק, האָט זיך איר אפנ טראָטואַר אַ יונגערמאַנ באַגעגנט. זי גייט גלײַך, מיינט, ער וועט אָפּטרעטנ, ער טוט עס אָבער נישט, אונ קוקט איר נאָך גלײַך אינ פּאָנעמ אַרײַנ מיט אַ פּאָר גרויע לוסטיק-לאַכנדיקע אויגנ, אַז זי איז רויט געוואָרנ. זי האָט זיך גענומענ אינ אַ זײַט אונ געלאָזט זיך אַהיים מיט געשווינדערע טריט. נעמענדיק זיך אינ אַ זײַטנ-גאַס, האָט זי זיך דאָך, נישט גערנוויליק, אומגעדרייט אונ דערזענ, אַז ער שטייט נאָך; ער שטייט אפנ זעלבנ אָרט אונ קוקט איר נאָך מיטנ אײַגענעמ שמייכל, מיט די צוויי שורעס ווײַסע ציינ.

„זי וועט עס כאַנענ דערציילנ", טראַכט זי, אונ האָט עס דאָך נישט געטאָנ. „וואָס וועט זי, די אָרעמע, קראַנקע כאַנע, פאַרשטיינ?"

עטלעכע טעג שפּעטער איז ער איר ווידער אַקעגנ געקומענ. דאָס האַרצ הייבט איר אָנ געשווינדער צו קלאַפּנ, זי שעמט זיך אופצוהייבנ די אויגנ, גייט געשווינד פאַרבײַ, נאָר אַזוי אומגעלומפּערט, אַז זי איז שיר נישט געפאַלנ אפנ גלאַטנ טראָטואַר.

אינ גאַנג דאַכט זיך איר, אַז זי פילט, ווי זײַנ העלער, לוסטיקער שמייכל גליטשט זיך הינטנ אפנ בלויזנ האַלדז.

אונ דאָס שרעקט זי; עס דאַכט זיך איר, אַז אַלע אינ גאַס קאָנענ עס זענ! אונ אַנטלויפט נאָך געשווינדער.

איינמאָל איז ער איר ווי פונ אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסנ.

זי האָט אויסגעשריִענ: אַך! אונ ער שטייט איר אַקעגנ אונ פאַר-שטעלט איר דעמ וועג.

— דאַכט זיך, — מאַכט ער, — איך האָב דאָס גליק זי צו קענענ, פרײַלנ!

„פרײַלנ" האָט ער געזאָגט!

דאָס ווערט זי בייז, מײַדט אים אומגעדולדיק און נאָך האַלב דער-שראָקן אויס. און דאָך, מוז זי זיך מודה זײַן, אַז אַ שטימע האָט ער זייער אַן אָנגענעמע, „אַ גאָלדענע שטימע“, זאָגט איר אונטער דאָס האַרץ...

פון דעמלט אָן טרעפן זיי זיך קימאַט יעדן אָוונט. זי רעדט נישט צו אים, שווײַגט, נאָר אַנטלויפן אַנטלויפט זי שוין נישט...

און ער פירט זי יעדן אָוונט אָפּ פון פאַבריק.

זיי גייען צוזאַמען און שווײַגן.

אָפּט האַלט זי זיך נישט אײַן און וואַרפט אַ אים אַ בליק פון דער זײַט...

„די וואָנצעלעך זײַנע...“

און דערויף ענטפערט ער מיט נאָך אַ ליכטיקערן שמייכל...

מאָדנע אויגן האָט ער... טיילמאָל, דאַכט זיך, פליִען פון זיי גאָל-דענע שטראַלן!

דערווײַל איז מען דערפון געוואָר געוואָרן אין פאַבריק; כאַווער-טעס האָבן באַמערקט און געמאַכט דערפון אַ גערייד.

מע לאַכט פון איר, מע וויצלט זיך אָפּ איר כעזשבן.

יונגהײַט — נאַרהײַט, — זאָגט מען, — הײַנט אַנטלויפט זי, מאָרגן וועט זי נאָכיאָגן...

„נישט דערלעבן וועלן זיי עס!“ טראַכט ריווקע.

— זי וועט אַרויסשטעקן די צונג, ווי אַ שעפּס צו זאַלצ... ווי נעמט מען עס...

ריווקע פאַרבײַסט די ליפּן און שווײַגט.

— און אַ שיינער יונג, — זאָגט מען, — אַ גאָלדענער יונג! האָר, אויגן, אַ נאָז — ווי אָפּגעטאָקט. פון וועסטן-טאַש שלעמ-פּערט זיך נאָך אַ גאָלדענע קייט מיט עפּשער צען גאָלדענע ברעלאָקן!

ריווקע פילט זיך א ביסל שטאָלצ.

— עפשער טאָמבאק? — איז איינע מעסופעק.

— כאָלילע! — טראכט ריווקע... אנדערע זאָגנ אויך:

— גיי שוינ, גיי... מע זעט, — א גווירעש קינד!

וווּנדערט מענ זיך נאָך מער:

— ווילסט נאָך נישט שפּילנ קיינ ליבע, נאָך צײַט! אָבער סייכל האָב: רייד א גוט וואָרט, נעם קליינע מאטאָנעס, כאַפּ אָנ אָנבײַסנ... צוקערקעס... בילעטנ אינ טעאַטער ארײַנ.

עמעצ לאַכט העל אופ:

— אוואַדע! נעמענ ווי א בייז פערד... נאָר גענאַרנ זיך לאָזנ, נישט! א מאקע זיי!

עס לאָזט זיך ענדלעך הערנ די עלטסטע מיטנ לאַנגנ בייניקנ פּאָ-נעם, פאַרשפּיצטער גאָמבע אונ זײַטיקע, גרינלעכע בליקנ.

— טע, טע, טע, — מאַכט זי, — א קלייניקײַט, וואָס דאָס האָט צו פאַרנאַרנ! כופּע-שטאַנגענ וואַרטנ, האָוודאָלעס שוינ גרייט. נאדנ, — ווי הייסט? א שלאָל! שאַדכאָנימ רײַבנ אָפּ די שוועל, כאַסאַנימ רײַסנ די טירנ!

ריווקע פאַרבײַסט שאַרפער די ליפּנ, בייגט טיפער דעמ ברענענ-דיקנ קאָפּ איבער דער ארבעט, אונ צוויי הייסע טרערנ פאַלנ איר אָפּ די הענט, וואָס זײַנענ באַשעפטיקט בא דער מאַשינ.

אונ דאָס לאָזט זי נישט שלאָפנ!

נײַנ! זי וועט גאָרנישט, גאָרנישט נעמענ!

קיינ בילעט אינ טעאַטער ארײַנ אוואַדע נישט!

איינמאָל האָט מענ זי פאַרהאַלטנ שפּעט באַנאַכט אינ פאַבריק; נייטיקע ארבעט געווענ... איז די מאַמע געקומענ צו לויפנ אָנ אָטעמ, אָנ א נעשאָמע... אַז די מוטער האָט זי דערזענ, האָבנ איר די אויגנ

אָנגעהויבן פינטלען, דערנאָך שפּריצן ווי א פאָנטאַן... הינטן, אין פאַבריק-הויז בא די טרעפּ, איז ערשט געשטאַנען דער אַלטער זיידע און געקנאַקט די פינגער...

— געלויבט איז גאָט, — האָט ער געמורמלט, — געלויבט איז גאָט! „ניין, זי וועט עס נישט טאָן!"

סאָרע וויל שוין אויך גיין אין גאַס אַרײַן. זי שטעלט דעם אַלטן א גלאָז מילך באַם טישל, רוקט אים צו יענקעלען מיטן וויגל, און וויל נאָך פאַרזאָרגן עטלעכע קלייניקייטן אין באַלע-באַטישקייט...

דערבײַ האָט זי דאָך צײַט צו קלאָגן זיך פאַרן אַלטן אָפּ דער הײַנ-טיקער וועלט.

— איר האָט דאָך געהערט, שווער, טנאָים דאַרפן זײַן... דער לעצטער טערמין... טעלעגראַפירט, מע הייסט שוין אײַנקויפן... און זי, די קאַלעשי, מאַכט א סקאַנדאַל! זי וויל נישט! זי וויל נישט קיין כאָסן פון פּראָווינצ...זי האָט א וואַרשעווער, זאָגט זי, א וואַרשעווער רײַטשל האָט זי!

כאַנע, וואָס איז ביז אַהער געלעגן מיט אָפענע אויגן צום סופיט און געקוקט, ווי די פליגן רײַסן זיך אָפּ איינע נאָך דער אַנדערער און צעפּליען זיך אין שטוב, דערהערט, וואָס די מוטער דערציילט, זעצט זיך פּלוצעם אויף, אירע געווײַנלעך מאַטע אויגן באַקומען א גלאַנץ... זי הערט, זעט אויס, און אינטערעסירט זיך... זי שפּיצט נאָך אויף די אויערן און עפנט דאָס מויל, ווי צום אײַנשלינגען דער מוטערס ווערטער.

די מוטער איז פונדעסטוועגן זיכער, אַז דאָס פאַרדינסט וועט נישט אַנטרינען! טנאָים וועלן, אימירצעשעם, זײַן! דער אַלטער פּימסנהאָלץ וועט זײַן שטעטל באַשטיין... די „צעגאָסענע פּימסנהאָל-צין" שווײַגט אויך נישט... אײַ, האָט זי נעגעלעך!

— קוידעמקאָל, — האָט מיר די קעכנ פונ דאָרט דערציילט, — האָט מענ געמאַכט א רעוויזיע, געפונענ בריוו פונ עפּעס א דײַטשל א יימאַכשמויניק אונ מע האָט זיי פאַרברענט! דערנאָכ ערשט האָט זי געלייזט, אָבער שיינ געלייזט... בא די האָר האָט מענ זי אַרומגע-שלעפּט.

כאַנע פילט אלצ, די אויגנ ווערנ איר פײַכט, דאָס פּאָנעם — גע-רויטלט אונ פאַרצערט פאַר ראַכמאָנעס.

זי פאַלט צוריק אפנ קישנ מיט א געוויינ.

סאָרע דערשרעקט זיכ, דער אַלטער לויפט אויכ צו.

— וואָס איז, כאַנעלע, וואָס איז דיר געשענ?

— א שאָדע, מאַמע, א ראַכמאָנעס...

— אפ ועמענ, טאָכטער? אפ וועמענ? — וווּנדערט זיכ סאָרע.

— אפ דער ק-ק-קאַלע... זי איז אזא — אזא גוטע... אזא האַר-ציקע... גיט מיר שטענדיק געלט... דאָס געלט, וואָס איכ גיב דיר... זי גלעט מיכ... זי קושט מיכ אמאָל... זי וויל מיכ אפילע לערנענ שרײַבנ.

— נאָר דאָס פעלט מיר! — מאַכט סאָרע נישט גערנ. — צו מײַנע סאָנימס קעפּ, צו זייערע הענט אונ פיס! זי וויל דיר אויכ דעם קאָפּ פאַרדרייענ... זאָלסט אויכ נישט פאָלגנ א מאַמענ.

כאַנע ענטפערט אינמיטנ געוויינ.

— ניינ, מאַמעשי, ניינ! האָב נאָר קיינ מוירע נישט! איכ וועל דיכ שטענדיק פאָלגנ! וואָס פאַר א כאָסנ דו וועסט מיר נישט געבנ!

עס הערט זיכ פּלוצעם א קלינגענדיק געלעכטער.

דאָס לאַכט ריווקע פונ דער שוועסטערס נאַרישקײַט.

— מאַרשאַס, — שרײַט סאָרע, — דאָס קינד איז קראַנק, מעסוקנ קראַנק, אונ זי לאַכט... לאַכנ זאָלסטו, וועל איכ דיר זאָגנ ווי.

— שעלט נישט, סאָרע, — באַרויִקט זי דער אַלטער, — זי איז דאָך אויך אַ קינד.

סאָרע גייט אָפּ פאַרדראָסן און וואַרפט, אַרויסגייענדיק פון שטוב, צו ריווקען אַ באַפעל: שטיי אויף, פּראַנצימערקע... גיב כאַנען טיי, קער אויס די שטוב...

דער אַלטער מענאַשע האָט אויסגעטרונקען זיין מילך און זיך געזעצט צום פענצטערל.

דורכן פענצטערל פון סוטערינע זעט מען נאָר די שמאָלע לאַנגע שאָטן, וואָס די פיס פון די דורכגייער וואַרפן אָפּ די קליינע שויבן. וואָס גרעסער עס ווערט דער טאָג, ראַשער טוישן זיך די שאָטן; טרויעריקער ווערט דער אַלטער. מענטשן אײַלן זיך, לויפן, האַנדלען און וואַנדלען; ער איינער (אַזוי דאַכט זיך אים) טויג שוין צו גאָר-נישט.

ער נעמט זיך צום טילים מיט איווערטײַטש.

מיט אַ ציטעריק קאָל זאָגט ער אַ פּאָסעק לאָשנקוידעש, אַ פּאָ-סעק יידיש, און דירט מיט אַ ציטעריקן פּוס יענקעלעס וויגעלע.

ריווקע זיצט שוין האַלב אָנגעטאָן בײַ כאַנען אויפן בעט. ביידע טרינ-קען טיי. נעבן ריווקען, וואָס שפּריצט מיט פריש לעבן, זעט כאַנע נאָך קרענקלעכער, נאָך בלאַסער און קלענער אויס; נאָך קינדישער.

זיי האַלטן אינמיטן אַ פּאַרטרויטן שמועס.

— איך וועל נישט אויסזאָגן, כאַנע, דערציילן!

— שווער דיך!

— איך שווער...

— בײַ וואָס?

— בײַ וואָס דו ווילסט.

כאַנע קנייטשט איַין דעם שטערן און קלערט אויס:

— באַ יענקעלעס געזונט!

— באַ יענקעלעס געזונט! — כאָזערט איבער ריווקע.

— אַז וואָס?

— אַז דאָס!.. אַז איך וועל נישט אויסזאָגן, וואָס דו וועסט מיר דערציילן...— כאַנע פאַרטראַכט זיך.

— זיצנדיק — זאָגט זי — קען איך נישט... איך וועל בעסער ליגן און קוקן אַפן סופיט; אַזוי פאַרגעס איך אַלץ און פּלאָנטער מיך... אַז איך ליג און קוק אַרוף, זע איך אַלץ פאַר מיר... שטעלט זיך מיר אַלץ אַקעגן...

— נו, לייג דיך, כאַנע...

— דו אויך! לייג צו צו מיר דאָס אויער, עס איז אַ שרעקלעכער סאָד! איך וויל נישט, דער זיידע זאָל הערן!

און כאַנע קנייטשט נאָך שטאַרקער איַין דעם שטערן. זי אָטעמט שווער, ווי פון אונטער אַ שווערער לאַסט. זי פאַלט צוריק אַפן קישן.

שטאַרק פאַרינטערעסירט, שטעלט ריווקע געשווינד אַוועק די גלע-זער און לייגט זיך צו.

דער אַלטער האַקט איבער זיַין טילים, וואַרפט אַ בליק צום בעט און פרעגט:

— נישט גלייַכער אופצורוימען, ריווקע?

— באַלד, באַלד, זיידעשי, — ענטפערט ריווקע, — כאַנע וויל מיר עפּעס דערציילן.

דער אַלטער באַוועגט דעם קאָפּ מיט אַ טרויעריקן שמייכל און הייבט אָן וויַיטער זינגען זיַין טילים מיטן איוורעטשיַטש.

און כאַנע דערציילט מיט אַן איַינגעקנייטשטן שטערן און וויַיט-געעפנטע, קימאַט שטאַרע אויגן, פאַר וועלכע ריווקע שרעקט זיך אַ

ביסל. עס דאכט זיך איר, אז כאַנע דערציילט נישט פון זיקאָרן, נאָר זעט עפּעס פאַר זיך און זאָגט, וואָס זי זעט. און איר שטימע איז אַזוי טיף, און דער אָטעם פילט זיך איר אַזוי הייס...

כאַנע דערציילט:

— ...די קעכן איז ערגעץ אַרויסגעגאַנגען... איך בלייב איינע אַליין אין קיך... אַף דער מאַמענס וואָרט איך: זי דאַרף נאָך מיר קומען.

— ריווקע, — שלאָגט זי זיך פּלוצעם איבער, — ווען האָבן מיר געגעסן הירזש מיט האָניק?

— נעכטן! — ענטפערט ריווקע מיט אַן אומהיימלעכער שטימע.

— איז עס טאַקע געווען נעכטן... יאָ, נעכטן... זיץ איך אַזוי און זופּ טיי. די קעכן גיט מיר שטענדיק טיי... ווען איך קום, גיט זי מיר טיי... און דאָרט איז אַ מעכיישע טיי צו טרינקען... מיט אַ זילבערן לע-פּעלע, עס גלאַנצט... פון טיי ווערט אַזוי וואַרעם אין אַלע אייוורים... און צוקער — הערסט — אַריינגעלייגט.

איך וויל טרינקען צוגעביסן, די רעשט אַהיים נעמען; לאָזט זי נישט, די קעכן. זי זאָגט: צוקער איז פאַר דיר געזונט, זאָגט זי... און קוקט, איך זאָל אַריינלייגן אַלע דריי שטיקער!

אַ פונט צוקער קריגט זי דאָרט, די קעכן; יעדע וואָך אַ פונט צוקער! אַכוץ וואָס זי נעמט אַליין, פון דער זילבערנער פּושקע, וואָס שטייט אין דער ערשטער שטוב... אָפן שטייט זי; איך האָב אַליין געזען! נאָר איך וועל נישט נעמען...

אַף דער פּושקע איז דאָ אַ הירש. די פּימסנהאָלץ האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז עס איז אַ הירש; מיט אַזוינע גרויסע, געדרייטע הערנער... אַן עמעסער הירש.

— אַקלאַל, דו זיצסט אין קיך? — מינטערט זי ריווקע.

— יאָ, זיץ איך אפֿן בעט. אפֿן שיינעם בעט... אוי, האָט עס די קעכן א בעט! דרײַ גרויסע קישנס, ווײַסע ציכלעך, ווי שניי... געשטיקטע לאַנגעטן, עס קוקט ארויס רויט... גרויסע פּערלמוטערנע קנעפּ, ווי פּערציקער גרויס! א געשטעפּטע אטלאַסענע קאָלדרע, אינמיטן — א גרויס ראָד ווי א ברונעם! ארום און ארום — גרויסע אָדלער מיט פֿליגל... פֿון אויבן נאָך א גרינע, זײַדענע קאַפּע... א גאַנצע פּריצטע איז זי, די קעכן; נאָר א גוטע, בעט מיך זיצן אפֿן בעט, צופֿוסנס... שאַרט אוועק די קאַפּע מיט דער קאָלדרע... זי האָט מיך ליב, זאָגט זי, און — ווייסטו פֿאַרוואָס, ריווקע?

— פֿאַרוואָס?

— זי האָט אויך געהאַט אַזאַ מיידל, ווי איך... נישט כאַנע האָט זי געהייסן, נאָר אין מײַנע יאָרן... געשטאָרבן איז זי... האָט זי מיך ליב... זאָגט זי...

— וואָס האָסטו אַ ציטער געטאָן, ריווקע?

— עט, גאָרנישט... דערציייל ווײַטער, כאַנע...

— איך זיץ און זופּ טיי... און זי קומט אַרײַן...

— ווער?..

— די געשלאָגענע קאַלע...

— וואָס? די געשלאָגענע?

— האָסט נישט געהערט? — די מאַמע האָט דאָך דערציילט! יאָ, יאָ, מע שלאָגט זי, ווײַל זי וויל נישט דעם כאָסן.

— אַהאַ! אַקלאַל, זי קומט אַרײַן?

— זי קומט אַרײַן — אַ בלאַסע... רויטע אויגן — הערסט, ריווקע, אין שטוב טראָגט זי אַ בלוי־זײַדן קלייד, אַ שפּאָגל נײַעס, מיט רויטע פּינטעלעך, הינטן שלעפּערן זיך נאָך צוויי לאַנגע, ברייטע, אַטלאַסענע, אויך רויטע, שאַרפן, אונטן באַנייט מיט שוואַרץ־זײַדענע פֿרענדז, און בריליאַנטענע אוירינגלעך; פֿאַרקעמט איז זי אויסטערליש: הויך איבערן קאָפּ אַ קרענצל, אינמיטן קרענצל — אַ טויב מיט צוויי אויסגעשפּרייטע פֿליגל, — פֿאַרשטייסט? פֿון די האָר אויסגעלייגט! די בײַהאָר פֿאַרנומענע הינטן מיט אַ גאָלדענער קלאַמרע; פֿון פֿאָרנט — אַ גאָלדענע שפּילקע, עפּשער צוויי! באַם פּאַסעק ווײַטער אַ גאָלדענע קלאַמרע — אַ פֿאַרבלענדעניש! ווו זי גייט זיך נישט אַ ריר, גיט ווי אַ בליץ!

כאַנע שטאָקט.

— און שוין?

— וואַרט, עס איז אַ גרויסער סאָד, ריווקע, — און זי גיט צו מיט שרעק: — גאָט וועט שטראָפֿן, אַז דו וועסט כאַלילע אויסזאָגן!

ריווקע פארזיכערט, אַז זי וועט נישט אויסזאָגן.

כאַנע לייגט ריווקען אונטער די האַנט, דריקט איר קאָפּ נעענטער צו זיך און דערציילט וויַטער מיט נאָך אַ שטילערער, נאָך אַ טיפּע־רער שטימע.

— זי דערזעט מיך און פאַלט צו צו מיר מיט אַ געוויין.

— וואָס האָט זי פון דיר געוואָלט?

— אַ טויווע האָט זי געוואָלט פון מיר!

— אַ טויווע? זי פון דיר אַ טויווע?

— שטעקט מיר אין האַנט אַריַין אַ האַלבן רובל — דעם האַלבן רובל, וואָס איך האָב נעכטן אָפּגעגעבן דער מאַמען, און נאָך עפּעס...

— וואָס נאָך? כאַנעשי!

„כאַנעשי" אין ריווקעס מויל איז אַ זיכערער שליסל צו עפענען כאַנעס האַרץ.

— אַ בריוו — אַ בריוו זאָל איך איר אָפּגעבן — בעסאַד־סוידעס.

— און דו האָסט גענומען?

— וואַרט, זי לערנט מיך אויס אויסנווייניק דעם אַדרעס; איך קאָן דאָך נישט לעזן! הערמאַן... דעם צווייטן נאָמען האָב איך שוין פאַרגעסן — די גאַס אויך; נומער, דאַכט זיך, פערציק — יאָ, פערציק.

— האָסט גענומען און אָפּגעגעבן? — פרעגט ריווקע מיט אַ פאַר־באָרגענע שרעק.

— נישט אַזוי געשווינד, — ענטפערט כאַנע נאַיוו, — איך האָב פריער געבלאָנדזעט.

נישט דאָס אָבער אינטערעסירט ריווקען.

— עס איז אַ באָכער? — פרעגט זי שאַרף.

— ווייס איך? מיסטאָמע.

— ווינט אליין?

— דאכט זיך, — יאָ, ער אליין האָט מיר געעפנט. איך האָב נאָר א דריק געטאָן דאָס ווײַסע קנעפּל, זי האָט מיך עס אויסגעלערנט.

— ער האָט צוגענומען דעם בריוו?

— צוגענומען.

— געגעבן טשווע?

—טשווע האָט ער נ י ש ט געגעבן. ער וועט שרײַבן אַפּ דער פּאָסט, זאָגט ער, נאָר ער האָט זיך זייער דערפרייט מיטן בריוו. ער האָט פאר גרוים פרייד מיך אַרײַנגענומען אין שטוב, געזעצט אַפּ א בענקל...

— נאָך וואָס?

— פאר גרוים סימכע! ער האָט מיר אפילע געגלעט די האָר — אזוי ווי די מאמע טוט אמאָל א יאָמטעוו, צי שאבעס, ווען זי האָט צײַט...

דערנאָך האָט ער געלאכט און האָט מיך אפילע געקושט... אין מויל אַרײַן, גלײַך אין מויל אַרײַן... דערנאָך די אויגן... שיינע אויגן, זאָגט ער, האָב איך...

ריווקע בלײַבט ליגן ווי פארשטארט...

באַנע פארטראכט זיך א ביסל, און ענדיקט:

— אָבער שפּעטער, אז ער האָט געוואָלט מיר עפענען דעם בו-זעם און אַרײַנשטעקן די האנט, האָב איך מיך פאַרשעמט און בין אַנטלאָפן... ער האָט פארגעסן צו פארמאכן די טיר... אָפן געווען...

— געלויבט איז גאָט... געלויבט איז גאָט... — שעפּטשעט ריווקע מיט א פארשטיקט געוויין...

— וואָס זאָגסטו ריווקע? ריווקע...

— גאָרנישט, באַנע...

— זאָג נאָר, ריווקע, נאָך וואָס האָט ער עס געוואָלט אַרײַנשטעקן אין בוזעם...

— שווײַג! — שלאָגט איר ריווקע איבער מיט שרעק.

צום גליק הערט נישט דער אַלטער. ער איז פֿאַרטיפֿט אין זײַן טילים. ער זאָגט אַ פּאָסעק און פֿאַרטײַטשט באַלד:

„זיי האָבן קיין וואָרט נישט אין מויל... אינווייניק אין האַרץ, הייסט עס, האָבן זיי אַ בראָך... זייער האַלדז איז אַן אָפֿן קייווער. אַ גרוב, הייסט עס, אײַנצושלינגען... און אַ גלאַטיקע צונג האָבן זיי...“

ריווקע הערט זיך אײַן מיט אַ בלאַס פּנים און פֿאַרביסענע ציין... כאַנע קוקט זי אָן דערשראָקן...

א גילגל פונ א ניגנ

אַ טאַלנער ניגנ ווילט איר?

דאַכט זיכ, אינ פלוג, א קלייניקייט—נעמענ א ניגנ פונ א טאַלנער שאַלעסודעס און נאָכזינגענ! עס איז אָבער נישט אזוי, ווי עס דאַכט זיכ!

דער טאַלנער ניגנ מוז געזונגענ ווערנ בערויוו אָמ, כעוורע מוז אימ זינגענ!

אונטערהעלפנ ווילט איר? ניינ, ברידער! מיט דער הילפ פונ פּוילישע כסידימ זינגט זיכ נישט קיינ טאַלנער ניגנ!

איר האָט גאָר קיינ האַסאָגע, קיינ יעדיע אינ נעגינע!

איכ הער דאָכ אַנערע קלעזמאָרימ, אַנערע כאַזאָנימ! עס גרימפּלט זיכ, נישט עס שפּילט, און באַמ זינגענ רײַסט איר אײַכ ווי געקוי-לעטע הענער! אפילע די סיני-ניגונימ קומענ בא אײַכ ארויס מעשונע-

ווילד... און אַנדערע מאַרשן, אַנדערע קאַזאַקלעך? זיי זײַנען נאָך וויל-
דער ווי אַנדערע טענועס און האַוואַיעס! איר זאָגט, עס איז כסידעס!..
בא אונדז זײַנען אַנדערע כסידים!..

פונוואַנען מיר האָבן נעגינעס? עפּשער קומט עס שוין בעירושע
און עפּשער ליגט עס אין דער געגנט!

אין אונדזשער קיעווער געגנט איז איין באַזים אַן אַ פּידעלע!

אַ באַלעבאַטיש קינד, אָדער, ווי מע זאָגט אין יענע קאַנטן: אַ
טאַטנס אַ קינד, מוז האָבן אַ פּידעלע, מוז קענען שפּילן...

איר ווילט וויסן, וויפל מאַנסלײַט עס געהערן צו אַ שטוב, קוקט
אַף די ווענט! וויפל עס הענגען פּידעלעך, אַזויפיל מאַנסלײַט!

אַלע שפּילן: עס שפּילט דער זיידע, עס שפּילט דער פּאָטער, עס
שפּילט דער זון...

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס יעדער דאָר שפּילט זיך זײַנס, שפּילט
אַנדערש, שפּילט באַזונדער!

דער אַלטער זיידע שפּילט סינײַ-ניגונים אָדער אַזוי כאַזאָנישע
זאַכן: אַ „קאָלנידרע", „שוישאַנאַס יאַנקעוו", אַ „גדי קשור-ידים" — אַ
דײַגע וואָס? דער פּאָטער, אַ כסידישער מענטש, צעגייט זיך אין אַ גוט-
יודישן שטייגער! דער זון וויטער — שפּילט שוין פון נאָטן! מע
שפּילט שוין נאָר פון טעאַטער!

אַזוי ווי דער דאָר, אַזוי איז דער ניגון!

* * *

— וואָס טוען כסידים, אַז עס פעלט אַ ביסל בראַנפן? רעדט מען
פון בראַנפן!.. זינגען איינער אַליין, אָן כעוורע, אָן אַ ברען פון אַוי-
לעם, קאָן מען נישט; וועלן מיר ר יי ד ן פון נעגינעס...

נעגינעס, מוזט איר וויסן, איז אַ גרויסע זאַך! גאַנצע טאַלנע איז גע-

שטאַנען אַפן מעלאָוועמאַלקעס, און דער איקער מעלאָוועמאַלקע איז געווען דער ניגון!

עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס זינגט און וואָס ער זינגט...

מיט די אייגענע ציגל קאָן מען שטעלן אַ שול און אַ קלויסטער, לעהאַוודל, אַ פּאַלאַץ און אַ טפּיסע, און גאָר אַ העקדעש!

מיט די אייגענע אויסיעס שרייבט מען סוידעס-האַטוירע און, לע-האַוודל, דאָס גרעסטע אַפּיקאָרסעס! און מיט די אייגענע קוילעס קאָן מען אַרופּ צו דער העכסטער מאַדרייגע פון היסלאַוועס און דווייקעס, און מע קאָן אַראָפּ ביזן שעויל-טאַכטיאָ און וואַלגערן זיך דאָרט ווי אַ וואָרעם אין בלאָטע!

אַ בריוול — ווי מע לייענט עס; אַ ניגון — ווי מע זינגט אים!

נעמט, לעמאָשל, אַ „פּריילעכס"; קאָן עס זיין אַ טאַלנער שאַבעס-שירעדיקע מעלאָוועמאַלקע, — אַ סימכע פון מיצוועס און מייסים-טויווים; און עס קאָן זיין די פרייד פון אַן אויסגעלאַסענעם פויגל אין אַ העפקער-וועלט.

אַ ניגון ברענט, טאַקע „טויכוי ראָצופ אַהאַוואָ" — אויסגעווייקט איז ער מיט ליבשאַפט; נאָר ליבשאַפטן זיינען פאַראַנען אַ סאַך: עס איז פאַראַנען אַהאַוואס האַמאָקוים, אַהאַוואס האַברייוים, אַ ליבשאַפט צו קאָל-ייסראָעל... איינער אָבער האָט גאָר זיך אַליין ליב, צי גאָר, ראַכמאָנעליצלאַן, אַן אייש עס-איש!

אַ ניגון קלאָגט זיך, אַ ניגון וויינט, נאָר איינער וויינט אַפן נאָכאָש, אַפן פאַרלאָרענעם גאַנעידן; אַ צווייטער — אַפן גאָלעס-האַשכינע, אַפן כורבן-בייסהאַמיקדעש, אַפן אונדזער דאַלעס און שיפלעס!.. „ראה עמידתנו...", קלאָגט ער זיך, דער ניגון... און נאָך אַ ניגון וויינט, אַז עמעצן איז אַ יעפייפיע אַנטלאָפן!

עס איז פאַראַנען אַ ניגון פול מיט בענקשאַפט; נאָר צו וואָס בענקט ער, דער ניגון? עס בענקט אַ נעשאָמע צוריק צו איר שוירעש, און עס

בענקט אנ אלטער קעלעוו אָנ ציינ צו יונגע יאָרנ מיטנ יונגנ יעי-
צערהאָרע!

נעמט כאָטש דאָס לידל:

ר' דאָווידל האָט געוווינט אינ וואסילקאָוו —
אינ וואסילקאָוו,
אונ הײַנט וווינט ער אינ טאלנע;
רעב דאָווידל, רעב דאָווידל האָט געוווינט אינ וואסילקאָוו,
הײַנט וווינט ער אינ טאלנע!..

עס זינגענ עס טאלנער, עס זינגענ עס וואסילקאָווער! נאָר אז די טאלנער זינגענ, איז עס אנ עמעס „פריילעכס", שפּריצט עס אונ ברענט מיט סימכע, מיט טײַנעג; זינגענ עס אָבער וואסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צאַר אונ מאָרעשכוירע! אונ ווענדנ ווענדט זיך עס אָנ דער נ ע ש אָ מ ע, וואָס מע גיט אַ רײַ נ אינ ניגנ!..

. . . .

דער ניגנ, מוזט איר וויסנ, איז א סאכאקל פונ קוילעס, אָדער, ווי יענע זאָגנ, — טענער.

די קוילעס, אָדער די טענער, נעמט מענ פונ דער טעווע; זיי איז קיינער נישט מעכאדעש, אונ אינ דער טעווע פעלט נישט קיינ קוי-לעס. אלץ האָט א קאָל, זײַנ אייגענעם קלאנג, אויב נישט גאָר א גאנצנ ניגנ!

די גאלגאלימ, האָבנ מיר א קײַמעלאָנ, זינגענ; טאָג אונ נאכט — „יוימ לעיוימ... לײַלאָ לעלײַלאָ..." האָבנ זייער זעמער... מענטשנ אונ פייגל זינגענ, כײַעס אובעהיימעס זאָגנ שירע... א שטיינ אָנ א שטיינ קלאפּט, מעטאל קלינגט... וואסער, אז עס לויפט, שווײַגט עס נישט; הײַנט א וואלד! באמ קלענסטנ ווינטל זינגט ער דאָך א „וואלאכ", אנ

עמעסן, שטילן, זיסן וואָלאכן! און די באַן, לעמאָשל, — די כּלי-ראָע, מיט די רויט-פּלאַמענדיקע אויגן, אַז זי לויפט, באַטויבט זי נישט מיט איר געזאַנג? אַפילו די שטומע פיש, האָב איך אין אַן אַלטן סייפער געזען, גיבן אויך אַמאָל אַרויס פון זיך אַ קאָל-נעגינע. טייל פיש, שטייט אין סייפער, שווימען פון צײַט צו צײַט צו צום ברעג, קלאַפּן מיט די עקן אין זאַמד, אַפּ אַ שטיין און זינגען זיך דערמיט מעכײַע!

וויניק קוילעס? מע דאַרף נאָר האָבן אַן אויער, עס זאָל די קוי-לעס אויפכאַפּן, ווי אַ נעץ, אײַנזאַפּן, ווי אַ שוואָם!

נאָר פון טענער אַליין איז נאָך קיין ניגן נישט!

אַ הויפן ציגל איז נאָך נישט קיין הויז!

דאָס איז ערשט דער גוף פון ניגן; ער דאַרף נאָך אַ נעשאָמע!

און די נעשאָמע פון אַ ניגן איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטש: זײַן ליבשאַפט, זײַן צאָרן, לײַטזעליקײַט, נעקאָמע, האַרצבענקעניש, כאַראָטע, צאַר, — אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענטש פילט, קאָן ער אַרײַנ-געבן אין אַ ניגן, און דער ניגן — לעבט.

. . . .

וואָרעם איך, ראַבויסים, גלייב, אַז דאָס, וואָס מיך איז מעכײַע, מוז אַליין האָבן אַ כּוים, לעבט אַליין!

און הײַנט, אַז אַ ניגן איז מיך מעכײַע, אַז איך באַקום פון אַ ניגן אַן עמעס כּוים, אַ נײַע נעשאָמע, זאָג איך, אַז אַ ניגן לעבט...

און וועהאָרײַע: נעמט אַ ניגן און צעשנײַדט אים, זינגט אים קאָ-פּויר, כאַפּט פריִער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט די האַסכאָלע מיטן סאָף, נו, האָט איר אַ ניגן? בעסאַכאַקל האָט איר אַלע קוילעס, עס פעלט אײַך קיין איינציקער טאָן, נאָר די נעשאָמע איז אַרויס! איר האָט אַ לעבעדיקע ווײַסע טויב געקוילעט, און אונטערן מעסער איז אַרויס די נעשאָמע!

עס איז געוואָרן אַ מעס, אַ באַרמינען פון אַ ניגן!

אין טאלנע איז באַרוהט קאַשעמעש, אז א ניגון לעבט!

. . . .

און א ניגון לעבט, און א ניגון שטאַרבט; און מע פאַרגעסט א ניגון, ווי מע פאַרגעסט א שויכן-אָפּאַר!

יונג און פריש איז ער אמאָל געווען, דער ניגון! מיט פריש לעבן האָט ער געשפּריצט... מיט דער צייט איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער האָט אָפּגעלעבט זיין צייט, און די קויכעס זיינען אים אויסגעגאַנגען... אַוואַדאי אַוואָטל איז ער געוואָרן... דערנאָך איז זיין לעצטער הויך אַריין אין דער לופט און ערגעץ פאַרשטיקט געוואָרן — ווערייניגט...

נאָר א ניגון קאָן אופשטיין טחיית-המתים...

פלוצעם דערמאָנט מען זיך אן אַלטן ניגון, ער שווימט פלוצעם ארויס און דייסט זיך פון מויל אַראָפּ... נישט ווילנדיק לייגט מען אין אים אַריין א נייַ געפיל, א נייַע נשמה, און קימאַט א נייַער ניגון לעבט...

דאָס איז שוין א גילגול פון א ניגון...

. . . .

איר פאַרשטייט מיך ווייניק... רעדט מיט א בלינדן וועגן ליכט!

ווייסט איר וואָס? מייסעס האָט איר דאָך ליב, וועל איך אייך דערציילן א מייסע וועגן א גילגול פון א ניגון... הערט!

דריי-פיר מייל אונטער באַרדיטשעוו, באַלד נאָכן וואַלד, איז פאַראַנען א שטעטל מאַכנאָווקע; און אין דעם מאַכנאָווקע איז געווען א נישקאָשעדיקע קאַפּעליע קלעזמער. נאָר דער ראָש-יואָרישן זייערער, רעב באַזיל האָט ער געהייסן, דער איז געווען א בעריע פון א מוזי-קאַנט,— פּעדאָצער באַרדיטשעווערס א טאַלמיד. דער רעב באַזיל איז נישט געווען קיין מעכאַדעש פון ניגונים, דאָס הייסט: ער איז נישט

געוועזנ קיינ קאָמפּאָזיטאָר; נאָר אויספירנ א זאַכ, מאַטים זײַנ, פאַרטײַטשנ, מאַמעש אַרײַנלייגנ אינ האַרצ — דאָס האָט ער געקאָנט; אינ דעם האָט שוינ זײַנ גוורע געשטעקט!

א ייִד איז ער געווען א דאַרער, א טרוקענער. האָט ער אָבער אָנגעהויבנ שפּילנ, איז ער פּלוצעם געוואָרנ גאָר אַנ אַנדער מענטש: די אייביק אַראָפּגעלאָזטע ברעמענ האָבנ זיכ לאַנגזאַם אויפגעהויבנ, און פונ די שטילע, טיפע אויגנ איז געפאַלנ אַנ עמעסע שײַנ פונ רוכניעס איבערנ בלאַסנ פּאָנעם. מע האָט געזענ בעכוש, אַז ציינד איז ער נישט קיינ היגער, זײַנע הענט שפּילנ אַליינ, פונ זיכ, און די נעשאָמע פליט ערגעצ אַרום, הויכ, הויכ, אינ אוילאָם-האַזימראָ... טיילמאָל פלעגט ער זיכ פאַרגעסנ און אָנהייבנ זינגענ אויכ, און א קאָל האָט ער געהאַט — א קלאַרנעט, אַזוי קלאָר און אַזוי ריינ...

וואָלט דער כאַימל נישט געווען קיינ פרומער, פּאָשעטער ייִד, קימאַט א טאַם, וואָלט ער זיכ נישט געקווענקלט מיט אַכט קינדערלעכ אינ מאַכנאָווקע. ער וואָלט שוינ ערגעצ געשפּילט אָדער געזונגענ אינ א טעאַטער, און עפשער קאָרכאַזנ געוואָרנ אינ א בערלינ צי פּאַריזש... נאָר אַזוינע לײַט גיט שוינ אַרויס פונ זיכ באַרדיטשעוו. כאַימל טאַם זיצט זיכ אינ דער היים און באָרגט כאַדאָשימלאַנג אינ אַלע שפּײַז-געוועלבלעכ אַל כעזשבנ פונ א באַלעבאַטישער כאַסענע, וואָס מוז דאָכ אַמאָל זײַנ!

און דעמלט האָט זיכ פּונקט געמאַכט א גווירישע כאַסענע! און באַם פּער פונ מאַכנאָווקע, בא בערל קאַצנערס אַלמאָנע.

בערל קאַצנער אַליינ — ווערגנ זאָל ער מיכ קומענ — איז געווען א גרויסער וואָכערניק, א קאַמצנ — נאָכ א גרעסערער. אינ מויל אַרײַנ האָט ער זיכ נישט פאַרגונענ... ער פלעגט אַרומגיינ און קלײַבנ קרישקעלעכ נאָכ די קינדערס עסנ... אַנ אײַזערנ האַרצ האָט ער געהאַט, דער מענטש!

פארנ טויט, קימאט אינמיטנ דער גסיסע, רופט ער צו דעם עלטסטנ זונ, הייסט זיך דערלאנגענ די ביכער אונ ווײַזט אָנ מיט א ברוינבלויענ פינגער, ווו עס איז נישט באצאָלט קיינ ראטע; אונ „פּראָלאָנגירנ, זאָגט ער, כאסוועשאָלעם! הערסט! ביגזייראס קיבוד-אָוו“.

דערנאָכ האָט ער צוגערופנ דאָס ווײַב אונ געהייסנ באהאלטנ דאָס קופּער, וואָס האָט געהאנגענ אפ דער וואנט: „מאכ איך צו אַנ אויג, — זאָגט ער, — איז אלצ העפקער!“ אונ מיט דעם איז אים די נעשאָמע ארויס!

איבערגעלאָזט האָט ער טאקע א האלבנ מיליאָנ!

ווי געזאָגט, כאסענע דער טאָכטער מאכט די אלמאָנע, אונ זי אײַלט צו, ווײַל זי וויל זיך אליינ אויכ לאָזנ רייד א שידעכ; א שטיינ איז איר אראָפּ פונ הארצ! אופגעריכט איז זי געוואָרנ!..

אונ אז כאימל קלעזמער דארפ אויכ כאסענע מאכנ א טאָכטער, ווארט ער מינאכטאם אפ דער כאסענע ווי אפ מאָשיעכנ...

פאלט אָבער אײַנ דער אלמאָנע, אז זי וויל אראָפּברענגענ פּעדאָצערנ פונ באררדיטשעוו.

באשער בעכיינ? עס וועלנ זײַנ קיעווער מעכוטאָנים, קיעווער מעווינים, ווײַל זי צום באדעקנס א נײַעם „אייל מאָלע ראכמים“; נישט, זאָגט זי, קיינ אלטע אָפּגעשלאָגענע הוישײַנע! עס קאָסט אזויפיל, זאָל נאָכ קאָסטנ, אונ זאָלנ די קיעווער זענ!

כאימל איז שיר אויסגעגאנגענ.

אינ שטאָט איז אויכ געוואָרנ א גערודער; מע האָט אים זייער ליב געהאט, כאימלענ; אונ עס איז גלאט א ראכמאָנעס אפּ א ייד אנ עוויענ!.. מע לייגט זיך ארײַנ אפ א פּעשער; אונ סאָפּקאָלסאָפּ איז געבליבנ, אז שפּילנ זאָל טאקע כאימל מיט דער קאפּעלע, נאָר פאר דער כאסענע זאָל ער זיך אראָפּכאפּנ, אפ דער גווירעס הויצאָעס, קיינ באררדיטשעוו אונ ברענגענ פונ פּעדאָצערנ א נײַעם „אייל מאָלע ראכמים“.

כאַמל כאַפּט עטלעכע רובל,— דערפֿון לאָזט ער איבער אַ גרע־סערע העלפֿט דעם ווײַב מיט די קינדער — דינגט אַ פֿור און לאָזט זיך קיין באַרדיטשעוו.

און דאָ הייבט זיך אָן די מײַסע מיטן גילגול.

. . . .

ווי זאָגט מען עפּעס, אָן אָרעמאַן האָט מאַזל! פֿאָרט כאַמל פֿון איין זײַט אַ ר יַ ן קיין באַרדיטשעוו, און פֿעדאָצער פֿאָרט פֿון דער אַנ־דערער זײַט אַ ר ו י ס פֿון באַרדיטשעוו! פּונקט האָט מען אים פֿאַר־בעטן קיין טאַלנע אָפּ אַ מעלאַוועמאַלקע! דער טאַלנער, מוזט איר וויסן, האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון פֿעדאָצערן. „סוידעס־האַטוירע“, פֿלעגט ער זאָגן, „שטעקן אין זײַנע ניגונים! עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער אַליין ווייסט זיי נישט!“

מילע, כאַמל דרייט זיך אַרום ווי אַן אָפּגעסאַמטער אין די גאַסן.

וואָס זאָל ער טאָן? אַהיים פֿאָרן אָן אַן „אייל מאָלע וראַכמים“ טאָר ער נישט — די וועלט וועט זיך קערן! נאָכפֿאָרן קיין טאַלנע אָדער וואַרטן, ביז פֿעדאָצער וועט צוריקומען, קאָן ער נישט — ער האָט אויסגערעכנט הויצאָעס! די גווירע האָט אים ווײַניק־וואָס גע־געבן, און איבערגעלאָזט דעם ווײַב האָט ער אַ סאַך! האָט ער טאַקע ווילד צאַר!

פּלוצעם דערזעט ער אין גאַס אַזאַ מין סצענע:

שטעלט אײַך פֿאָר, אין אַ שיינעם, העלן וואָכנטאָג גייט זיך אי־בער דער גאַס אַ ווײַבל, אָנגעטאָן ביגדיי שאַבעס וועיאָמטעוו, אָדער, ווי מע זאָגט אין יענע קאַנטן, אויסגעפּוצט אין האָניק און אין עסיק... אָפּן קאָפּ טראָגט זי אַ מאָדנעם ציפּיק, מיט לאַנגע, לאַנגע בענדער, סטענגעס פֿון פֿאַרשיידענע לעבעדיק־שרײַענדיקע קאָלירן!

אין דער האַנט האַלט זי אַ גרויסע ווײַסע זילבערנע טאַץ.

דעם ווײַבל גײען נאָך קלעזמער און שפּילן, און דאָס ווײַבל גייט טאַנצנדיק. טײלמאָל שטעלט זי זיך אָפּ מיט די קלעזמער פאַר א שטיב אָדער פאַר א קלייט און מאַכט א טענצל אפן אָרט... די מוזיק רופט ארויס מענטשן פון אלע זײַטן, טירן און פענצטער זײַנען אָנגע-פּראָפּט — קאָפּ אף קאָפּ...

די מוזיק שפּילט, דאָס ווײַבל טאַנצט, די קאָלירטע בענדער צע-פליִען זיך אינדערלופטן, די טאַץ בלאַנקט און בליצט... דער אוילעם שרײַט: „מאַזלטאָוו" און וואַרפט מאַטבייעס; דאָס ווײַבל טאַנצט אונ-טער און כאַפּט זיי אַרײַן אין טאַץ, — די מאַטבייעס בליצן און קלינ-גען צו צום טאַקט...

וואָס איז עס? א קלײניקײַט: באַרדיטשעוו איז א יִדישע שטאָט און האָט יִדישע מינהאָגים; אזוי איז מען זיך נויהעג צוזאַמענצונע-מען אף האַכנאָסעס-קאַלע!

כאַימל האָט געוווּסט פון מינהעג. ער האָט געוווּסט, אז די ווײַבער קלערן זיך אוים טענץ און פּעדאָצער אליין מאַכט פאַר יעדעס מאָל א נײַעם ניגן; דאָס איז שוין זײַן מיצווע געווען! מע קומט צו אים, מע דערציילט אים פון דער קאַלע, פון איר מישפּאָכע, פון שידעך, פון דאַלעס... ער הערט שווײַגנדיק, מיט פאַרמאַכטע אויגן, טײלמאָל פאַר-שטעלט ער זיך דאָס פּאָנעם מיט די הענט, און אז מע ענדיקט, עס ווערט שטיל, הייבט אָן פּעדאָצער צו ברומען א ניגן...

דאָס אלץ האָט כאַימל געוווּסט. וואָס דען שטייט ער מיט אָפענע מויל און אויערן?

ער האָט נאָך אזא „פריילעכס" נישט געהערט: עס לאַכט און ווײַנט צוזאַמען; עס פילט זיך אי צאַר, אי טײַנעג, האַרצווייַ און גליק; אלץ אויסגעמישט, צוזאַמענגעשמאָלצן... אן עמעסער יעסוימעס א כאַסענע!

פלוצלינג איז ער אונטערגעשפּרונגען: ער האָט, וואָס ער דאַרף!

צוריקפאַרנדיק פון באַרדיטשעוו, האָט דער באַלעגאָלע אופגענומענע פאַרשווינען. כאָמאַל האָט אים נישט געווערט. און די פאַרשווינען, און גראָד מעוויינים, האָבן דערציילט, אַז אַזוי ווי זיי זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין וואַלד, האָט כאָמאַל אָנגעהויבן צו זינגען.

געזונגען האָט ער פּעדאָצערס „פריילעכס"; נאָר דערפון איז שוין געוואָרן גאָר אַן אַנדער זאַך, דער מאַזלטאָוו פון האַכנאָסעס-קאַלע איז מעגולגל געוואָרן אין אַן עמעסן „אייל מאָלע ראַכמים".

און אינמיטן שטילן געראַוש פון ביימער איז אַרויסגעשוווּמען אַ שטילער, זיסער שטילער ניגון...

און דעם ניגון, האָט זיך געדאַכט, האַלט אונטער אַ גרויסע, נאָר אַ שטילע קאַפּעליע מעשוירערים, דאָס האָבן געראַוישט די ביימער אין וואַלד...

שטיל און האַרציק האָט זיך דער ניגון געקלאָגט; געבעטן זיך ראַכמים, ווי אַ קראַנקער בעט אָפּ זײַן לעבן...

דערנאָך הייבט דער ניגון אָן צו זיפצן, צו בעטן זיך מיט קורצע אויסגעשרייען; מע פילט, אַז עמעץ קלאַפּט זיך אין האַרץ אַרײַן „אַל-כעט"— צי איז עס יאָמקיפּער, צי זאָגט עמעץ ווידוי?

נאָר העכער, און אין איינוועג צעבראָכענער, ווערט דער קאָל; וואָס אַמאָל אָפּגעריסענער, ווי פון טרערן דערשטיקט, ווי פון יעסורים אױ-בערגעהאַקט,— דערנאָך עטלעכע טיפערע זיפצן, אַ שאַרפער אויסגע-שריי! איינער... אַ צווייטער, און פּלוצלינג רײַסט זיך עס אינגאַנצן אָפּ, שטיל,— עמעץ איז געשטאָרבן...

דער ניגון וועקט זיך ווײַטער אויף, און ער פאַלט שוין אַרײַן אין הייסע, ברענענדיקע געשרייען. און די געשרייען פליִען, יאָגן און פּלאָנטערן זיך; עס ווערט אַ הימל-געשריי, אַ יאָמער — ווי בײַ אַ לעווייע!

און אינמיטן דער לעוואַיע שווימט אַרויס אַ דין, ריין קינדיש קאָל; איז עס נאַס, ציטעריק און דערשראָקן.

קאַדעש זאָגט אַ קינד!

און עס גייט איבער אין אַ שטייגער: הויראַיעס, דימיוינעס, טויזנטער געדאַנקען, וואָס גייען לאַנגזאַם איבער אין זיסע, באַרעמהאַרציק-זיסע מעלאָדיען... עס טרייסט, עס רעדט אײַן... און מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזאַ מעסירעסנעפעש, מיט אַזאַ פעסטן גלויבן, אַז עס ווערט ווײַטער גוט, ווײַטער זיס; עס גלוסט זיך ווײַטער צו לעבן. עס ווילט זיך לעבן, עס ווילט זיך האָפן!

אויסגעגאַנגען זײַנען שיר די מענטשן.

— וואָס איז עס? — פרעגן זיי.

— אַן „איל מאָלע ראַכמים", — ענטפערט רעב כאַיִם, — פאַר קאַצנערס יעסוימע אַן „איל מאָלע ראַכמים"!

— נישט קעדײַ אַפילע, — ענטפערן זיי, — אַן אַווייִרע דער ניגן, נאָר די וועלט וועט איר אָפּנעמען, ר' כאַיִמל, די קיִעווער לײַט וועלן אויסגיין...

די קיִעווער לײַט זײַנען נישט אויסגעגאַנגען!

בײַ די קאַצנערס איז שוין קיין ייִדיש באַלעבאַטישע כאַסענע נישט געוועזן... און דער „איל מאָלע ראַכמים" האָט פאַרן אוילעם נישט געפּאַסט.

די קיִעווער לײַט ווילן בעסער טאַנצן מיט דאַמען. נאָך וואָס „שטייגער"? נאָך וואָס „מאָראַלישע" זאַכן?

און גלאַט נאָך ווערן אַן „איל מאָלע ראַכמים"? נאָכן אַלטן קאַמצן?

דער אַלטער קאַמצן זאָל לעבן, וואָלט די קאַלע קיין העלפט נאָדן

נישט געהאט, קיין אויסשטייער אוואדע נישט, עס וואָלט די כאסענע גאָר אַן אנדער פּאָנעם געהאט! זאָל ער הײַנט אופשטיין און זען דאָס ווייַס אטלאסענע קלייד מיט שפּיצן, דעם שלייער; זאָל ער זען די ווייַנען, די טאָרטן, די פישן און פליישן, אונטער וועלכע עס ברעכן זיך די טישן, — וואָלט ער דאָך נאָכאמאָל געשטאָרבן און — שוין נישט אזוי לײַכט ווי פריִער!

און וואָס דאַרף מען די גאַנצע צערעמאָניע, די גאַנצע באַדעקנס... אַלטע נאַרישע מינהאָגים!

— געשווינדער! — שרייַט דער קיִעווער אוילעם.

דער אָרעמער כאַימל! ער האָט אָפּגעשטעלט די קאַפּעליע, מיט האַרצקלאַפּן געצויגן דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס... דער פּראָ־סטער אוילעם האָט שוין אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, בא טייל רינען שוין טרערן, — און דאָ גייט איינער, א קיִעווער, א געשריי:

— וואָס איז דאָ? א כאסענע צי א לעווייַע?

און אז כאַימל מאַכט זיך נישט הערנדיק און שפּילט ווייַטער, הייבט ער אָן, דער קיִעווער, צו פייַפן...

און פייַפן פייַפט ער גראָד אויסגענומען ווויל... ער האָט שוין גע־כאַפּט דעם ניגן און פייַפט אים קעהאוואיע! און פייַפט וואָס אמאָל געשווינדער, אויסגעלאסענער, ווילדער, און אלץ דעם אייגענעם ניגן!..

די קאַפּעליע בלײַבט שטיל. און עס הערט זיך נאָר א מילכאָמע צווישן דער מאַראַלישער פידל מיטן אזעס־מעכוצעפן פייַפן...

און דאָס פייַפן איז גוויווער! עס יאָגט אונטער דעם סמיטשיק! די פידל וויינט שוין נישט, פריִער קרעכצט זי, דערנאָך הייבט זי אָן צו לאכן!

און פלוצעם האָט כאַימ איבערגעהאקט. מיט פאַרביסענע ליפּן און ווילדברענענדיקע אויגן שפּרינגט ער איבער אַפּ אַן אנדערע סטרונע

און הייבט אָן נאָך געשווינדער צו שפּילן, איבעריאָגג וויל ער דאָס פּײַפן!

ניין, עס איז שוין קיין שפּילן נישט געווען! די פידל וואַרפט אַרוים פון זיך אָפּגעריסענע געשרייען, גוואַלדיקע קוילעס... און זיי וואַרפן זיך און דרייען זיך אַרום ווי אין אַ ווירבל-ווינט, אַלץ אַרום, דאַכט זיך, טאַנצט: די שטוב, די קאַפּעלע, די געסט, די קאַלע אויפן שטול, כאָטש אַליין מיט דער פידל...

עס איז קיין פריילעכס, קיין „אייל מלא רחמים", עס איז קיין שפּילן! אַ טאַנצנדיק משוגעס איז עס, אַ ווילד-משוגענדיקער כוילע-נויפל, ראַכמאָנעליצלאַן...

און עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז די סטרונע האָט געפּלאַצט.

— בראַוואָ, כאָמל, בראַוואָ! — האָבן די קוועוער לײַט געשריען...

צי האָבן זיי דערמיט דעם אַלטן קאַמצן אַ טויווע געטאָן? אַז אָסער!

אין עטלעכע יאָר אַרום איז דער ניגן, מינאַסטאַם דורך איינעם פון די קוועוער לײַט, אַרײַן אין טעאַטער!

וואָס איז אַזוינס טעאַטער! אַלטע מאַסקילים פלעגן גלייבן, אַז טעאַטער איז בעסער פאַר אַ מוסער-סייפער, שטאַרקער פאַר „ריישיס-כאָכמע", לעהאַוודל! איר זאָגט אַוואַדע, אַז טעאַטער איז טרייף ווי כאַזער...

בא אונדז זאָגט מען, אַז עס ווענדט זיך אין דעם, וואָס מע שפּילט אין טעאַטער!

גענוואַזן איז עס שוין אין וואַרשע...

דאָס טעאַטער איז פול, קאָפּ אויף קאָפּ. די מוזיק הייבט אָן שפּילן. וואָס שפּילט די מוזיק?

א גערויש, א מעהומע שפּילט זי, — א דויד האפלאַגאַ. כאַמלס „אייל מאָלע ראכמים“, נאָר אפנ אָרט פונ וואָלאכ — א מעהומע: די קיילים יאָגנ זיכ, טרײַבנ זיכ אונ קנאקנ!

עס רודערט, עס קלאַפּט אונ עס פײַפט... נישט עס דונערט, נישט הײַזער פאלנ, גלאַט א געפּילדער! צי גליטשנ זיכ שיידים אפנ יאַם-האקעראב, צי רײַסנ זיכ טויזנטער כײַעס-ראָעס פונ גענעם ארויס? א ציטערניש נעמט דורכ דאָס טעאטער!

פּלוצעמ רײַסט זיכ ארײַנ דער באס! מיקלוימערשט אינ קאָס איז ער! ער בייזערט זיכ. וואָס איז דאָס? נאָר — פאלש! מע פילט, אז ער בייזערט זיכ נישט ערנסט. אונ א מאָדנע פײַפערל שפּרינגט אונטער, עס פליט דורכ די קאפּעלע מיט זיגזאגנ פונ א בליצ אונ מיט א גע-לעכטער פונ אנ עמעסנ לעצ: כא-כא-כא! אונ כי-כי-כי! דער קלארנעט אײַלט זיכ נאָכ! אונ מײַסים טוט ער, דער קלארנעט! לעהאכים טוט ער, מע פילט בעכוש דעמ לעהאכים!

אונ אצינד ערשט שווימענ ארויס דרײַ-פיר פידלענ... אונ מעשו-נע-זימ שפּילנ זיי, די פידלענ, מעשונע-זימ, ווי די טײַווע אליינ, ווי דער יעיצערהאָרע, ווענ עס רינט אימ האָניק פונ מויל! אונ עס נארט זיכ ארײַנ, דאָס שפּילנ, אינ די הערצער; עס פליסט ארײַנ ווי א בוימל אונ פארשיקערט ווי אלטער ווײַנ!

אופגעפלאמט ווערט דאָס טעאטער: די מײַלער אָפנ, אונ די אויגנ בליצנ!

אונ דאָ הייבט זיכ ערשט אופ דער פאָרהאנג, אונ עס באווײַזנ זיכ אנ „ער“ אונ א „זי“ — א „בענמעלעכ“ מיט א „באסמאלקע“, אונ זיי זינגענ!

זיי זינגענ מיט ווערטער, מיט פלאמענדיקע ווערטער, ווי ברענענ-דיקע שלאנגענ פליִענ זיי פונ די מײַלער ארויס! אונ דאָס גענעם ברענט זיי אפּ די פּענעמער; ווי די טײַוולאָנימ שפּרינגענ זיי זיכ אקעגנ! אונ

דאָס האָלדזנ זיכ, דאָס קושנ זיכ, דאָס זינגענ און דאָס שפּרינגענ גייט אַלצ שנעלער און שנעלער און ווערט פֿײַער-פֿלאַמענדיקער מיט יעדער רעגע!

און אינעם פֿײַער ברענט שוינ דאָס גאַנצע טעאַטער. די גאַנצע גאַלעריע מיט זכאָרים און נעקייוועס, מיט די דערהיצט-פֿאַרשוויצטע פּענעמער און ווילד-פֿלאַמענדיקע אויגנ... ווי אַ מאַבל האָט עס פֿאַר-פֿלייצט!

און דאָס גאַנצע טעאַטער זינגט!

אַ יאַם פֿונ ברענענדיקער טײַוועהאָט זיכ אויסגעגאָסנ — אַ גענעם ברענט! שיידימ טאַנצנ, מאַלאַכיי-כאַבאָלע פֿירנ אַ פֿײַערדיק ראָד...

דאָס איז געוואָרנ פֿונ פֿעדאָצערס „האַכנאָסעס-קאַלע״, דורכ כאַזמלס „אייל מאָלע ראַכמימ״, מיטנ קינעוועדס הילפֿ!

נאָר פֿאַלנ האָט קיינ שיר נישט!

כאָרעוו געוואָרנ איז דאָס „ייִדישע״ טעאַטער. די „בנייממעלאָכימ״ זײַנענ צוריק שוסטער און שנײַדער געוואָרנ; די באַסמאַלקעס האָבנ זיכ צוריקגעשטעלט צומ קוימענ. און מאַנכע פֿונ די טעאַטער-ניגונימ זײַנענ מעגולגל געוואָרנ אינ שאַרמאַנקעס...

אונדזער ניגנ איז שוינ קוימ צו דערקענענ!

אַנ אויסגעקראָכענער דיוואַנ ליגט אויסגעשפּרייט אַפֿ אַ הויפֿ... צוויי מענער אינ לײַבקאָליר מאַכנ קונצנ, צוזאַמענ מיט אַנ אויסגע-דאַרט בלאַס מיידעלע, וואָס זיי האָבנ ערגעצ געגאַנוועט...

איינער כאַפּט אַ לייטער אַפֿ אַ צאָנ. פֿײַל פֿונ בויגנ לויפֿט דאָס מיידעלע אַרופֿ ביזנ העכסטנ שטאַפּל און שפּרינגט פֿונ דאָרטנ אַראָפּ און בלײַבט שטיינ אַפֿנ צווייטנס אַקסל! דער ערשטער דערלאַנגט איר דערוויַל אינ פֿלייצע; זי מאַכט עטלעכע קאָזשיאָלקעס אינ דער לופֿט

און בלײַבט שטײן פארן אוילעם אין הויף מיט אַן אויסגעשפּרײטער האַנט און בעטלט אַ נעדאָווע!

עס איז אויך אַ טעאַטער, נאָר אַ טעאַטער פאַר געמײנע לײַט! פאַר מעשאָרסים און דינסטן!

אונטערן הימל שפּילט מען, קאָסט עס ביליק, קויפט מען קײן בילעטן נישט, וואַרפט מען צוויײערס און דרײַערס! און זי מאַכט עס אַזוי קונציק, דאָס דאַרע מײדעלע!

דיקע טראָפּן שווײס רינען איר פון רויט געמאָלטן פּאָנעם, אין די אײַנגעפאַלענע אויגן ברענט אַ צאַר, — נאָר דאָס זעט נישט דער אוילעם; זי אָטעמט שווער, דאָס הערט ער נישט! ער זעט נאָר די שײנע קונצן, ער הערט נאָר די שײנע מוזיק פון שאַרמאַנקע!

און די נעשאָמע אין דעם דאַרן גוף פון אָרעמען, געגאַנוועטן קינד, און דער אָרעמער ניגן אין דער הײזעריק-בלעכענער שאַרמאַנקע, — בײדע קרעכצן, וויינען און צאַפּלען, בײדע בעטן זיך טיקן...

עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז פעדאַצאָרס „האַכנאָסעס-קאַלע“ זאָל אופגעריכט ווערן! גײענדיק פון הויז צו הויז, וואַנדערנדיק פון שטאָט צו שטאָט, האָבן די קונצנמאַכער אַזוי לאַנג מיטגעשלעפּט דאָס אָרעמע קינד, ביז עס איז, לוי-אַלײכעם, קראַנק געוואָרן...

עס איז געווען אין ראַדזשיוויל, בײַ דער גרענעץ. דאָרט האָבן זײ דאָס קראַנקע קינד איבערגעלאָזט הינטער אַ צוים און זײַנען די גרענעץ אַריבער. יאָג נאָך דעם ווינט אין פעלד! האַלב-נאַקעט מיט ברוינע-בלויע צײכנס פון שלעג אויפן לײַב, איז עס געלעגן אין אַ היץ!

ראַכמאָנעסדיקע לײַט האָבן דאָס קינד אופגעהויבן און געטראָגן אין העקדעש אַרײַן... אויסגעהאַלטן האָט דאָס קינד אַ טיפוס, און אַרויס איז עס פון שפּיטאָל אַ בלינדע אויף בײדע אויגן!

און אצינד בעטלט דאָס אָרעמע קינד. פון הויז צו הויז גייט עס, פון טיר צו טיר און בעטלט...

און קימאט זי רעדט נישט... זי קאָן מיט ווערטער נישט בעטלען... זי שטעלט זיך ערגעץ אָפּ און וואַרט; דערזעט מען זי נישט, הייבט זי אָן זינגען איר ניגון, מע זאָל זי דערהערן... און דער ניגון איז פון דער שאַרמאַנקע!

און וואָס זאָגט אצינד דער ניגון?

ראַכמים בעט ער זיך: ראַכמאָנעס פאַר אַן אומגליקלעכ קינד...

„שלעכטע מענטשן האָבן מיך אַרויסגעגאַנוועט פון אַ גוטן טאַטן, פון אַ האַרציקער מאַמען, פון אַ וואַרעמער און זאַטער היים!"

„מע האָט מיך אַרויסגעריסן פון אַלעם גוטן; אויסגענוצט און אַרויסגעוואָרפן ווי אַ שאָל פון אַן אויסגעגעסענער נוס!"

„ראַכמאָנעס פאַר אַן אָרעם, אָרעם קינד!"

און נאָך בעט זיך דער ניגון:

„עס איז קאַלט, און איך גיי נאַקעט; הונגעריק בין איך אויך... און דעם קאָפּ ווי אַנידערצולייגן האָב איך אויך נישט... און בלינד בין איך דערצו!"

אַזוי האָט דער ניגון געבעטן. און דאָס איז געווען זיין ערשטע מאַדרייגע אַראָפּ — מע האָט דורך אים צדאָקע געגעבן!

.

איין ראַדזשיווער איז געווען אַ ייִד אַ לאַמדן... ער איז אַפילע קיין מיסנאַגעד ניט געווען, קיין כוילעק אַוואַדע נישט, נאָר ער האָט פּאָשעט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרן... ער האָט די געמאָרע נישט פאַרמאַכט!

פאַר ביטל-טוירע האָט ער מוירע געהאַט!

מע זאָל אים אינ בעסמעדרעש נישט מעוואטל זײַנ פונ לימוד, פלעגט ער זיצנ אונ לערנענ אינ דער היים; דאָס ווײַב זיצט א גאנצנ טאָג אינ קלייט, די קינדער — אינ כיידער.

עס פלעגט אים אמאָל דורכפליִענ אינ קאָפּ א ראיענ: עפּשער פאָרנ ערגעצ? דאָס האָט אים דער יעיצערטאָוו, מינאסטאם, אונטערגעזאָגט. וואָס טוט דער יעיצערהאָרע? פארשטעלט ער זיך אינ יעיצערטאָוו אונ ענטפערט: מאכטייסע, אוואדע דארפ מענ אמאָל פאָרנ! נאָר עס איז נאָך צײַט: מע דארפ פריִער ענדיקנ די מעסיכטע, יענע מע־סיכטע!.. אונ אזוי זײַנענ אוועק כאדאָשימ אונ יאָרנ!

פונ הימל האָט מענ אָבער, אפּאָנעם, געוואָלט, ער זאָל קומענ צו רעב דאָווידלענ!

מאכט זיך אזא מײַסע:

איינמאָל זיצט ער זיך, דער לאמדנ, אונ לערנט אונ דערהערט א געזאנג פאר דער טיר; בייזערט ער זיך אפּ זיך אליינ:

— אז מע זיצט אונ לערנט, דארפ מענ נישט הערנ, וואָס אינ גאס, וואָס פאר דער טיר טוט זיך! מע דארפ באָטל וועדנ אינ דער טוירע!

ער הערט דאָך אָבער פאָרט; נעמט ער אונ פארשטאָפּט זיך מיט די פינגער די אויערנ. דער ניגנ גאנוועט זיך אָבער פאָרט ארײַנ; אונטער די פינגער גאנוועט ער זיך. ווערט ער נאָך מער בייז, כאפּט ער מיט קאָפּ די לאנגע באָרד אינ מויל ארײַנ אונ, בײַסנדיק די האָר, לערנט ער ווײַטער! מיט נאכעס לערנט ער!

דער ניגנ לאָזט נישט אָפּ. ער הערט אים וואָס אמאָל שארפער. אינמיטנ דערפילט ער, אז עס איז קויל בעִישאָ — א מיידל זינגט! גיט ער שויִנ א געשריי ארויס אפּ א קאָל: כצופּע! אוועק פונ מײַנ הויז! גייט דער ניגנ אוועק... נאָר, א מײַסע נוירע — מע זינגט שויִנ נישט, אונ ער הערט ווײַטער! דער ניגנ זינגט זיך אים אליינ אינ אויער, אינ דער נעשאָמע! מיט קויעכ קוקט ער אינ סייפער ארײַנ, מיט קויעכ וויל

ער זיך דורכנעמען מיט דער סוגיא, עס גייט נישט! דעם לאמדנס נע-שאמע ווערט וואס אמאל פולער און פולער מיטן ניגון...

פארמאכט ער די געמארע און שטעלט זיך דאווענען מינחע.

ער קאן אבער נישט — נישט לערנען, נישט דאווענען, גארנישט! ווי א זילבערן גלעקל קלינגט אין אים דער ניגון! דער מענטש האלט עס נישט אויס! ער גייט מאמעש אויס פאר צאר! עס גייט אוועק א טאג, א צווייטער, א דריטער — ער פאלט שיר נישט אין א מארע-שכוירע ארײן... ער פאסט טאנייסים — עס העלפט נישט! ער קאן דעם ניגון נישט פאטער ווערן! ער וועקט אים באנאכט פון שלאף.

און דאס איז א מענטש, וואס האט, זינט ער לעבט, קיין מינכע פאר אן אמעד נישט געדאווענט, קימאט קיין קאל-נעגינע פון זיך נישט ארויסגעגעבן! שאבעס פלעגט ער די זמירעס אפזאגן און אפן ארט פון זינגען — לערנען א בלאט געמארע!

פארשטייט ער דאך, אז עס איז נישט פאשעט!

„מײַסע סאטן!" טראכט ער און פאלט בא זיך אפ גאר אינגאנצן. דאכט זיך, אז אצינד מוז מען שוין פארן?

פרעגט אבער דער יעיצערהארע: יא, פארן, נאר וווהין? צאדיקים איז דא א סאך, — וועלכער איז דער עמעסער צאדיק, בא וועמען קאן מען בעעמעס א פולע האבן? הייבט אן דער לאמדן צו קלערן.

באקומט ער נאך א ווונק פון אויבן.

מאכט זיך א מײַסע, און רעב דאווידל טאלנער מוז אויקער זײַן און פארן איבער ראדזשיוויל...

די מײַסע פון דער מעסירע ווייסט איר אוואדע. און זאגן זאג איך אײַך, אז עס איז אן אויכעש געוועזן! מע האט נישט געדארפט ארויס-גאנווענען רעב דאווידלען פון וואסילקאוו און פירן קיין טאלנע; מע האט נישט געדארפט מעוויִעש זײַן קיין שטאט! און כארעוו ווענין-רעוו איז דאס וואסילקאוו, נעבעך, געווארן!

די גאסטהײַזער האָט מען פֿאַרמאַכט; אַרום און אַרום די קרעטש-מעס זײַנען באָטל געוואָרן! אַד קיקאָר לעבעם זײַנען זיי, לוי-אַלײכעם, געקומען...

נאַ דיר! מאַסערט מען, און טאַלנע ווערט אויך כּאָרעוו!

רעב דאָווידל האָט געהאַט אַ גאָלדענע שטול מיט אַן אויסגע-קריצטן פּאָסוק: דוד מלך ישׂראל חי וקים! מאַכן מאָסרים דערפֿון אַ פּאָליטיקע, און עס שלאָגט אָן אין פּעטערבורג...

מיילע, מיר ווייסן, אַז עס איז געווען בבחינת: מאַן מלכי רבנן... נאָר גיי פֿאַרטײַטש עס די גענעראַלן אין פּעטערבורג!

אַקלאַל, רעב דאָווידל מוז אויקער זײַן, האַלט ער, דורכפֿאָרנדיק, שאַבעס אין ראַדזשיוויל, און אונדזער ראַדזשיווילער לאַמדן גייט לע-מאַזל צום שאַלעסודעס!

דער יעיצערהאָרע גיט זיך אָבער נאָך נישט אונטער. ער קומט אַרײַן און זעצט אַ קליין ייִדעלע, טאַקע אַ פּיצל ייִדעלע זיצט אויבנאָן באַם טיש, מע זעט נישט מער אַרויס נאָר אַ גרויס, גאָר אַ גרויס שטרײַמל מיט זילבערנע האָר, וואָס פֿאַלן אים אַפּן פּאָנעם! מע זיצט שווײַגנדיק, מע זאָגט קיין טוירע נישט... אַנטפֿאַלט אים טאַקע, דעם לאַמדן, דאָס האַרץ...

„דאָס איז עס און גאָר?" טראַכט ער, דער לאַמדן.

נאָר רעב דאָווידל האָט אים שוין דערזען און גיט אַ זאָג: — זעץ דיך, לאַמדן.

און בעויסוי האָרעגע איז ער שוין צו-זיך געקומען. ער האָט שוין געכאַפּט רעב דאָווידלס אַ בליק, עס האָט אים שוין אַ ברי געטאָן באַ דער נעשאָמע!

איר האָט אַוואַדע געהערט פֿון טאַלנערס אויגן! אין זײַנס אַ בליק האָט געשטעקט אי סראָרעס, אי קדושע, אי גוווּרע; וואָס איר ווילט, האָט אין בליק געשטעקט!

און אז רעב דאָווידל זאָגט: זעצ דיך, מאַכט מען שוין דעם לאַמדנ אַנ אָרט באַם טיש. זעצט ער זיך און וואַרט.

און אַז רעב דאָווידל זאָגט ווײַטער:

— מען איז מעכאַבעד דעם לאַמדנ מיט אַ ניגנ! — אַנטפּאַלט אים דער מוטערס מילך: ער — און אַ ניגנ...

נאָר עמעצ דערלאַנגט אים שוין אינ פּלייצע: אַז רעב דאָווידל הייסט, זינגט מענ! מיילע, זינגט ער!

און ער הייבט, נעבעך, אָנ מיט אַ ציטער; און ער שטאַמלט קוים אַרויס אַ האַסכאָלע פונ אַ ניגנ. און וואָס וויל ער זינגענ, דער לאַמדנ? מינאַסטאַם דער יעסוימעס ניגנ; קיינ אַנדערנ קאָנ ער נישט! און ער ציטערט, און שטאַמלט, און זינגט. און דער ניגנ ווערט שוינ ווײַטער אַנ אַנדערער! ער האָט שוינ אַ רייעכ-טוירע, אַ יעניקע פונ קדושאַס-שאַבעס, מיט אַ הירהור טשוווע פונ אַ ייִד אַ לאַמדנ... און זינגענדיק, דערפילט ער, דער לאַמדנ, דעם ניגנ און הייבט אָנ וואָס אַ רעגע בע-סער און פרײַער צו זינגענ...

אינמיטנ הייבט אָנ רעב דאָווידל, ווי זײַנ שטייגער פלעגט זײַנ, שטילערהייט אונטערצוברומענ. דער אוילעם דערהערט און כאַפּט אונ-טער. מיטנ אוילעם צוזאַמענ צעהיצט זיך דער לאַמדנ אויך, ער קריגט אַ ברענ! ער איז שוינ גאָר אַרויס פונ די קיילים,— ער זינגט טאַקע!

און דער ניגנ הייבט זיך אָנ פלוצעמ צו גיסנ ווי אַ „נהר-די-נור“— אַ פײַער-פלאַמענדיקער טײַכ... און די פּאַליעס שלאָגנ אַלצ ברייטער און העכער, אַלצ פײַערדיקער און פלאַמענדיקער!

און עס ווערט דעם ניגנ שוינ ענג אינ שטוב, און ער רײַסט זיך דורכ די פענצטער אינ גאַס אַרײַנ! און עס גיסט זיך אינ גאַס אַרײַנ אַ יאַם פונ קדושע, פונ פײַערדיקער קדושע; און ניווהעל-ווענישטוי-מעמ רופט דער אוילעם אינ גאַס:

— דער יעסוימעס ניגנ! דער יעסוימעס ניגנ!

דער ניגנ האָט באקומענ טיקנ, אונ דער לאמדנ אויפ.

פארנ אוועקפאָרנ האָט אימ רעב דאָווידל אוועקגענומענ אינ א זײַט אונ געזאָגט א פּאָר ווערטער.

— לאמדנ,— האָט ער אימ געזאָגט,— האָסט מעוויַעש געווענ א באַס-יִסראָעל! דו ביסט אפנ שוירעש פונ איר ניגנ קיינ מיווונ נישט געווענ! האָסט זי גערופנ כצופּע!

— גיט מיר, רעבע, א טשוווע דערופ — בעט זיכ דער לאמדנ.

— נישט נייטיק, — מאכט דער רעבע, זיכרוינוי-ליוורָאכע, אפנ אָרט פונ טשוווע טו בעסער א מיצווע!

— וואָס פאר א מיצווע, רעבע?

— מאכ דעמ מיידל כאסענע; האכנאָסעס-קאלע איז א גרויסע מיצווע!

. . . .

אונ צינד הערט די צווייטע זײַט פונ דער מײַסע:

אינ עטלעכע יאָר שפּעטער, אז דאָס מיידל האָט שוינ לאנג כאַסענע געהאט מיט אנ אלמענ א סויפער, איז מענ ערשט געוואָר גע-וואָרנ, פונוואנענ זי קומט ארויס!

עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דאָס מיידל איז דעמ אלטנ קאַצ-נערס אנ אייניקל! אונ די מײַסע איז אזוי געווענ:

דער איידעמ זײַנער, דער קיעווער, איז זיכ אמאָל געגאנגענ מיטנ ווײַב אינ טעאטער ארײַנ אפ א גאנצנ אָוונט. אונ טאקע דעמ אָוונט האָט מענ זיי אוועקגעגאנוועט דאָס איינציקע קינד...

נאָר אָפּגעגעבנ זיי די טאָכטער האָט מענ שוינ נישט געקאָנט...

די מוטער האָט שוינ לאנג נית געלעבט, אונ דער פאָטער איז שוינ לאנג געווענ אינ אמעריקע...

1900

אויב נישט נאָכ העכער

אונ דער נעמיראָווער פלעגט סליכעס-צײַט יעדנ פרימאָרגנ נעלעם ווערנ, פאַרשווינדנ!

מע פלעגט אימ נישט זענ אינ ערגעצ: נישט אינ שול, נישט אינ ביידע באַטעמעדראָשימ, נישט בא א מיניענ אונ אינ דער היימ אוואדע אונ אוואדע נישט. די שטוב איז גע-שטאַנענ אָפנ. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַרײַנ אונ אַרויסגעגאַנגענ; גענאַנוועט באַמ רעבנ האָט מענ נ י ש ט, אָבער קיינ לעבעדיק באַ-שעפעניש איז אינ שטוב נישט געווענ.

וווּ קאָנ זײַנ דער רעבע?

ווו זאָל ער זײַן? מינאַסטאַם אין הימל! ווייניק געשעפטן האָט א רעבע פאַר יאָמים-נוייראָים צו פאַרזאָרגן? ייִדעלעך, קיין אַנדערע, דאַרפן פּאַרנאָסע, שאָלעם, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פרום זײַן, און די זינד זײַנען דאָך גרויס, און דער סאָטן מיט זײַנע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און ער זעט, און פאַרקלאָגט, און מאַסערט... און — ווער זאָל העלפן, אז נישט דער רעבע?

אזוי האָט דער אוילעם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען א ליטוואַק, לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פון מוסער־ספאָרים האַלטן זיי ווייניק, דערפאַר שטאָפּן זיי זיך אָן מיט שאַס־אופּאָסקים. ווײַזט דער ליטוואַק א בעפּיי־רעשע געמאָרע — די אויגן שטעכט ער אוים: אפילע מוישע־ראַביינו, ווײַזט ער, האָט באַם לעבן נישט געקאָנט אַרויף אפן הימל, נאָר גע־האַלטן זיך צען טפאָכים אונטערן הימל! נו, גיי שפּאַר זיך מיט א ליטוואַק!

— ווו דען קומט אַהין דער רעבע?

— מײַן דײַגע! — ענטפערט ער און ציט מיט די אַקסל, און טאַכ־קעדיי־דיבער (וואָס א ליטוואַק קאָן!) איז ער זיך מעיאַשעוו צו דערגיין די זאַך.

נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט, באַלד נאָך מײַרעוו, גאַנוועט זיך דער ליטוואַק צום רעבנס אין כיידער אַרײַן, לייגט זיך אונטערן רעבנס בעט און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, ווו דער רעבע קומט אַהין, וואָס ער טוט סליכעס־צײַט.

אן אַנדערער וואָלט עפּשער אײַנגעדרעמלט און פאַרשלאָפן די צײַט; א ליטוואַק טוט זיך אָן אייצע: לערנט ער זיך אויסנ־

וויניק א גאנצע מעסיכטע! איך געדענק שוין נישט, כולל צו נעדאָרים!

פאַרטאָג הערט ער, ווי מע קלאַפּט צו סליכעס.

דער רעבע איז שוין נישט געשלאָפן א צייט. ער הערט אים שוין עפּשער א גאנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייסט, וויפל צאַר פאַר קלל־ישׂראל, וויפל יעסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדן קרעכץ... די נעשאָמע פלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן!

א ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַן אייזערן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווייטער! דער רעבע ליגט זיך אויך: דער רעבע, זאָל לעבן, אויפן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט.

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען... ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פון די בעטן, ווי מע מורמלט א יידיש וואָרט, מע גיסט וואַסער אף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער אוילעם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווייטער שטיל און פינצטער, דורכן לאָדן שיינט קוים אַריין א קליין ביסל ליכט פון דער לעוואָנע...

מוידע האָט ער געוועזן, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רעבן, איז אים באַפאַלן אַן איימע. די הויט איז שוין אים אופגעלאָפן פאַר שרעק, די וואָרצלען פון די פּייעס האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפן, ווי די נאָדלען.

אָ קלייניקייט: מיטן רעבן, און סליכעס־צייט, פאַרטאָג, אַליין אין שטוב!..

א ליטוואַק איז דאָך אָבער איינגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי א פיש אין וואַסער און ליגט.

ענדלעכ, שטייט דער רעבע, זאָל לעבן, אוף...

פרירער טוט ער, וואָס א ייִד דאַרף טאָן... דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס א פעקל... עס באַווייַזן זיך פּויערשע קליידער: לייַוונטענע פּלודערן, גרויסע שטיוול, א סיערמיענגע, א גרויס פוטערן היטל מיט א ברייטן לאַנגן לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רעבע טוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמיענגע, שטאַרט אַרויס אַן עק פון א גראָבן שטריק... פון א פּויערשן שטריק!

דער רעבע גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רעבע אין קיך, בייגט זיך איַין. פון אונטער א בעט נעמט ער אַרויס א האַק, פאַרלייגט זי אונטערן פּאַס און גייט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

א שטילער, יאָמים־נוראָימדיקער פּאַכעד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפּט רייַסט זיך אַרויס א געשריי פון סליכעס פון ערגעץ א מיניען אָדער א קראַנקער קרעכץ פון ערגעץ א פענצטער... דער רעבע האַלט זיך אַלץ אין די זייַטן פון די גאַסן, אין די שאָטן פון די הייַזער... פון איינס הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס, און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט, ווי זייַנע אייגנס האַרצקלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קאָל פון רעבנס שווערע טריט; אָבער גייט גייט ער און קומט צוזאַמען מיטן רעבן אויס דער שטאָט אַרויס.

הינטער דער שטאָט שטייט א וועלדל

דער רעבע, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַריין. ער מאכט א הריניסיק-פּערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ בא א ביימל; און דער ליטוואק ווערט ניוועהעל-ווענישטוימעם, זעענדיק, ווי דער רעבע נעמט אַרויס פון פּאַס די האק און שלאָגט אין ביימל אַריין.

ער זעט, ווי דער רעבע האקט און האקט, ער הערט, ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאקט. און דאָס ביימל פאלט, און דער רעבע שפּאלט עס אָפּ ליפּעס... די ליפּעס — אָפּ דינע שייטלעך; און ער מאכט זיך א בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פון קעשענע, ער וואַרפט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַריין די האק אינעם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פון וואלד און גייט צוריק אין שטאָט אַריין.

אין א הינטערגעסל שטעלט ער זיך אָפּ בא אן אָרעם, האַלב איינ-געבראָכן הייזל און קלאַפּט אָן אין פענצטערל.

— ווער איז? — פרעגט מען דערשראָקן פון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז א קאָל פון א יידענע, פון א קראַנקער יידענע.

— יא! — ענטפערט דער רעבע אָפּ פּויעריש לאָשן.

— קטאָ יאַ? — פרעגט מען ווייטער פון שטוב.

און דער רעבע ענטפערט ווייטער, אָפּ מאלאָראָסיש לאָשן: וואסיל!

— וואָס פאַר א וואסיל און וואָס ווילסטו, וואסיל?

— האָלץ — זאָגט דער פאַרשטעלטער וואסיל—האָב איך צו פאַר-קויפן! זייער ביליק... בעכאָצי בינעם האָלץ!

און נישט וואַרטנדיק אָפּ טשוווע, נעמט ער זיך אין שטוב אַריין.

דער ליטוואַק גאַנווענט זיך אויך אַרײַן, און באַם גרויסן ליכט פֿון פֿרײַען מאָרגן זעט ער אַן אָרעמע שטוב, צעבראָכן, אָרעם קליי־באַנס... אין בעט ליגט אַ קראַנקע ייִדענע, פֿאַרוויקלט מיט שמאַטעס, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קאָל:

— קויפֿן? מיט וואָס זאָל איך קויפֿן? ווו האָב איך, אָרעמע אַל־מאָנע, געלט?

— איך וועל דיר באָרגן! — ענטפֿערט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל. — אינגאַנצן זעקס גראָשן!

— פֿונוואַנען וועל איך דיר באַצאָלן? — קרעכצט די אָרעמע ייִדענע.

— נאַרישער מענטש, — מוסערט זי דער רעבע, — זע, דו ביסט אַן אָרעמע קראַנקע ייִדענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ, איך בין באַטועך, אַז דו וועסט באַצאָלן; און דו האָסט אַזאַ שמאַרקן, גרויסן גאָט און געטרויסט אים נישט... און האָסט אַף אים אַף נאַ־רישע זעקס גראָשן פֿאַרן בינטל האָלץ קיין ביטאָכן נישט!

— און ווער וועט מיר אײַנהייצן? — קרעכצט די אַלמאָנע. — איך האָב דעם קויעך אויפֿצושטיין? מײַן זון איז אַף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר אײַנהייצן אויך, — זאָגט דער רעבע.

און אַרײַנלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רעבע, קרעכ־צנדיק, געזאָגט פֿון סליכעס דעם ערשטן פּיזמען...

און אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן און דאָס האָלץ האָט פֿרייִלעך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיקער, פֿון די סליכעס דעם צווייטן פּיזמען...

דעם דריטן פּיזמען האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגע־ברענט און ער האָט די בלעך פֿאַרמאַכט...

דער ליטוואק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נע־מיראָוועך כאָסיד.

און שפּעטער, אויב אַ כאָסיד האָט אַמאָל דערציילט, אַז דער נע־מיראָווער הייבט זיך אויף, סליכעס־צייט, יעדן פֿרימאָרגן, און פֿליט אַרויף אין הימל אַריין, פֿלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צו־געבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!

1900

דער נאַדוון

פאַרוואָס איך האָב מיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע, פרעגט איר?

כ'וועל אײַך זאָגן דעם עמעס: כ'בין אַנטלאָפן פאַר די קליינשטעטלדיקע קאַפּצאָנים.

מיינט איר עפשער, איך בין אַ קאַריגער? אָסער-כאַזער! באַ מיר איז אַ הונדערטער — בלאָטע. נאָר די אָרעמלײַט! ווי אַ ביין אין האַלדז זײַנען זיי מיר געשטאַנען! איך קאָן נישט, איך האָב אַ ווייכע נאַטור און קאָן נישט פאַרטראָגן דעם כוישעכדיקן דאַלעס מיט די פאַרלאָפענע אויגן און אויסגעקרימטע פּלייצעס!

און פּרוּווט פרעגט מיך, פונוואַנען עס קומט צו מיר? אָסער, אויב איך ווייס!

די וועלט זאָגט: „א קינד איז דער מאמעס א טאָכטער אָדער׳ן טאטנס א זון". „נישט ווייט, — זאָגט מען, — פאלט דאָס עפּעלע פון בוים!" נישט שטענדיק, אפּאָנעם, איז עמעס, וואָס מע זאָגט! וואָרעם, לעמאָשל, אי ך.

מײַן טאטע, אָלעוואשאָלעם, איז קאָל-יאָמאָוו געווען א קאפּצן — א קליינשטעטלדיקער שאמעס! פאר קוים דאָס לעבן צו דערהאלטן לאָזט מען זיך טרעטן פון „קאָהאָל, ראָוו און בעדער!" א לאטע-לייגער, א שוסטער האָט מער פּארנאָסע און מער קאָוועד פאר א שאמעס!

צוויי ברידער האָב איך — לעהאוודל בייִנ האכאִים וועהאמיי-סים — זיי לעבן נאָך — אָבער וואָס פאר א לעבן; בא פאָרעג איך מיצראִים האָט מען א שענער לעבן געהאט! טאקע אפ סאָנע-ציִוען גע-זאָגט! איינער ווינט אין בריסק-דעליטע, פארשטייט איר דאָך, איז ער א ניסרעפ! דער צווייטער ווינט שוין גאָרנישט; שוין יאָרנלאנג, אז ער האָט זיך געלאָזט אפ דער וועלט צוזאמענמאכן אפ האכנאָסעס-קאלע — זעקס טעכטער האָט ער, דער ייִד!

איך זאָל אויסרעכענען מײַן גאנצע קאפּצאָנישע מישפּאָכע, וואָלטן מיר פינגער געפעלט! ווי די היישעריקן באפאלן זיי מיך; לאָמיך זיי ווייזן א פינגער, שלינגען זיי מיך איין מיט די קאמאשן! א געלעבערטן זאק פילט מען נישט אָן!

און איך אליין, וואָס מיינט איר? איך בין געבוירן ווי איך בין?

איך בין דאָך אן אָרעמען — א שאמעס א זון! ער האָט דען גע-האט א צעבראָכענעם דרייער בא דער נעשאָמע אפ נאדן? דער מאמעס, אָלעהאשאָלעם, יערושע, א הילצערנע כורווע הינטערן שטעטל, האָט מען פארקויפט אפ כאסענע-הויצאָעס. איך בין דאָך דער ייִנגסטער גע-וועזן, האָט זיך דער טאטע, אָלעוואשאָלעם, ארײַנגעצויגן אין בעסמעד-רעש ארײַן. די באלעבאטים האָבן אפילע נישט געוואָלט... נו — גיט איר נאדן! זאָגט ער, מאכט איר כאסענע!

און וויפל, מיינט איר, האָט מען פאַר מײַן אילוזישן קאָפּ געגעבן? צוויי מעסיכטעס האָב איך געקאָנט אויסווייניק, צוגעזאָגט אכט הונ-דערט גילדן, געגעבן האָט מען די העלפט; פאַר דאָס האָט מען מיר געגעבן א קאַלע מיט אַן איבעריק שטיקל פּלייצע, עמעס — א שטאַר-כאַצי-זאָכער האָט מען צוגעלייגט!

זעט איר דאָך בעכוש — אַן אופגעקומענער (אַנדערע שעמען זיך דערמיט!). פּאַשעט, איך האָב געטאָן מײַנס, דער ריבוינע-שעלוילעם האָט געהאָלפן, און בעטעווע, זעט איר, בין איך א געבוירענער נאָגיד, א ראָב לייוו און א מעפונעק דערצו.

פונוואַנען? איז פאַראַנען נאָך א קאַשע אַפּ דער וועלט!

און דעריבער טאַקע האָב איך געמוזט אַנטלויפן, איר ווייסט גאָר נישט, וואָס פאַר א גענעם דאָס קליינע שטעטל איז פאַר אַזאַ ייִד, לעמאָשל, ווי איך, וואָס האָט א האַרץ, נישט קיין שטיין, אינעם לײַב! און וואָס האָט א נאָז און א געפיל ווי א מענטש דאַרף צו האָבן!

ערשטנס, ווײַנט א מענטש, ווי אינמיטן גאַס! די פענצטער נישט פאַרהאַנגען; ווער עס גייט פאַרבײַ, וואַרפט אַרײַן אַן אויג. וויל ער, שטעלט ער זיך אָפּ, דריקט צו די נאָז צו דער שויב און באַטראַכט, צי שטייט נישט עפּעס נײַעס אין שטוב. זומער, אַז דאָס פענצטער איז אָפן, שטעקט ער אַרײַן דעם קאָפּ מיט א פֿײַנעם גוט-מאָרגן, גאָט-העלפּ, גוטן-אָוונט — פּאַג בראַט! צוזאַמען כאַזיירים געפּאַשעט! און דאָס איז פאַרבײַגייענדיק, אַז ער האָט קיין צײַט נישט; האָט ער צײַט — קומט ער אין שטוב אַרײַן, פון קיין קלאַפּשלאָס, פון אַנקלינ-גען הייבט מען גאָרנישט אָן צו וויסן! מע מוז נאָך נאָך'ן די טיר פאַר-מאַכן! א רעשוס האָראַבים.

באַלד אינדערפרי:

— גוט-מאָרגן, באַלעבאָס-לעבן!

— ווער איז?

דאָס איז לייע די מילכיקערן! שוין צען יאָר טראָגט זי מיר מילך, איז זי דאָך אַ בען־באַיס.

די קו האַלט זי הינטער דער שטאָט, אַפּ יענער זייט טייך; קומט זי אַנטקעגן אַרײַן ווינטער אין אַ פּאָר גרויסע שטיוול, אין זעלנערישע; שטרויענע קאַלאָשן. לײַדן לײַדט זי אויף אַסטמע, קאָן זי זיך נישט אײַנבייגן און אויסטאָן די קאַלאָשן, גייט זי אַרײַן אַזוי; עס רינט איר פֿון די פּיס, פֿון קאָפּ — דערבײַ האָט זי שטענדיק אַ רויט־אָנגע־פּרווירן נעזל — וואָס איז אויך נישט זייער טרוקן! נאָך אַ מײַלע האָט זי, זי שטאַמלט אַ ביסל און איז אַן אַ „ג".

— דוט־מאָרדן, הייסט עס, באַלעבאָס־לעבן!

און וואָס וויל לייע די מילכיקערן?

אַ קלייניקייט וויל זי. די „שוואַרצע" איז איר, לוי־אַלייבעם, אוועק־געפאַלן! מע דאַרף אַ קאַנאַוואַל, און די הויצאָע דאַרף איך אויס־שטיין. און קאַאַלוים האַבויקער קומט זי, אוועקגעפאַלן, הערט איר דאָך!

און די קו, זאָגט זי, איז קימאַט מײַן קו — איך טרינק דאָך שוין צען יאָר די מילך!

אַכוץ דעם, איז זי נאָך מײַן ווײַבס אַ שטיקל קרויווע, עפּעס אַ שמעלקע בעשמעלקע, ווי מע זאָגט! האָט זי דאָך אוואַדע אַ טײַנע...

— כאַפּ איך אַרויס אַ רובל, אַבי גיי!

— באַסוועשאָלעם! נישט אַזוי געשווינד רירט זיך לייע די מילכיקערן פֿון אָרט.

ערשטנס, הייבט זי מיך אָן צו בענטשן; פֿאַר גאָט — דערנאָכדן איך, און בענטשט מיך מיט סאַמע דאַלעדן...

דערנאָך באַקוקט זי נאָכאַמאָל, דאָס הייסט צום טויזנטסטן מאָל, די דירע מײַנע מיטן מעבל, און הייבט זיך אָן קרימען און קרימען, ביז זי לאָזט אַרויס אַ געוויין.

וואָס איז?

סטייטש, ווען נישט איר מאַן דער באַטלען, וואָלט זי אויך אין אזא דירע געזעסן, אויך אזא מעבל געהאַט; זי וואָלט זיך אויך געבאָדן אין קאַלטוואַ. וואָס איז? עס פּאַסט איר נישט? זי האָט אייך כיישעק צו א זילבערן באַנעקע-לעמפּל, צו א גאָלדן בסאָמים-שקעטעלע — צו וואָס אויגן זעען!

— עס האָט עפּעס א סאַך געפעלט?

א פּאָרעצע האָט זי געהאַט טאַקע א בריליאַנט, די גאַנצע פּאַכט האָט ער איר — די מייסע איז שוין א יאָר צוואַנציק — געוואָלט אַוועקגעבן, אַזוי האָט זי בא אים נויסעביינ געוועז, איבער צוואַנציק קי צום מעלקן... נאָר דער מאַן דער באַטלען — זיין נאָמען זאָל אַהיימ קומען — האָט נישט געוואָלט...

פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט, איז נישט צום פאַרשטיין. אַזוי צעראַשט זי זיך, און איך מוז בא איר בעטן ראַכמים, זי זאָל מיך לאָזן אויסטרינקען דאָס גלעזל טיי; דאָס „גלעזל וואַרעמס" הייסט עס!

דאַנקען גאָט, כ'האָב בא איר געפּויעלט, זי וויל שוין גיין — רופט זי מיין ווייב אריין צו זיך! אין בעט ליגט זי, א קראַנקע, נעבעך, קאָל יאָמעהאָ אָפּגעלעגן אין בעט; וויל זי עפּעס הערן נייס פון שטעטל. מיילע, איך האָב דאָך קיין צייט נישט, זאָל אַריינקומען לייע די מילכיקערן, ווער עס איז, אבי מע זאָל איר ביינטלען נייס: ווער עס קריגט זיך, ווער עס געט זיך, ווי עס לעבט זיך בא לייטן, וואָס מע קאָכט, אוקעדוימע וויבערשע פּאַטשטשן! און לייע די מילכיקערן איז דאָך עפּעס אַן איינגייערן אין הייזער!

איך כאַפּ דערווייל און וויל אויסטרינקען די טיי, לייע די מילכיקערן זאָל מיך צוריקצוּוועגס נישט טרעפן אין שטוב. עס גייט נישט, לייזער מעקלער גייט! און לייזער מעקלער איז נישט אבי-ווער! זיכרוינוי-ליווראָכע דעם שטאָט-מאַגידס א זון! פון פאָטער האָט לייזער

געיארשנט נאָר דעם קאַלטן, און, דאַכט זיך, קיין וואָרט טוירע נישט, איז אים דאָך זכום-אָוועס בײַגעשטאַנען, ער זאָל ווערן טוווע-מעקלער. טויגן טויג ער נישט קיין קאַץ אַן עק צוצובינדן. זינט ער לעבט האָט ער נאָך קיין איינציקע קנײַע נישט אויסגעפירט. באַלעבאַטישע סאָכרים אָבער זאָגן: ער איז, איז ער; טו זיי עפּעס! ווער-עס-איז שלעפּט צו-זאַמען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, שלאָגט זיך אונטער די פּיס, רײַסט זיך אויס די קעל, און נאָך קרײַעס יאַמסוף, אַז עס קומט מעקלערײַ צו צאָלן, זאָגט מען: נאָר לייזערל איז אַ שוטעף, און ער איז! ער נעמט!

אַניט, וואָלטן דאָך אים די באַלעבאַטים געמוזט אופּהאַלטן. מע וועט דאָך נישט לאָזן לייזערל דעם שטאָט-מאַגידס, זיכרוינוי-ליוורא-כע, זאָל שטאַרבן פאַר הונגער!

און בעקויעך דעם אייגענעם זכוס-אָוועס איז ער גלאַט אַן אײַנ-גייער בײַ באַלעבאַטים.

בײַ מיר אויך!

גוט-מאָרגן — גוט-יאָר.

וואָס הערט זיך נײַעס?

אָט אַזוי און אַזוי... „ווו איז דײַן טאַבעק?“ — פרעגט ער.

אַפּ מײַן טאַבעק האָט ער אויך זכוס-אָוועס — אַ גלאָז טיי וויל ער אַוואַדע, און אַן אייסעק האָט ער אויך.

מײַן ווײַב איז דאָך קראַנק, פרעגט ער קוידעמקאָל וואָס זי מאַכט, און אַז ער הערט, אַז עס איז נישט בעסער, קרעכצט ער: אַלץ ווײַל מע זויל אים נישט פאָלגן! זײַנס אַ לײַבלעכע מומע — ליגט שוין לאַנג ווו מע דאַרף! — האָט אויך אַזאַ מייכעש געהאַט, און קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן, נאָר אַ גרינע פלעשל. מע באַדאַרף באַשטעלן אין דער אַפּטייק אַ גרינע פלעשל! וואָרעם, ווו דער דאָקטער, וואָס האָט איר פאַרשריבן דאָס גרינע פלעשל, וווינט הײַנט, ווייסט ער נישט; און עפּשער איז ער שוין אויך, ווו מע דאַרף... דער אַפּטייקער וועט וויסן,

ער איז דאָך יענעם אפּטײקערס א זון, װעט ער געפינען אין די קסאָװים...

דאָס איז דאָס אײסעק, װאָס ער האָט צו מיר.

איך װיל גײן דאַװנען, נעם דעם טאַלעס-זאַק, װערט ער מאָלע-סימכע, װאָס אזא א גװיר, װי איך בין, היט אָפּ קרישמע, און לאָזט נישט קאָהאָל זאָל אפ אים װאַרטן... איך מעג גײן, זאָגט ער, נאָר ער װעט זיך דערװײַל א ביסל צולײגן אפ דער סאָפע. די אַרורע זײַנע האָט׳ם א גאַנצע נאכט געשאָלטן, פּאַרװאָס, װײסט ער אלײן נישט, נאָר קײן אױג האָט זי אים נישט געלאָזט צומאכן. ערשט פאַרטאָג, אז זי האָט געכאַפּט צו אים א פלאַש, איז ער ארױסגעשפּרונגען פון בעט און איז אַנטלאָפן, איז ער שױן געװען בא שמערל האָניק-מאכער, בא יאָסל װײצנזאַנג און נאָך... נאָר בא דעם איז צופיל קינדער, א מע-הומע אין שטוב; בא יענעם איז הײַנט א װעש, איז מער מעהומע, און װײצנזאַנגס צנוע קענסטו דאָך! די הינט מעגן זי אַרומשלעפּן, אױס-ציִען זיך לאָזט זי נישט, כ׳פאַרפלעק איר, זאָגט זי, די סאָפע.

— ימאך שמאָ, — זאָגט ער, — און אױב עס איז מיר א שאָד די סאָפע, װעט ער זיך זעצן אפ מײַן פאָטערשטול, א מעבײַע פון א שטול.

אַנטלױפן איך; װאָס זאָל איך טאָן?

אפ דער שװעל שלאָג איך מיך אָן עמעצן אָן.

װאָס איז? װײַטער א טױװע. אָבער א מיצװע, א מיצװע גדױלע! מײַן שנײַדער איז עס!

קומען, כאָלילע, קומט אים נישט בא מיר. איך צאָל טאָך-קעדױ-דיבער; נאָר דאָס װײַב האָט א צװילינג געהאַט! אײנס איז אפילע באַלד אװעק, נאָר באַם צװײטן װעט זײַן א בריס, בעט ער מיך אפ סאַנדיקאָעס — מאכטײסע, נאָר דאָס װײַב האָט דערװײַל היץ, די באָבע װיל א דאָקטער, כאָטש א רופע מיט רעצעפּט, און ער איז אָן א גראָשן, — װיל ער פאָרױס א פּאָר רובל...

ס'איז טאקע מײַן שנײַדער, און א גוטער שנײַדער, נאָר דאָס פּאָ-
נעם איז שוין פֿון א קאַפּצן! דער קאַפּצן קוקט אים שוין פֿון די אויגן
אַרויס, פֿון אונטער דער קאַפּאָטע אַפֿיר, פֿון אויס די אַרבל רײַסט ער
זיך! א צווילינג נאָך! בא אײנעם א לעווע, באם צווייטן א בריס, און
די קימפּעטאָרן מיט היץ — א פֿאַרלוירענער מענטש. שענק איך בע-
סער א רובל! אָבער מײַן שוועל זאָל ער שוין מער נישט איבערטרעטן,
מער צו נייען גיב איך אים נישט...

ער הערט נישט, וואָס איך רייד צו אים, כאַפּט דעם רובל און אַנט-
לויפֿט, און איך גיי אין בעסמעדרעש אַרײַן...

אין בעסמעדרעש אַרײַן מוז מען גיין דורכן מאַרק.

דורכגיין דעם מאַרק איז אויך נישט פֿון די גוטע זאַכן.

דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך זונטיק, צי אַזוי זייערס א יאָמטעוו,
גראָד ליב צו גיין דורכן מאַרק. דעמלט איז דער מאַרק לעבעדיק, רי-
רעווודיק: רויטע פּאַטשיילעס, רויטע קרעלן, רויטע סטענגעס; רויטע
פֿענעמער — פֿריש און געזונט, אָבער אַזוי אינמיטן דער וואָך — כאַ-
לאָשעס גייט זיך אָן!

אַלטע, פֿאַרקרימטע, פֿאַרכווישעכטע ווײַבער; גרינלעך-טרוקן גע-
בעקס, פֿויל אויבס, — און א ייִדענע נעמט מיטן פֿינגער און דרייט
זיך אויס א פֿויל עפּעלע אין מויל אַרײַן —

הא — גוט?

און דער גאַנצער מאַרק קען מיך...

און ער האָט האַנאָע, דער מאַרק: דער גוויר גייט דאַווענען. ער
שעמט זיך נישט; מיטן טאַלעס-זאַק איבערן גאַס! און מע בענטשט מיך!

און איך האָב באַקאַנטע אַפּן מאַרק!

אײנע איז גאָר מײַנס א קאַלע געווען! דער טאַטע, אָלעוואַשאָלעם,
האָט מיט איר'ן שוין א וואָרט געמאַכט... און איר טאַטע האָט גע-
האַט א פּסאָמים-קראָם, פֿלעג איך דאָרט קויפֿן; איך האָב ערגעץ אויס-

געקאַשפּערט אַ צווייער, און געלאָפן קויפן פאַר אַ צווייער באָקסער! זי פלעגט רויט ווערן! הינטערן טיש פלעגט זי שטיין. סימכאַסטויירע צו האַקאָפעס האָבן מיר זיך — כאַ-כאַ-כאַ! — צווישן אוילעם אין פּאַליש געפונען, באַ די הענט געהאַלטן. דערנאָך איז באַ מיר אין דער האַנט אַ ביסל מאַנדלען געבליבן! נאָר באַלד נאָך יאָמטעוו האָט מיר דער טאַטע, אָלעוואַשאָלעם, געזאָגט, אַז כאַים-יאָסל — אַזוי האָט ער געהייסן, איר פאָטער, — איז אַ קאַפּצן, אַ באַנקראָט. איך געוועלט שטייען לײַדיקע פּודלעס אָן סכוירע, אַז ער האָט אים געוואָלט אַרײַנאַרן אין זאַק אוקעדוימע, און — אויס שידעך...

באַלד דערנאָך האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מײַן זיווועג איז אַ כוילאָ-ניס; אַ מאַן האָט זי באַקומען עפּעס אַ שווינדזיכטיקן מעלאַמעד... באַלד, ראַכמאָנעליצלאַן, איז זי געוואָרן אַ „וויסטע אַלמאָנע"... און אַז איך גיי דורך, קוקט זי אַף מיר מיט מילכיקע אויגן...

און נישט זי אַליין, נאָך אַ באַקאַנטע האָב איך דאָרט.

אויך אַן אַלמאָנע.

און דער מאַן איר'ער האָט פאַר דער פּטירע געזאָלט זײַן מײַן שוטעף.

עס איז נאָך געווען די פאַכט אַף קאָשער פלייש. ס'איז פאַר דער ליציטאַציע אין דער גובערניע, און איך האָב מיר דעמלט געזוכט אַ שטיקל אייסעק. מײַנס אַ פעטערס אַן איידעם (שוין ביידע אָפּן אוי-לעם-האַעמעס), אויך אַ יונגערמאַן נאָך קעסט, זוכט זיך אויך אַ שטיקל אייסעק. פּאָרט מען אונדז צוזאַמען... יויכענען פאַכטער איז, לוי-אַלייכעם, געלעגן איבעראַנאַנד (ער איז אויך נישטאָ, לעהאַוודל בייז האַכאַים ווענאַמייסים). מאַכן מיר זיך ביידע נישט ווויסנדיק, און ערשט אַ טאָג פרי'ער כאַפּן מיר בעסאָד-סוידעס עקסטראַ-פּאָסט און מע פּאָרט אין גובערניע אַרײַן... וואָלטן מיר ב י י ד ע גענומען די פאַכט, וואָלט איך אַ ק ל ע נ ע ר ע ר אוישער געווען...

וואָס טוט אָבער גאָט?

מײַנ יערוכעם (אַזוי האָט ער געהייסנ) פאַלט אונטערוועגס אוועק — מיט גענדזונס האָט ער זיכ אָנגעגעסנ אונ מיט קאַלט ביר פאַרטרונקענ! — דאָס געלט האָב איכ געהאַט באַ מיר; לאָז איכ אימ איבער אינ א שטעטל גאַנצ באַרעוו, שיק א שאַליעכ מעיוכעד נאָכנ ווײַב אונ פאָר ווײַטער. ראַכמאָנעס אהינ, ראַכמאָנעס אהער — געשעפט איז געשעפט. אונ וואָס וואָלט ער געהאַט דערפונ, ווענ איכ אליינ בלײַב אויכ נישט באַ דער פאַכט? וואָלט איכ געבליבנ א קאַפּצנ! אויכ האָב איכ גענומענ די פאַכט... אַז איכ בינ צוריקגעקומענ, איז זי שוינ אנ אַלמאָנע געווענ... נו, מיט אַלמאָנעס אונ יעסוימימ מאַכט מענ קיינ שוטפעס נישט, האָב איכ אַרויסגעגעבנ א וועקסל אפנ געלט, צוגעשריבנ פּראָצענט... אונ הײַנט זיצט זי אפנ מאַרק... די עטלעכע רובל צונישט געוואָרנ...

פאַרשטייט זיכ, אַז איכ האָב דערפונ קיינ נאַכעס נישט; ווענ איכ גיי דורכ, גיט א צופּ באַמ האַרצ; וואָרעמ וואָס טו איכ, אַז אַזא ייִדענע וועט אַרויס מיט א קלאָלע?

אונ אַז מע קומט שוינ, מיינט איר, אינ בעסמעדרעש אַרײַנ, קלײַבט מענ שוינ נאַכעס?

באַלד אפ די טרעפּ — שלעפט זיכ ר׳ בערעלע דײַענ, סאָפּעט אונ קרעכצט... א גאַרטל דאַרפ ער! אַלע פיר וואָכנ פאַלט ער אוועק אפנ מייכוש, טרעפּ זײַנענ פאַר אימ סאַקאָנעס-נעפאָשעס, — אונ אַז מע נעמט אימ צונויפ אפ א גאַרטל, מאַכט ער כאַסענע א טאָכטער! טו עפּעס, אַז דער ייִד האָט פאַרט צוועלפ טעכטער! העכער וואַרט שוינ אפ מיר דער בלינדער שויכעט! ער איז בלינד געוואָרנ, האָט קאָהאָל צוגענומענ א נײַעמ שויכעט, בינ איכ, פאַרשטייט זיכ, געווענ דערבײַ — אויסגערעדט האָבנ מיר, אַז דער נײַער שויכעט זאָל צאָלנ דעמ אַלטנ צוועלפ גילדנ א וואָכ, צאָלט ער נישט! אליינ א מעטופל! בינ איכ שולדיק! בלינד איז ער, נאָר ער דערפילט מיכ! אונ אַז ער דערפילט מיכ, גיט ער א קרעכצ אפ מײַנ כעזשבנ. מיילמאָל זאָגט ער:

— שוין פאַרזאָרגט...

האָב איך, מיינט איר, האַנאָע דערפֿון?

דערנאָך הייבט זיך ערשט אָן: קאַפּיטאַניס באַם אויוון, באַטלאָנים באַם קיער, און אָן אַלע מוז מען זיך אָפּרײַסן, אויסשמעקן זייער מאַכאַרקע... א געקומענעם לאַנד-קאַפּצן מוז מען נאָך שאַלעם געבן... און אַז גאָט העלפֿט, איך קום שוין צו צו דער מיזרעך-וואַנט, שטייט ערשט אויפֿגעשריבן מיט קרײַד: גרויסע געקסיוועטע אויסיעס „כאָים בען מיכל לירפֿואָ שליימאָ!‟ און דער מיכל דאַרף גראָד זײַן מײַן מעשאָרעס!

ס׳געגעבעם, זאָג איך אײַך, האָב איך געליטן!

א מענטש מיט א ווייך האַרץ איז נישט גוט...

מיינט איר עפּשער, אַז עס איז מיר פֿלוצלינג אײַנגעפֿאַלן צו אַנטלויפֿן? אײַנגעפּאַקט און אַרויסגעפֿאָרן?

ניין, עס איז אויך א גאָט-זאַך געווען. איך בין גאָרנישט אַזוי קלוג!

א ווײַב האָב איך געהאַט, ווי געזאָגט, לוי-אַלייכעם, א כוילאָנים.

עס איז איר וואָס אַמאָל ערגער געוואָרן.

איך האָב קימאַט נישט געוווּסט דערפֿון: זי האָט געהאַט איר שטוב, האָט ליב געהאַט צו האָבן אַרום זיך אירע גאַבעטעס, אַלערליי שביינעס, איך וועל דאָך נישט אַרײַנגיין זיך זעצן צווישן ווײַבער. באַנאַכט — איז בעסער זי זאָל שלאָפֿן.

איינמאָל שיקט זי מיך רופֿן. באַשער-בעביין, זי וויל פֿאָרן קיין וואַרשע צו א דאָקטער.

מאַכטייסע.

וויל זי אַליין נישט פֿאָרן.

זאָג איך, איך וועל עמעצן מיטשיקן, איין מענטש, צוויי מענטשן.

וויל זי נישט, נאָר איך זאָל מיט איר פֿאָרן, זי האָט מוירע. זי וועט כאָלילע שטאַרבן אַפֿן וועג; און שטאַרבן אָנעם מאַן וויל זי נישט...

האָב איך גראָד פאַרוויקלטע געשעפטן געהאַט. און גלאַט — פאַר מיט אַ קראַנקער! באַ מײַן ווײַב האַרץ וואָלט איך אויך, כאַפּוועשאָלעם, קראַנק געוואָרן... האָב איך דערוויַיל אַ ישועה, זאָג איך: כ'וועל זען. איבערקלערן, שפּעטער, מאָרגן...

דערווײַל העט איך אין גאַס, זי שטייט שמאָל...

דערנאָך ווער איך געוואָר, אַז כעוורע-קאַדישע פאַרבײַגט זיך אַפּ מיר אַ קניפּל, די ציין שלײַפן זיי זיך, באַשער-בעכיין — די מיקווע פאַלט אײַן...

בע! מיטן גוטן ווילן געבן, מאַכטייסע, אָבער נײַטן זאָל מען מיך?

דינג איך, אַ שיינעם גוטן מאָרגן, אַ פּויערישן לאַנגן וואָגן, אויס-געבעט מיט שטרוי, היים אַרופליגן די כוילאָנים און גיב אַ פאָר אַרײַן קיין וואַרשע!

און גערעכט איז זי געוועזן, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט שוין פון וואַרשע נישט צוריקומען...

איין דאָקטער, צוויי, הרײַ דאָקטוירים — און, לוי-אַלייכעם, ווי אַ הונט אײַנגעשלאָפן!

וואָס איר איז געוועזן, ווייס איך אַדהײַעם נישט...

נאָר אַ מעכײַע — 26 רובל קוורע-געלט! ווילסט? גיב אַ נעדאָווע; נישט — נישט!

דערווײַל, זיצנדיק שיווע, איז מיר וואַרשע געפעלן, פאַרהאַנגען, אַ קלאַפּשלאָס; אַ גאַניידן! אַפּ אָרנטלעכערע גאַסן לאָזט מען אַפילע נישט בעטלען.

— ניין, — זאָג איך, — דאָ בלײַב איך שוין!

אַלע קליינשטעטלדיקע גווירים מוזן זיך ציִען קיין וואַרשע. — — —

1901

מוסער

עס גייענ צוויי ווײַבער הינטער דער שטאָט. איינע א הויכע, שווערע ייִדענע, מיט בייזע אויגנ, שווערע, הילכעדיקע טריט; די צווייטע א דארע, בלאסע, קליינע ייִדענע מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ.

— ווו פירסטו מיכ, כאנע? — פרעגט די צווייטע.

— וואַרט, נאָכ א פּאָר טריט. זעסט, דאָרט צום בערגל.

— נאָכ וואָס? — פרעגט נאָכאמאָל די צווייטע מיט א באנק-אָפּגעריסענעם קאָל, גלײַכ זי וואָלט זיכ עפּעס געשראָקנ.

— וועסט הערנ, קום...

זיי זײַנענ צוגעקומענ צום בערגל.

— זעצ דיכ, — מאכט כאנע.

די צווייטע פאָלגט, זעצט זיכ אפנ בערגל, כאנע זעצט זיכ לעבנ

איר. — אין דער שטילקייט פון ווארעמען זומער־טאָג, ווייט פון שטאָטישן גערודער, מאכט זיך א געשפרעך:

— גרונע, ווייסט, ווער דיין מאן, אַלעוואשאַלעם, איז געווען?

אף גרונעס בלאס פּאָנעם לייגט זיך א שאָטן.

— איך ווייס, — ענטפערט זי מיט פארביסענע ליפּן.

— א סויפער איז ער געווען, גרונע! א קאָשערער סויפער...

— איך ווייס! — מאכט גרונע אומגעדולדיק...

— פאר יעדן אָס פלעגט ער זיך טויוולען אין מיקווע...

— א גראָבער ליגן... אז ער פלעגט גיין א פּאָר מאָל אין דער וואָך, איז עמעס...

— א קאָשערער ייִד געווען.

— עמעס...

— זיין זכוס זאָל אונדז ביישטיין...

גרונע שווייגט.

— שווייגסט? — וווּנדערט זיך כאנע.

— אַלציינס!

— נישט אַלציינס! זיין זכוס זאָל אונדז טאקע ביישטיין! הערסט?

— איך הער!

— וואָס זאָגסטו דערצו?

— וואָס זאָל איך זאָגן, איך ווייס נאָר, אז ער איז נ י ש ט ביי־געשטאנען...

פּויזע. די ווייבער פארשטייען זיך: דער קאָשערער סויפער איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אן אלמאָנע מיט דריי יעסוימים — מיידלעך. גרונע האָט שוין מער נישט כאסענע געהאט, די קינדער קיין שטיפ־טאטן נישט געגעבן, אליין אף זיך און די קינדער געאר־

בעט, נאָר קיינ מאזל אונ בראָכע איז נישט געוועזנ... „זײַנ זכוס איז נ י ש ט בײַגעשטאנענ...“

— אונ ווייסטו פארוואָס, גרונע? — האקט איר איבער כאנע די שטילקײַט.

— עט...

— ווײַל דו ביסט זינדיק...

— איכ? — אונ די בלאסע גרונע שפּרינגט אופ, ווי אנ אונטער-געשאָסענע. — איכ — זינדיק?

— הער, גרונע, זינדיק איז יעדער מענטש, נאָר דו אווּאדע...

— אווּאדע?

— גרונע, נישט אומזיסט האָב איך דיך אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט צום טײַך צו, אפֿן פֿעלד... קיין פרישע לופֿט, באַרעכאַשעם, דאַרפֿן מיר נישט... זעסט, גרונע... א מאמע, און ביפראַט א קאָשערן סויפֿערס אין אַלמאָנע דאַרף...

— וואָס דאַרף זי?

— זי דאַרף זײַן פֿרימער ווי אַלע, בעסער ווי אַלע און מער אַכ-טונג געבן אַפֿ דער טאָכטער.

די בלאַסע גרונע איז נאָך בלאַסער געוואָרן. די אויגן האָבן איר אופֿגעפֿלאַמט, די נאָזלעכער צעשפּרייטן זיך און די בלוי-פֿאַר-ברענטע ליפּן ציטערן.

— כאַנע! — האָט זי אויסגעשריגן.

— דו ווייסט, גרונע, איך בין דיר א גוטער-פֿרײַנט, נאָך דעם עמעס מוז איך דיר זאָגן, אַניט וואָלט איך נישט געהאַט קיין פֿאַרענט-פֿער פֿאַר גאָט... איך וועל דיך נישט באַריידן, דורך מיר וועסטו נישט קומען צו לײַטן אין די מײַלער אַרײַן, עס וועט בלײַבן צווישן אונדז. איין גאָט אין הימל וועט הערן...

— צי מיר נישט די נעשאָמע אַרויס!

— נו, הער זשע! קורץ און שאַרף... נעכטן פֿאַרנאַכט, שפּעט פֿאַר-נאַכט בין איך צוריק געגאַנגען פֿון דער באַן, און — אַפֿ דעם בערגל איז געזעסן דײַן מירל...

— איינע אַליין?

— ניין.

— מיט וועמען?

— איך ווייס? מיט א קאַפּעליוש... א צילינדער אפֿילע... ער האָט זי געקושט אין האַלדז-און-נאַקן... זי האָט געלאַכט און געכרופּעט צוקערקעס...

— איכ ווייס!.. — רופט זיכ אָנ גרונע מיט א קאָל ווי פונ קיי-ווער אַרויס... — עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל...

— דו האָסט געוווּסט?! וואָס? א כאָסנ איז עס?

— ניינ...

— נישט? אונ דו... האָסט געשוויגנ?

— יאָ!

— גרונע?

נאָר איצט איז שוינ גרונע רויק.

— איצינד שווייג דו אונ הער, וואָס איכ וויל דיר דערציילנ, — זאָגט זי מיט א שנײַדנדיק קאָל אונ, אָנכאַפּנדיק כאַנע באַם אָרבל, ציט זי, זי זאָל זיכ צוריק זעצנ.

— הער, — האָט זי ווײַטער געצויגנ, — אַלצ וועל איכ דיר דער-ציילנ, אונ איינ גאָט אינ הימל וועט אונדז הערנ!

כאַנע האָט זיכ צוריק געזעצט.

— אז מײַנ מאנ איז געשטאָרבנ — הייבט אָנ גרונע.

— וויאזוי רעדסטו עפּעס, גרונע?

— וויאזוי זאָל איכ ריידנ?

— אָנ „זיכרוינו-ליוורכע“? אונ — „ניפטער געוואָרנ“ זאָגט מענ...

— אַלציינס, ניפטער געוואָרנ צי געשטאָרבנ, באַגראָבנ האָט מענ אימ...

— צו קייווער-אָוועס געקומענ...

— זאָל זײַנ צו קייווער-אָוועס... נאָר מיכ האָט ער איבערגעלאָזט מיט דרײַ יעסוימימ — טעכטער...

— נעבעכ, קיינ קאדעש נישט געלאָזט...

— דרײַ טעכטער, די עלטסטע —

— גענענדל —

— אַלט געווענ פערצנ יאָר...

— בא לײַטן איז אזוינס א קאַלע...

— בא אונדז איז קיין ברויט נישט געווען! פון טנאָים שרײַבן און לעקעך עסן נישט צו ריידן...

— וויאזוי רעדסטו עפּעס הײַנט, גרונע!

— נישט איך רייד, מײַן האַרצווייטיקע רעדט... גענענדל, ווייסטו, איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט.

— הײַנט אויך... קיין אַנדערע!

— הײַנט איז זי א זויערע לימענע — א גרויער צאַפּ! נאָר דעמלט האָט זי געלײַכט ווי די זון... און — איך בין דעמלט דעם פרומען סויפערס אלמאַנע געווען! איך האָב זי ווי אַן אויג אין קאָפּ געהיט... איך האָב געוווּסט, אַז הײַנטיקע צײַטן... עס דרייען זיך ארום קלעזמאָרים, שנײַדערלעך, אזוי דײַטשלעך און אלטע באָכערים... בעםמעדרעשניקעס אפילע פלעגן זיך דרייען באַם פענצטער... נאָר אַז וואָס איז א מאמע? א קאַלע-מיידל, האָב איך געוווּסט, דאַרף זײַן ווי א שפּיגל... און איך האָב מײַנס באַוויזן; עס איז אַף איר קיין הויך נישט געפאלן! געהיט האָב איך זי, געהיט! קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, קיין טריט פון שטוב אָן מיר נישט געמאכט, און אלץ מוסער געזאָגט... קוק נישט אהער, קוק נישט אהין, דאָ שטעל דיך נישט, דאָ מעק דיך נישט... קוק נישט ווי פייגעלעך פליִען...

— נו, זייער ווויל...

— ווויל ווי די וועלט! — מאכט גרונע ביטער. — קום נאָר צו מיר אהיים און זע, ווי זי זעט אצינד אוים! יאָ, זי איז אַן עמעס ערלעך מיידל, נאָר פון זעקס און דרײַסיק יאָר! דאַר, די ביינער צו ציילן, א גערונצלטע הויט, ווי פאַרמעט צו טפילן, אויגן פאַרלאָשענע, דאָס פּאָנעם זויער, אַן א שמייכל — אייביק פאַרביסענע ליפּן... גאנץ אָפּט דאַכט זיך ברענען אוף די פאַרלאָשענע אויגן — דאָס ברענט דעמלט אין זיי א סינע, א האַס, ווי א געהענעם... און ווייסטו צו וועמען? ווייסטו ווע-

מען זי האָט פֿײַנט? וועמען, מאַכנדיק מיט די ליפּן, זי פֿאַרשילט די ביינער?

— וועמען?

— מיר! מיר — איר אייגענער מאַמען!

— וואָס רעדסטו? פֿאַרוואָס?

— זי אַליין ווייסט עפּעס ניט פֿאַרוואָס, נאָר איך ווייס! איך האָב מיך געשטעלט צווישן איר און דער וועלט, צווישן איר און דער זון! איך האָב איר, ווי זאָל איך דיר עס זאָגן? קיין וואַרעמקייט און קיין ליכט צום לײַב ניט צוגעלאָזט... גאַנצע נעכט האָב איך דערי־בער געקלערט, ביז איך בין עס דערגאַנגען, אַף קלאָר דערגאַנגען! זי מוז פֿײַנט האָבן... יעדעס קעמערל פֿון איר לײַב האָט מיך פֿײַנט!

— וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט! די שוועסטער האָט זי אַזוי פֿײַנט, שע־נער זײַנען זיי און יונגער!

גרונע כאַפּט שווער דעם אָטעם און באַנע קאָן צו די געדאַנקען ניט קומען... זי הערט עפּעס שרעקלעכס; עפּעס עקלעכס, ווי קראַנק זײַן, ווי שטאַרבן, אַפּילע ווי „אונטער דער כופּע שטאַרבן" — דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס עס טרעפֿט זיך בײַ ייִדן, און דאָך — ריבוני־שעל־עולם, עס דאַרף אַזוי זײַן!

— די יונגערע, לייען, האָב איך שוין אין דער היים ניט גע־האַלטן... איך האָב זי אָפּגעגעבן פֿאַר אַ דינסט... — הייבט ווײַטער אָן גרונע צו דערציילן און די שטימע ווערט נאָך הייזעריקער, נאָך אָפּגעריסענער...

— איך האָב גענוג געשריִען דעמלט, — דערמאָנט באַנע, — מײַ־סים געטאָן... אַ סויפֿערס אַ טאָכטער פֿאַר אַ דינסט...

— איך האָב געוואָלט כאָטש א י ר כאַסענע מאכן, זאָל זי כאָטש א ביסל נאָדן האָבן... פון מײַנע ציבעלעס, מיט וועלכע איך האַנדל, קען מען קיין נאָדן נישט אופקלײַבן...

און זי האָב איך אויך געהיט...

נישט איין באַלעבאָס האָט אפ איר אַן אויג געוואָרפן, ניט איין באַלעבאַטיש קינד האָט זיך געוואָלט פון איר א שפּילכל מאכן... נאָר איך בין א מאַמע! איך בין א טרײַע מאַמע געווען! די פיס האָב איך מיר אָפּגעהאקט און ציין מאָל אין טאָג בין איך בא איר אין קיך גע-ווען, געוויינט און געבאַלעשט, מוסער געזאָגט... האַ! גוטע ווערטער, פרומע ווערטער געזאָגט!.. גאַנצע נעכט בין איך נישט געשלאָפן און געלייענט דעם קאָוו-האַיאָשער און אַנדערע הייליקע ספרים אַף איוו-רעטײַטש, און צומאָרגנס איר איבערדערציילט... און נאָך אייגנס צו-געגעבן! גאָט זאָל עס מיר מוחל זײַן... פון דרײַ שיידים האָב איך געמאַכט צען, פון א שמיץ איז געוואָרן קאַסטראָל, מיט פײַער האָב איך געשיט! און א שוואַך קינד איז עס געווען, א שוואַך קאָשער קינד, עס האָט זיך געלאָזט פירן!.. דער טאַטע אויסן אויג — בלאָס, אָן א ביסל בלוט, און אַזוינע גוטע, פײַכטע אויגן, — נאָר שענער איז זי געווען...

— דו רעדסט, ראַבמאָנעליצלאַן, ווי פון א טויטער!

— און דו מיינסט, זי לעבט? איך זאָג דיר, זי לעבט נישט! זי האָט אָנגעזאַמלט נאָדן, און איך האָב איר א מאַן געגעבן!

זי האָט נעבעך געוויינט, אַז זי וויל אים נישט, אַז ער איז צו גראָב, צו פּראָסט פאַר איר.

נאָר א לערן-קינד נעמט נישט קיין דינסטמיידל, ביפראַט מיט הרײַסיק רובל נאָדן!

איך האָב געדאַנקט גאָט, ווער עס איז! — א שנײַדער-יונג, איז א שנײַדער-יונג!

נו! האט ער מיט איר א יאר געלעבט — צוגעוווינט זיך צו מיר, דאס געלט מיטן געזונט, מיטן רעשט ביסל קויעך און איז אוועק...

נאקעט און בלויז האט ער מיר זי אפגעשטעלט, נאר — מיט א לונגען-פעלער! זי שפייט מיט בלוט!.. א שאטן איז עס שוין, נישט קיין מענטש... עס טוליעט זיך צו מיר, ווי א קליין קינד, עס לייגט זיך ווי א לעמעלע!.. און גאנצע, גאנצע נעכט וויינט עס...

און ווייסט אף וועמען זי וויינט?

— אפן מאן, ימח־שמו!

— ניין, כאנע, אף מיר וויינט זי! איך האב זי אומגליקלעך געמאכט! אירע טרערן פאלן מיר אפן הארץ ווי קאכעדיק בליי — זיי סאמען מיך, די טרערן...

זי בלייבט ווייטער שטיל און כאפט קוים דעם אטעם.

— אקלאל? — פרעגט כאנע.

— אקלאל? האב איך מיר שוין געזאגט: גענוג! זאל מיין דריטע טאכטער שוין לעבן! לעבן זאל זי, ווי זי וויל!

זי ארבעט אין פאבריק! זעכצן שעה אין טאג ארבעט זי, קוים אף טרוקן ברויט פארדינט זי... זי וויל צוקערקעס אויך, זאל זי עסן! זי וויל לאכן, שטיפן, קושן זיך — זאל זי! הערסט, כאנע — זאל זי! איך קאן איר קיין זיסע זאכן נישט געבן, קיין מאן אוואדע און אוואדע נישט! א ציטרין פון איר מאכן וויל איך נישט, א לונגען-פעלער געבן — נישט, נישט! זאל שוין די טאכטער מיך נישט האסן, אף מיר נישט וויינען.

— אבער גרונע, — שרייט כאנע אויס דערשראקן, — וואס וועלן זאגן לייט?

— זאלן לייט פריער אף ארעמע יעסוימים־ראכמאנעס האבן, נישט ארבעטן מיט זיי ווי מיט אייזלענע אומזיסט! זאלן מענטשן האבן הער-

צער פונ מענטשנ, אונ נישט האלטנ ארעמעלײט צומ אויסדריקנ ווי לימאנענ...

— אונ גאט? גאט, בארוכ-הו!

אונ גרונע הייבט זיכ אופ אונ שרײט, גלײכ זי האט געוואלט, גאט זאל אינ הימל הערנ —

— האט גאט געזאלט פרײער יענע פארזארגנ...

עס איז א שווערע שטילקײט!ביידע ווײבער אטעמענ שווער, ביי-דע שטייענ זיכ אקעגנ מיט בליצנ אינ די אויגנ.

— גרונע! — שרײט ענדלעכ אויס כאנע. — גאט! גאט וועט שטראפנ!

— נישט מיכ, נישט מײנע טעכטער! גאט איז ערלעכ! ער וועט עמעצ אנדערש שטראפנ! עמעצ אנדערש!

איבער א שמעק טאבאק

אז דער באלדאָווער איז געזעסנ, א-פוס איבער א פוס, מיט א ליבלעכ-זאטנ שמייכל, אונ האָט גלאט אזוי, האלב-גענעצנדיק, געבלעטערט אינ קאָנטאָ-בוכ פונ לעבעדיקע נעפאשעס, האָט ער פלוצלינג א פאטש געטאָנ מיט די הענט.

ער איז צוגעקומענ צום כעלעמער ראָווס קאָנטאָ — אונ קיינ טמונאס אָס — א ליידיק בלאט.

אפנ פאטש, פארשטייט זיכ, זיינענ זיכ דערוויי́ל אָנגעלאָפנ גענעם-לאפיטוטנ; זיי שטייענ אינ טיר, ווי די קלאָווים, מיט די צונגענ ארויס, אונ ווארטנ אפ א באפעל.

— שיקט נאָר — הייסט דער באלדאָווער — עמעצנ ארופ, געוואר ווערנ, צי דער כעלעמער ראָוו האָט אריכעס-יאָמים.

די לאפיטוטנ פארשווינדנ אזוי שטיל, ווי זיי זיינענ געקומענ, אונ עס גייט נישט אוועק קיינ פערטל שאָ, קומט א טשוווע: געוועננ אינ

קאמער פון לעבן; דעם בעלעמער ראָווס פּאָדעם — קימאַט נישט מיט־
איינג צו דערזען — הינט-מאָרגן רופט מען אים!

— זאָל אַריינקומען דער שרייבער!

טאַנצט אַריין אַ גאָל-קעפּיק שרייבער. מיט רויט-לויפנדיק לוסטי־
קע אייגעלעך, הינערשע פּיסעלעך, אַ קיידע אהין, אַ הישטאַכוועלע
אהער; גיט זיך אַ זעץ אַף דער שוואַרץ-ברענענדיקער סמאָלע-פּאָדלאָגע
אַף טערקיש — די פּיס אונטער זיך; כאַפּט אַרויס פון אַ יי נ זייט
בוזעמקעשענע קליי-קסיוועס: אַ נייע קראָהענע פעדער פון דער נאָדל;
אַ טינטער מיט רויט-זינדיק בלוט, אָפּגעצאַפּט פון הבא על העריות,
פון דער צווייטער זייט, און וויקלט אויף אַ פריש אויסגעאַרבעט שטיקל
אַפּיקאָרסעס-הויט, שפּייט זיך אָן אַף דער יאַד און וואַרפט אַן אונטער־
טעניקסטן בליק צום באַלדאָווער: פּאַרטיק!

גיט זיך דער באַלדאָווער אַ בייג אויס אַף דעם פּאַטערשטול און
דיקטירט. דאָס שרייבערל שטרעקט אַרויס אַ צונג און מאַכט אַ צוק
נאָך אַ צוק. די פעדער לויפט און סקריפּעט, און צום בעסדן-שעל־
מיילע גייט אַ ראַפּאָרט קעהני לישנע:

„העיווים אין פּאָסעק שטייט: אין אדם בארץ אשר יעשה טוב ולא
יחטא... און דאָ איז פאַראַן אַ בעלעמער ראָוו, וואָס שטייט מיט איין
פוס באַם קיוווער, און זיין בלאַט איז ליידיק! אַלקיין, אויב מע וויל,
עס זאָל בלייבן „משה אמת ותורתו אמת" — זאָל מען דעם בעלעמער
איבערגעבן אין באַלדאָווערס רעשוס אַריין"...

קומט, נאָך אַ קורצן יישעוו, פון בעסדן-שעל-מיילע אַ טשוווע:
„עיין איוב, קאַפּיטל א'".

פאַרשטייט שוין דער באַלדאָווער, וואָס מע מיינט: טו מיט אים,
הייסט עס, וואָס דו ווילסט, „רק את נפשו שמור" — לעבן זאָל ער,
ווי לאַנג איז אים באַשערט.

איז אָבער נישט אַזוי לײַכט, ווי עס רעדט זיך.

קיין אישע האָט דער בעלעמער ראָוו, לוי-אליכּעם, נישט; מי-קאַמע שאָנים אַן אַלמנה, קינדער — אויסגעגעבענע, און „לא יומתו אבות על בנים", יעכעזקל האָט געזאָגט — פאַרפאַלן! פון שאָף און רינדער איז אַוואַדע נישט צו ריידן — קיין פיצל ציג ניט צומאָל! אַ הויט האָט דער בעלעמער ראָוו סײַווייסע נישט קיין ריינע. האַלט זיך, נעבעך, אין איין קראַצן... און גלאַט — נעמען אַ בעלעמער ראָוו מיט יעסורים!

— עפּעס אַ טײַוועלע — טראַכט דער באַלדאָווער און באַלעקט זיך. שטרעקט אויס די האַנט צום טיש. רירט אָן דאָס גלעקל פון אַ באַקראָנישן שאַרבן-קאָפּ — אַ פולע שטוב לאַפּיטוטן!

— ווּעמען ווּעלן מיר שיקן און ווער וועט אונדז גיין אָראָפּצו-פירן דעם בעלעמער ראָוו פון וועג?

ווערט אַ געשרייערײַ: איך, איך, איך — —

אַלע ווילן! מע ווייסט, אַז פאַר אַזוינע קונצן וואַקסט מען, ווי אָפּ הייוון.

אַהער און אַהין, ס'קאָן קומען צו אַ געשלעגערײַ. בלײַבט: אַ קאַלפּע.

פאַלט דער גורל אויף צוויי לאַפּיטוטן, ווינטשט מען זיי מאַזלטאָוו, און זיי ווערן נעלעם...

אין אַ שיינעם העלן טאָג, בעלעמער ייִדעלעך דרייען זיך אַרום אין מאַרק אָן פּאַרנאָסע... שטייען רעדעלעך און ריידן פון פּאָרעצים וואַלד און פעלד; פון פויערשע „מעסטלעך", פעלכלעך, וואָס זײַנען נאָך אויף די האָזן, פון אייער נאָך נישט קיין געלייגטע, — גיט אונטער זיי פּלוצלינג אַ ציטער די ערד, און זי ציטערט; טאָך-קעדיי-דיבער הערט זיך אַ קנאַק, איינער, דער צווייטער, מאַמעש: אַ בליץ נאָך אַ בליץ —

און עס יאָגט אַן א בויד און עס דתּערן די רעדער... א ווילד-פרעמדע בויד, פארשוימטע פערד, ווי די אראָיויס; און די בויד גיט זיך א לאָז דורכן מארק; קוים צייט געווען אָפּצושפרינגען. און פון פאָרנט, בא דער קעלניע, אויסגעבויגן ארונטער מיטן קאָפּ, שטייט, אַן א בײַטש אין דער האנט, אין א היטל מיט לאפּן, מיט א רויטן גארטל איבער די לענדן, ארומגעדרייט די לייצעס ארום די הענט, א שמײַסער, — ציט זיי אײַן, די לייצעס, אז מאנכמאָל גיבן זיך די פערד א כאפּ ארויס די קעפּ און א שטעל אפ די הינטערשטע פיס. און הינטער אים שטייט א באלעבאטיש געקליידטער ייִד — א קאפּטאַן, סטראָקעס — יענע צײַטן! — האלט אין דער רעכטער האנט די בײַטש און קנאקט איבער די פערד, אז זיי גיבן זיך באלד א לאָז אראָפּ און פליען ווי אָדלערס. מיט דער לינקער האנט קלאפּט ער אלץ נאָכאנאנד דעם שמײַסער אין רוקן, און פון צייט צו צייט גיט ער נאָך מיטן מויל א פײַף, אז די פערד שפּרינגען פון דער הויט און צינען זיך אויס אינעם גאלאָפּ, ווי די שלאנגען!

און דער שמײַסער האלט אין איין שרײַען: ייִדן, בניי-ראחמאָנים, ראטעוועט! ייִדן, בניי-ראחמאָנים, ראטעוועט!

— נו — ראטעווע! גאנצע ביינטן פונקען רײַסן זיך פון אונטער די פּאָדקאָוועס!

יאָגט מען נאָך די בויד — מיט צעשראָקענע אויגן, זאָגט מען: „השם ישמרנו“, אנדערע קלערן נאָך וועגן גוימל-בענטשן. ווײַבער לויפן נאָך ארויס פון די קלייטן און שרײַען: געוואלד!

מוז אָבער די בויד דורכלויפן דאָס שעכט-הויז, גיבן זיך א לאָז ארויס קלאָווים און שפרינגען די פערד אין די מאָרדעס; לויפן ארויס קאצאָווים און העקער-יונגען, שפרינגען צו און כאפּן בא די לייצעס — גיבן זיך די פערד א שטעל-אָפּ, אז עס ציטערט אפ זיי די הויט פאר שרעק, זײַנען די קאצאָווים און די העקער-יונגען אפ דער בויד!

וואָס איז? ווײַזט זיך אַרויס: אַ קליין סיכסעכל... דער אָנגעטאָ-
נענער ווי אַ באַלעבאָס, מיטן לעדערנעם גאַלט-פּאַס אויף די לענדן,
שרײַט, אַז דער שמײַסער איז מעשוגע געוואָרן, ווײַל דאָפּקע פּאַשעט,
און ער אײַלט זיך אויפן יאַריד מיט בריליאַנטן... קריגן די לײַט אַ ביסל
דערעכערעץ. און דער שמײַסער טײַנעט, אַז ניט ער איז דער שמײַ-
סער, נאָר טאַקע יענער... עלע וואָס? אויפן וועג אין וואַלד, קומען זיי
מימערבאַקים און פּאָרן קיין מערבאַקים, איז ער אים באַנאַכט אין
וואַלד באַפאַלן, צוגעלייגט אַ מעסער צום האַלדז, געצייט זיך איבער-
צוטאָן און ער ווײַל אים צוגאַזלענען די בריליאַנטן, דאָס געלט, די
בויד מיט די פערד... אַלץ! דעריבער, אַז ער האָט דערזען אַ יידישע
קעהילע, האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען... און יענער לייקנט אַלץ שטיין
און ביין; לעהאַדאַם און לעהאַדאַם! — דרייט מען איבער פערד און
וואָגן, טרײַבט קוים אויף די קלאָווימ און מע פאַרפאָרט צום ראָוו.

הייבט זיך אָן אַ בקירע-אודרישע, הערט דער ראָוו אויס יעדן באַ-
זונדער. לאָזט מען קוידעמקאָל אַרײַן דעם טויען, דעם, וואָס איז אָנ-
געטאָן ווי אַ שמײַסער. הערט אים דער ראָוו אויס און זאָגט: אַפּאָ-
נעם — גאַשמויעס שעבעגאַשמויעס; אַ לאָשן פון אַן עמעסן באַלע-
גאָלע... און דער קאָל אַליין איז אויך ניט פון ביידער אַרויס... אַ
קאָל פון וואַלד, פון פרײַען פעלד און — אויף סוסימ!

פונדעסטוועגן בויקערט ער ווײַטער:

— וויפל סכוירע האָט איר אין בויד?

— איך ווייס? כ'פיר עפּעס בעזשבוינעס? אַן אַמאָרעץ בין איך,
רעבע! גאָט האָט געהאָלפן — האַנדל איך מיט בריליאַנטן!

— און וויפל געלט האָט איר אין בײַטל געהאַט?

— איך צייל ניט, כ'ווייל, ס'זאָל אַרײַנקומען די בראָכע...

האַכט זיך שוין, זיכער אַ בילבל! דער ראָוו, פונדעסטוועגן, קרעכצט
אויף, און מע לאָזט אַרײַן דעם צווייטן: אַ פּאָנעם פון אַ בעניטווירע. דער

ראַוו גיט אים אַ טאַפּ אין לערנען, גיט אַ מיש אויס שאַס־אופּאַסקים. נאָר אינמיטנדערינען גיט ער אַ זאָג: „רעבע! וואָס טויג לאַנג טײַנען, זעט!" — און ער גיט אַ שיט אויס פון גאַרטל: סאַמע גאָלדענע רענד־לעך, רויטע פלאַמענע קאַלערן זיך איבערן טיש — „און — העלפט פון די בריליאַנטן קריגט איר אויך, נאָר זאָגט, ס'איז מײַנן!"

גיט זיך דער ראַוו אַ שטעל אויף און גיט אַ קוויטש:

— גאַז־לען!

לויפט דער אוילעם אַרײַן — ווישט מען זיך די אויגן! ווּ טויען, ווּ ניטאָן, ווּ רענדלעך? — נעלעם געוואָרן, נישטאָ קיין בויד, קיין פערד — די ערד האָט זיי אײַנגעשלונגען!

קלערט בעלם: צי עס איז געווען אַ כאָלעם, צי ראַכמאָנעליצלאַן, אַ קישעף; דערווײַל ברענגט מען אַ משוווע דעם באַלדאָווער.

זאָגט ער:

— שויטים! כוירעש וואָלט ער עפּשער געגומען, אָבער נישט באַ אַ מלתא דעבידא לגלויי — עס וואָלט אַמאָל אַרויס, ווי בוימל אויפן וואַסער... מע וואָלט אים אָפּגעצויגן און נאָך אַדײַנגעזעצט אין טפיסע! אַ נאַר איז ער!

זעצט מען אײַן די נארישע לאַפּיטוטן אף אַ יאָר קוילן מיט סמאָלע; מאַכט מען נאָך אַן אסיפע. שרײַט מען שוין נישט: איך, איך! נאָר צוויי פון די גרעסערע, איינער עפעס אַ גרויסער כאַריף, דער צווייטער — אַ זאַקיין ווערעאָגיל, נעמען אַפ זיך די זאַך...

צווישן יאָמים־נויראָים, אַ קאַלטער, כוישעכדיקער רעגנטאָג; בעלם ווייקט זיך אין בלאָטע, דער הימל איבער אים טריפט מיט מאָרע־שכוירע, קומט אָן צוגיין עפעס אַ ייִד אַ בעטלער, הויט־און־ביין, ראַכ־מאָנעליצלאַן... אַן אויסגעהונגערטער און אף קוליעס, איין פוס — און־

טער זיך... שלעפּט ער זיך פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, פון קלייט צו קלייט... און באקומט אין צענטן הויז אן אלט שטיקל ברויט, צו וועלכן ער האָט גאָר קיין ציין נישט; אין צוואנציקסטן — אן אָפּגעריבענעם גראָשן, וואָס גליטשט זיך פון דער האנט ארויס, — בעלם דארף נישט קיין פרעמדע קאַפּצאָנים, האָט היימישע און בע-קאַוועדיקע, און אלערליי באהאלטענע אָרעמעלייט, אלץ אלמאָנעס ווע-יעסוימים פון שאָבטים, דאיאָנים, ראבאָנים און אנדערע קליי-קוידעש...

שלעפּט ער זיך אזוי ארום, איין טאָג, דעם צווייטן טאָג, — די נאסקייט און די קעלט נעמען אים דורך; די וואטע, וואָס עס קריכט פון מאלבעש ארויס, — טריפט, די אויגן קריכן אים פון די לעבער ארויס; און פּלוצלינג, אינמיטן מארק — דער ייִד פאלט! - איין קוליע — רעכט, די צווייטע — לינקס, און ער ליגט אין דער מיט — און שוים איבערן מויל...

ייִדן בניי-האכמאָנים לויפן, מינאסטאם, צו, דער — מיט וואסער און שפּריצט, דער — מיט א ביסל ראָזשינקעס-ווייִן, יענער — מיט א מעסער, די ציין אופצורייסן און א פּאָר טראָפּן אריינצולאָזן... אנ-דערע שרייען: בעלם איז סדאָם! און דער ייִד הייבט דערווייל אָן צו גויסעסן...

מע וועט דאָך אים נישט לאָזן, כאָלילע, שטארבן אין גאס! ווערט א שיילע, וואוהין? — טראָגן זיך די באלעבאטים אָפּ — אנדערע האָבן נישט ווו, גייט פּונקט פארביי דער ראָוו, זאָגט ער: צו מיר! מינאסטאם צו מיר!

. מע האָט אים נאָך קיינמאָל נישט אזוי פייל-פון-בויגן געפאָלגט...

ליגט מען דעם גויסעס אין ראָווס בעט ארײַן, ליגט ער,- ווי אין דער הינערפּלעט — דער ראָוו זיצט באם טיש, קוקט אין א סייפער ארײַן, ווארפט אלע פּאָר שורעס אן אויג צום כוילע — אין גאס דרייען

זיך אַרום ייִדן, טאָמער וואָס, זאָל מען זײַן גרייט... עס פֿאַלט צו די נאַכט — דער ראָוו וויל זיך שטעלן מנידעוו דאַוונען, דערהערט ער, דער כוילע רופֿט. גייט ער צו אים מיט גרויס ראַכמים צו, בייגט זיך איבער אים מויל און הערט, — ער רעכנט: אַ צאַוואָאַס שכיוו-מערה...

— רעבע, — בלאָזט פֿון די ליפּן אַרויס דער כוילע, — איך בין אַ גרויסער באַלאַווייִרע... און איך וויל אַזוי נישט שטאַרבן, כ׳וויל מיך פֿאַר אײַך מיסוואַדע זײַן...

וויל דער ראָוו אַרײַנרופֿן מענטשן. כאַפּט אים דער כוילע אָן בײַ דער האַנט: כאַסוועשאָלעם, כאַסוועשאָלעם! — אונטער פֿיר אויגן וויל ער...

דערציילט ער אים, אַז קאָל-יאָמאָוו איז ער אַ בעטלער געווען און — אַ פֿאַלשער בעטלער. געגאַנגען נאָך ברויט פֿאַר ווײַב און קינד, און האָט קיינמאָל קיין ווײַב און קיין קינד נישט געהאַט... געבעטלט אַף האַכנאָסעס-קאַלע פֿאַר עלטערע טעכטער — און שטענדיק געווען אַליין, ווי אַ שטיין אין פֿעלד... צוזאַמענגענומען אויסצוהאַלטן יעשי-וועס — און קיין שום טאַלמעד-כאָכעם האָט דערפֿון קיין שום טוי-וועס-האַנאָע נישט געהאַט... אַף ערעציסראָעל — נישט אָוועקגעשיקט קיין פּרוטע! פֿאַר רעב שימען באַר יויכאָיִם קייווער — און זיך אין בוזעם אַרײַנגעשטעקט... מיט ערעציסראָעל-ערד געהאַנדלט, און הינ-טערן פֿלויט געגומען... אוקעדוימע...

און אַרויסגראַבלענדיק אַ לײַוונטענעם בײַטל פֿון בוזעם, זאָגט ער: און דאָס האָב איך אָנגעזאַמלט!

און גיט אָן עפּן אויף: סאַמע באַנק-צעטלעך — און — איינס אין איינס — הונדערטער!

— דאָס — זאָגט ער — גיב איך אײַך איבער, רעבע, אַלס גע-צאָלט, — אַף צדאָקע, לפֿי ראות עיניך.

גייט נישט דער בעלעמער ראַוו א שפרונג אַפ צום פענצטער, רייסט עס אופ אונ גיט א געשריי ארויס: יידנ, קומט ארייַנ צייל: צדאָקע-געלט! — גלייב ער וואָלט יינגער געוואָרנ מיט 50 יאָר.

לויפט מענ אריינ — קיינ באנק-צעטלענ, קיינ גויסעם — נאָר א צערודערט בעט אונ צוויי אויסגעהאקטע שויבנ...

קלערט מענ ווייטער: א כאָלעם, צי, כאסוועשאָלעם, קישעפ; דער באלדאָוועדער שטייט מיט אנ אָפענעם מויל אונ זאָגט:

שוינ נ י ש ט קיינ מלתא דעבידא לגלויי...

דער שווארצער אוילעם איז צערודערט!

זאָגט ליליס: ער וועט קומענ אפ מ ײַ נ ע הענט — אלטע מיטלענ!

איז אמאָל דער בעלעמער ראַוו נישט בעקאוו-האבריע, שיקט ער דעם שאמעס נאָכנ פעלדשער. ער זאָל אים לאָזנ א ביסל אָדער, די געבליטנ אָפצוציענ... אונ שטעלט זיך דערווייל, צו שקיאס-האכאמאָ איז עס געווענ, מינכע דאווענענ. — שטייט בא דער וואנט שמוינע-עסרע. עפנט זיך די טיר, קומט אריינ א מויד מיט א שייַלע. דער ראַוו דאווענט, וועט זי וואַרטנ. דרייט זי זיך ארומ, גייט אופ אונ אָפ — דער ראַוו קוקט זיך נישט אומ... פארגעסט זי זיך קלוימערשט, הייבט אָנ עפעס אונטערצוזינגענ... אונ האָט, פארשטייט איר מיך, אנ עמעס קאָל בעישאָ!.. נו — הערט ער זיי? ווערט זי, מיקלוימערשט, מיד, כאפט אונ זעצט זיך אונ צעוויגט זיך אפנ בענקל; ס'בענקל סקריפעט... נאריש — ווענ א שלאנג קומט אימ בײַכנ, רירט ער זיך אויך נישט פונ אָרט! ווערט די מויד שוינ א ביסל בייז אונ לויפט האסטיקער ווייטער איבער דער שטוב. גייט אויס דער ראַוו שמוינעעסרע, זאָגט ווייטער, שפייט אויס, זאָגט אָפ די רעשט... זעצט זיך צום טיש אונ מאכט גאנצ געלאסנ: ווייז דעמ אָפ! וויל זי אימ געבנ דעמ אָפ אינ

האַנט אַרײַן, זאָגט ער איר װײַטער גאַנץ געלאַסן: לייג אָפּן טיש... א ייִדישע טאָכטער, מוסערט ער זי מיט גוטן, דאַרף וויסן, וויאַזוי מע דערלאַנגט... לייגט זי... עפּעס א הינדל. זאָגט ער: דערצייל! דערציילט זי באַריכעס, ווי מע האָט די הון בא א גויע געקויפט, אהיים געבראַכט, ווי די הון איז אַנטלאָפן, ווי מע האָט זי געכאַפּט... און לאַכט דערבײַ, און זעצט אויס די ציינדלעך, און דער קאָל קלינגט אָפּ אין אַלע ווינקעלעך, און פון די ציינדלעך איז קימאַט א שײַן דורכגעפלויגן, אַזוי ווײַס זײַנען זיי געוועזן.. און ריידנדיק און לאַכנדיק, דרייט זי זיך אַזוי אַרום טיש... און אַרבל האָט זי קורצע, פאַרקאַשערטע; הענט — נאַקעטע, ס'העמד פון פאָרנט אופגעריסן, און דאָס לײַב, — זי האָט זיך מיט עפּעס אויסגעשמירט, — שמעקט מיקאָל האַמינים בסאָמים! — און זי סטאַרעט זיך... און רירט זיך אָן אָן טיש, אָן בענקל, אָן ראָווס האַנט... קוקט ער אָפּ דעם הינדל, לויפט זי און שטעלט זיך אים פון הינטן און קוקט אַריבער, און רירט אָן מיט דער מאָרדעטשקע דעם קאָפּ... און דער אָטעם וואַרעמט אים דורך די יאַרמלקע... בלאָזט אָפּן נאַקעטן האַלדז און — אַלץ בעכינעם! דער ראָוו הערט אויס, וואַרפט נאָכאַמאָל אַן אויג, ווי מע דאַרף, און זאָגט: קאָשער! און דו, — זאָגט ער, — מיידל, היים דיר ריידן א שידעך!!!

פליט אַרויס די מויד מיט דער הון דורכן פענצטער...

שמייכלט דער ראָוו. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטײַט — און גאַרנישט.

און דאָרט איז ווײַטער אַן אסיפע. זה בכה וזה בכה. רופט זיך אָן גאָר א יונג לאַפּיטוטל, ערשט אָפּ דער לער, נאָך קיין אייגן פּעדער נישט אין קאָפּ און קיין אייגן צאָן אַרום האַלדז, רופט ער זיך אָן און זאָגט:

— האָט דער כעלעמער ראָוו גאָר קיין טײַווע נישט?

— אינגאַנצן אויסגעטאָן! — ענטפערט מען.

— האָט גאָרנישט ליב?

— עפּשער א שוויץ-באָד ערעוו שאַבעס...

פּויזע. גיט ער נאָך א פרעג: האָט ער נישט עפּעס א מינהעג, א געוווינהייט, קנעטן, לעמאַשל, קײַלעכלעך פון ברויט באַם בענטשן?..

— מע האָט אים נישט געזען עסן! מינאַסטאַם נ י ש ט...

איין לילים דערמאָנט זיך, אז ווען ער האָט אירע פּסאָמים דער-פילט, האָט ער געכאַפּט א שמעק טאַבאַק!

— גענוג! — זאָגט ער. און נעמט רעשום — ווייינענו!

א מינהעג-יאָשן האָט דער כעלעמער ראָוו געהאַט, יעדן ערעוו-שאַבעס נאָכן באָד אַרויסצוגיין אין פעלד אַרײַן, — געהאַט שוין א וועג צווישן ווייץ און צווישן קאָרן — און צו זאָגן בעאַלפּע שיר-האַ-שירים. און ווײַל ער איז געווען א ייִד א פאַרכושטער און האָט מוירע געהאַט, ער זאָל נישט פאַרגיין צו ווײַט, האָט ער זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסגעמאָסטן מיט די טריט דעם וועג, און געמאַכט זיך א סימען אָן א בוימל... „מה נאה אילן זה“ האָט ער נ י ש ט געזאָגט, כאָטש אפן בוימל זײַנען געוואַקסן פּיירעס ווי די קרעלן... נאָר פאַר א סימען... פלעגט ער האַלב שיר-האַשירים אָפּזאָגן אפן וועג ביז צום בוימל, אנידערזעצן זיך, נעמען א שמעק טאַבאַק פון קאָרענעם פּוש-קעלע, אָפּרוען זיך א ווײַלע און אופשטיין, גיין צו קאַבאָלעס-שאַבעס, און אָפּזאָגן די צווייטע העלפט שיר-האַשירים צוריקוועגס... און פלעגט קומען פּונקט צו קאַבאָלעס-שאַבעס!..

איינמאָל, איידער דער ראָוו איז אָנגעקומען, באַווײַזט זיך אפ דעם אָרט א דײַטשל, מיט א קאַפּעליוש, מיט הויזן אין גרינע פּאַסן, און גיט א רײַס אויס דאָס בוימל און גיט עס א טראָג איבער א שטיק ווע-

טער, און זעצט זיך אונטערן בוימל פון יענער זײַט, און זיצט — א שמאָל דינטשל, מע זעט עס נישט ארויס.

קומט אָן דערווײַל דער ראָוו צום אָרט, ווו דאָס בוימל איז גע-שטאַנען, — האלב שיר-האשירים אָפּגעזאָגט, און צום בוימל איז נאָך ווײַט!.. איז ער זיך מעצאער: רעכנט ער, ער האָט געזאָגט שעלוי בעקאוואָנע. נעמט ער אפ זיך באלד א טשווע. עס האָט זיך אים, ווי אלעמאָל, פארוואָלט א שמעק טאָן... דאָס הארץ באלעשט אים — ער וועט נישט נעמען, ביז ער וועט נישט צוקומען צום בוימל! ער איז אפילע שוין א ביסל מיד... נאָר מעשאַנע זײַן וועט ער נישט... און ער גייט קוים, ער קומט צום בוימל צו. אזוי מיד איז ער געווען און אזוי האָט זיך אים פארגלוסט א שמעק טאבאק — מאמעש די אויגן זעען נישט! נאָר געלויבט האשעמייִסבאָרעך — ער זיצט שוין אונ-טערן בוימל! כאפּט ארויס פון בוזעם דאָס קאָרענע פּושקעלע, עס צי-טערן אים איז די הענט, — גיט עפּעס פון הינטן א בלאָז, ס'קאָרענע פּושקעלע פאלט אים פון דער האנט ארויס; שטרעקט ער אויס די האנט — עס גיט א בלאָז, מינאסטאמע א ווינטל, — דאָס פּושקעלע קאָלערט זיך ווײַטער, ער ציט זיך אויס אפ דער ערד, שטרעקט ווײַטער אויס די הענט — ס'פּושקעלע קאָלערט זיך, און קריכט נאָך: דער שמעק טאבאק ציט אים... קריכט ער אזוי אפ אלע פיר... שמייכלט דאָס דינטשל אונטערן בוימל פון יענער זײַט און הערט נישט אויף צו בלאָזן. פּלוצ-לינג גיט ער א כאַפּ ארויס דאָס בוימל... און קעהערעפּ-אִין שטעלט ער עס ווידער, ווו עס איז געשטאַנען... דער ראָוו האָט נישט אוס-פּעיעט צו כאפּן ס'פּושקעלע... ער בלאָזט ווײַטער... דער ראָוו גיט א קוק: דאָס בוימל שטייט פאר אים ווײַט! מיינט ער, אז ער איז פּאַר-טראכטערהייט פארקראָכן צו אן אנדער בוימל, — הייבט ער אויף די אויגן צום הימל: אויסגעשטערנט! ער האָט אפילע שקיִאס-האכאמאָ נישט באמערקט... אזוי האָט אים דער שמעק טאבאק געצויגן! —

עמעס, זייער א ליכטיקע נאכט געווען... מיילע, עס איז מער ווי א טכום-שאבעס — אין שטאָט אַריין וועט ער נישט גיין, שפּאַצירן וועלן אים די קראָען, וואָס האָבן עליאָהו-האַנאָווי געשפּאַרט... נאָר כאַפּן ס׳פּושקעלע — מוז ער...

און ער קריכט נאָך... און דאָס דײַטשל בלאָזט, ס׳פּושקעלע קאָלערט זיך... — כ׳וועל אײַך לאַנג נישט ברײַען, ער איז אַריבער איבער א טכום-שאבעס!..

דאָס לאַפּיטוטל האָט באַלד א גרעסערע שליכעס באַקומען!
פאַרן אַוועקגיין האָט ער צום שוואַרצן אוילעם געזאָגט:

— איבער א באַרג פאַלט מען נישט... געשווינדער שטרויכלט מען איבער קליינע טײַוועלעך.

1906

אראָפּגעלאָזטע אויגנ

1

גאָר-גאָר פאַרצײַטנ האָט עטלעכע מײַל אונטער פּראָג געוווינט אינ א דאָרפ איינער א ייִד, א געוויסער יעכיִעל-מיכל, וואָס האָט געהאלטנ די קרעטשמע אינ דאָרפ.

אונ דער פּאַרעצ איז נישט געווענ קיינ פּראָסטער פּאַרעצ, נאָר א שעם-דאָווער — א גראַפ, האָט טאקע יעכיִעל-מיכל געהאט פּאַר-נאָסע בעשעפּע, ווי מע זאָגט: מיט א שמיצ, אונ איז געוואָרנ א גאַנ-צער „יעש” — א באַלצדאָקע, א מאכנים-אוירעכ, אונ יאָמים-נויראָימ אז ער פלעגט אַרײַנפאָרנ קיינ פּראָג, לאָזט ער זיכ קאָסטנ אינ שטאָט. אונ קיינ אמאָרעצ איז יעכיִעל-מיכל אויכ נישט געווענ, ווערט ער א שטיקל אײַנגייער באַם ראָוו אונ ראָשיעשיווע, קויפט ער באַ אים עסרויגים, מאצע-שמורע אוקעדוימע... בעט ער באַ אים באָנים-זכאָרים

אויך. זעט אָבער דער ראַשיעשיווע בערואַך-האַקוידעש, אַז דעם ייִד איז נישט באַשערט קיין נאַכעס פֿון קינדער, און באָנים-זכאָרים, פֿון וועלכע מע האָט קיין נאַכעס נישט, איז טאַקע „טוב להם שלא נבראו“, — זאָלן זיי בעסער אַפֿ דער וועלט נישט קומען. זאָגט ער אים פּשאַט-פּאָשעט אָפּ. פֿאַלט יעקבֿ-מיכל אַריין אין אַצוועס, טרייסט ער אים און זאָגט אים: „דערפֿאַר, יעקבֿ-מיכל, אַז גאָט וועט דיר העלפֿן, און וועסט אָנקלייבן נאַדן קעדעבאָי, און וועסט קומען צו מיר און בעטן, וועל איך דיר אויסקלייבן אַן איידעמל, אַז דו וועסט קיין כאַ-ראָטע נישט האָבן!“

נו, פֿאָרט ער אהיים אַ ביסל געטרייסט. צוויי מיידלעך האָט ער, מאַכט ער זיך אַ קניפּל אַפֿ נאַדן, פֿרײַער פֿאַר דער עלטערער, דערנאָך פֿאַר דער ייִנגערער. מיילע — איידעמס בניי-טוירע איז אויך נישט קיין שפּאַס.

זאַמלט ער, און גאָט העלפֿט. און אַז ער קומט צו די ערשטע כאָ-מייש מייעס טאָלער, זאָגט ער צו דוואָשען זײַן ווײַב:

— עס איז געקומען די צײַט כאַסענע צו מאַכן אונדזער עלטערע טאָכטער נעכאַמע.

זאָגט דוואָשע, אַז עס איז זייער גלײַך. און מע רעכנט: דרײַ מייעס נעדוניע און שטיי מייעס אַפֿ האַלבאָשע און מאַטאָנעס פֿאַר כאָסן-קאַלע, כאַסענע-הויצאָעס, ראַכאַש אוקעדוימע... און אַ סודע פֿאַר אָרע-מעלײַט וועט מען מאַכן — פֿראַג זאָל געדענקען!

נישט אַזוי אָבער געשווינד טוט זיך, ווי עס רעדט זיך, עס מאַכן זיך, ווי דער שטייגער איז, מעניעס. דער פּאַרעץ שיקט אהין, שיקט אהער; דערווײַל מאַכן זיך שנייען און פֿאַרשיטן די וועגן; זומער-צײַט פֿאַלן רעגנס; קומט נאָר אָן כאָגע, קאָן מען די קרעטשמע נישט פֿאַרלאָזן... מיט איין וואָרט: נישט אַזוי געשווינד מאַכט זיך עס, און דערווײַל, ווי דער שטייגער איז: אַ מענטש דענקט און גאָט לענקט...

2

נעבאמע, דעמ ארענדארס עלטערע טאָכטער, איז אפילע זייער ווערט צו באקומענ א כאָסנ פונ פּראָגער יעשיווע: א מיידל — א גאָלד, א גוטע נעשאָמע, א שטילע. די גוטסקײַט קוקט איר פונ די שטילע אויגנ ארויס, אונ זי לאָזט זיכ מאדריכ זײַנ טאקע: וואָס דער טאטע הייסט, וואָס די מאמע הייסט אונ אלע גוטע פרומע לײַט, וואָס שטעלנ זיכ אָפּ אינ קרעטשמע, הייסנ... זי נעמט כאלע מיט קאוואָנע, בענטשט שוינ שאבעס-ליכט, זאָגט שוינ איווריע-טײַטש ווי א וואסער, מיט איינ וואָרט: זי איז ווערט די כופּע-שטאנגענ...

זי איז ווערט, ווערנד בא דער יונגערער טאָכטער שנײַדט זיכ א ביסל אינ דער קרומ. קיינ שלעכטס, כאסוועשאָלעמ, נישט; נאָר אזוי: עפּעס א מעשונעדיקע ברויע, א פארטראכטע, א פארכאָלעמטע, אלצ פאָלט איר פונ די הענט... טיילמאָל לאָזט זי אראָפּ די ברעמענ אונ גייט ארומ מיט א בלאס פּאָנעמ ווי א קרײַד, ווי אפנ אוילעמ-האדימיענ; רופט מענ זי — גלײַכ מע וואָלט זי פונ יענער-וועלט אראָפּגערופנ, ציטערט זי אונ פאלט מאמעש פונ די פיס... אונ אמאָל גיט זי א קוק אפּ א מענטשנ מיט אזוינע אויגנ, מיט אזוינע שטארע אונ שטעכנדיקע אויגנ, אז עס ווערט פּאָשעט נישט היימלעכ!

אונ א האסכאָלע פונ מידעס-מעגונעס אויכ: עס איז זי נישט אָפּצורײַסנ פונ קרעטשמע. ביפראט באנאכט, ווענ מע שפּילט אונ טאנצט. גאנצע נעכט וואָלט זי געזעסנ אונ די אויגנ זיכ אויסגעקוקט, ווי די יונגע פּויערימ שטיפנ מיט די שיקסעס, טאנצנ א ראָד, א שווינדלדיק ראָד, אונ זינגענ ארײַנ זייערע געזאנגענ, אז די קרעטשמע הילכט אונ ציטערט...

אונ נעמט מענ זי ארײַנ איבערגוואלד אינ אלקער אונ מע לייגט זי שלאָפנ מיט נעבאמעלענ אינ בעט, ליגט זי מיקלוימערשט מיט פאר-

מאכטע אויגן, ביז יענע שלאָפּט איין. קוים שלאָפט יענע איין, שפּרינגט זי אַראָפּ פון בעט, זומער אוןווינטער, באָרוועסערהייט, און קוקט אַריין דורכן לאָך פון שליסל, דורך א שפּאַרע אין טיר, צי אין פּריפּישן ווענטל. טרעפט זי די מוטער און רייסט זי אָפּ, ברענט איר דאָס לייב ווי אין א פיבער און די אויגן שפּריצן מיט פונקען, אז דוואָשע דערשרעקט זיך און לויפט צוריק אַריין צו יעכיעל-מיכלען און דערציילט אים.

— מע זאָל קאָנען פּריער באַשענע מאַכן די יונגערע! — זיפצט יעכיעל-מיכל.

— מע דאַרף עמעצן פרעגן! — ענטפערט דוואָשע...

דערווייל מאַכן זיך ווייטער מעניעס, ביז עס טרעפט זיך אזא מייסע:

3

דער פּאַרעץ פון דאָרף, דער גראַף הייסט עס, האָט געהאַט א זון א בענקאָכיד, האָט ער אים אופגעצויגן אין פּאַריז, ווי דערמלט דער שטייגער איז געווען בא גרויסע פּריצים. קומט ער צו פאָרן איין מאָל אין יאָר אַפּ א קורצע צייט, אַפּ וואַקאַציע, זעט מען אים אויך נישט: א יונגער פּאַרעץ, רייט ער אַרום טעג און נעכט אין די וועלדער אַפּ געיעג. די פעלעכלעך פון די האָזן און אַנדערע כייעס קריגט יעכיעל-מיכל פון קיך אַרויס בעכאָצי-כינאַם.

מאַכט זיך איינמאָל אָבער א גרויסע היץ — פייער איז געפלויגן אין לופטן; רייט ער דורך איבערן וועג בא דער קרעטשמע, פאַלט אים איין, שפּרינגט ער אַראָפּ פון מילך-ווייסן פערד, בינדט עס צו צו דער צוים און שפּרינגט אַריין אין קרעטשמע און הייסט זיך געבן א גלאָז מעד.

דערלאנגט אים יעכיעל-מיכל מיט ציטערדיקע הענט א גלאָז מעד. נעמט דער יונגער פּאָרעץ צום מויל און גיט א זופּ און פארקרימט זיכ: בא זײַנ פאָטער אינ קעלער איז פאראנ, אפּאָנעם, בעסערער מעד, גאָט ווייסט ווי אלט ער איז. ער וואָלט עפּשער דערלאנגט מיטנ גלאָז יעכיעל-מיכלענ אינ קאָפּ ארײַנ, דערזעט ער אָבער מאלקעלענ, ווי זי זיצט אזוי אינ עק קרעטשמע מיט פארשטארטע אויגנ און א ווײַס פּענעמל. שטעלט ער אוועק געלאסנ דאָס גלאָז, ווארפט אפּ שענקטיש א הארטנ טאָלער און גיט א פרעג:

— מוישע (בא גרויסע פּריצים הייסנ אלע יידנ מוישע), דאָס איז דײַנ טאָכטער?!

ווערט יעכיעל-מיכלען א לאַב אין הארץ, שטאמלט ער, נעבעך: „יאַ, יאַ, מיין טאָכטער". און דער יונגער פּערעץ קוקט און רייסט פון מיידל קיין אויג נישט אַפּ. און צומאָרגנס קומט ער ווייטער טרינקען מעד... און אזוי אפּן דריטן און פערטן טאָג... נעמט מען דאָס מיידל און מע באהאלט פון אים, בייזערט ער זיך, ער זאָגט נישט פארוואָס, נאָר ער דרייט די שווארצע וואָנצעלעך און בליצט מיט די אויגן. גיט ער אמאָל א זאָג: אז יעכיעל-מיכל צאָלט וויניק פאר די קרעטשמע... אז פּראָגער יידן ביטן גרויסע הויסאָפּעס... און דאָס איז עמעס געווען, נאָר דער אלטער פּערעץ האָט זיי קיינמאָל נישט געלאָזט איבער דער שוועל; א גרויסע זאַך: א ייד זיצט, זאָל ער האָבן פּארנאָסע... ווערט יעכיעל-מיכלען נישט היימלעך. ביפראַט אז מאלקעלע גייט נאָך מער ארום אפּן אוילעם-האדימיען, רעכנט ער טאקע צו פאָרן זיך מיסיאעס זיין קיין פּראָג. מאכן זיך אָבער ווייטער מעניעס, און דער יונגער פּערעץ קומט אלץ יעדן טאָג, און איינמאָל גיט ער פון דער העלער הויט א זאָג:

— מוישע, פארקויפ מיר דיין טאָכטער!

טרייסלט זיך יעכיעל-מיכלען די ווייסע באָרד, און עס ווערט אים כווישעך אין די גרויע אויגן.

לאכט ער, דער פּערעץ:

— זי הייסט עסטערקע? — פרעגט ער.

— ניין, מאלקע הייסט זי...

— זאָל זיך דיר דאכטן, — זאָגט ער, — אז זי הייסט עסטער, און דו — מאָרדכע, און איך — אכאשווייראש... וואָס? מיין נישט, איך וועל איר ארופזעצן א קרוין אפּ קאָפּ! נאָר דו קריגסט די קרעטשמע אומזיסט און אפּ אייביק. פאר קינדער און קינדס-קינדער!

און ער גיט אים א צייט אפּ יישעוו...

ווען יעקב־מיכל, אַז עס איז שלעכט, שפּאַנט ער פֿאַרטאָג אַוועק פֿערד־און־ביטקע, כאַפּט זיך אַראָפּ קיין פּראָג, פֿאַרפֿאָרט גלײַך צום ראָוו און ראָשיעשיווע. טרעפֿט ער אים בײַ דער גמאָרע, נעמט ער „שאָלעם־אַלייכעם" און גיט טאָקע־קעדריי־דיבער אַ פֿרעג:

— רעבע, צי מעג מען באַסענע מאַכן אַ יונגערע פֿאַר אַן עלטערע?

לייגט דער ראָשיעשיווע די עלנבויגן אויף דער גמאָרע און ענט־פֿערט אים:

— ניין, יעקב־מיכל, לא יעשה כן במקומנו... נישט קיין יידישע זאַך — און דערמאָנט אים די מעשׂה מיט יאַנקעוו וועלאָוון.

— איך ווייס, — זאָגט יעקב־מיכל. — אָבער אַז מע מוז?

— דעהײַנע?

נעמט יעקב־מיכל און גיסט אויס פֿאַרן פּראָגער צאַדיק זײַן ביטער האַרץ, דערציילט אים אַלץ קעהאָוועיאָ. פֿאַרטראַכט זיך דער פּראָגער צאַדיק און זאָגט:

— מיילע, בעשאָס האַדכאָק שאַאַני!

דערציילט יעקב־מיכל דעם צאַדיק „עס קווויד אָשרוי", וועגן די הײַ מייעס טאָלער און דערמאָנט אים זײַן צוזאָג וועגן אויסקלײַבן אַ כאָסן פֿון דער יעשיווע.

פֿאַרטראַכט זיך דער פּראָגער צאַדיק, שפּאַרט אָן אויף אַ ווײַלע דעם קאָפּ אויף די עלנבויגן איבער דער גמאָרע און הייבט אויף דעם קאָפּ און זאָגט אים:

— ניין, יעקב־מיכל, דאָס קאָן איך נישט.

— פֿאַרוואָס, רעבע? — פֿרעגט יעקב־מיכל פֿאַרציטערט. — האָט דען מײַן מאַלקעלע, כאַסוועשאָלעם, אַ זינד אויף דער נעשאָמע? אַ יונג קינד, אַ יונג ביימעלע, ווי מע בייגט עס...

— כאַסוועשאָלעם! — ענטפערט דער ראָשיעשיווע. — איך זאָג נישט, אַז זי האָט, כאַסוועשאָלעם, געזינדיקט, דאָס האָב איך בעקאַוואָנע נישט געהאַט... נאָר עס פּאַסט נישט. הער, יעקבֿ-מיכל, דײַן טאָכטער האָט נישט ג ע ז י נ ד י ק ט. אָבער, אָבער אָנגערירט, פאַרשטייסטו, אַ ביסל אָנגערירט איז זי דאָך... און דעריקער — זאָגט ווײַטער דער ראָשיעשיווע — מיין איך דײַן טויווע דערמיט. וואָרעם האַזשגאָכע ד א ר פ דײַן טאָכטער, האַזשגאָכע פון אַ מאַן, און טאַקע פון אַ מאַן — אַ מענטש, אַ סויכער... בוץ דעם — האַזשגאָכע פון שווער-און-שוויגער... פון שטוב-לײַט... ווי עס איז, מע דאַרף איר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ... זי דאַרף דעריבער אַרײַנקומען אין אַ הויז... אין אַ הויז מיט אַ סאַך אויערן און אויגן... מיטן יעיצערהאָרע, אַז ער כאַפּט זיך אַרײַן, מוז מען שטאַרק מילכאָמע האַלטן... עס איז אַ מין ביטערער טרייף, מע זייט אים נאָר איין מאָל, און וואַקסן וואַקסט ער אייביק... דו רײַסט, און ער וואַקסט!.. וואָס, ניין?

יעקבֿ-מיכל מוז, נעבעך, צושאָקלען מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— און אַצינד, — זאָגט ווײַטער דער צאַדיק, — האַגאַ בעאַצמעכאָ, לייג צו קאָפּ, יעקבֿ-מיכל. לעמאָשל, איך וויל זײַן אַ גוטער און האַלטן וואָרט, — עס איז דאָך נאַריש, צוגעזאָגט האָב איך דיר, — און איך וויל זײַן אַן אוימייד בעדיבורי און טאָן דײַן ראָצן; און נעם און גיב דיר פאַר אַן איידעם אַ באָכער פון דער יעשיווע. הייסט עס: אַן אָרעמבאָכער, אַ פאַרלאָזט יינגל... נו, וועט גוט זײַן?

וואָס איז דאָס יינגל? אַ בענטוירע... ער וועט זיצן און לערנען... מער ווייסט ער נישט און וויל נישט וויסן, און ער טאָר נישט וויסן...

און ווו וועט ווינען דאָס פּאָרפאָלק?

צו דיר אין דאָרף אַרײַן אַף קעסט וועסטו דאָך דאָס פּאָרפאָלק נישט נעמען?

— אַוואַדע נישט, קאַלזמאַן דער יונגער פּאָרעצ איז דאָ!

—און ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט זײַן?! אַ קאַשע אָפּ אַ פּאַ-רעצ! ז יי, אַז עס פֿאַלט עפּעס אין די אויגן אַרײַן! ער האָט אַנדערע זאָרג? פּאַרנאָסע פֿעלט אים?.. אקלאל צו זיך אָפּ קעסט נישט. לאָזטו זיי איבער אין פּראָג. דינגסט אַ דירע און לאָזט זיי איבער און שיקסט אָפּ פּאַרנאָסע. נו, וואָס טוט דאָס פּאַרפּאָלק? ער, דער יונגערמאַן, זיצט יאָמים וואַלייליוס אין בעסמעדרעש אַל האַטוירע וועאַל האָאַווידאַ— און זי? דאָס יונגע ווײַבל וואָס טוט? וואָס פֿאַר אַ הויראַים טראַכט זי? אָפּ וועלכע אוילעם-האַדימיען גייט זי אַרום?

— געררעכט, רעבע,— איז יעכזעל-מיכל מוידע מיט אַ הייזעריק קאָל.— וואָס דען טוט מען?

— וואָס עס לאָזט זיך! — ענטפֿערט דער ראָשיעשיווע.— און איך וועל דיר העלפֿן. איך אַליין וועל שיקן נאָך אַ שאַדכן און זאָגן אים, וווּהין ער זאָל גיין... עס זאָל זײַן אַ הויז מיט מענטשן, מיט אַ שטאַט, מיט אַ ביסל אוילעמהאַזע, נאָר בעהעטער, נישט בעסער... וועסט זען, מיט זײַן ליבן נאָמענס הילף!

— דערפֿאַר, יעכזעל-מיכל,— טרייסט ער אים,— אַז דו וועסט קומען צו מיר וועגן דער צווייטער טאָכטער, און גאָט וועט דיר העלפֿן און וועסט האָבן אַ קניפּל,— קריגסטו, זאָג איך דיר, אַ האָדאָר, מיט גאָלד אָפּצוווען...

דערווײַל מאַך באַסענע...

5

וועקאַב האַווע.

אָפּן ראָשיעשיוועס באַראָט, און בעסאָד-סוידעס האָט מען מיט מאַלקען אַ באַלעבאַטישן שידעך געטאָן. און מאַלקע האָט ביז דער לעצטער רעגע נישט געוווּסט, נאָך וואָס עס קומען שנײַדער און מעסטן

איר אַן קליידער און פּאַרוואָס מע וועקט זי אויף פֿאַרטאָג און מע פֿירט זי אַוועק קיין פּראָג...

און אַז זי האָט שוין פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט, האָט זי אויך קיין וואָרט נישט גערעדט. די יונגע נעשאָמע האָט זיך באַ איר ווי אָפּגעשלאָסן.

וואָס עס האָט זיך באַ איר אין האַרצן געטאָן, האָט קיינער נישט געוווּסט; אָבער פֿון אויבנוף, האָט זיך געדאַכט — אַף אַלע בנוים-ציוינען געזאָגט! טאַקע מיט אַלע מײַלעס... אַ ביסל צו בלאָס, עפּעס שטענדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט — מאַלע וואָס? פֿריִער האָט עס גע-הייסן קאַלע-ביין, דערנאָך: אַזוי האָט זי שוין זײַן ליבער נאָמען באַ-שאַפֿן, און סײַוויסײַ — אַ יעפּייפיע! אַ פֿאַרנעמעניש! און אַדעראַבע! זי גייט אַן דער שוויגער נישט קיין טריט, זי ביט זיך אַפֿילע קיינמאָל גאָרנישט אויס... וואָס מע גיט איר, עסט זי; וואָס און ווען מע דער-לאַנגט איר, טרינקט זי; און וואָס פֿאַר אַ קלייד מע וויל, טוט זי אָן. ציכטיק, שטיל און שיין. און שאַבעס, אַז זי טוט אָן דאָס שוואַרצ-אַטלאַסענע קלייד מיט דער גאָלדענער שפּאַנגע, נעמט אַפּן אַלבאַסטער-ווײַסן האַלדז די פּערל, און עס באַמבלען זיך איר באַ די אויערן די בריליאַנטענע אויערינגלעך, בלײַבן ווײַבער שטיין אין די גאַסן און גאַפֿן, און מע זאָגט: אַ פּרינצעסן... און זי — גלײַך מע מיינט נישט זי, גייט זיך ווײַטער שטיל און ציכטיק, צווישן שוויגער און שווע-גערנס אין דער ווײַבערשער שול אַרײַן, שטעלט זיך נעבן דער שוויגער באַ דער קראַטע און לאָזט אַראָפּ די זײַדענע ברעמען, און עפֿנט מיטן ווײַסן הענטל די זילבערנע קלאַמרעס פֿון סידער מיטן גאָלדענעם שניט, און די ליפּלעך הייבן אָן צו ציטערן, צו ציטערן.

און אַ גאַנצע וואָך? יעדן פֿאַרנאַכט?

— וווּהין ווילסטו הײַנט גיין שפּאַצירן, מאַלקע?

זי זאָגט נישט וווּהין; ווו מע גייט, גייט זי... און אַז מע גייט

פארבײַ פאר פענצטער מיט צירונג, שטעלן זיך אלע אָפּ און קוקן, מאַלקע נישט. זי שטעלט זיך אָפּ, ווײַל זיי שטעלן זיך אָפּ, אָבער קוקן קוקט זי אין דער לופט אַרײַן...

זאָגט מען: וואָס דאַרף זי צירונג, זי אַליין איז צירונג!

ביפראַט, אַז דער יונגערמאַן פּילט אָן איר די נעשאָמע נישט. ער היט זי, ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל אין אויג...

און אַזוי אַלץ..

פון אויבן אָפּגעטאָקט, אָפּגעשניצט און ריין, ווי שיינער קרי-סטאַל... אָבער אינווייניק?

אינווייניק איז געלעגן די קרעטשמע מיטן געזאַנג און טאַנץ און געשפּילערײַ... אין האַרץ האָט צווישן איר און דער וועלט אַרומגע-שוועבט דער פאַרטרעט פון יונגן פּאַרעצ... קוים פאַרמאַכט זי די אויגן, צי אין שול בײַ דער קראַטע, צי מאָצע-שאַבעס צו „גאָט פון אַווראָ-האָמ”, צי בײַ שאַבעס-ליכט-בענטשן, צעשפּילט זיך אין איר דער קוי-עב-האַדאַם, טאַנצט זי, ראַכמאָנעליצלאַן, מיטן פּאַרעצ און מיטן ראָד אין קרעטשמע נאָך שניט... אָדער זי רײַט מיט אים צוזאַמען און טרײַבט אַפּן ווײַסן פערד ווי אַ מילך איבער וואַלד און טאָל... און בי-פּראַט, אַז עס גענענט זיך צו איר דער מאַן, אין דער רעגע שליסט זי די אויגן צו און האַלדזט און קושט — וועמען? דעם יונגן פּאַרעצ האַלדזט זי און קושט...

בעט זיך בײַ איר דער יונגערמאַן — אירע שיינע אויגן האָט ער ליב געהאַט — בעט ער זיך: לעבן מײַנס, עפן דײַנע שיינע אויגן, דײַ-נע טויערן פון גאַנײדן אויף! — בעשום אויפן נישט! ווײַל ער אַמאָל (אַ יונגערמאַן!) אויספּירן, ווײַל ער זיך מיקלוימערשט אָפּרוקן, האַלט זי אים מיט די אָרעמס ווי מיט צוואַנגען... דערשרעקט ער זיך פּלוצלינג און ווײַל זיך אויסרײַסן, בעט זי זיך מיט אַ פאַרכאַלעשטן קאָל:

— פּאָרעצ מײַנער, אַדלער מײַנער!..

מיינט ער — אזוי ליב האָט זי אימ, אז ער איז איר פּאָרעצ, איר אַדלער... „דאָרפ-לאָשנ“ — טראכט ער, אונ זאָל זי נ י ש ט עפּענענ די אויגנ, אז זי ש ע מ ט ז י כ!

6

אונ אזוי האָט מאלקע אָפּגעלעבט א יאָר נאָכ א יאָר. קײנ קינדער האָט זי נישט געהאט אונ געלעבט האָט זי — נישט מיטנ מאנ...

צו וואָס איז דאָס געגליכנ?

צו אנ עפּל, וואָס הענגט, דאכט זיכ, געזונט אונ פריש אפ א גרינער צווײַג, אפ א גאָלדענעמ עפּלבוימ. אונ די הויט פונ אויבנ איז גערויטלט, ווי דער מיזרעכ אײדער די זונ באווײַזט זיכ, אונ א פרישער הויכ, ווי פונ גאנײדנ, ליגט אפ אימ: אזוי שמעקנדיק, אזוי פארנעמיש. אָבער אינ עמעצנ אַרײַנ איז געזונט אונ פריש נאָר די הויט, די שאָל פונ אויבנ, אינווייניק אָבער האָט שוינ אלצ דער וואָרעמ אויסגעגעסנ...

אָבער פּונקט לעהייפּעכ האָט זיכ אויסגעשניטנ דאָס מאזל פונ יעכיעל-מיכלס עלטערער טאָכטער — נעכאמע. בא יעכיעל-מיכלענ אלײנ האָט זיכ אלצ איבערגעקערט, אונ, ווי עס טרעפט זיכ, דאפקע מיט דער פוטער אראָפּ...

אָפּגעשפּילט אונ אָפּגעטאנצט אינ פּראָג, איז יעכיעל-מיכל אהיימ געפאָרנ פונ פּראָג אינגאנצנ מיט עטלעכע מאטבייעס אינ קעשענע, אונ ווי ער קומט צו צו דער גרענעצ פונ דאָרפ, דערזעט ער, ווי זײַנ גאנצ קלייבאָס מיט די בעטנ, מיט די טישנ אונ בענק פונ קרעטשמע ליגנ אפנ פרײַענ פעלד אונ א פויער פונ פּאָרעצס הויפ שטייט דערבײַ ווי א שוימער.

אונ דער שוימער לאָזט אימ שוינ נישט אַרײַנפאָרנ אינ דאָרפ אַרײַנ... עס ווײַזט זיכ ארויס, אז בעשאס ווענ ער האָט געטאנצט אפּ

דער יונגערער טאַכטערס כאַסענע, האָט אים דערווייל עמעצ אויסגע-רונגען די קרעטשמע, א גרויסע הויסאַפע געגעבן, און דער יונגער פּאַרעצ האָט איבערגעדאַבערט דעם אַלטן פּאַרעצ, ער זאָל נעמען די הויסאַפע... און דער ייד זיצט שוין אין קרעטשמע!

הייבן אָן דאָס ווייב מיט דער טאָכטער צו וויינען, צו כאַלעשן. בעט זיך יעקבֿ-מיכל באַם שוימער, ער זאָל אים כאָטש ארייַנלאָזן א וואָרט ריידן מיטן אַלטן פּאַרעצ. נעמט דער שוימער אַראָפּ די ביקס, וואָס האָט אים געהאָנגען אָפּ די פּלייצעס, און זאָגט: ער וועט שיסן! ער וועט מוזן שיסן, זאָגט ער.

א היימישער פֿויער געווען, טרערן אין די אויגן האָט ער געהאַט; נאָר אַז דער פּאַרעצ האָט געהייסן, וואָלט ער אַוואַדע געשאָסן! זעט יעקבֿ-מיכל, אַז עס איז פֿאַרפֿאַלן, און צוריק אַרייַנפֿאָרן קיין פּראָג האָט ער נישט מיט וואָס, נאָך דער כאַסענע איז אים קוים עטלעכע רענדלעך געבליבן; און מיט זייַן אָרעמקייַט דער אויסגעגעבענער טאָכ-טער די אויגן פֿאַרשוואַרצן וויל ער אויך נישט — נעמט ער דאָס ווייַב און נעכאַמען, די טאָכטער, און פֿאָרט מיט זיי אַריבער צו אַן אַנדער פּאַרעצ אין א דאָרף אַרייַן, נאָך ווייַטער פֿון פּראָג, און בעט באַם פּאָ-רעצ רעשוס, און עפנט זיך א געוועלבל מיט זאַלצ, בעקער-ברויט און אַנדערע קליינע סכוירעס אין דאָרף און לאָזט איבער דאָס געוועלבל אָפֿן ווייַב מיט דער טאָכטער באַראָט, ער אַליין אָבער לאָזט זיך אָפּ דער וועלט, צו פּראָצעסירן מיט יענעם פּאַרעצ, ווייל דער קאָנטראַקט איז נאָך נישט געווען אויסגעגאַנגען, און אויך צו האָבן דינטוירעס מיטן יידן, וואָס האָט אים מאַסיג-גוול געווען... נאָר עס גייט נישט אַזוי געשווינד, ווי עס רעדט זיך, ביפֿראַט מיט ליידיקע הענט. געדוי-ערט א פּאָר יאָר; פֿאַרשפּילט ער דעם פּראָצעס מיטן פּאַרעצ און זיצט אָפּ א צייַט אין טפֿיסע פֿאַר די הויצאָעס פֿון פּראָצעס; דעם דינטוירע קעגן מאַסיג-גוול געווינט ער סאַפּקאָלסאָפּ. נאָר דער מאַסיג-גוול וויל

בעשום אויפן וועצאַר דעם פּסאַק נישט האַלטן; און דער פּראָגער צאַדיק, וואָס האָט קוויעב געהאַט צו נייטן, איז דערווײַל ניסטאַלעק געוואָרן, און פּראָג זוכט און זוכט א ראָוו, און קאָן דערווײַל נישט צוקלײַבן זיך, און לעם דין וועלעס דאַיען. קומט ער, יעכיעל-מיכל, אהיים נאָך א פּאָר יאָר, אַן אויסגעמאַטערטער, אַן אויסגעהונגערטער און לייגט זיך קראַנק אין בעט אַרײַן, און ליגט אָט א פּאָר וואָכן און שטאַרבט; לעבט אים דאָס ווײַב זײַנס לאַנג נישט איבער, און נעכאָמע ווערט א יעסוימע, איינע אַליין אין דאָרף, ווי א שטיין, און לייזן לייזט מען נישט... עס איז נישטאָ פאַר וואָס צו לייזן... און די יונגע פּויערים, זײַט זי איז אַליין געבליבן, לאָזן זי נישט רוען, טרײַבן קאַטאָוועסלעך, בייזערן זיך, פאַרוואָס זי לאָזט זיך נישט אָנרירן, די ייִדישע קאַפּצנטע...

שרײַבט זי איין בריוו און א צווייטן צו דער שוועסטער קיין פּראָג, לעבט אָבער די שוועסטער אין פּראָג, ווי מיר ווייסן, אין אַן אוילעמ-האַטויהו און לייענט נישט קיין בריוו... באַקומט די פאַרלאָזטע יעסוימע קיין טשוווע נישט; הייבט זי זיך אויף באַנאַכט און פאַרמאַכט דאָס לייִדיקע קרעמל און גאַנוועט זיך פון דאָרף אַרויס צופוס; זי לאָזט זיך גיין אַפּ גאָטס באַראָט, אַז זי וועט טרעפן צו דער שוועסטער קיין פּראָג, א שוועסטער איז דאָך קיין שטיין נישט...

7

גייט זי אַזוי מיט א שטיקל ברויט אין דער האַנט פון דאָרף אַרויס, קומט זי צו צום וואַלד, האָט זי מוירע פאַר כײַעס-ראָעס. גייט זי נישט טיף אין וואַלד אַרײַן, גראַבלט זי זיך אַרויף אפן ערשטן בעסטן בוים און וויל איבערוואַרטן, ביז עס וועט טאָג ווערן, צווישן די צווײַגן אפן בוים. ליגט זי אַזוי א ווײַלע; דערהערט זי, אינמיטן קרישמע לייענען,

ווי הינט בילן און לויפן. און דאָס געלויפעריי און געבילעריי קומט אַלעמאָל נעענטער; פאַרשטייט זי, אַז עס איז אַ געיעג פון פּריצים אַף ביימער אין וואַלד. פאַרשטופּט זי זיך נאָך טיפער צווישן די צווייגן. און דאָס געיעג קומט אַלץ נעענטער און נעענטער, און אַ גאַנצע מאַכנע הינט שפּרינגט צו צום בוים און הייבט אָן שטאַרק צו בילן; און צוויי רייטער קומען געשווינד אָן צו רייטן, קעדיי צו זען, וואָס די הינט בילן אַזוי און לויפן אַזוי אַרום בוים. און די צוויי רייטער זיינען צוויי יונגע פּריצים געווען, און זיי האָבן אַרופגעקלעטערט אַפן בוים, און האָבן זי אַראָפּגענומען איבערהגוואַלד, און פייער געמאַכט, און באַטראַכט, ווער דאָס איז; האָבן זיי געזען, אַז עס איז אַ יידיש קינד, און זייער אַ שיין מיידל, נאָר אָן אויסגעהונגערטס. זאָגן זיי איר, אַז זיי וועלן איר, באַשוועשאַלעם, קיין שלעכטס נישט טאָן, וואָרעם זי לייכט אין דער פינצטער ווי אַ מאָרגנשטערן... אַז מע דאַרף זי נאָר איבערטאָן, וועט זי שיינען ווי אַ מאַלקע און שמעקן ווי אַ רויז... ווערט איר, פאַרשטייט זיך, אַ לאָך אין האַרץ. דערווייל, הערט זי, צעקריגן זיך די יונגע פּריצים; יעדער וויל זי נעמען צו זיך, יעדער טענהט, אַז זי איז זיינע, אַז דאָס האָט זי זיין הונט צום אַלעמערשטן דערשפּירט... בלייבט, זיי זאָלן זיך שיסן, און ווער עס וועט לעבן בלייבן, דער זאָל זי נעמען. שטעלן זיי זיך איינער קעגן צווייטן און ווילן שוין אָנהייבן צו שיסן. האָבן זיי אינמיטן אַ ישועה, זיי וועלן בעסער ציען קניפּלעך. ציען זיי קניפּלעך, און איינער, וואָס האָט אַרויסגעצויגן דאָס קניפּל, האָט זי אַרופגעצויגן צו זיך אַפן פערד און איז מיט איר גאַלאָפּ אַוועקגעריטן צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין... באַלעשט זי...

און אַז זי האָט זיך צומאָרגנס אופגעכאַפּט באַם פּאָרעץ אין פּאַלאַץ...

. . . .

. . . .

8

און אַז זי איז באַם פּערעצ אינ פּאַלאַצ צו-זיכ געקומענ און דערזענ, אַז ער האַלט זי אַפּנ שויס, און האָט דערפּילט, אַז ער קושט זי און האַלדזט זי..., האָט זי פאַרשטאַנענ, אַז עס איז פאַרפאַלנ, אַז זי וועט זיכ שוינ נישט ראַטעווענ, האָט זי זיכ נאָר געבעטנ:

— פּערעצ-לעב, איכ בינ באַ דיר אינ די הענט... און דו ביסט צו שטאַרק, איכ זאָל מיכ ווערנ קעגנ דיר, און איכ האָב שוינ נישט מיט וואָס זיכ צו ווערנ... בעט איכ באַ דיר נאָר איינס: האָב אַפּ מיר ראַכמאָנעס און זאָג מיר נאָר די איינציקע זאַכ צו: האָסט מיר פאַרזינדיקט דעם גופ, פאַרפאַלנ! פאַרזינדיק מיר כאָטש נישט די נעשאָמע, לאָז מיכ באַ מיינ עמונע... און באַ מיינע מאַכשאָוועס... לאָז מיכ טראַכטנ און קלערנ, וואָס איכ וויל...

דער פּערעצ האָט אַפּילע נישט רעכט פאַרשטאַנענ, וואָס זי מיינט דערמיט, נאָר בעעמעס ליב געקריגנ האָט ער זי, האָט ער איר צוגעזאָגט... געמיינט האָט ער: און וואָס שאַט עס אים? כאַסענע האָב מיט איר וועט ער סיי-ווי-סיי נישט. איינמאָל האָט ער איר אַפּילע געקויפט באַ אַ ייִדנ אינ פּראָג אַ סידער און האָט איר געבראַכט אַ מאַטאָנע. זי האָט גענומענ דעם סידער מיט פרייד, נאָר באַלד פונ דער האַנט אַרויסגעלאָזט אַפּנ טיש... „מיינע הענט — האָט זי געזאָגט — זיינענ נישט ווערט די ריינקייט צו טראָגנ“...

וואַנדערט זיכ דער פּערעצ און שווייגט.

און באַם פּערעצ אינ הויפ האָט נעכאַמע געפּירט אַ לעבנ, וואָס איז געווענ גאָר דער הייפּעכ פונ לעבנ, וואָס די שוועסטער האָט געפּירט אינ פּראָג... ביידע האָבנ פאַרמאַכטע אויגנ געהאַט, אַרומגעגאַנ-

גענ פרעמד און פארבאַלעמט. נאָר בעשאַס ווענ מאלקע האָט געזינדיקט מיט דער נעשאָמע אינ א ריינעמ גוף, האָט נעכאַמע, פארקערט: אָפּגעלאָזט דעמ גאַנצנ גוף און ריינ געהאלטנ די נעשאָמע.

עס גייט צו איר צו דער פּאַרעצ,— פארמאכט זי די אויגנ און טראַכט: „די מאַמע קושט מיכ"... עס האלדזט זי און עס קושט זי די מוטער און לערנט זי בראָכע זאָגנ און „גאָט פונ אווראָהאָמ" זאָגנ...

ער וויל, זי זאָל אימ ליב האָבנ...

זי האָט ליב, שטאַרק ליב — די מוטער! זי נעמט אַרומ די מוטער... „נאָכאַמאָל, מאַמעשי: טויראָ ציווּאָ לאָנו"... שעפּטשעט זי... און מיט די זינדיקע ליפּנ רעדט זי אַפילע די ווערטער נישט אַרויס... אינ דער נעשאָמע ווימלענ זיי בא איר. דאָרט לײַכטנ זיי טיפ, טיפ אינוויייניק...

9

לעבנ לעבט מענ נישט אייביק, און ביידע שוועסטער איז קיינ לעבנ נישט באַשערט געווענ...

און אַז די נעשאָמעס האָבנ זיכ אָפּגעטיילט פונ גוף, איז דער יונגערער, מאַלקעס, נעשאָמע, וואָס איז געווענ דורכגעפלעקט פונ זינד, אַרויס, ווי א שווארצע קראָ, פונ ווײַסנ גוף, און איז באַלד ערגעצ פארפאלנ געווארנ אינ קאַפּ-האַקעלאַ... דער עלטערערס, נעכאַמעס, ווײַסע, קלאָרע נעשאָמע אָבער, קוימ האָט זי זיכ באַפרײַט פונ זינדיקנ גוף, האָט זי זיכ לײַכט און שטיל, ווי א טויב, אופגעהויבנ אינ דער הייכ צומ הויכנ הימל. פארנ טויער איז זי אַפילע געבליבנ שטיינ פארציטערט, נאָר גאָטס ראַכמאָנעס האָט זיכ צו איר באַוויזנ און האָט

איר געעפנט דעם טויער, און האָט זי געטרייסט, און אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן.

פון דעם אַלעם אָבער האָבן מענטשן אַפּ דער ערד נישט געוווּסט...
די פּראָגער גווירע האָט געהאַט א גרויסע לעווייע... מע האָט איר אויך א גרויסן העספּעד געמאַכט, עס האָט א מאַטמען געקאָסט! און מע האָט זי אויבנאָן אַפּן בייס-האַכאַיִם, צווישן אַלע צנועס, געלייגט, און צום יאָר האָט מען איר א גרויסע מאַצייווע מיט אַלערליי אויסגע-קריצטע שוואַכים געשטעלט...

אָבער אַז דער פּאַרעץ האָט דער עלטערעם גוף קיין פּראָג גע-שיקט, האָט קיין כעוורעמאַן נישט געוואָלט זיך צורירן צום זינדיקן גוף, האָט מען צו דער טאַהאָרע פּראַסטע טרעגער געדונגען, און מע האָט זי איינגעהילט אין אַן אַלטן זאַק און אַריינגעוואָרפן אין א גרוב ערגעץ אונטערן פּלויט...

א מענטש זעט נאָר פון אויבן...

10

און אין א צייט אַרום, אַז מע האָט צוגענומען א שטיק פון אַלטן פּראָגער בעסאָלמען צו דער שטאָט, ברייטער צו מאַכן א גאַס, און מע האָט אויסגעגראָבן די קוואָרים, איבערצופירן די איבערגעבליבענע ביינער, האָט א קאַברען געעפנט נעבאַמעס קייווער באַם פּלויט און נישט מער געפונען ווי א שאַרבן,— פון לייב און דעם רעשט ביינער איז קיין סאַריד-אופּאַליט ניט געבליבן... און ווען ער האָט נישט ווי-לנדיק מיטן פוס אוועקגעשטויסן דעם שאַרבן, איז ער אָפּגעשפּרונגען און איז ערגעץ פאַרוואַלגערט געוואָרן... און איז שוין צו קוואָרע נישט געקומען.

דער קאַבראַנ אָבער, וואָס האָט געעפנט מאַלקעס קייווער, האָט זי געפונען איינגאַנצן גאַנצ און פריש, קימאַט מיט א פרישן שמייכל אפנ ווייסן פּאָנעם...

— דאָס הייסט א צאַדייקעס — האָבנ מענטשן געזאָגט.— די ווערעמ האָבנ אפּ איר קיינ שליטע נישט געהאַט...

וואָרעמ אזוי טראַכטנ און זאָגנ מענטשן, וואָס זעענ נאָר מיט די אויגנ פונ אויבנופ און ווייסנ קיינמאָל נישט, וואָס איז האַרצ טוט זיכ, וואָס בא עמעצנ אפּ דער נעשאָמע איז...

דאָס גלעזל

א מאָל, ערגעץ אינ א פארוואָרפנ שטעטל אפ דער פראָווינצ, איז געווענ א גאָלדשמיד אונ א בריליאנטנ-שלײַפער דערצו. אונ געווענ איז ער, דער גאָלדשמיד, א בעריע-ניפלאָע אינ דער מעלאָכע, א געבענטשטע האנט געהאט, אינ זײַנ פאכ א גאָענ געווענ. עד היכן הדברים מגיעים האָט קיינער נישט געוווסט: נישט ער, נישט זײַנע קוינים. געזעסנ אונ געארבעט צירונג פאר באלעבאטים: אוירינגלעכ, פינגערלעכ, קדושנ-פינגערלעכ אוקעדוימע. קוימ פארנאָסע געהאט!.. ניסגאלע איז ער ערשט געוואָרנ מיט דער צײַט... אונ צופעליק. האָט זיכ, קעדוימע-לעמאָשל, געטראָפנ, אז א באלעבאָס פונ קליינעמ שטעטל האָט א שידעכ געטאָנ פונ דער פרעמד, מיט אנ אוישער פונ א גרעסערער שטאָט. פאָרט מענ אפ דער כאסענע, באווײַזט זיכ דעמ גאָלדשמידס צירונג אפ א העכערנ אָרט.

יענער אוישער איז שוין א שטיק מיוון; א סויבער, א וועלט געזען. מאכט ער: אין, אין, אין! — הייבט אָן דער גאָלדשמיד דאַרט צו שע-מען... באַקומט ער שוין פון דאָרט אַרבעט, און מיט דער צייט ציט ער זיך איבער אין דער גרעסערער שטאָט אַרײַן; שוין אַזויפיל קוינים געהאַט.

מיילע, צו א גוויר פון א גרעסערער שטאָט קומט אַמאָל א פּאַרעץ; צוליב מיסבער, אַפּ א סימכע צי אַזוי אַמאָל שאַבעס אַפּ געפילטע פיש,— דער טיש אויסגעשטעלט, די בניי-באַיִס אויסגעצירט... דער פּאַרעץ קומט אַרײַן, ער איז נאָך א גרעסערער מיוון; פאַלט אים עפּעס אין אויג אַרײַן.

— ווו איז דאָס געקויפט? ווער האָט עס געמאַכט?

ווערט מען פון גאָלדשמיד געוואָר צווישן פּריצים...

קעיעדוא, מאַכט יעדער גובערנאַטאָר איין מאָל אין יאָר א באַל פאַר גרויסע לײַט. עס איז שוין אַזאַ מינהעג. מאַכט יענער גובערנא-טאָר אויך א באַל, קומען פּריצים מיט פריצעס, מיט טעכטער. טראָגט מען דעם גאָלדשמידס צירונג... זעט דער גובערנאַטאָר א פינגערל, צי א בראָש, צי א קאָליע, גאַפּט ער, ער האָט נאָך אַזאַ אַרבעט נישט געזען.

„וועמעס אַרבעט איז עס?"

— „דעמס און דעמס".

„אַזוי?"

צומאָרגנס שיקט מען דעם גאָלדשמיד רופן, ווערט ער א יויצע-וועניכנאַס באַם גובערנאַטאָר.

קומט אַמאָל צו פאָרן באַקוקן די גובערניע איינער פון די סאָריוי-מאַלכוס, דאַרפ מען אים אַקעגנטראָגן ברויט מיט זאַלץ אַפּ א טאַץ. ווער מאַכט די טאַץ? מינאַסטאַם שוין אונדזער גאָלדשמיד. קומט די טאַץ אין איר-האַמלוכאָ אַרײַן, קלינגט מיט איר די איר-האַמלוכאָ...

נישט אומזיסט זאָגט שלוימע-האמעלעב: טוב שם משמן טוב!

טרעפט זיך אַ מעשה. דער אַלטער מיילעך גייט פון דער וועלט. קלייבט מען אויס אַ נייעם מיילעך. גייט יענע קרוין אין שאַצקאַמער, און פאַרן נייעם מיילעך מאַכט מען אַ נייע קרוין. זוכט מען גרויסע גאָלדשמידס. בעט מען צווישן אַנדערע אונדזער גאָלדשמיד אויך, קומט ער און אַרבעט מיט און צייכנט זיך נאָך אויס אַל צאַד האיוי-סער טויוו...

האַקלאַל — מעקימי מעאַפאַר דאַל!

אונדזער גאָלדשמיד וווינט שוין אין דער רעזידענץ, איז אַ יויצע-וועניכנאַס אין הויף. ער ווערט גאָר מירויי פּניי האַמעלעך. אַ פּראָ-סטער באַסערוועדאָם, אפילו אַ קלענערער סאַר, קאָן זיך שוין גאָר צו אים נישט דערשלאָגן...

איז דאָך אָבער אַ גאַלגאַל כויזער באָוילאַם און אַז מע קאָן העכער נישט שטייגן (וואָרעם וואָס קאָן זיין העכער פאַר אַזאַ גאָלדשמיד?), הייבט מען אָן פאַלן...

פאַר ווויליטיק האָט ער שוין קיין נייס נישט באַוויזן, דאָס אַלטע ווערט צוגעגעסן, די אויגן זיינען, קוקנדיק דערויף, מיד געוואָרן, דאָס האַרץ קריגט אַ גלוסטונג צו עפּעס נייס. באַווייזט זיך עַרגעץ-ווו אַ נייער קינסטלער... איז — ווי דער סיידער-אוילאָם איז — זע נויפייל ווועזע קאָם... מאַכט דער נייער קינסטלער דעם זעלבן וועג, וואָס דער אַלטער האָט געמאַכט. און, לעומאַס זע, מאַכט דער אַלטער גאָלד-שמיד דעם אייגענעם וועג צוריק: פון איר-האַמלוכאָ — צוריק אין גו-בערניע אַריין, פון גובערניע—אין פּאָוויאַט, פון פּאָוויאַט — אַהיים; פון מיילעך, הייסט עס, צום סאַר, פון סאַר צום גובערנאַטאָר, צום פּאָרעץ, צום גוויר, צום באַלעבאָס אין קליינעם שטעטל... צוריק צו קדושן-פינגערלעך...

נידעריקער פאלן קאָן מען נישט; אַרעמעלײַט דארפן קיין צירונג נישט. בלײַבט מען הענגען אין דער לופט, שטרעקט מען אויס די צונג...

און די צײַטן אַ ל ײ ן ווערן שלעכט, מע מאכט עפּעס גאָר קיין כאַסענעס נישט און די קאָנקורענץ וואַקסט...

מײַלע... דאַלעס מאַכט פּאַסלעס. און וויַהי (ווי „וויַהי״ איז אַ צאָרע!) קי הייציק לוי האָראָאָוו, נישטאָ וואָס אין מויל אַרײַנצולייגן, דער גאָלדשמיד גייט אַרום פּוסטעפּאַס, איז ער זיך מעיאַשעוו און הייבט אויף פון דער ערד אַ שטיקל גלאָז פון אַ צעבראָכן פלעשל: פון וואַסער, פון מאַשקע און עפּשער גאָר פון אַ מעדיצין, ווער ווייסט? נאָר אַ פּראָסט שטיקל גלאָז, און גייט דערמיט אַהיים און זעצט זיך עס אַנידער — שלײַפן... און אַזוי ווי ער שלײַפט... און אַזוי ווי ער שלײַפט, הייבט אָן אונטער די הענט דאָס גלעזל צו פינקלען, צו גלאַנצן... אַ קישעף: עס שפּריצט מיט קאָלאָמינע פונקען, עס שטראַלט; ער אַליין גאַפט. ער האָט גאָר נישט געוווּסט, ווי ווײַט קינסטלער ער איז! דערנאָך נעמט ער דאָס גלעזל, זעצט עס אַרײַן אין עפּעס אַ פאַרוואַלגערט רייפל, וואָס ער האָט קוים געפונען, און גייט אַרויס אָפּנאַרן די וועלט! — גייט ער. דאָס האַרץ קלאַפּט בײַ אים ווי בײַ אַ גאַזלען! קומט אים אַנטקעגן אַ באָכער מיט אַ פלאַמענדיקן פּאָנעם, פאַלט אים אײַן — עפּשער אַ כאָסן און דאַרף אַ פינגערל? שטעלט ער אים אָפּ. האָט ער קימאַט געטראָפן: קיין קדושן־פינגערל דאַרף ער נישט, אַ קאַלע־מאַטאָנע — אַדעראַבע; מעג זײַן אַ פינגערל! און ווי יענער גיט אים אַ בליץ פאַר די אויגן מיטן בריליאַנטל, פאַלט ער צו מיט ביידע הענט און פרעגט:

— ווי טײַער?!

לאָזט דעם גאָלדשמיד דאָס האַרץ נִיט זאָגן, נישט קיין שווינדלער בעטעווע, פרעגט ער צוריק:

— וויפל ווילסטו געבנ?..

דער באָכער מיינט: גאָט ווייסט, צי ער וועט קאָנענ קומענ צו דער סכוירע? נעמט ער ארויס א מאטבייע און מאכט זיכ א שפּאס:

— א טאָלער!

דריקט אימ דער גאָלדשמיד דאָס פינגערל אינ דער לינקער האנט ארײַנ. כאפּט אימ אויס דעמ טאָלער פונ דער רעכטער האנט אונ לויפט אינ שענק ארײַנ. דעמ וואָרעמ פארגיסנ, דאָס הארצ צו דערכאפּנ...

וועלנ מיר איבערלאָזנ, פארשטייט זיכ, דעמ גאָלדשמיד אונ נאָכ-גיינ דעמ באָכער.

קלערט דער באָכער: מעשוגע? נאָר זײַנ דײַגע! אונ גייט מיטנ פינגערל צו דער בסולע, צו וועלכער ער האָט זיכ געשאדכנט...

איז דאָכ אָבער נאָשימ דײַטאָנ קאלוימ, האָט די בסולע, צו וועל-כער ער שאדכנט זיכ, צ וו יי כאסאנימ: אימ, א באלעבאטיש קינד

מיט א פאר פאים און א קיילעך הויז — איז איינער, און א הוזאר (אין שטעטל איז קאוואלעריע געשטאנען), א הוזאר מיט א קיווער, מיט שווערד, טראָבן און שפּאָרן, א בעריע-ניפלאָיע אפן פערד — דער צווייטער. אויסקלײַבן איז שווער. ביפראט: א הוזאר — הײַנט איז ער דאָ, מאָרגן רײַט ער אוועק... ישעווט זי זיך אלץ. דערווײַל, דער באָכער קומט ארופ, נעמט זי אים צו בעסייווער פּאָנים יאָפּוים. דאָס פינגערל אוואדע, עס פארנעמט די אויגן... האקלאל — מע רעדט, מע לאַכט, ווי דער שטייגער איז... די צײַט שטייט דאָך נישט, פאלט צו דער אָוונט, דערהערט זיך פון מארק, פון דער הוזאר-וואך, א טראָמפּייטל, א פײַקל האלט אונטער, מע הייבט אָן שפּילן זאָרעס... מײַן בסולע דערמאָנט זיך אָן יענעם, ווערט אומרויק, זאָגט אלץ: שפּעט, שפּעט! מע וועט זי, כאסוועשאָלעם, בארייידן, און דערלאנגט אים, אָפּצוקומען, דאָס מײַלעכל, און שטופּט אים ארויס פון טיר. און עס איז שוין גע-וועזן די רעכטע צײַט. קוים איז דער באָכער אראָפּ פון די טרעפּ, ארי-בער דאָס געסל און פארבייגן אין עק — טופּ, טופּ, טופּ: א רײַטער פון דער צווייטער זײַט! אָט איז ער שוין פארן פּלויט; שפּרינגט שוין פון פערדל אראָפּ, בינדט עס צו צו א שטאכעט. אָט קלינגען שוין שווערד און שפּאָרן אפּ די טרעפּלעך, דאָס טירל פראלט אופ...

איך וועל אײַך נישט לאנג ברײַען: איבער נאכט איז פון דער קאלע-מאטאָנע א כאָסן-מאטאָנע געוואָרן... קוים אפן שפּיץ פון יונגסטן פינגער ארופ...

דאָ ענדיקט זיך אָבער נאָך נישט די מײַסע; דעם „בריליאנט“ איז געוועזן עפּעס בעסערס באשערט...

קאאלוים, קוים עס רויטלט זיך דער מיזרעך... דאָס פערדל טאָפּעט נאָך אלץ און טאָפּעט מיט די פיס אין לײמיקן געסל און קיינער הערט עס נישט, וועקט זיך פלוצלינג אין דער ווײַטער שטילקײַט א קאָל פון א טראָמפּײט... „טרעוואָגע“ ווערט געבלאָזן! באנאכט איז

פּלוצלינג א גרויסער גענעראַל געקומען, ווערן די הוזאַרן געוועקט, צום עקזערציער־פּלאַץ גערופן... א רעוויע וועט זײַן — טראַ־ראַ־טראַ! מײַן גיבער מיטן פינגערל שפּרינגט אוף, וויל לויפן, אָבער נישט לײַכט איז דעם פישל זיך אַרויסרײַסן פון דער נעץ... זי וואַרפט אים די ווײַסע הענט איבערן האַלדז. פלעכט ער זיי אוף, לויפט זי אונ באַהאַלט אים דעם קיווער, דאָס שווערד... אונ נאָכאַמאָל געזעגענען, אונ נאָכאַמאָל... קוים מיט צאָרעס פון די הענט אַרויס. טראַפּ־טראַפּ־טראַפּ פון די טרעפּ אַראָפּ, אפן הונגעריקן, נאָר דערפרייטן פערד אַרוף, אונ פּאַפּ — פײַל פון בויגן צום פּלאַץ, די ראָטע שטייט — אין אָרט אַרײַן... אונ — פּאָד קאָזעראָק! דער עסקאַדראָני קאָמאַנדיר שטייט אים אויג אָן אויג אונ זעט, עפּנט שוין דאָס מויל אף א „מי־שעבייראַך“.

גיט אים אָבער דאָס פינגערל פּלוצלינג א בליץ אין די אויגן. ווערט ער רויט ווי א צונטער, אונ כאַפּט אים דאָס פינגערל פון שפּיץ פינגער אַראָפּ:

— געגאַנווועט?

שטאַמלט ער: וואַשע אַזוי אונ אַזוי... כווישעד ביקשיירים... כאַס־ווע־כאַלילע...

מיילע, דעם עמעס אויסזאָגן קאָן ער דאָך נישט. ער וועט דאָך נישט אויסגעבן די בסולע פון א באַלעבאַטיש הויז! פּלאַצט ער אַרויס:

— געקויפט!

— פאַר וויפל? — פאָרשט שטרענג דער אָפיצער.

שלעכט! טראַכט דער הוזאַר, עס מוז דאָך עפּעס ווערט זײַן... אונ גיט א זאָג פאַרן טײַוול:

— צוואַנציק טאָלער!..

א מאַטמען מיט גאָלד פאַר א הוזאַר! דער אָפיצער עפנט שוין דאָס מויל אף א נײַעם „מי־שעבייראַך“... בעויסוי האָרעגאַ שפּרינגט אָבער

אַן א ווײַס פערד דערופֿ, הינטער אים — אַנדערע פערד, קלענערע גע-נעראַלן.

ער אַליין גיט א פֿרעג:

— געזונט?

אַלע עסקאַדראָנען ענטפערן: געזונט! א דונער, א געפּילדער! די ערד ציטערט...

און באַלד — די רעוויע... און אַז עס איז באַשערט, צייכנט זיך אויס דער עסקאַדראָן פֿון אונדזער גיבור: געיאָגט, ווי אויף פֿליגל; גע-שפּרונגען אויף די פערד, ווי די שײדים; דורכגעלעכערט די צילן אַל צאַד האַיויסער טויוו... קריגן די הוזאַרן א „דאַנק" און אויף מאַשקע, און-דזער אַפּיצער ווערט אָפּן אָרט — פּאָלקאָווניק... א סימכע, א געדולע, מישטע ווערט אָפּן אָרט... טרינקט מען א כוידעש, צוויי... דער הוזאַר האָט דערוויַל אויסגעדינט און איז אַהיים מיט גרויס סימכע: פּאָטער בעלוי קלום, פֿאַר א נאַריש פֿינגערל, פֿאַרן פֿאַרשפּעטיקן. דער פּאָלק מיטן קאָמאַנדיר זײַנען באַלד אַרויס אין א גרעסערער שטאָט, אין לאַ-גער אַרײַן... און דאָס פֿינגערל וואָלט גאָר פֿאַרגעסן געוואָרן, ווען נישט דאָס, וואָס האָט זיך ווײַטער געטראָפֿן:

אין פּאָלק איז פּלוצלינג געוואָרן א פּעגירע אויף פערד. מיילע, א צאַרבאַלעכײַים איז עס; פֿאַלן ווי די פֿליגן. האָט דאָך אָבער יעדער מענטש סאָגים, ביפֿראַט אַן אָפּיצער, וואָס איז אַזוי פּלוצלינג אוילע ליגדולע געוואָרן. געפֿינט זיך איינער און שיקט צום מאַלכוס א מע-סירע אָפּן פּוראַזש! באַשער בעכיין, דער האָבער איז קיין האָבער נישט...

איז עס פּונקט פֿאַר א מילכאָמע, איז די זאַך שטרענג. שיקט מען טיו-קעפּ-אומיִאַד דאָס מאַלכוס אַראָפּ גאָר א גרויסן גענעראַל אויף א רע-וויזיע. באַפֿאַלט ער, לויפֿט גלײַך צום מאַגאַזין, באַקוקט דעם האָבער, הרייט מיט דער נאָז, פֿאָרט אין קאַנצעליאַריע אַרײַן, שיקט רופֿן דעם

פּאָלקאָווניק. קומט ער, נעמט ער אימ אופ זיצנדיק, שטרענג, דער פּאָל-
קאָווניק שטייט פּאָד-קאָזעראָק. עס ציטערנ אונטער אימ די פיס...
מישט זיכ ווײַטער אַרײַנ דער בריליאנט. דער גענעראל הייבט אופ אַנ
אויג — פונ בריליאנט שיסט א בליצ אינ אויג אַרײַנ, גיט ער א שפּרינג
אופ אונ א בריל ווי א לייב:

— לאקבע-באָכער!

אינ אונדזער מעדינע הייסט עס: כאבארניק, וואָרעמ ווי קומט צו א
פּאָלקאָווניק פונ נישט א רײַכ הויז אזא גרויסער טײַערער בריליאנט?
רײַסט ער אימ דאָס פינגערל פונ פינגער אַראָפּ, ער וועט עס צולעגנ
צו די אקטנ, אונ פרעגט:

— וויפל באצאָלט?

זעט דער פּאָלקאָווניק, אז עס איז א דאָוואָר גאָדויל, אויסזאָגנ דעמ
עמעס קאָנ ער נישט, גיט ער א פּלאצ אַרויס:

— טויזנט טאָלער!

אונ אז דער גענעראל קוקט אָנ נאָכ אלצ ניט גלייבנדיק, מיט
איינ אויג, גיט ער צו א וואָרט-צייכנ:

— פאַר טויזנט איינס טרעט איכ עס אָפּ...

לאָזט דער גענעראל דעמ קאָפּ אַראָפּ אונ שרײַבט:

רייִשים, שרײַבט ער א ראַפּאָרט צומ מאלכומ... אז דער האָבער
איז ריינע פערל. וועהאשייכים: א שטאַר-כויוו אפ טויזנט אונ איינ
טאָלער; ליקשעיארוואכ וועט ער אָפּגעבנ... אונ פאָרט צוריק...

צינד דאַרפ געשענ דאָס וווּנדערלעכסטע...

מע ווייסט נישט, וויאזוי, נאָר דאָס פינגערל איז געקומענ אינ
כאצאַר-האמאלכומ אַרײַנ! איינמאָל, די מאלקע זיצט פאַרטראַכט,
פאַרלירט דאָס נאָזטיכל פונ שויס, הייבט עס א הויפ-דאמע אופ,
א יונגע, ערשט אָנגעקומענע אונ א יעפייפיע... אונ לייגט עס
צוריק.

הייבט די מאַלקע אַ ביסל די ברעמען אויף, ווײַל דאַנקען מיט אַ האַלבן מויל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַלקע, עפענט די ליפּעלעך, און בלײַבט מיט די אָפענע ליפּעלעך זיצן. וואָס איז? דער בריליאַנט פון דער הויף־דאַמעס אַ פינגערל האָט עס איר אָנגעטאָן! מאַמעש פאַרקי־שופט האָט ער זי, נעמט זי צו באַקוקן: זי האָט נאָך אַזאַ בריליאַנט אין אַ פינגערל נישט געזען... נישט אין די שאַצקאַמערן, נישט אין קיסריי־האַמאַלכוס... פרעגט זי:

— פונוואַנען קומט צו דיר אַ בריליאַנט?

ווערט די הויף־דאַמע רויט און טויט און פאַרציטערט און ענט־פערט נישט אַ וואָרט.

מוז דאָך דאָ עפּעס זײַן, און אַ ביסל אייפערזיכטיק איז אַ מאַלקע אויך. וואָרעם ווער, אַז נישט אַ מײַלעך, קאָן קויפן אַזאַ מאַטאָנע? הייבט זי זיך אויף און גייט אַרײַן צום מײַלעך אין קאַבינעט און ווײַזט אים דאָס פינגערל. זי וויל זען, וואָס ער וועט זאָגן... ווייסט ער לאַכ־לוטן פון גאָרנישט און ווערט פון בריליאַנט פאַרקישעפט. ער האָט נאָך אַזאַ קלאָרן ריינעם בריליאַנט, און אַזאַ גרויסן, און אַזוי אָן אַ שעמעצ פּעגימאָ נישט געזען. עפנט ער גרויסע אויגן און קאָן זיך זאַט נישט אָנקוקן. דערציילט אים די מאַלקע אַזוי און אַזוי, די און די, הויף־דאַמע האָט עס געטראָגן. זאָגט דער מײַלעך, אַז פונוואַנען דאָס פינגערל קומט, ווײַל ער נישט ווייסן, מאַלע וואָס עס טוט זיך אין הויף... נאָר דער בריליאַנט פּאַסט נישט פאַר קיינעם, נאָר פאַר אַ מײַלעך. דער הויף־דאַמע וועט ער זײַן ווערט באַצאָלן... און נעמט צו דאָס פינגערל.

נעמט מען באַלד דאָס פינגערל, מע קריצט אויס דעם מײַלעכס נאָ־מען מיטן הערב פון דער מעדינע, ווערט דאָס פינגערל אַ כויסעם־האַמאַלכוס. דער מײַלעך באַסמעכט דערמיט אַלע פּאַפּירן, הען אין דיניי מאָמוינעס הען אין דיניי נעפאָשעס, הען אין פּאָליטיק. ווער

עס קריגט דאָס פינגערל א ווײַלע אפּן פינגער ארופּ, קאָן באַרעוו מאכן א וועלט, האָט פּראַוו לעהאַשמיד אולעהארויג, ווען און וועמען ער וויל אַרײַנוואַרפן אין קייטן און אין טפיסעס. לאָזט עס טאַקע דער מיילעך נישט פון פינגער אראָפּ... און קעדיי צו באַלוינען די הויפּ-דאמע, הייסט דער מיילעך רופן מעווינים, זיי זאָלן אָפּשאַצן דעם ווערט פון בריליאַנט... קומען זיי... ווערט זה בכה וזה בכו! איינער זאָגט: א הריטל, איינער — א האלבן, איינער גאָר — א גאַנצן מיליאָן... וואָס טוט מען? דערמאָנט זיך דער מיילעך אין פּריערדיקן הויפּ-גאָלדשמיד און גיט א באַפעל:

— ברענגען...

ברענגען איז ברענגען!

נעלעם געוואָרן; מאכט מען א בקירע-אודרישע. עס דויערט א צײַט, מע ווערט געוואָר. מע שיקט א דעוואַר מאַלכוס, ווי דער שטייגער. מיילע. אַז די קליינע סאָרים פון קליינעם אָרט באקומען אַ באַפעל צוצושטעלן דעם גאָלדשמיד צום מיילעך, וואָס קלערן זיי? ער האָט אוואדע באַגאַנוועט אַמאָל די שאַצקאַמער און צינד ערשט איז מען דערגאַנגען. וואַרפט מען אַרײַן דעם באָכער אין קייטן, און מע שיקט אים צום מאַלכוס, אַ צעשלאָגענעם און א האלב-טויטן פּאַר פּאַבעד... קומט ער קוים מיט צאָרעס אָן.

מעלדעט מען דעם מיילעך: ר׳אי׳דאָ, נאָר...

מע וויל אים זאָגן, אַז מע נעמט אים אראָפּ די קייטן, איז אָבער דער מיילעך בייז, שלעכטע יעדיעס פון דער מילכאָמע באַקומען, גיט ער א געשריי:

— קיין שום „נאָר״!

ברענגט מען אים שוין אַרײַן, ווי ער שטייט און גייט.

באַמערקט עס אפילע נישט דער מיילעך. ער ווײַזט אים דעם בריליאַנט און פרעגט:

וויפל ווערט?

ענטפערט יענער: — גאָרנישט!

— ווי הייסט?

און די סאָרים ארום:

— ווי הייסט, כויסיים האמאלכום... גאָרנישט?..

— און דער גרעסטער בריליאַנט אין דער וועלט!.. — גאַנץ אַנדערע.

דער גאָלדשמיד ווערט גאָרנישט ניספּאָעל:

— ס'איז נישט קיין בריליאַנט — זאָגט ער.

— סטײַטש, יענע שאַצן האָב אפ הונדערט-טויזנטער...

— איך ווייס בעסער!

ווערט שוין דער מיילעך אומרויק און פרעגט נישט מיט זײַן קאָל:

— פאַרוואָס — בעסער?

— ווײַל — ענטפערט ער — איך מיט מײַנע הענט האָב'ס געמאַכט...

און ער וויל דערציילן ווען, וויאַזוי — און האָט אָבער נישט דערציילט...

אַרויסגעשלעפּט און אין טפיסע אַרײַן, און מיט רעכט!

מע האָט מיט דעם בריליאַנט אַזויפיל פּסאָקים געפּאַסקנט, אַזויפיל גיטער גענומען און געגעבן, אַזויפיל הײַזער, אַזויפיל שטעט... און אַזויפיל מענטשן געהויכט און געקרוינט און אַנדערע אין קייטן געשמידט, אין טפיסעס געוואָרפן, אין וואַסער, אין פײַער אַרײַן און געפערטלט... די פּסאָקים זײַנען און מוזן בלײַבן וואָר, און דער מיילעך מוז זײַן און בלײַבן עמעס, און דער כויסעם זײַנער עמעס; טאַבאָאַם האמעלעך — טאַבאָאַם האמעלעך. מוז זײַן דער בריליאַנט — בריליאַנט...

אזוי האָט געפּאַסקנט דער גרויסער מיניסטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די מעשה, וואָס איך האָב איצט דערציילט, איז, ווי אַלע מעשה־לעך, אַ מאָשל. און ווי יעדער מאָשל, נישט מיט אַלע פּראָטים דוימע לעמימשל; מוז מען דאָך עפּעס צוגעבן לענוי... לעהידור האמעסע...

אָבער אַ מעשה איז עס!

און שטאַמען שטאַמט זי פֿון אַ מאָקעמ גאָדל — איש מיפּי איש פֿון רעבן יווינאָסן.

1910

דער אייביקער פרידנ אינ ערגעצ-לאַנד

דערציילט אזוי דאָס מײַסעלע פונ ערגעצ-לאַנד:

אינ ערגעצ-לאַנד איז אַ הויכער גרויסער באַרג פאַראַנ. האַלטנ זיכ אפנ שפּיצ פונ באַרג די אָדלער די גרעסטע, שפּילנ אפ זײַנ הייכ די ווינטנ די שטאַרקסטע; — שפּילנ זיי אונ ראַנגלענ זיכ.

זעט אויכ דער שפּיצ פונ באַרג דאָס גרעסטע הימל-שטיק פונ געוועלב איבער ערגעצ-לאַנד אונ דעמ שענסטנ אופגאַנג פונ דער זונ יעדנ מאָרגנ-פרי אינ ערגעצ-לאַנד...

באָדט זיכ דער שפּיצ באַרג אינ העלסטנ, רײַכסטנ ליכט. עס איז דאָכ דער העכסטער באַרג אינ ערגעצ-לאַנד: די זונ פאַרשטעלט אימ קיינער נישט, פונ ערגעצ פאַלט אפ אימ קיינ שאָטנ נישט...

אונ שטאַרק איז ער, דער באַרג: פעלדזנ זײַנען זײַנע גלידער, קופּער אונ גאָלד — זײַנע אָדערנ... דאָס ווייסט די ווילדע ציג, וואָס שפּרינגט איבער זײַנ רוקנ...

אַט אַזוי האָט דאָס מײַסעלע דערציילט. —

— —

האָבן די מוטערס דאָס מײַסעלע געהערט, דערפֿון אַ וויגן-ליד פֿאַר-פֿאַסט און שלעפֿערן די קינדער אײַן דערמיט. מיטן ליד פֿון ערגעץ-לאַנד, פֿון הויכן גרויסן באַרג אין ערגעץ-לאַנד.

וואַקסט אָבער אויף דאָס קינד און עס פֿאַרגעסט דאָס וויגן-ליד; אײַן לערנען און אין שפּילן ווערט עס פֿאַרגעסן; דערנאָך אין לעבן, ליבן און ליידן... אינעם וועלט-געררויש!

ערגעץ דאָך, אין אַ פֿאַרבאָרגענעם ווינקל פֿון האַרץ, ציטערט נאָך אַלץ אַ סטרונע שטיל, און עס קלינגט דאָס ליד, דאָס וויגן-ליד פֿון שפּיץ פֿון באַרג אין ערגעץ-לאַנד, — פֿלייצט דאָס לעבן אַרום און אַרום, רוישט עס און זידט, הערט מען די סטרונע נישט. —

גייען אַזוי יאָרן און צײַטן פֿאַרבײַ. — —

טרעפֿט זיך אַמאָל:

שפּינט אַ יונגערמאַן זײַן גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון לעבן, און עס שטרעקט זיך אויס דעם מאַזלס האַנט און רײַסט אים דעם פֿאָ-דעם איבער; גייט דער יונגערמאַן פֿון לעבן אַוועק אין דער איינזאַמקייט... דערפֿילט ער פּלוצלינג אין דער שטילער איינזאַמקייט: עפּעס ציטערט אין ווינקעלע פֿון האַרץ בײַ אים, אין פֿאַרבאָרגנסטן ווינקל פֿון האַרץ קלינגט... שטעלט ער זיך אָפּ און הערט זיך אײַן...

זינגט אַמאָל אַ יונגערמאַן זײַן גליקלעך ליבעס-ליד אויף זײַן האַרפֿ, אויף זײַן גאָלדענער יוגנט-האַרפֿ; דערהערט דער בייזער מאַזל און שלײַכט זיך צו און שטרעקט אויס די בייזע ביינערנע האַנט און רײַסט אים אַ סטרונע נאָך אַ סטרונע מיט גוואַלד; ווערט שטיל די האַרפֿ און שרעקלעך שטיל אין האַרץ; — שטיין איז דאָס האַרץ גע-בליבן... און אין דער שטילקייט קלינגט פּלוצלינג אויף דאָס וויגן-ליד, דאָס ליד פֿון ערגעץ-לאַנד, פֿון הויכן גרויסן באַרג אין ערגעץ-לאַנד...

און אמאָל וועקט זיך עס עמעצן אין כאָלעם אוף און קומט אין א שטילער לעוואָנע-נאכט צום אויער, כאפּט זיך יענער אוף...

און אזוי אמאָל, פארטראכטערהייט, וועקט זיך בא לײַטן די בענק-שאפט אוף און טרײַבט קיין ערגעץ-לאנד; צום הויכן בארג, צום גרויסן בארג אין ערגעץ-לאנד...

ציט דאָס ערגעץ-לאנד און צ י ט; וואנדערט מען...

און אין אלע צײַטן, און אף וועגן אלערליי, און פון אלע עקן וועלט וואנדערט מען קיין ערגעץ-לאנד...

בלאָנדזשעט מען, פארבלאָנדזשעט מען, —

ביינער בלײַבן אף וועג און שטעג קיין ערגעץ-לאנד...

מאנכע טרעפן דאָך און דערגרייכן עס.

קומען מאנכע קיין ערגעץ-לאנד; ווייסט איינער דאָך פון צווייטן נישט...

אף איינזאמע וועגן גייען זיי, פון פארשיידענע עקן וועלט קומען זיי... איינער טרעפט זיך מיטן צווייטן נישט.

שפינט און שפינט זיך ווײַטער דאָס מײַסעלע...

פון לעוואָנע-שטראלן שפינט זיך עס; אין שטילע נעכט, אין לע-וואָנע-נעכט...

דערציילט עס ווײַטער אזוי:

צופוסנס, באַם הויכן בארג אין ערגעץ-לאנד, ליגן לענדער פרײַע, פעלד און שווארצ... וואקסן וועלדער טיפע-טיפע, און שטראָמען יאָגן, און טײַכן פליסן... און רינגלען ארום דעם גרויסן הויכן בארג...

און קומען די וואנדערער, — איינציקווײַז, פּאָרווײַז אָדער פאמי-ליען גאנצע — און דערגרייכן זיי דעם בארג אין ערגעץ-לאנד, באזעצן זיי זיך ארום און ארום דעם בארג, צופוסנס דעם בארג...

גייט דער יעגער מיט פֿײַל-און-בויגן אין וואַלד אַרײַן; זעצט זיך דער פֿישער מיט נעץ און ווענטקע בײַם קלאָרן טײַך; זוכט זיך דער פֿעלדמאַן זײַן אַקער אויס; טרײַבט דער הערט זײַן פֿי איבער דער פֿעטער לאָנקע... ווערן קאָלאָניעס מיט דער צײַט...

גרויס איז אָבער דער צופֿוסנס פֿון באַרג, טרעפֿט זיך איין קאָלאָניע מיט דער צווייטער נישט; ווייסט איינע פֿון דער צווייטער נישט.

בויט זיך יעדערע איר וו ע ל ט פֿאַר זיך און אָרדנט זיך אײַן די „א י י נ צ י ק ע" וועלט. בויט זיך איטלעכע איר הייליקטום פֿאַר גאָט דעם „איינציקן" און דינט דעם האַר פֿון דער וועלט דעם איינציקן...

און מע לעבט די יאָרן אויס, און מע שטאַרבט צו דער רעכטער צײַט, און אַלץ לויטן ווילן און געזעץ פֿון גאָט דעם איינציקן...

און מע בעט גאָט, און מע רעדט אָפּ דער „איינציקער" מענטשלעכער שפּראַך.

און מע אַרבעט; און מע מערט, און מע פּרוכפּערט זיך, און מע הייבט זיך פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך אָפּן רוקן פֿון הויכן באַרג, פֿון געגלוסטן באַרג...

לאַנגזאַם — מיט ווייץ, האָבער און קאָרן, גייט דער אַקערמאַן; מײַדט אים אויס דער פֿלאַנצער פֿין ווײַן; העכער שפּרינגט דער הערט, איבער שטיין און פֿעלדז, נאָך דער ווילדער ציג; מיט דער מעטאַלענער אָדער גייט דער בערגמאַן פֿעסט און טיף...

און נאָך העכער שטײַגן מאַנכע...

דאָס זײַנען די, וואָס האָבן זיך, מיטן גאַנצן האָב-און-גאָב, באַרוקן נישט געקאָנט...

שוין צו פֿאַרבענקטע נעשאָמעס זײַנען זיי; צו פֿאַרבענקטע נעשאָמעס צו דער הייך, צו דער הויכער הייך.

ווײַל שאַרפֿער קלינגט אין האַרץ בײַ זיי דאָס וויגן-ליד...

ליגט מענ אמאָל די װענטקע אװעק אונ דעמ פײַל-אונ-בױגנ אונ מע גײט פונ װאלד אונ טײַכ... פאלט רידל אונ קאָסע אמאָל פונ האנט ארױס; פארלאָזט מענ דעמ אַקער, פארלירט מענ שער אונ שנײַדמע-סער פונ האנט, קוקט מענ פונ װײַנבערג ארױס. אונ מע װארפט די האק אװעק, אונ מע קוקט פונ דער מעטאלענער אָדער ארױס אפ דער ליכטיקער שײַנ... פארלאָזט מענ אפ גאָטס באראָט די װילדע ציג, אונ מע שטײַגט...

עס ציט דער שפּיצ פונ בארג...

האָט יעדע קאָלאָניע איר בענקענדיקנ מאנ, אנדערע — אירע בענ-קענדיקע לײַט, שטײַגנ זײ...

שטײַגנ זײ.

איז װאָס העכער, דינער אונ דינער דער רוקנ פונ בארג; בלאָנדזענ זײ אונ טרעפנ זיכ אמאָל.

אונ טרעפט מענ זיכ...

אונ טרױעריק װערט דאָס מײַסעלע, װענ עס דערצײלט דערפונ...

אונ ש ר ע ק ל ע כ...

טרױעריקע געשיכטנ; בלוטיקע געפעכטנ...

עס שפּינט זיכ אונ שפּינט דאָס מײַסעלע אזױ:

האָט יעדע קאָלאָניע איר בענקענדיקנ מאנ; מאנכע — אירע בענ-קענדיקע לײַט — —

צומ שפּיצ פונ בארג בענקענ זײ...

צו די װינטנ די שטארקע, צו די אָדלער די גרױסע... צומ גרױסנ פרײַענ הימל; צומ רײַכנ העלסטנ ליכט, צומ שענסטנ אופגאנג פונ דער זונ בענקענ זײ...

עס ציט דער שפּיצ פונ בארג...

און איינציקווייז גייען זיי. איבער די גרענעצן פון פעלדער גייען זיי... פון ווייַנבערג-געוועלבן קומען זיי ארויס... בא די רענדער פון די מעטאלענע גרובן שלייַכט מען זיך... איבער שטיין און פעלדז, אי־בעריאָגנדיק די ווילדע ציג.

מיט פארבענקטע אויגן, אין דער הויכער הייך פארקוקט, בלאָנדזען זיי, זאפנדיק מיט אופגעשפּיצטע אויערן די גערוישן פון דער הייך — און טרעפן זיך אמאָל...

און טרעפן, און — דערשרעקן זיך.

און מיסטרויִש פארוואונדערט, קוקט איינער אפן צווייטן, זיך אָפּ־שטעלנדיק:

פון פארשיידענע ערטער געקומען, אף פארשיידענע וועגן געגאנ־גען און — אנדערש געקליידט, אנדערש געשווירן און אנדערש דעם קאָפּ באדעקט...

שטאמלט מען, זיך גריסנדיק און זאָגנדיק:

— גוט-מאָרגן!

זאָגט עס יעדערער אף זייַן שפּראך, אף זייַן איינציקער שפּראך... קלינגט עס דעם צווייטן פרעמד, הארט, נישט מענטשלעך און פייַנט־לעך אין די אויערן... מיינט יעדערער, דער צווייטער דראָעט:

„ער באליידיקט מיך, ער שילט!"

שטייט מען זיך קעגנזייַטיק צו:

— ביסטו א מענטש, גלייבסטו אין — — —

און אָנגערופן ווערט דער נאָמען פון גאָט, פון „איינציקן" גאָט...

ווערן אין צוויי שפּראכן גערופן צוויי נעמען פון גאָט; און יעדע־רער פון צווייטן טראכט:

— ריידן רעדט ער ניט ווי קיין מענטש און גלייבן גלייבט ער נישט אין גאָט...

גרייט מען זיך צום שטרייַט...

רופט יעדערער פארנ שטרײַט זײַנ גאָט צו הילפ...

אפ פארשיידענע שפראכנ רײדנ זײ, פארשיידענע נעמענ רופנ זײ.

זאָגט יעדערער: ער לאכט פונ מיר אונ לעסטערט נאָכ מײַנ גאָט!

אָדער: ער דינט אנ אנדערנ גאָט, א פאלשנ גאָט, א שלעכטנ גאָט!

פלאַקערט מיטאמאָל שטארקער אופ דער האס, אונ מע ראנגלט זיכ;
אפ טויט אונ לעבנ גײט דער שטרײַט...

זיגט א י נ מענטש אונ זײַנ א י נ צ י ק ע ר גאָט...

אונ דער באזיגטער שילט צי בענטשט זײַנ גאָט אונ פאלט...

קאָלערט זיכ דעמ באזיגטנס קערפער בארג-אראָפּ, בארג-אראָפּ... אונ צײכנט מיט בלוט זײַנ וועג איבערנ בארג, איבערנ רוקנ פונ הויכנ גרויסנ בארג...

אונ זײַנ גאָט אפ זײַנ שפראכ דאנקענדיק, שטײַגט דער זיגער אלצ העכער אונ העכער...

אונ די צאָל פונ די בענקענדיקע אינ די קאָלאָניעס, אונ די צאָל פונ די, וואָס טרעפנ זיכ אונ ראנגלענ זיכ אפנ רוקנ פונ בארג, וואקסט פונ טאָג צו טאָג...

עס וואקסט די בענקשאפט, וואָס טרײַבט אלצ ארופ אונ ארופ... אונ עס וואקסט דער צאָרנ קעגנ דעמ ווילדנ, וואָס מע טרעפט אפנ וועג; קעגנ דעמ ווילדנ טיר, וואָס גלייבט נישט אינ גאָט, האָט א שלעכטנ פאלשנ גאָט אונ שטאמלט אפ א נישט-מענטשלעכער שפראכ...

אונ וואָס אמאָל העכער שטײַגט דער מענטש מיט זײַנ צאָרנ! אונ מיטנ מענטש, אלצ העכער אונ העכער — שטרײַט אונ שלאכט...

ראנגלט מענ זיכ וואָס אמאָל נעענטער צומ שפיצ פונ בארג...

אונ די טויטע קערפער פונ באזיגטע קאָלערנ זיכ אלצ אָפטער אונ אָפטער, אונ פונ א העכערער הײכ, בארג-אָפּ... אונ צעפליישנ זיכ, זיכ קאָלערנדיק, אפ בלוטיקע פעצנ אונ פעדעמ, אנ שפיצנ פונ שטײנ אונ פעלדז; אונ אלצ אָפטער אונ אָפטער ריזלט דאס בלוט

באַרג-אָפּ, באַרג-אָפּ; און שטראָמט, און טרענקט, און רויטלט דעם רוקן פון באַרג...

און אַדאַנק די אַראָפּגעפאַלענע צעפּלייִשטע לעסטערער פון גאָט, ווערט אַלץ פעטער און פעטער די ערד צופוסנס דעם באַרג; אַלץ פו-לער און געבענטשטער — די זאַנג פון ווייץ און קאָרן; פולער און גלענדיקער — די טרויב, זיסער — דער זאַפט אין איר... און דער ווילדער ציג שפּראַצט אַלץ מער און מער גראָז פון אונטער די פיס, און אַלץ מער און פעטערע מילך גיט זי דעם הערט...

און די פאַרבענקטע זינגער דאַנקען גאָט און — שטייגן...

און ווייטער דערציילט דאָס מייסעלע:

און עס פּרוכפּערן זיך אַלץ און מערן זיך די קאָלאָניעס צופוסנס דעם באַרג. און די פאַרבענקטע צו דער הייך וואַקסן אויך אין צאָל, — שטייגן שוין מערערע מיטאַמאָל...

און געפערלעך, און מיט יעדן טאָג געפערלעכער ווערט דער וועג אַרויף; צו גרויסע אָדלער און פרייע ווינטן דער שטעג... און צום אויפגאַנג פון דער זון, און צו די ברייטע הימלען אין דער הייך...

אַלץ מער ווילדע שטאַמלער און גאָט-לעסטערער טראָגן זיך אַפּן רוקן פון באַרג.

און שוין באַוואָפנט ווערט געשטיגן...

און מאַכנעס באַוואָפנטע טרעפן זיך אָפט און אָפטער...

און שלאַכטן ווערן בא יעדן טרעפן זיך געפירט, און אַלץ — אין נאָמען פון גאָט, פון איינציקן גאָט!

און דערהערט מען אונטן די קריגס-געשרייען פון דער הייך, לויפט מען אַרויף צו הילף...

קומט דער הערט פון זײַן געצעלט ארויס, דער בערגמאַן פון זײַן גרוב, פון טרויבן-געװעלב לויפט דער װײַנבערגער ארוף, עס אײַלט אויך דער ערדמאַן פון אקער אװעק, און דער פישער פון ברעג טײַך, און דער יעגער פון טיפן װאַלד... און באװאָפנט זײַנען אַלע; דער בערגמאַן האָט פאַר אַלעמען װאָפן געמאַכט.

און אַלץ אָפטער און העפטיקער װערט די שלאַכט...

הילכט דער באַרג פון איביקן קריג; פון העלדן-געשריי, פון גע-װער-קלאַנג... און פון גאָטס נעמען, װאָס װערן אין אַלערליי שפּראַכן גערופן...

און מאַסנװײַז קאָלערן זיך די טויטע אַראָפּ, אַראָפּ, און צעפּליישן זיך אָפּ שטײנער און פעלדן, איבער װעג און שטעג... און בלוטיקע טײַכן שטראָמען באַרג-אָפּ... יאָגן זיך און שטראָמען.

און װאָס אַמאָל, װערט אונטן פעטער די ערד, פולער די זאַנג פון װייץ, האָבער און קאָרן, זיסער און גלױענדיקער דער װײַן, און אַלץ זאַטער פיטערט זיך די װילדע ציג צװישן שטײנער און פעלדן, און מער און מער גיט זי פעטערע מילך...

נאָר איינמאָל — אַזוי װערט דאָס מײַסעלע דערציילט — האָבן זיך צװיי, אין צעפּלאַקערטן קאַמף, אַלץ העכער און העכער געיאָגט, ביז זײ האָבן פּלוצלינג דעם הויכן שפּיץ פון באַרג דערגרייכט, און פּלוצלינג גאָר פאַרבאָדן זיך אין א שטראָם פון ליכט, פון העלסטן, רײַנסטן ליכט פון דער הייך...

און מיטאַמאָל און פּלוצלינג רײַסט זיך פון זײ בײדן א נײַע, גאַנץ נײַע שפּראַך פון דער צונג אַראָפּ! — דאָס איז געװעזן די שפּראַך פון ד ע ר ה י י ך, די ליכטיקע שפּראַך — די שטראַלן-שפּראַך.

און מיטאַמאָל און פּלוצלינג האָט אײנער דעם צװײטן דערהערט און פאַרשטאַנען; האָט י ע ד ע ר ע ר אײנעם צװײטן א מענטש דער-

קענט, דעם זעלבן גאָטס נאָמען פון זײַנע ליפּן אראָפּ געהערט, און זיי זײַנען זיך איבער די העלדזער געפאלן.

און נאָך זיי זײַנען געקומען אנדערע און ארײַנגעפאלן אין ליכט, און נאָך אנדערע — און אלע, אלע האָבן אָנגעהויבן ריידן אפ דער איינציק־מענטשלעכער שטראלן־שפּראך...

איז א פרייד געווען!

אָבער פּלוצלינג האָבן זיי דערהערט פון אונטן א קריגס־געשריי, פון אלע זײַטן בארג א ליארעם פון שלאכטן...

אונטן איז געשען, וואָס עס האָט געמוזט געשען... ווי אויבן די איינצלנע פארבענקטע מענטשן, האָבן זיך אונטן די קאָלאָניעס געטראָפן...

געמערט איבער דער צײַט און געפּרוכפּערט האָבן זיך די קאָלאָ־ניעס, און פארשפּרייט זיך און פארשפּרייט, און אלץ שמעלער און שמעלער זײַנען די פרײַע פעלדער און די פרײַע וועלדער געוואָרן... האָבן זיך יעגער מיט יעגער געטראָפן, דער ערדמאן מיט ערדמאן; און הערטשאפט מיט הערטשאפט באגעגנט, און בערגמאן מיט בערג־מאן — אונטער דער ערד...

— פרעמדע זײַנען געקומען! פרעמדע אקערן אונדזער לאנד! ווילד־פרעמדע כאפּן פיש אין אונדזערע טײַכן; שטאמלער אָן א שפּראך גראָבן זיך אײַן אין אונדזער ערד... גאָט־לייקענער האָבן אונדזערע ווײַנבערגער פארנומען, — דינער פון פאלשע, שלעכטע געטער די ווילדע ציג באצוווּנגען!

אזוי האָט מען געשרוּפן.

און אופגעפלאקערט האָט אפ אלע גרענעצן די שלאכט...

לויפן די פארברידערטע פון דער הייך אראָפּ:

— שטיל! געוואָלד צו די פיס! אלע זײַנען גלײַך! פאראן אן איינ־ציק מענטשלעכע שטראלן־שפּראך!

— און דאָס — דערציילט דאָס מײַסעלע — איז דער אָנהייב געווען...

פון אייביקן פרידן דער אָנהייב.

פון אייביקן פרידן אין ערגעץ-לאַנד, צופֿוסנס דעם גרויסן, הויכן באַרג...

. . . .

און אַזוי דערציילנדיק, צעשטראַלט זיך עס, דאָס מײַסעלע, און צעשמייכלט זיך...

ווי דער מיזרעכדיקער מאָרגן-גלאַנץ פֿון שפּיץ אַראָפּ געזען, פֿון שפּיץ פֿון הויכן גרויסן באַרג אין ערגעץ-לאַנד געזען...

עס ווייסט, ס'וועט ווערן אַ ליד דערפֿון, אַ וויגן-ליד; זינגען וועלן די מוטערס עס, איבער דער ליבסטער קינדער-וויג...

און איינעם קינדס הערצל-קליין, הערצל-פּײַן קלינגען, קלינגען וועט דאָס ליד, און ס'וועט דערפֿון אַ בענקשאַפֿט ווערן...

א ב ע נ ק ע נ י ש צו ערגעץ-לאַנד, צום הויכן באַרג אין ערגעץ-לאַנד; צום פרידן-לאַנד, מיט דער שטראַלן-שפּראַך, דער איינציק מענטשלעכער —

א בענקשאַפֿט-פּײַן, אַ בענקשאַפֿט-ריין!

1911

אָנמערקונגען
און
דערקלערונגען

אין קעלער-שטוב

מ ע פ ײ ע ס ז ײ נ — קאָמפּענסירן, באַפרידיקן.

כ ר א ב י נ ע — גרעפן.

ק א א ל ו י ם — גאַנצפרי, באַגינען.

כ יי ר ו פ-נ ע פ ע ש — אײַנגעשטעלט דאָס לעבן.

כ ו כ ע-ט ל ו ל ע — געלעכטער און שפּאָט.

א „מ ו י צ ע" — געמיינט: א פּענעץ ברויט.

ב ע ל י-נ ע ד ע ר... ב ע ל י-מ א ס ק אָ נ ע — אָן א נײדער... אָן א רעזולטאַט. דאָס באַטײַט: ער זאָגט צו, נאָר ער גאַראַנטירט ניט דערפאַר.

דער כעלמער מעלאמעד

ק א וו א י אָ כ ל — געמיינט: גאָט.

מ א ב ל — א וואַסער-פאַרפלייצונג, וואָס, לויט דער ביבלישער לעגענדע, האָט גאָט געבראַכט אף דער ערד צו באַשטראָפן די מענטשן פאַר זייערע גרויסע זינד. אַלדאָס לעבעדיקס איז אומגעקומען, אַחוץ

נויעכנ, וועמענ גאָט האָט אפריִער געהייסנ אויסבויענ א טייווע (א קאסטנ), וווהינ ער האָט ארײַנגענומענ פונ אלע כײַעס אונ אויפעס. נאָכנ מאבל האָט גאָט געשווירנ, אז מער וועט ער קיינ מאבל אפ דער ערד ניט ברענגענ.

ראכמאָנעליצלאנ — גאָט זאָל היטנ.

באו מים עד נפש — געמיינט: דאָס וואסער איז שוינ אי-בערנ מויל.

לאמעדוואָוו צאדיקימ — זעקס אונ דרײַסיק צאדיקים. די רעליגיעזע ייִדנ האלטנ, אז אפ דער וועלט זײַנענ פאראנ זעקס אינ דרײַסיק פארבאָרגענע צאדיקימ, וואָס אדאנק זיי האלט זיכ די וועלט.

כלו הייב — געמיינט: דורכויס זינדיק. ס'רעדט זיכ וועגנ א טאלמודישער דעפיניציע, אז מאָשיעכ (דער אויסלייזער) וועט קומענ, ווענ די וועלט וועט זײַנ „דורכויס פרומ" אָדער „דורכויס זינדיק".

באסקאָל — א קאָל פונ הימל.

אוילעמעס-האָעליוינימ — די אייבערשטע (הימלישע) וועלטנ.

סאָריס — א קאסטרירטער.

ניוולפע — מיִעסע רייד.

אויפעס-טמייִמ — אומריינע אויפעס (וואָס לויטנ ייִדישנ רעליגיעזנ געזעצ טאָר מענ זיי ניט עסנ).

ראכאָוו-האזוינע — אנ אויסגעלאסענע פרוי, וועגנ וועלכער עס ווערט דערציילט אינ דער ביבל.

קאָפלשמוינע — אכטפאכיק.

אומעס-האָוילעמ — די פעלקער פונ דער וועלט.

לאגבוימעד — א רעליגיעזער האלב-יאָמטעוו. די כיידער-ייִנגלעכ פלעגנ ארויסגיינ דעמ טאָג אפנ פרײַענ פעלד אונ שפילנ אינ מילכאָמע.

וועשאלווע — אונ רו; זאָרגלאָזיקײַט.

פרושימ — מענער, וואָס פארלאָזנ די פרויענ, אלע וועלטלעכע איניאָנימ אונ פארנעמענ זיכ בלויז מיט לערנענ טוירע.

יעמיי האגבאָלע — דרײַ טעג פארנ יאָמטעוו שוווּעס. די דאָזיקע טעג, לויטנ ייִדישנ רעליגיעזנ געזעצ, האלטנ זיכ די מענער פונ-דערווײַטנס פונ זייערע פרויענ.

ז ו י ה א ר — א מיסטיש-רעליגיעזער סייפער. דער גרונט פון דער קאבאלע.

א ר ו י ע ו ו ע י י נ ו י נ י ר ע — אזא, וואס זעט אלץ און אים זעט מען ניט.

פ י ד י ע נ-ה א ב ע נ — א רעליגיעזע פייערונג אפן 30-טן טאג נאכן געבורט פון א יינגל אן ערשטלינג.

דער מעשולעכ

ט א ל-א ו מ א ט ע ר ל — דא געמיינט: גאר א קליינער.

ב ע כ י ט ו י ו — דא געמיינט: באצייטנס, ווען עס איז נאכ ליכטיק.

ב ע ק א ו-ה א ב ר י ע — געזונט.

ק א נ ס ו מ צ י ע — געברויכ-געזעלשאפט.

ס ו א נ ד — א טשאד.

ר י ש ע ס — שלעכטסקייט.

ב ע ס ד נ-ש ע ל-מ ײ ל ע — דאס הימלישע געריכט.

ה ע ס ע — א וואנט-לייכטער.

מ ע ז ו מ ע נ — דאס געמיינזאמע בענטשנ נאכנ עסנ, אויב אינעם עסנ האבנ אנטייל גענומענ ניט ווייניקער פונ דריי מאנצבלענ.

פ י ע ק א ל י ק — דער אפנ-אויוונ.

ו ו ע ה א ר ײ ע — א באוויין איז.

דער מעשוגענער באטלענ

ק ר ו ע-ב ל ו ע — אפגעריסנ, אפגעשליסנ.

ע ס ז א ל מ י ר פ ע ל נ צ ו ו י י ט ע ג — יעשיוועבאכערים פלעגנ עסנ יעדנ טאג פונ וואכ בא אנ אנדער באלעבאס.

מ א ס י ג ז ײ נ — באגרייפנ.

ק ו ע ר — האנטפאס.

ה י כ י ד מ י?! — ווי קאנ עס געמאלט זיינ?!

ט א כ-ק ע ד יי-ד י ב ע ר — געמיינט: גלייכ אפנ ארט.

ד ע ר ג אָ ע נ — דאָ געמיינט: דער ווילנער גאָען. א באוווּסטער טאַלמודיסט און ראַבאַנישער געלערנטער, א קעגנער פון כסידעס.

„ב א ל-א ק יי ד ע"—אַזוי רופט מען דעם אוטאָר פונעם רעליגיעז-פילאָסאָפישן בוך—„אַקיידאַס-ייִצכאָק". דאָ געמיינט: דאָס ווערק גופע.

א פ י ל ע פ ל אָ ז מ ד י ק ע ר — א וווּנדערלעכער.

ד ר ו ש — א סכאָלאַסטישע אויסטייטשונג פון ביבלישע „פּסו-קים" (זאצן) און טאַלמודישע אפאָריזמען.

א ב א ל א ק יי ד ע נ י ק — געמיינט: א לערנער פונעם בוך „אַקיידאַס-ייִצכאָק".

אד ס אָ פ ק אָ ל ה א ד ו י ר ע ס — ביזן סאָף פון אַלע דוירעס; אייביק.

וו אָ י ט ע ק — דאָ געמיינט: גראָבער קאָפּ.

נ ע ד אָ ר י מ — א טראַקטאַט פון טאַלמוד.

פּ יי ר ע ק — קאַפּיטל.

ק ו נ ח, ק ו נ ם, ק ו נ ס — טאַלמודישע טערמינען, וואָס באַטייטן פאַרשיידענע מינים נעדאָרים.

ל ש ו ן ש ב ד ו ח כ מ י ם — די שפּראַך, וויאַזוי עס האָבן גע-רעדט די טאַלמודישע געלערנטע.

מ א ק ע ס-ר ע צ ע כ — געמיינט: טויט-קלעפּ.

ס י נ א ס-כ י נ ע מ — אומזיסטע פּײַנטשאַפט.

ט א ר ע-ב ר ע ט — די ברעט, אַף וועלכער מע וואַשט, לויטן ייִדישן רעליגיעזן ריטואַל, דעם טויטן פאַרן באַגראָבן.

מ א ב ד ע צ מ ו ל ד ע ת — דער, וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד.

ש אָ ל ע מ-ב א ז ס

„א ל ש י כ" — א מוסער-סייפער, א קאָמענטאַר אַף דער טוירע.

ק א פּ ע ק א ל — לויטן רעליגיעזן אָבערגלויבן, א שטראָף פאַר די זינדיקע אַף יענער-וועלט. מע וואַרפט דעם זינדיקן פון איין עק וועלט צום צווייטן.

ז ײַ מ ע ש א מ ע ש ט א ל מ י ד יי כ א כ אָ מ י מ — באַדינ די, וואָס לערנען טוירע.

א קלעזמער-טויט

דרײַ פייען — באַטײַט: פאַרגעווים פאַרפאַלן.

לײַבצודעקלעך — טאַלעסקאַטנס.

עס שטאַרבט א צאַל נאָך א צאָל — עס שטאַרבט אַפּ שטיקלעכווײַז.

א פאַרשטערטער שאַבעס

האָר-באַנד — א טשיפּעק, וואָס פרויען אין פרומע יִדישע פאַ-מיליעס פלעגן טראָגן.

הוישײַנעראַבע האָט מיריאָם מוירע געהאַט פאַרן יאָם-האַדין — הוישײַנעראַבע איז דער זיבעטער טאָג פון סוקעס. לויטן רעליגיעזן אָבערגלויבן ווערט הוישײַנעראַבע אפּן הימל ענדגילטיק אַרויסגעטראָגן דער אורטייל איבער יעדן מענטש, וואָס עס זאָל מיט אים פאַרקומען אין משך פונעם פאַרשטייענ-דיקן יאָר.

בעמונע שליימע — מיט א פולן גלויבן.

שעלוי-קעדערעך-האַטעווע — אומנאַטירלעך.

קעהאַיוים — ווי הײַנט.

ערעכ-אַפּאַים — פילגעדולדיקער.

מושלעמעס — א ווילקענערן.

„קאַוו-האַיאָשאָר" — א טיפּ אָבערגלויביש מוסער-בוך, פול מיט מײַסעס וועגן יענער-וועלט.

„רייש-כאָכמאָ" (דער אָנהייב פון כאָכמע) — א בוך פון דעם זעלבן מין, ווי דער „קאַוו-האַיאָשאָר", נאָר פיל עלטער פון אים.

די טעג, ווען אן אישע איז פול מיט שיידים... — געמיינט: די טעג פון מענסטרואַציע.

טומע — אומרייניקײַט.

דיבוקים — בייזע גײַסטער, וואָס כאַפּן זיך אַרײַן אין א מענטשן (אן אָבערגלויבן).

פּיפּערנאָטערס — לעגענדאַרע בייזע באַשעפענישנ.

שעאָסאַני קירצוינוי — וואָס ער האָט מיך געמאַכט לויט זײַנ ווילנ. א פראַזע פונ א טפילע. די מענער זאָגנ א טפילע, אינ וועלכער זיי דאַנקענ גאָט, וואָס ער האָט זיי ניט געמאַכט פאַר קיינ פרוי; די פרויענ, וואָס ווערנ געשאַצט אַלס נידעריקע באַשעפענישנ, דאַנקענ גאָט, וואָס ער האָט זיי „געמאַכט לויט זײַנ ווילנ".

כאַלע, נידע, האַדלאָקאַס-האַנייר — דרײַ רעליגיעזע געבאָטנ, וואָס ווערנ אַרופגעלייגט אַפ פרויענ: **כאַלע** נעמענ — באַם פאַרקנעטנ טייג אַראָפּנעמענ א שטיקל אונ אַרײַנוואַרפנ אינ פײַער; **נידע** — אָפּהיטנ די רעליגיעזע געזעצנ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיטנ פעריאָד פונ מענסטרואַציע; **האַדלאָקאַס-האַנייר** — אָנצינדנ ליכט („ליכט-בענטשנ") ערעוו שאַבעס אונ יאָמטעוו.

לילים — די קיניגנ פונ שיידים.

קיסיי-האַקאָוועד — גאָטס טראָנ.

אַלכעט — א טפילע, אינ וועלכער דער דאַווענער איז זיך מוידע אינ זײַנע זינד אונ בעט גאָט, ער זאָל אים זיי פאַרגעבנ.

כיירעם דעראַבייני גיירשוים — דער פאַרבאָט צו האָבנ מער פונ איינ פרוי.

מישקנ — דאָ: דער טעמפּל, וואָס די ייִדנ האָבנ אויסגעבויט אינ דעם מידבער.

פּוישע בעעלויהיי יִסראָעל — פאַרברעכער קעגנ דעם ייִדישנ גאָט.

א קאַס פונ א ייִדענע

פּיאַנע (פונ פּויליש) — שוים.

ביטל-טוירע — דאָס ניט-לערנענ טוירע.

אַרבע מיסעס בעסדנ — פיר מינים טויט, צו וועלכע מע פלעגט, לויטנ ייִדישנ רעליגיעזנ געזעץ, צומישפּעטנ פאַר שווערע פאַרברעכנס.

דאָס שטרײַמל

אכריי בלויסי — נאָך דעם, ווי איך בין פאַרוועלקט גע-וואָרן; אַלט געוואָרן.

מײַמער האַמוסגער — א באַמערקזאַצ.

באַוווינויסיינו-האַראַבים — דאָ געמיינט: מע דאַרף מוידע זײַן, אַז אַזאַ זינד איז געווען.

קויעך-האַדאַם — די קראַפט פון בלוט, דער טעמפּעראַמענט.

ביכוווידוי אַוועצמוי — ער אַליין (מיט זײַן קאַוועד).

באַל-אַסקן — א מענטש, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט עפּעס.

כאַטאַס-נעורים — יוגנט-זינד.

כוימער — מאַטעריע. געמיינט: קערפּער.

סודאַס-מיצווע — א מאָלצײַט בא א מיצווע (א ברית, א כאַסענע).

קאַלפּע — געמיינט: וואַלן.

„ניין טעג" — די ערשטע ניין טעג פון כוידעש אָוו. לויט דער לעגענדע, איז דעם ניינטן אָוו כאַרעוו געוואָרן דער בייס-האַמיקדעש. רעליגיעזע ייִדן עסן ניט אין די דאָזיקע טעג קיין פליש.

ער קען זיך נישט אַפּ קיין „צוראַס-מאַטבייע" — ער ווייסט ניט ווי א מאַטבייע זעט אויס, דה. ער איז ניט פּראַקטיש.

זײַנען... קיין קויהאַנים און דוכענען נישט — ביים די קויהאַנים, וואָס שטאַמען קלוימערשט פון דער פּריסטערישער קאַסטע, דוכענען (בענטשן די דאַוונער אין גרויסע יאָמטויווים), טאָר מען אַפּ זיי ניט קוקן.

איינמאָל אין א יויוול (א פּעריאָד פון 50 יאָר) — געמיינט: זייער זעלטן.

אַן אַווידעזאָרעלע — דאָ: א געצ, אַן אָפּגאָט.

מאַאַסיי יאָדײַ — דאָס ווערק פון מײַנע הענט.

אַקציזניק — א צאַרישער באַאַמטער, וואָס פלעגט אַכטונג געבן, מע זאָל אײַנצאָלן אין דער מעלוכע-קאַסע דעם שטײַער פאַר בראָנפן אאַ.

דער סיידער-אוילעם — די פירונג פון דער וועלט.

לעטוירע, לעכופּע אולעמײַסים טויווים — א טראַ-דיציאָנעלע ווינטשעוואַניע בענעגײַע ייִנגלעך, זיי זאָלן דערלעבן צו לערנען טוירע, גיין צו דער כופּע און טאָן גוטע מײַסים.

מעקובאָלים

מעקובאָלים — מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דערלער-נען די מיסטיש-רעליגיעזע לערע — קאַבאָלע.

ראָשיעשיווע — דער אָנפירער פון א יעשיווע.

לאכעם — שמאַטעס.

געגעבן טעג — די טאַלמידים פון יעשיוועס פלעגן זיך דער-נערן בא דעם אָדער יענעם באַלעבאָס א באַשטימטן טאָג פון דער וואָך. דאָס האָט געהייסן „עסן טעג" פאַר די באָכערים און „געבן טעג" פאַר די באַלעבאַטים.

סיגופים — פייניקונג.

בכינעס — מאַדרייגעס.

זיכרוינוי-ליוודאָכע — זיין אָנדענק זאָל זיין געבענטשט.

גאַשמיעס — דאָס מאַטעריעלע.

רוכניעס — דאָס גייסטיקע.

„כל עצמותי תאמרנה"... — אַלע מיינע ביינער טוען ריידן א זאַץ פון טילים.

פאַמאַליע-שעל-מײַלע — די הימלישע מישפּאָכע; גאַנס די-נערשאַפט.

אין וועלכן שאָאָר — אין וועלכן טויער.

ציירופים — פאַרייניקונג; קאָמבינאַציע. א רעליגיעז-מיסטישער באַגריף, אז דורך דער קאָמבינאַציע פון פאַרשיידענע אויסיעס און פראַזעס קומט דער מענטש צו א צושטאַנד, ווען ער באַנעמט אַזעלכע זאַכן (געטלעכע), וואָס אין געוויינלעכן צושטאַנד קאָן ער עס ניט באַנעמען.

„שאו ידיכם" — א טפילע פאַרן עסן.

טאָנעס-טשוווע — א טאָנעס, אַן אָפּקומעניש פאַר א זינד.

הירהור — א געדאַנק.

לוי סאַכמויד — זאָלסט ניט גלוסטן דאָס, וואָס געהער ניט צו דיר.

מיטוויכ סימכאַ — פאַר פרייד.

װ י ד ע — דאָס זעלבע, װאָס „אלכעט״ (זע באַמערקונג צום װאָרט „אלכעט״ אױף ז. 416).

ג ע ש ט אָ ר ב ן ב י נ ש י ק אָ — געשטאָרבן דורך א קוש (גע־מײנט גאָטס קוש).

ב אָ נ צ י ע ש װ ײַ ג

ס ו ט ע ר י נ ע — א קעלער־שטוב.

„א י נ־פ ל ו ס״ ל י צ י ט י ר ט — דאָ: גלײַך אױסגערעכנט.

„נ י ס ב א ק ע ש ג ע װ אָ ר ן ב ע י ע ש י װ ע ש ע ל מ ײַ ל ע״ — גערופן געװאָרן אין הימל אַרײַן.

ק א ט י י ג ע ר — דער פּראָקוראָר.

פּ ר ע ז ע ס — פּאָרזיצער.

מ י י ל י צ־י ו י ש ע ר, מ א ל ע כ־מ י י ל י צ — דער פּאַרטײדיקער.

א ז ע װ — א ביבלישער פּערסאָנאַזש, װאָס גאָט האָט אױסגעפּרוּװט זײַן פֿרומקײט דורך פֿאַרשײדענע צאָרעס און אָנשיקעניש.

ד י ק ס י (לאַטײניש) — איך האָב מײַנס געזאָגט; געענדיקט רײדן.

אָ װ־ב ע ס ד י ן — פּאָרזיצער פֿון געריכט.

י ע ר י כ ו י — לױט דער ביבלישער לעגענדע, זײַנען די טױערן פֿון דער שטאָט יעריכוי (בײַם די ייִדן האָבן זי באַלאַגערט) אײַנגע־פֿאַלן דערפֿון, װאָס די ייִדן זײַנען אַרומגעגאַנגען אַרום די טױערן און האָבן געשאַלט אין טרומײטן.

א ו י ל ע מ־ה א ש ע ק ע ר — פֿאַלשע װעלט.

א ו י ל ע מ־ע מ ע ס — עמעסע װעלט.

ד א י אָ נ י מ — ריכטער.

א י ן ג ע מ ו י ז ע כ צ

א פּ א ר ט — אָפּגעזונדערט.

א מ ע ס ו י ר ע פֿ ו ן ק א ד מ ו י נ י ם — אַן אוראַלטע טראַדיציע.

י א ם־ה א ג אָ ד ל — גרױסער יאַם.

כידעקל — לויט דער ביבל, איינער פון די לעגענדארע פיר טײַכן, וואָס פליסן פון גאַניידן.

יוימע-דעפּאַגרע — אַ יאָמטעוו-טאָג.

אבני אלגביש — האָגל-שטיינער.

שינױ — ענדערונג.

כאסענע געהאט

מאטנאס-יאד — געמיינט: אַ קלאַפּ.

באָרקעס — בורעקעס.

סוב-רעוויזיע — דאָ: פּריזיוו.

„בעראָכל ביטכאָ האקטאנאָ" — געמיינט: גענוי צונויפּ-ריידן זיך, קעדיי עס זאָלן דערנאָך ניט קאָנען פאָרקומען קיין שום מיספאַרשטייענישן.

טויספעס-קסובע — אַ צוגאָב-קסובע; אַ פאַרפליכטונג פונעם מאַן, לויט וועלכער די פרוי האָט רעכט צו באַקומען נאָכן מאַנס טויט אַ געוויסע סומע, אַבוץ דער טראַפּאַרעטער סומע, וואָס איז אָנגעוויזן אין דער גרונט-קסובע (הייראַט-קאָנטראַקט).

רעפּוע בדוקע — אַן אויסגעפּרוּווטע רעפּוע.

שאבעס-נאכמו — דער שאַבעס נאָך טישעבאָוו.

דעם רעבנס ציבעק

„אייצ-כאַיִמ" — אַ קאַבאַליסטיש ווערק.

„שאַאַרײ-בינאָ" — די טויערן פון פאַרשטאַנד. אַ נאָמען פון אַ סייפער. דאָ: אַ וואָרטשפּיל, געמיינט: כאַיִמ-באָרעכס פאַרשטאַנד.

אוילעמ-האטויהו — כאָאָס-וועלט (אַ רעליגיעז-מיסטישער באַגריף).

בעהעסעכ-האדאאס — געמיינט: ווען מע וואַרט שוין ניט דערופ.

מעוואלבל — שלאָגט איבער די געדאַנקען.

מאכנייס געווענ — דאָ: אריינגעטאָן זיך.
ביפניי קאָהאָל ווענדאָ — געמיינט: פאר אלעמען אין די אויגן.
כיי גדולים — געמיינט: אכצן מאטבייעס.

די פרומע קאץ

זימרי־בענ־סאָלודיק — געמיינט: אויסגעלאסן. אין דער ביבל ווערט דערציילט, אז איינער זימרי בען סאָלו האָט געזינדיקט עפנטלעך מיט א פרוי; פינכאָס בען־עלאָזאָר בען־ארן האקויהען האָט זיך אָנגענומען גאָטס קריוודע און האָט דערשטאָכן זימרין צוזאמען מיט דער פרוי.
מאכזיר־לעמוטעוו זיין — (א זינדיקן) אומקערן אפן גוטן וועג.

וועבער־ליבע

פראָקורענט — פאָרשטייער פון א פירמע.
שמירע — אן אמולעט, א קאמייע.
יעהי־ראָצנ — א טפילע.
מאטיר־נייִדער זיין — באפרייען פון א ניידער.
אטאָרעס (מערצאָל פון אטאָרע) — א באפוצונג אפ א טאלעס

האָישאָ מאָראס כאנע

האָישאָ מאָראס כאנע — די פרוי די הארנטע כאנע.
האכאָימ וועהאשאָלעמ לאאכויסי האצנוא מאָ־דאס כאנע טיכיע — לעבן און פרידן צו מיין פרומער שוועסטער דער הארנטע כאנע זאָל לעבן. א טראדיציאָנעלע פארמ פון א ווענדונג אין א בריוו.
דאס — רעליגיע, געזעצ.
אישע־קשיירע — קאָשערע, פרומע פרוי.

צלאָפּכאָדס טעכטער — די ביבל דערציילט: איינער צלאָפּכאָד איז געשטאָרבנ אונ האָט איבערגעלאָזט בלויז פינפ טעכטער. לויט זייער פאָדערונג, איז צלאָפּכאָדס פארמעגנ איבערגעגאנגענ צו זיי. לויטנ יידישנ רעליגיעזנ געזעצ, האָבנ טעכטער ניט קיינ רעכט אפ יערושע, ווענ עס בלייבנ זינ.

באָנים-זכאָרים — זינ, מאנצבלענ.

שטאר-כאָצי-זאָכער — א דאָקומענט, וואָס דער פאָטער גיט ארויס א טאָכטער, זי זאָל נאָכ זיינ טויט האָבנ רעכט צו באקומענ יערושע, א העלפט פונ דעם, וואָס עס באקומט א זונ.

געסילעקט — געדעקט, אָפּגעצאָלט.

פּע-כאָד — איינשטימיק.

ליפנים-מישורעס-האדינ — געמיינט: בעסער, מילדער, איידער דאָס געזעצ.

פּטירע — טויט.

שאס — גאנצ טאלמוד.

עסרים-ווערבא — פיר אונ צוואנציק. געמיינט: אלע ביכער פונ דער ביבל.

מעיאד-לעיאד — פונ האנט צו האנט.

בימהיירא בעיאָמיינו — אינגיכנ; פאר אונדזער לעבנ.

שארפּאט — געמיינט: זייער א גרויסע סומע.

בעכעזקאס סאקאָנע — אינ א צושטאנד פונ געפאר.

קוועל איכ מיכ — מאטער זיכ, פייניק זיכ.

פּאָדימנע — א שטייער, וואָס איז געצאָלט געוואָרנ פונ יעדנ קוימענ.

קענאָהוג — ווי עס פירט זיכ.

קריאס-יאמסופ — שפּאלטנ דעם יאמ. דער אויסדרוק באטייט: שרעקלעכ שווער.

איינ לעשאער — גאָר ניט פאָרצושטעלנ זיכ.

וועאכריי קיכלויס האקויל — דאָ: אונ גאָר נאָכ אלצמענ.

אמ לוי האָיאָ — געמיינט: א שלעכט פאָלק.

אסעסאָר — דאָ: געהילפ-ריכטער; מיטגליד פונ געריכט.

קיטרעג — א באשולדיקונג (געמיינט: אינ הימלשנ געריכט).

באַלאָבּ, נײַרוי יאָזיר ווײַזראַכּ, האמופלאָג — דײַן מאַן, זײַן ליכט זאָל לײַכטן, דער געלערנטער.

כּל הכּועס וכו׳ — ווער עס איז אין כּעס אַזוי. — געמיינט: קאַס איז אַ שלעכטע מידע.

געדאַווגט נאָר אין בעסמעדרעש — געמיינט: אין אַ מיסנאַגדישן בעסמעדרעש מיט די קעגנער פֿון די כסידים.

אַ נעהענע מעיעגיאַ קאַפּוי — געמיינט: זיך שפּײַזן פֿון דער אייגענער האָרעוואַניע.

תּורה מה תּהיה עליה — די טוירע, וואָס וועט זײַן מיט איר?

יוישייוו וועויסײק באַטוירא זײַן — זיצן און פֿאַרנע־מען זיך מיט לערנען טוירע.

קסאַוו־ראַבּאָנעס — צײַגעניש אָפּן ירעכט צו זײַן אַ ראָוו.

סאַגינאָהער — געמיינט: דער בלינדער.

זילזולים — זידלערײַען.

זוגאָסי — מײַן פֿרוי.

ביטי — מײַן טאָכטער.

שפּיכעס־דאָמים — בלוט־פֿאַרגיסונג; דאָ געמיינט: האַרצ־ווייטעק.

מאַ אוימאַר אומאַ אַדאַבּייר — וואָס זאָל איך זאָגן און וואָס זאָל איך ריידן.

פּעשער — פּשאָרע, אויסגלײַך.

שהלך אחרי אשתו — וואָס האָט געפֿאָלגט זײַן ווײַב.

שוירעס־האַלעוו — האַרצקלעמעניש.

מאי דהוה הוה — וואָס געוועזן איז געוועזן.

ביגדיי מעשי וועסאַמעט — זײַדענע און סאַמעטענע קליידער. אַ געמישטער יִדיש־העברייִשער זאַץ.

וועדײַ לענאָוונ — און עס איז גענוג פֿאַר אַ פֿאַרשטאַנדיקן.

זאָלאָ־וועקסל אַפּ סטעמפּל — אַ סאָלאָ־וועקסל, אַ פּערזענלע־כער וועקסל מיט אַ באַשטימטן טערמין, ווען ער קען צוגעשטעלט ווערן צום אופֿמאָנען דורך אַ נאָטאַריעלער קאָנטאָר אָדער דורכן געריכט.

אולעיעסער טויקעפּ וועויז — און קעדיי עס זאָל זײַן נאָך שטאַרקער און פֿעסטער.

אַ כּייִרעם־קוויטל — אַ ספּעציעלע פֿאַרפֿליכטונג.

נשים דעתן קלות — פרויען זײַנען לײַכטזיניק (א טאלמו-דישער זאַץ).

מופלעג בעטוירע — א גרויסער קענער פון דער טוירע.

וכשל עוזיר ונפל עזור — עס ווערט געשטרויכלט דער העלפער און עס פאלט דער געהאָלפענער (א פראַזע פון ביבל).

בא אים, זאָל לעבן — געמיינט: באם כסידישן רעבן.

א קוויטל — דאָ: א צעטל, וואָס מע דערלאַנגט דעם רעבן, ווו ס'איז אָנגעשריבן א ביטע צו אים.

פידיען — דאָ: דאָס געלט, וואָס מע גיט דעם רעבן.

רויפע-כוילים — דער, וואָס היילט קראנקע; געמיינט: גאָט.

לירפואָ-שליימאָ — צו פולקומער אויסהיילונג.

איקער שאָכאכטי — דעם איקער האָב איך פארגעסן. א טרא-דיציאָנעלע פאָרמולע פון א נאָכשריפט אין א בריוו.

מאקשע לײלעד — א שווער האָבן.

גיסאָסי האָאהוואָ האמעיוכעסעס וועהאצנואָ האָישאָ האקשײראָ האלוי הי מאָראס כאנע טיכ-יע — מײַן געליבטע שווערן, די יאכסנטע און צנוע, די קאָשערע פרוי, וואָס אזא איז די הארנטע כאנע, זאָל לעבן — א טראדיציאָנעלע פאָרם פון א ווענדונג אין א בריוו.

מעהאיוים וועהאָלאָ — פון הײַנט און ווײַטער.

באל-בעכי — א קלאָגער, א וויינענדיקער מענטש.

אד לעוו האשאָמאָים — ביז אין הימל ארײַן.

זאָהייר וועהיזאָהייר — גאָר שטרענג, אָפּגעהיט.

קוירייא קעדאָג זײַן — צערײַסן ווי א פיש.

שאאר יי-ראכמים — די טויערן פון דערבארעמונג.

מערכאקים — ווײַטע לענדער.

סליכע אומכילע — פארגעבן און מויכל זײַן.

קאָלו קאָל האקיצן — געמיינט: ס'קען שוין ערגער ניט זײַן.

„קלי-יאָקאָר" — א טײַערע קיילע. געמיינט: א גרויסער טוי-רע-לערנער.

אָמיין, קיין יעהי ראָצוין — אָמיין, אזוי זאָל זײַן דער ווילן פון גאָט.

א פּוישע-יִסראָעל — געמיינט: א זינדיקער.

מאַלווע — פּראָצענטניק.

מאַטנאַס באָסערוואָדאָמ — א געשאַנק פונ א מענטשנ; א נעדאָווע.

א געט אַפּ א טנײַ — א טנײַ-געט ווערט איבערגעלאָזנ באַמ ראָוו. אויב צו א באַשטימטנ טערמינ קערט זיכ דער מאַנ ניט אומ (פונ א ווײַטער נעסיִע אָדער מילכאָמע), ווערט דער געט איבערגעגעבנ דער פרוי, קעדיי זי זאָל ניט בלײַבנ קיינ אגונע.

עצבאַ עלויהימ — גאָטס א פינגער, א צייכנ פונ גאָט.

קאַמע וועקאַמע לעשוינעס — זייער א סאַכ שפּראַכנ.

היסנאַהאַגוס — אופירונג.

פּאָס-אַקומ — ניט-ייִדיש עסנ.

נישט באָקי אינ גיטנ-אוקדושנ — געמיינט: ניט גע-ניט אינ די טאַלמודישע געזעצנ פונ פאַמיליענ-רעכט.

בוירעדימ — דאָ: וויילער.

ראָש-ווערישנ — דער הויפּט אונ דער ערשטער.

מעוווײַעש זײַנ — פאַרשעמענ.

ניכנאַס יאַינ יאָצאָ שטומ — איז אַרײַנ ווײַנ, איז אַרויס נאַרישקײַט.

איז מענ... מעוואַזע — פאַראַכט מענ.

צעלעמ-עלויהימ — גאָטס אָפּבילדונג, דאָ געמיינט: די מענ-טשלעכע ווירדע.

מאַכזיר-לעמוטעוו זײַנ — אויסבעסערנ.

קעדאַס מוישע וועיִסראָעל — לויטנ ייִדישנ רעליגיִעזנ געזעצ.

כילעל-האַקאָוועד — פאַרשוועכונג פונעמ קאָוועד.

צוראַס אָס — דאָס אויסזענ פונ אַנ אָס.

יעלוד איש — מענטשנ-קינד.

מויצי לאַאַז בעכינאָמ זײַנ — ריידנ רעכילעס אומזיסט.

בעעמונאָ שעלי — מעגסט מיר גלייבנ.

נעסעכ — ווײַנ, אויסגעאַרבעט ניט פונ קיינ ייִדנ.

האַוואָלימ — פּוסטע רייד.

יוילעדעס — א קימפּעטאָרנ.

ביפּרויטרויט — אויספּירלעכ.

בעזמ — אויב, טאָמער.

אשאָליִעכ-מעיוכעד — א ספּעציִעלער שאָליִעכ.

יעדידאָסי, שייראס בסאָרי — מײַנ פרײַנדנ, מײַנ קרויווע.

זוילעל-וועסוייווע — פרעסער אונ זויפער.

אויקער זײַנ — אנטלויפנ.

מאיִמ אפ די אייִנאיִמ — וואסער אפ די אויגנ; געמיינט: טרערנ.

אײַניִשעוונ — אײַנזעצנ.

סאַנדאָווע ביכער — געמיינט: געזעצביכער, קאָדעקסנ.

פּלעניפּאָטענציע — פולמאכט.

פוסבענקל — לויט דער יִדישער רעליגיעזער פאָרשטעלונג וועט די פרוי אפ יענער-וועלט זײַנ א פוסבענקעלע באמ מאנ, ווענ ער וועט זיצנ אינ גאנעידנ.

האקל קאאשער לאקל — געמיינט: אלצ מיטאנאנדער.

לאאוואָדימ אולעשיפכויס — פאר קנעכט אונ דינסטנ.

לעאָסיד-לאָוווי — אינ דער צוקונפט.

ארויס לעטארבוס ראָאָ — פארדאָרבנ געוואָרנ, אוועק אפ א שלעכטנ וועג.

יִמאכ שמאָמ — אויסגעמעקט זאָל ווערנ זייער נאָמענ (א קלאָלע).

ראָצופ באָזע — בײַגעלייגט דערצו.

מעקאבל-טײַנעג זײַנ — האָבנ פארגעניגנ.

טײַנעס-אוטוויִעס — טײַנעס אונ פּרעטענזיעס.

אדוינוי נאָסאנ וועאדוינוי לאָקאכ — גאָט האָט געגעבנ אונ גאָט האָט צוגענומענ.

פּיקאָדנ — אנ אײַנלאָג.

בעשאָלעמ-וועשאלווע קענאָהוג בעיִסראָעל — אינ פרידנ אונ רו, ווי עס פירט זיכ בא יִדנ.

„סייפער-האבירים" — אנ אלטער זאמלבוכ וועגנ נאטורווי-סנשאפט.

לימדינאס-האיאמ — אינ די לענדער, וואָס ליגנ אפ יע-נער-זײַט יאמ.

יעש-אוימרימ — אנדערע זאָגנ.

מיסכײַעוו בענאפשוי — ער נעמט אפ זיכ א שולד, פאר וועלכער מע דארפ צאָלנ מיטנ לעבנ.

נאָשימ יאָפויס — שיינע פרויענ.

אווייליי-יִסראָעל — די טרויערנדיקע בא ייִדנ.

עיר אליינ — געמיינט: דער כסידישער רעבע.

א מאטמענ — אנ אויצער.

בעזו האָרעגע — די מינוט.

בעכי טויוו — צומ גוטנ.

בעדערעכ-האיאָשער — מיטנ גלײַכנ וועג.

קאמע-פּעאָמימ — וויפל מאָל.

קעהאוואיע — ווי דאָס איז געווענ.

אסקאָרע — דיפטעריט.

מאלקע שוואָ — די קיניגנ פונעמ לאנד שוואָ. א ביבליש פער-סאָנאזש. שפּעטערדיקע לעגענדעס שטעלנ זי פאָר ווי א וואונדער-שיינע פרוי, וועלכע איז פארבונדנ מיטנ טײַוול אונ פילט אויס זײַנע שליכעסנ צו פארפירנ פרומע מענטשנ, ארויסרופנדיק בא זיי טײַווע.

מעקעכ-טאָעס — א טאָעס אינעמ האנדל.

נאכעס פונ קינדער

כאמישעאָסאָר — געמיינט: דעמ 15-טנ טאָג פונעמ כוידעש שוואט. א האלבער יאָמטעוו. אינ דעמ טאָג איז א מינהעג צו עסנ באָקסערנ, מאנדלענ, ראָזשינקעס אאוו.

געקסיוועט — ווי געדרוקטע אויסיעס.

ראָשי-טייוועס — די ערשטע אויסיעס פונ עטלעכע ווערטער, וואָס ווערנ געברויכט אָנשטאָט די ווערטער גופע.

אונסאנע טויקעפ — א טפילע. ווערט געזאָגט ראָשעשאָנע אונ יאָמקיפּער. אינ איר רעדט זיכ וועגנ דעמ, אז אינ די דאָזיקע טעג מישפּעט גאָט צו, וואָס מיט דעמ מענטשנ זאָל געשענ אינ מעשעכ פונעמ יאָר. דעריבער ווערט אינ בעסמעדרעש באמ זאָגנ די טפילע א גרויס געוויינ, באזונדערס אינ דער ווײַבער-שול.

באַר-נאַש — אַ מענטשנ-קינד, דה. אַ מענטש.

„טוירע ציוואָ לאָנו" — אַנ אינדערפריִקע טפילע פאַר מיידלעכ.

שאָלעמ-זאָכער — פײַערונג פונעם געבורט פונ אַ יינגל. דעם ערשטנ שאַבעס אינדערפרי.

אַל אַפּוי וועאַל כאַמאָסוי — געמיינט: דערווידער זײַנ ווילנ.

אילוי — אַזאַ, וואָס ווײַזט אַרויס גרויסע פייִקײַטנ צומ לערנענ.

בייס-האַכאַיִמ — בעסאַלמענ.

דרײַ הונדערט רובל קנאַס — 300 רובל שטראָפ, וואָס די פאַמיליע פונ אַ יידישנ פריזיווניק האָט אינעם צאַרישנ רוסלאַנד געדאַרפט צאָלנ, אויב ער פלעגט זיכ ניט שטעלנ צומ פריזיוו.

באַם איי מיטנ בייגל — אַ רעליגיעזער מינהעג: באַם קומענ פונ בעסאַלמענ נאָכ דער קווורע עסט דער אָוול אַנ איי מיט בייגל.

נאַפשוי קשורע בענאַפשאָ — זײַנ זעל איז אָנגעקניפּט אָנ איר זעל; באַטײַט: ער איז צו איר זייער צוגעבונדנ.

קייסער-מענטשנ — סאָלדאַטנ.

פּנ ישמע — טאָמער וועט ער הערנ, פאָלגנ.

לעס דינ וועלעס דאַיענ — ניטאָ קיינ געזעצ אונ ניטאָ קיינ ריכטער.

קיינ טמונאַס אָס — געמיינט: קיינ אײַנגעטונקטע פענ.

מוירעד-בעמאַלכוס — אַ ווידערשפעניקער קעגנ דעם קייסער.

אַסעקוירירט — פאַרסטראַכירט.

כויקער וועדוירעש זײַנ — אויספאָרשנ, אויספרעגנ.

איפּכאָ מיסטאַווראָ — פונקט פאַרקערט.

כוירעש — כאַבאַר.

שאָפל — דאָ: אַ נידעריקער מענטש.

קעקויפּ ביפני אָדאָם — ווי אַ מאַלפּע קעגנ אַ מענטשנ.

אַ שיפכע — אַ דינסט.

עלעפּ — טויזנט.

לאַמנאַצייאַכ — דאָ: אַ טפילע פאַרנ שויפער-בלאָזנ ראָשע-שאָנע.

קאָרעוו-ליעמאַלכוס — א מענטש, וואָס איז נאָענט צו דער רעגירונג.

פּאוויאַק — א טורמע אין וואַרשע.

וויאַ האָן אין בניי-אָדאָם — געמיינט: קוקן און גאַר-נישט ניט פאַרשטיין.

מאַרשאַלקאָווסקע גאַס — די צענטראַלע גאַס אין וואַרשע.

מעשופּע

פּיקאָדן — דאָ איז עס אָנגעווענדט בענעגייע דער מענטשלע-כער נעשאָמע. לויטן אָבערגלויבן, נעמט גאָט צו באַנאַכט די נעשאָמע פון מענטשן און אינדערפרי קערט ער זי צוריק אום.

כצאָס — טפילעס, וואָס מע זאָגט נאָך האַלבער נאַכט.

שאַס-האַקוישער — א גינסטיקער מאָמענט.

א גילגל פון א ניגן

גילגל — פאַרוואַנדלונג.

א טאַלנער ניגן — א ניגן פון די טאַלנער כסידים.

שאַלעסודעס — די דריטע שאַבעסדיקע סודע, שאַבעס פאַר-נאַכט.

בעדוויוו אָם — דורך א סאַך מענטשן.

נעגינע — מוזיק, געזאַנג.

סיני-ניגונים — איינגעשטעלטע ניגונים פונעם דאַווענען, ווי קאָלנידרע, יאָמימנויראָימדיקער קאַדעש און אנד.

איין באַוס — ניטאָ קיין שטוב.

מעלאַוועמאַלקע — א שאַבעסצונאַכטיקע סודע.

שעויל-טאַכטיאָ — געהענעם.

שאַבעס-שירע — דער שאַבעס, ווען מע לייענט די סעדרע „בעשאַלאַכ“.

אַהאַוואַס האַמאָקוים — ליבע צו גאָט.

אהאוואס האבריִוים — ליבע צו מענטשנ.
אײַשעס-איש — א פרוי, וואָס האָט א מאַנ.
נאָכאָש — שלאַנג; געמיינט די ביבלישע לעגענדע וועגנ דער שלאַנג, וואָס האָט צוגערעדט כאַווענ פאַרזוכנ פונעמ בוימ פונ וויסנ, צוליב וואָס גאָט האָט פאַרטריבנ פונ גאַנײדנ אָדאָמענ מיט כאַווענ.
גאָלעס-האַשכינע — לויט דער לעגענדע, איז די שכינע (גאָטהײַט) נאָכנ כורבנ פונ בייסהאַמיקדעש אוועק אינ גאָלעס צוזאַמענ מיטנ ייִדישנ פאָלק.
שיפלעס — דערשלאָגנקײַט.
„**ראה עמידתנו**...“ — זע אונדזער צושטאַנד.
מעכאַדעש זײַנ — אופטאָנ עפּעס נײַס.
גאַלגאַלימ — הימלישע קערפּערס, מאַזאָלעס (זאָדיאַק-צייכנס).
„**יוימ לעיוימ... לײַלאָ לעלײַלאָ**“ — טאָג צו טאָג... נאַכט צו נאַכט.
זאָגנ שירע — זינגענ לויב-געזאַנגענ.
די האַסכאָלע — דער אָנהייב.
באָרור קאַשעמעש — קלאָר ווי די זונ.
שויכנ-אָפאָר — א געשטאָרבענער.
אָוואַר אַוואָטל — געוואָרנ אויס.
ווייִנענו — אונ ער איז ניטאָ.
מאַטימ זײַנ — קאָמענטירנ.
ביגזייראַס קיבוד-אָוו — קאַטעגאָריש געפאָדערט אפנ גרונט פונעמ רעליגיעזנ געבאָט אָפּצוגעבנ קאָוועד דעם פאָטער.
„**איל מאָלע ראַכמימ**“ — א טפילע נאָכ א געשטאָרבענעמ.
האַכנאָסעס-קאַלע — כאַסענע מאַכנ אנ אָרעמ מיידל אָדער א יעסוימע, וואָס האָט ניט אפ קיינ נאדנ אונ כאַסענע-הויצאָעס.
הויראָיעס — געדאַנקענ, באַטראַכטונגענ.
כוילע-נויפל — עפּילעפּסיע.
דויר האַפלאָגאָ — דאָ געמיינט: א טומל, א מישמאַש.
יאַמ-האַקעראַכ — אײַז-יאַם.
טיקנ — דאָ אינעמ זינ: א בעסערע, א העכערע מאַדריגע.
כוילעק — געמיינט: א שאַרפער קעגנער פונ כאַסידיזמ.

מעוואטל זײַן — שטערן.

פאָרן — געמיינט: פאָרן צו א כסידישן רעבן.

מעסיכטע — טראַקטאַט פון טאַלמוד.

רעב דאָווידל — א כסידישער רעבע (דער טאַלנער רעבע).

קויל בעישאָ — א פרויען-קאָל.

סוגיא — אַן אָפּהאַנדלונג אין טאַלמוד פון איינער אַוועלכער-עס-איז פראַגע.

מײַסע סאָטן — אַן אויפטו פונעם טײַוול.

אויקער זײַן — אַרויספאָרן אַפ שטענדיק פונעם ווײַנ-אָרט.

אוינעש — שטראָף.

כאָרעוו וועניכרעוו — צעשטערט און רוינירט.

אד קיקאָר לעכעם — געמיינט: דערגאַנגען ביז טרוקן ברויט.

דויד מלך ישראל חי וקים — דאָוויד, דער קיניג פון יידן, לעבט און עקזיסטירט.

בבחינת: מאן מלכי רבנן — אינעם זין: וועמען מיינט מען דאָס „מעלאָכים"? דאָס מיינט מען „ראַבאָנאָן" (די געלערנטע).

בעויסוי האָרעגע — אין דעם מאָמענט.

הירהור טשוווע — געדאַנק פון טשוווע טאָן.

אויב נישט נאָך העכער

דער נעמיראָווער — א כסידישער רעבע.

פאָסקים — פאַרשיידענע ספאָ־ים, וואָס באַהאַנדלען און שטעלן פעסט די יידישע רעליגיעזע געזעצן.

טפאָכים (מערצאָל פון טעפאַך) — די ברייט פון דער דלאָניע.

טאָכ-קעדיי-דיבער — דאָ אַפן אָרט.

כולן, נעדאָרים — נעמען פון טאַלמודישע טראַקטאַטן.

בעכאָצי כינעם — האַלב אומזיסט.

קליי-באָים — שטוב-זאַכן.

פיזמען — א מין אַרט רעליגיעזע דיכטונג.

דער נאדוונ

נאדוונ — א מענטש מיט א ברייטער האנט, א פילאנטראָפּ.

לעהאוודל ביינ האכאימ וועהאמייסימ — זאָלנ זײַנ אָפּגעשיידט די לעבעדיקע פונ די טויטע.

ראכ לייוו — א ווייכהארציקער.

מעפונעק — א געפּיעסטעטער, אנ איבערקלײַבער.

רעשוס האָראבימ — אזוינס, אפ וואָס אלע האָבנ אלציינע רעכט.

קאאלוים האבויקער — פּארטאָג, באגינען.

קאָל יאָמעהאָ — אלע אירע יאָרנ.

מייכעש — א קראנקײַט, א שלאפקײַט.

גאנצ כאָרעוו — דאָ געמיינט: גאנצ קראנק.

מוסער

קאסטרוי — טרײַבנ דורכנ סטרוי. א מיטלאלטערלעכע שטראָפ, וואָס האָט עקזיסטירט אינעמ צארישנ רוסלאנד.

איבער א שמעק טאבאק

באלדאָווער — געמיינט: דער סאָטנ, דער ניט-גוטער.

קיינ טמונאס אָס — קיינ בילד פונ קיינ אָס.

אריכעס-יאָמימ — לאנגע יאָר.

קיידע — א נייג.

הישטאכוועלע — א בוק.

קלי-קסיווע — שרײַב-געצײַג.

הבא על הערויות — דער, וואָס לעבט מיט א פרוי, מיט וועלכער עס איז אימ פארווערט (לויטנ רעליגיעזנ געזעצ) כאסענע צו האָבנ.

קעהײַ לישנע — מיט אזא לאָשנ.

אין אדם בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא — נישטאָ אפּ דער ערד קיין מענטש, וואָס זאָל טאָן גוטס און ניט זינדיקן.

„משה אמת ותורתו אמת" — מוישע איז עמעס און זײַן טוירע איז עמעס.

עיין איוב קאפּיטל א' — זע איוב, קאפּיטל איינס.

„רק את נפשו שמור" — נאָר זײַן לעבן היט אָפּ.

„לא יומתו אבות על בנים" — עס זאָלן ניט געטייט ווערן די עלטערן איבער די קינדער.

אראָיוים — לייבן.

השם ישמרנו — גאָט זאָל אונדז היטן.

מימערבאקים — פון וויַטע קאַנטן.

לעהאדאם — געמיינט: ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

כקירע-אודישע — אויספאָרשונג.

טויען — דער, וואָס מאָנט עפּעס בא עמעצן.

גאשמיעס שעבעגאשמיעס — דאָ געמיינט: זייער א פּראָסטער מענטש.

בענטוירע — א מענטש, וואָס קען לערנען.

ניטאָן — דער, בא וועמען מע מאָנט.

קוירעש — כאַבאַר.

מלתא דעבידא לגלויי — א זאַך, וואָס קאָן אופגעדעקט ווערן.

כאריפ — וואָס פאַרמאָגט א שאַרפן קאָפּ.

זאָקיין ווערגיל — אַן אלטער און דערפאַרענער.

צאוואָאס שכיוו-מערא — א צוואָע פון א געפערלעך קראנקן.

לפי דאות עיניד — אזוי ווי עס וועט דיר געפעלן.

שקיעס-האכאמע — זונ-אונטערגאַנג.

קאָל בעישאָ — דאָ געמיינט: א שיינע, קלינגעוודיק קאָל.

באריכעס — לאַנג, אויספירלעך.

בעבינעם — אומזיסט.

זה בכה וזה בכה — דער זאָגט אזוי און דער אזוי.

וועיינענו — און ווערט פארשוווּנדן.

מינהעג-יאָשנ — אנ אלטער מינהעג.
בעאלפּע — אפּ אויסווייניק.
„מה נאה אילן זה" — ווי שיינ איז דער דאָזיקער בוים. געמיינט: ניט געהאט הנאָה פונ דער נאטור, וואָס אזוינס איז בא רעליגיעזע יידנ פארבאָטנ.
שעלוי בעקאוואָנע — נישט מיט דער געהעריקער קאוואָנע.
מעשאנע זײַנ — ענדערנ.
קעהערעפ-אינ — אינ איינ אויגנבליק.
טכום-שאבעס — א באשטימטער מעהאלעכ אויסער א יישעוו, וואָס ווײַטער פונ דעמ טאָר מענ אומ שאבעס ניט גיינ (לויטנ רעליגיעזנ פארבאָט).

ארצפּגעלאָזטע אויגנ

שעמ-דאָווער — דאָ: א באַרימטהײַט.
יעש — דאָ געמיינט: אנ אָנגענומענער מענטש.
מאצע-שמורע — מאצע פונ ספּעציעל פּארגרייטנ ווייצ.
בערואכ-האקוידעש — מיטנ הייליקנ גײַסט.
אצוועס — אומעט.
בנ יי-טוירע — טוירע-קענער, לערנער.
כאָמייש — פינפ.
נעדוניע — נאדנ.
שטיי — צוויי.
ראכאש — הויצאָעס אפּ ראבאָנימ, כאזאָנימ, שאמאָסימ.
מאדריכ זײַנ — לערנענ.
ווערנד — בוימ.
אוילעמ-האדימיענ — די טרוימענ-וועלט.
מידעס-מעגונעס — ניט קיינ אָנשטענדיקע זיטנ.
ביטנ — באָטנ אָנ, לייגנ פאָר.
מיסיאעצ זײַנ זיכ — האלטנ זיכ אנ אייצע.
לא יעשה כן במקומנו — ס'פירט זיכ ניט אזוי בא אונדז.
בעשאס האדכאק שאאני — בא א נויט איז אנדערש.
עס סווויד אָשרוי — די גרייס פונ זײַנ רײַכטום.

היי מיועס — פינף הונדערט.
בעקאוואָנע — מיטן מיינ.
האגא בעאצמעכאָ — באמי זיכ אליינ.
אוימייד בעדיבורי — א וואָרטסמאנ.
בעהעטעיר — וואָס עס איז דערלויבט.
בעיסער — וואָס עס איז פאַרבאָטנ.
האָדאָיר — א פראכט.
בנויס-ציענ — געמיינט: יידישע טעכטער.
מאָצע-שאבעס — שאבעסצונאכטס.
„גאָט פונ אווראָהאָמ" — א טפילע, וואָס רעליגיעזע פרויענ זאָגנ פאַרנ אָנצינדנ פייער שאבעס אינ אָוונט.
קויעכ-האדאם — געמיינט: טעמפעראמענט.
פאַרנעמיש — צוציענדיק.
מאסיג-גוול געוועננ — דאָ געמיינט: איבערגעשלאָגנ פאַר-נאָסע.
בעשום אויפנ וועצאד — אינ קיינ פאל ניט.
ניסטאלעק — געשטאָרבנ.
לעס דינ וועלעס דיינ — דאָ געמיינט: ניטאָ צו וועמענ זיכ ווענדנ מיט א לאָדעניש.
קאפ-האקעלא — גענעמ.
בייס-האכאים — בעסאלמענ.
קיינ סאָריד-אופאָליט — געמיינט: קיינ רעשט, קיינ שפור.

דאָס גלעזל

בעריע-ניפלאָע — א ווונדערלעכער בעריע.
עד היכנ הדבירים מגיעים — ווי וויט דאָס גרייכט.
קדושנ-פינגערל — א פינגערל, וואָס ווערט אָנגעטאָנ ביים דער כופע-צערעמאָניע.
קעיעדוא — ווי באַוווסט.
יויצע-וועניכנאס — אנ אינזשענייער.

סאָריי-מאלכום — גרויסע מעלוכע-באַאמטע.

איר-האמלוכאָ — הויפּטשטאָט.

טוב שם משמן טוב — א גוטער נאָמענ איז בעסער פונ גוטנ זאלב.

אל צאד האיויסער טויוו — אפנ בעסטנ אויפנ.

מעקימי מעאַפּאָר דאָל — געמיינט: ער איז שטארק דערהויבנ געוואָרנ.

מירויי פּניי האמעלעכ — געמיינט: א מענטש, וואָס שטייט נאָענט צום קיניג.

גאלגאל כויזער באָוילאָם — געמיינט: „די וועלט איז א רעדעלע”.

זע נויפייל וועזע קאָם — דער פאלט און דער שטייט אופ.

לעומאס זע — דאָ געמיינט: דערווייל.

פּאָוויאט (פּויליש) — אויעזד.

פּאסלעס („דאלעס מאכט פּאסלעס”) — געמיינט: א קאפּצנ טויג צו גאָרנישט.

קי הייציקלוי האָראָאָוו — אז עס האָט אימ א קוועטש געטאָנ דער הונגער.

בעסייווער פּאָנים יאָפוים — מיט א גוטער מינע.

רעוויע — דורכקוק.

קיוויער — א היטל מיט פעדערנ באפּוצט, וואָס גוסארנ פלעגנ טראָגנ.

כוישעד ביקשיירים — א כשאד אפ אומשולדיקע.

בעויסוי האָרעגא — אינ דער זעלביקער מינוט.

מישטע ווע׳אָמטעוו — א סודע אונ יאָמטעוו

פּאָטער בעלוי קלום — אפּגעקומענ מיט גאָרניט.

אוילע ליגדולאָ — דערהויבנ.

דאָוואָר גאָדויל — א גרויסע זאכ.

א שטאר-כויוו — א וועקסל.

ליקשעיארוויאכ — געמיינט: אז עס וועט אימ זיינ פריי אינ געלט.

כאצאר-האמאלכום — קיניגלעכער הויפ.

קיסריי-האמאלכום — קיניגלעכע קרוינע.

שעמעצ פעגימאָ — א פיצל פלעק, א פיצל כיסאָרן.
כויסעם-האמאלכוס — מעלוכע-שטעמפל.
דיניי מאָמוינעס — ציוויל רעכט, געלט-פּראָצעסן.
דיניי נעפּאָשעס — קרימינעל רעכט, קרימינעלע פּראָצעסן.
לעהאשמיד אולעהארויג — אויסצוראָטן און דערהאר-געגען.
דעוואר מאלכוס — א רעגירונגס-באפעל.
פּסאָקים — אורטיילן.
טאבאאס האמעלעכ — דעם קיניגס רינג.
דוימע לעגימשל — ענלעך צום געגליכענעם.
לעגוי — צום באפוצן.
לעהידור האמיסע — צו באפוצן די דערציילונג.
מאָקעם-גאָדל — א גרויס אָרט.
איש מיפּי איש — פון מענטש צו מענטש; פון מויל צו מויל.

דער אייביקער פרידן אין ערגעץ-לאנד

הערט — פּאסטעכ.
רינדער — ראנדן, קאנטן.
מיסטורויש — מיט כשאד, מיט פארדאכט.
פּעצן — שטיקער, פּאסמעס.

אינהאלט

ריווקע רובינ — ארײַנפיר־וואָרט 3

אינ קעלער־שטוב

דערציילונגענ

אינ קעלער־שטוב 17
דער כעלמער מעלאמעד 22
דער מעשולעכ 28
דער מעשוגענער באטלענ 43
שאָלעמ־באיִם 59
א קלעזמער־טויט 65
א פארשטערטער שאבעס 71
א קאס פונ א יִדענע 82
דאָס שטרײַמל 91
מעקובאָלימ 107
באָנציע שווײַג 115
אינ געמויזענצ 129
כאסענע געהאט 133

דעמ רעבנס ציבעק	164
די פרומע קאצ	173
וועבער=ליבע	178
האַ!שאַ מאַראם כאנע	209
נאכעס פונ קינדער	263
מעשופע	277
א גילגל פונ א ניגנ	298
אויב נישט נאָכ העכער	321
דער נאדוונ	329
מוסער	341
איבער א שמעק טאבאק	351
אראָפּגעלאָזטע אויגנ	364
דאָס גלעזל	384
דער אייביקער פרידנ אינ ערגעצ=לאנד	397
אָנמערקונגענ אונ דערקלערונגענ — א. פ ר ו מ ק י נ . . .	409

Ицхок-Лейбуш Перец

В подвале

Рассказы

Редакторы
А. Ю. Гонтарь, Л. А. Юдкевич

Художеств. редактор *А. В. Лепятский*

Технический редактор *В. С. Гриненко*

Корректор *М. А. Иткович*

*

Сдано в набор 16/XI 1959 г.
Подписано в печать 18/XII 1959 г.
Бумага $70 \times 108^1/_{32}$ — 13,75 печ. л. = 18,8 усл. печ. л. 17,05 уч.-изд. + 1 вклейка = 17,09 л.
Тираж 30 000. Заказ № 3350.
Цена 5 р. 85 к.

Гослитиздат
Москва, Б-66, Ново-Басманная, 19

*

Московская типография № 3
«Искра революции»
Мосгорсовнархоза.